STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04043

# LENIN UN GANDI

Rene Fulop-Miller

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רענע פילעפ־מילער

# לענין און גאַנדי

אַוואַנגאַרד / וואַרשע

איבערגעזעצט פון דייטש: ר. טעפער

Printet in Poland

Renè Füloep - Müller
**Lenin i Gandhi**

Wydawnictwo Awangarda 1930.

Drukarnia „Di Welt"
Warszawa, Nowolipie 7

*

דאָס פאָרליגנדיקע בוך דאַרף געבן אַ בילד פונם לעבן און שאַפן פון די דאָזיקע צוויי מענטשן, וואָס דער מחבר האַלט, אַז אין זיי האָט דער גייסט פון היינטיקער צייט געפונען זיין ריכטיקסטן אָפּשפיגל. די געדאַנקען און אידעען, וואָס לענין און גאַנדי פּראָפּאַגירן, זייערע מעשים און ווערטער וועלן דינען פאַר די קומענדיקע דורות פאַר אַ מאָס דערפון, וואָס זענען געווען אונזערע וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן מיר אויף דעם געביט געשאַפן, און אין וואָס און אויף וויפל זענען אונזערע האָפענונגען פאַרווירקלעכט געוואָרן. די קומענדיקע מענטשן, וויבאַלד זיי וועלן וועלן פאַרשטיין די וויכטיקייט פון אונזער עפּאָכע, וועלן זיי מוזן זי מעסטן מיט די מעשים פון לענין און גאַנדי. אינם דאָזיקן ליכט וועלן אויך בולטער זיך אַרויסווייזן די אַלע טראַגישע חסרונות און פעלערס פון אונזער צייט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערגרייכן אומדערגרייכבאַרע זאַכן, צו פאַרווירקלעכן אייביקע אוטאָפּיעס.

לענין און גאַנדי — ביידע האָבן זיי, הגם יעדער אויף אַן אַנדער אופן, אונטערגענומען דעם העלדישן, אָבער גלייכצייטיק רויקאַלישן פּרוּוו פּראַקטיש צו פאַרווירקלעכן יענע טרוימען, וואָס די מענטשהייט האָט פון אייביק־אָן אויסגעטראָגן אין איר שויס. אמת — ביידע שטעקן זיי טיף אין זייער פאָלק, אַלע זייערע רעפאָרמען און איפּטוּען זענען גענוי צוגעפּאַסט צו די ספּעציעלע באַדינגונגען פון זייערע פעלקער — צו די רוסישע און אינדישע פאַרהעלטענישן, און דאָס דווקא אין אַזאַ מאָמענט, ווען דאָס לעבן פון אָט די ביידע פעלקער געפינט זיך אויפן שיידוועג. אָבער די זאַך, וואָס אָט דער רוס און אָט דער הינדוס האָבן אונטערגענומען, גייט ווייט אַרויס פון די ענגע ראַמען פון נאַציאָנאַליזם אין דער איצטיקער צייט. רוסלאַנד און אינדיע דאַרפן זיין דער באָדן פאַרן גרויסן עקספּערימענט, וואָס האָט אַן אַלוועלטלעכן באַטייט. ווען זיך דער דאָזיקער עקספּערימענט איינגעבן, אַזוי וועט ער דעם זאָמען פון זייערע לערעס פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער ערד. לענין, אַזוי ווי גאַנדי, זענען געווען אַדורכגענומען מיט דערהויבענעם, באַגייסטערטן גלויבן אין דער שליחות פון זייערע פעלקער, וואָס דאַרף אויסלייזן די גאַנצע מענטשהייט.

דערום שטעקט אַזאַ אומגעהייערער כוח אין די רייד פון די דאָזיקע צוויי מענער. דערום באַקומען מיר דעם איינדרוק, אַז מען וויל זייער לערע דערהייבן צו דער הויך פון אַ נייער רעליגיע. אויף דער שוועל צוואַנציקסטער יאָרהונדערט שטייען לענין און גאַנדי, ווי צוויי נביאים. וועלן זיי געהערט ווערן, אַזוי וועט זיך פון זיי אָנהייבן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אַ נייע עפּאָכע. ביידע ווילן באַגליקן די מענטשהייט, הגם יעדער אויף זיין באַזונדערן שטייגער. יעדער פון זיי, מיט דער טיפסטער אמונה אין זיין אמת, ווייזט דער וועלט אַ וועג אין אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען: לענין האָט געהאַלטן, אַז דאָס איינציקע מיטל, וואָס קאָן ברענגען אויף דער וועלט אידעאַלע אָרדענונג און וווילשטאַנד, אין

פיזישער געוואַלט, אמת—נאָר אויף דערווייל. גאַנדי גייט צום זעלביקן ציל מיט פולשטענדיקן אָפּזאָגן זיך פון יעטוועדן כּוח און געוואַלט. לענין האָט געוואָלט באַפרייען די מענטשהייט מיט דעם, וואָס ער וועט זי פולשטענדיק מעכאַניזירן, גאַנדי — מיט דער פולקומענער אויסשליסונג פון מאַשין. לענין האָט געזען אין דער טעכניק די רפואה אויף אַל'דאָס שלעכטס, און גאַנדי האַלט זי פאַר אַן אָנשיקעניש פונם שטן.

אָבער נישט געקוקט אויף אָט די — אין פלוג — סתירות, איז ניכּר אויף יעדן טריט אַ טיפע קרובהשאַפט און אַ גייסטיקער געמיינזאַמער אָפּשטאַם פון אָט די ביידע מענער. דאָסדאָזיקע טרעט בולטער אַרויס זייער אָפט אַזוי אויפן פאָן פון זייערע סתירות, ווי אויפן פאָן פון זייער ענלעך לעבן. ווייל סיי לענין, סיי גאַנדי — ביידע שטאַמען זיי פון שבט פון די גרויסע בונטאַרן. דאָס, וואָס פאַראייניקט זיי נישט נאָר אין דעם, וואָס זיי זענען צו זיך ענלעך, נייערט אויך אין דעם, וואָס זיי אונטערשיידן זיך — דאָס איז יענע גרויסע איבערלעבעניש, וואָס האָט זיי ביידן טיף אויפגעטרייסלט; ביידע געהערן זיי צו דער עפּאָכע, וואָס אירע וויכטיקסטע יסודות זענען אונטערגעמינירט, ווען נויט און הונגער האָט שוין נישט אַרויסגערופן אין דער מענטשלעכער נשמה בלויז פּאַסיוון רחמנות — נאָר אמתדיקן, אויפריכטיקן מיטלייד, פערזענלעכע אחריות פאַר דאָס שלעכטס, בונט קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג און מלוכהסדר. און דווקא אָט די פערזענלעכע אחריות פאַר די ליידן פון אַלע אונטערגעדריקטע גיט־צו אַזאַ מעכטיקן כּוח די ווערטער פון די ביידע פירער. דערום זענען זיי אַזוי אויסגעהאַלטן אין זייערע טאַטן. דערום האָבן זיי אַזאַ ריזיקן איינפלוס אויף די מאַסן.

לענין האָט זיך אַליין געטיילט מיט די אונטערגעדריקטע, מיט זייערע זאָרג און צרות, לייד און תּפיסה. און טאַקע אויפן יסוד פון אָט די עוולות האָט ער אויסגעפורעמט זיין טעאָריע, פון דעם ברויזנדיקן צאָרן האָט ער געשעפּט זיין כּוח. דער דיקטאַטאָר לענין איז אַרויס פון פאָלק־בונט, פון דעם טייל פאָלק, וואָס האָט נישט קיין רעכט. מיטן מאָמענט, וואָס ער איז אין נאָמען פון אָט די מאַסן אַרויף אויפן קרעמל און איבערגענומען די מאַכט אין לאַנד — מיטן דאָזיקן מאָמענט איז ווירקלעך די מאַכט אַריבער אין די הענט פון די באַעוולעטע און דערנידעריקטע, וואָס האָבן ביז דעמאָלט געמוזט שווייגן. פון זייערע גרויזאַמע באַשולדיקונגען איז געשאַפן געוואָרן די נייע מלוכה־אידעע. זייער מאַכטגעפיל האָט געשאַפן אַ נייעם, רעפּרעסיוון רעגיראַפּאַראַט. זייערע אינסטינקטן האָבן דעצידירט ביים שאַפן אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן שטייגער.

דער זעלבער היסטאָרישער נס איז געשען אין אינדיע — צוגעפּאַסט, פאַרשטייט זיך, צו דער לחלוטין אַנדערער קולטור און כאַראַקטער פונם דאָזיקן פאָלק. גאַנדי האָט אויך געטיילט מיט די אונטערגעדריקטע זייערע ליידן — ער האָט איבערגעטראָגן שווערע עוולות און תּפיסה. יעדער נצחון זיינער איז געווען גלייכצייטיק דער נצחון פון מיליאָנען אונטערגעדריקטע הינדוסן. צוזאַמען מיט זיין וואַקסן זענען זיי אויך געוואַקסן. אַז די הינדוסן האָבן פּראָקלאַמירט דעם מאַהאַטמאַ פאַר זייער דיקטאַטאָר — איז פון יענעם מאָמענט אָן דער הינדוס אַרויסגעטרעטן לגבי זיינע באַדריקער, ווי אַ באַשולדיקער, דער אונטערגעדריקטער פּאַריער האָט זיך אויסגעגליכן מיט די שטאָלצע בראַמאַנער. צום ערשטן מאָל איז דער בונט פון נידעריקן פאָלק אין רוסלאַנד און אין אינדיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנקרעטן פאַרקערפּערטן כּוח, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטע מאַכט. די פּנימער זייערע — לענינס און גאַנדיס — זענען די פּנימער פון יענער נאָמענלאָזער, אַנאָנימער גרויער פאָלקמאַסע, וואָס קיינער האָט זיך אויף איר ביז אַהער נישט אומגעקוקט. אָט די שטרענגע, פאַרענדיקטע פּנים־שטריכן וועלן אויסקריצן אויף אייביק זייער שפּור אין דער געשיכטע.

סיי די רוסישע, סיי די אינדישע נייע תּורה, טראָץ זייער פאַרשידנקייט, זענען

אַדורכגענומען מ'ט איין גייסט. דאָס איז אַ באַשולדיק־אַקט קעגן דער אייראָפּעישער קולטור. די באַשולדיקונג טראָגן אַריין צוויי מענטשן, וואָס אַלע זענען מיר זיכער אַזוי אין זייערע מאָראַלישע רעכט דערצו, אַזוי אויך אין זייערע ריינע מאָטיוון.

מיר קאָנען דעריבער נישט אַריבערגיין איבער זייערע ווערטער צום סדר־היום און זיי נישט ווידמען אונזער אויפמערקזאַמקייט.

פונדעסטוועגן דאַרפן מיר זייערע באַשולדיקונגען נישט אָננעמען פאַר אַן אורטייל קעגן אייראָפּע. ווי אין יעדער באַשולדיקונג, אַזוי געפינט זיך אויך אין דער נאָר אַ טייל אמת. מעגלעך, אַז נישט אין איין הינזיכט שטייען מיר נידעריקער פון אַזיע, וואָס איר גייסט ווייט אַזוי פונם רום לענין, ווי פון הינדוס גאַנדי. פאַראַן אָבער איין גרויסער אמת, וואָס אייראָפּע האָט אויסגעקעמפט — דער באַשולדיקער טאָר קיינמאָל נישט זיין ריכטער.

וועט דעריבער אייראָפּע אויסהערן די דאָזיקע צוויי באַשולדיקער. פאַר איר רעכטפאַרטיקונג וועט זי באַווייזן איר רייכע, פאַרשידנאַרטיקע קולטור. האָט דאָך שוין דער מערב נישט איינמאָל אויסגענוצט יעדן גרויסן געדאַנק פון מזרח.

אין זיין פּרוּוו צו שאַפן אַן אָביעקטיוון און ריכטיקן לענין־בילד און כאַראַקטער, האָט דער מחבר געהאַט זייער אַ באַגרענעצטן מאַטעריאַל. אין דעם רוב ווערק וועגן אים, ווערט דער דאָזיקער רוסישער דיקטאַטאָר פאַלש פאָרגעשטעלט — אַמאָל אין קריטיקלאָזער פאַרגעטערונג, אַמאָל אין פאַרטייאישן האַס. אַ חוץ דעם קוועלנמאַטעריאַל, וואָס ווערט אויסגערעכנט סוף בוך, האָט זיך דער מחבר געשטיצט אויף זיינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן און דערפאַרונגען אין ראַטנ־רוסלאַנד, אויף צענויפגעקליבענע דאָרט דאָקומענטן, אויף שמועסן מיט מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו לענינען פון זיין פריסטער יוגנט, פון אַזעלכע, וואָס האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט אָדער אים פּאָליטיש באַקעמפט.

ביים שרייבן וועגן גאַנדין האָט דער מחבר געהאַט קודם־כל צו זיין רשות די אינדישע אויסגאַב זיינע כתבים, רעדעס און בריוו, די יאָרגענג פון Young India, Current Thougt (געזעלשאַפטלעכער געדאַנק) און לסוף — די ווערק און פּאַמפלעטן פון זיינע אינדישע קעגנער: אַ סך וויכטיק מאַטעריאַל האָב איך אויך געפונען אין דער זאַמלונג בריוו גאַנדיס, אַרויסגעגעבן און מייסטערהאַפט אויסגעטייטשט אין דייטש דורך עמיל ראָניגער.

איך האָב אויך, פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט ראָמען ראָלאַנס באַקאַנטע מאָנאָגראַפיע, אַזוי אויך אַנדערע אויסגאַבעס וועגן גאַנדין, בפרט האַנס פּראַגערס טיפע שטודיע וועגן אינדישן אַפּאָסטאָלאַט. זוכנדיק אַ שייכות צווישן גאַנדיזם און בודאַיזם האָב איך אַ סך מאָל זיך באַנוצט מיט דער מיטעלער און גרעסערער זאַמלונג בודאַס רעדעס, אין ק. אַ. ניימאַנס קלאַסישער איבערזעצונג.

ביים דאָזיקן בוך איז מיר אויך בייהילפיק געווען ה׳ פּערסי עקשטיין, פאַר וואָס איך דאַנק אים דאָ ספּעציעל. באַזונדער דאַנק איך די ה״ה ראָמען ראָלאַן, בערנאַרד שאָו, עפּטאָן סינקלער, דיליפּ קעמאַר ראָי, פּראָפ. טש. פ. ענדריוס, סער נ. האַנדאַרהאַרקאַר און פּראָפ. ט. ל. וואַשאַני, וואָס האָבן גערן ברייוולעך פאָרגעשטעלט פאַרן מחבר זייערע מיינונגען.

ביים זאַמלען דאָס אילוסטראַציע־מאַטעריאַל פון אינדיע זענען דעם מחבר באַלוינלאָז געווען בייהילפיק: פרוי ענעד גולדען באַך אין לאָנדאָן, די פאַרלאַגן געשעע אין מאַדראַס, בהאַי און שוקלאַ אין קאַלקוטאַ, אַזוי אויך פאַרלאַג ראָטאַפּעל אין ציריך, וואָס פאַרשפּרייט אויך גאַנדיס לערע. זיי אַלעמען דריק איך אויס מיין האַרציקסטן דאַנק.

ווין, מערץ 1927

**רענע פילעפ־מילער**

## לענין צו גאָרקין

„... איך קען נישט קיין שענערע זאַך, ווי די אַפּאַסיאָ־נאַטאַ. כ׳וואָלט גרייט געווען זי צו הערן יעדן טאָג. ס׳איז אַ ווונדערלעכע איבערערדישע מוזיק. וויפל מאָל איך הער אָט די טענער, טראַכט איך מיט שטאָלצקייט און אפשר מיט קינדערשער נאַיווקייט. אַז די מענטשן זענען פאָרט פעיק צו באַשאַפן אמת־ווונדערלעכע ווערק. אָבער צו אָפט קאָן איך נישט הערן קיין מוזיק — זי ווירקט צו שטאַרק אויף מיינע נערוון. כ׳וואָלט דעמאָלט גרייט געווען צו רעדן פּוסטע שטותים און גלעטן די קעפ יענע מענטשן, וואָס קענען שאַפן אַזוינע פּראַכט־פולע זאַכן אין אָט דעם העסלעכן גיהנם. און היינט איז נישט קיין צייט צו גלעטן מענטשן די קעפ. היינט פאַלן די הענט שווער, כדי צו ש פ אַ ל ט ן שאַרבנס, שפּאַלטן זיי אומברחמנותדיק — כאָטש אונזער העכסטער אידעאַל איז דווקא קאַמף מיט יעדער געוואַלט. ס׳איז אַ פיינלעך־שווערע אויפגאַבע...“

דאָס איז געווען אין 1889 יאָר. אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט צו-
העלפן די געליטענע פון דער הונגערנויט אין סאַמאַראַ איז געקומען אַ
יונגער אויסגעשלאָסענער סטודענט. אַלע מיטגלידער פונם קאָמיטעט האָבן
הייס דיסקוטירט וועגן דעם, וואָסערע מיטלען מען דאַרף אָננעמען, כדי צו-
לינדערן די הונגער-קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך וואָסאַמאָל מער פאַר-
שפרייט. מיטאַמאָל איז אָט דער אומבאַקאַנטער סטודענט אויפגעשטאַנען און
צו אַלעמענס פאַרוווּנדערונג און איבערראַשונג געזאָגט, אַז ס'איז אַ פאַר-
ברעכן צו וועלן ראַטעווען די הונגעריקע — יעדע פאַראָרדענונג, וואָס האָט
פאַר אַ ציל אָפצולענקען די הונגערנויט, איז גלייך ווי אַ דירעקטע אונטער-
שטיצונג דער צאַרישער רעגירונג. מען דאַרף מיט צופרידנקייט באַ-
גריסן, וואָס די הונגער-קאַטאַסטראָפע פאַרשפרייט זיך, ווייל דאָס פאַרשאַפט
שוועריקייטן דער צאַרישער מאַכט און ס'קאָן נאָך אפשר ברענגען, אַז דער-
דאָזיקער רעגירונגס-סדר זאָל פאַלן. נאָר אין אים ליגט רוסלאַנדס אמתדיק
אומגליק און נאָר דאָס פאַרטיליקן אָט דעם אומגליק קאָן אויף להבא
פאַרהיטן אויף אייביק פון אַלערליי הונגער-קאַטאַסטראָפעס.

אָט די דערקלערונג פונם נייַנצניאָריקן לענין באַרגט שוין אין זיך
אַלע כאַראַקטעריסטישע סימנים פון זיין שפעטערדיקער תורה. משך דריי-
צענדליק יאָר שפעטער האָט ער מיט דער פולסטער אָנשטרענגונג פון זיין
פיזישער און גייסטיקער ענערגיע געאַרבעט, כדי אומצווואַרפן די עקזיס-
טירנדיקע אָרדענונג. ער איז געווען פאַרבלענדט נאָר פון איין געדאַנק.
ס'איז אים אינגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען, וואָסער איינדרוק ס'רופן אַרויס זיי-
נע מיינונגען און אָנשויונגען.

איינער פון די אָנצאָליקע פּאָליטישע פאַרשווערער פון יענער צייט,
אין פעטערבורג, צי אין סיביר, ווו מ'האָט אים פאַרשיקט, צי אין זיין
אָרעם בוידעם-שטיבל אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד צי אין
דער שווייץ — אין ביבליאָטעקן, צי אין קליינע פאַררייכערטע טייהייזער —
אומעטום האָט לענין אומאויפהערלעך געאַרבעט איבער זיין פּלאַן פון רי-
זיקן אָנגריף, וואָס דאַרף אומוואַרפן דעם מעכטיקן געביי פון די צאַרישע
רעגירונגען. יאָרן, צענדליקער יאָרן זענען אַוועק אויף לאַנגע, מעת-לעת-
דיקע דיסקוסיעס איבער קליינע, אָפטמאָל מינדערווערטיקע פונקטן פון פאַר-

טייפּראָגראַם — איבער דעם, וואָסער טאַקטיק מען דאַרף אָנווענדן אין באַליביקן מאָמענט. משך די דרייסיק יאָר האָט זיך לענין דערווייטערט וואָסאַמאָל מערער פון זיינע אַלטע פּאַרטייחברים, אָפּגעשטויסן פון זיך איינעם נאָכן אַנדערן. ביז ס'איז געקומען דערצו, אַז ס'זענען ביי אים געבליבן סך-הכּל דריי צי פיר מענטשן.

און אָט דער פּאָליטישער עמיגראַנט, וואָס לעבט פולשטענדיק אָפּגעזונדערט אין דער פרעמד, ווערט פּלוצלינג, משך איין טאָג דער אַלמעכטיקער הערשער איבער הונדערט-פופציק מיליאָן מענטשן — אויף אַן אופן, וואָס איז פאַר אַ סך מענטשן אַ פולשטענדיק רעטעניש. אין שטורעם פון דער אימפּעריאַליסטישער וועלטמלחמה האָט ער געוואָרפן דעם פלאַם פון אַ נייער סאָציאַלער אידעע. גאַנץ אייראָפּען האָט ער געדראָאַט מיט גרויזאַמען אויפשטאַנד. ווי אַ גלייכער מיט גלייכע האָט ער פאַרהאַנדלט מיט די חשובסטע מלוכה-מענער, אויסגעפּרעסט ביי זיי די אָנערקענונג פון דער נייער מלוכה-אָרדענונג, וואָס ער האָט באַשאַפן.

דערדאָזיקער „קליינער טעאָרעטיקער פון רעוואָלוציע“, וואָס אפילו די אייגענע פּאַרטייחברים האָבן אים אויסגעלאַכט, דער, וואָס האָט די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פאַרברענגט אין קאַוועהייזער פון גענף, פּאַריז און לאָנדאָן אויף — אין פלוג — פרוכטלאָזע דיסקוסיעס — לענין האָט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקט פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי אַ געבוירענער געניאַלער מלוכה-מאַן. ער האָט פאַרמאָגט די קונסט ביסלעכווייז אויסצוקעמפן אפילו ביי זיינע שונאים פּאָליטישע און פערזענלעכע אָנערקענונג פאַר זיך. איינער פון די טיפסטע און בעסטע הייטנצייטיקע דענקער, בערטראַנד ראָסעל (וואָס אים קאָן מען דאָך אוודאי נישט חושד זיין אין איבערגעטריבענער און אומבאַרעכטיקטער ליבשאַפט) האָט געזען דעם דיקטאַטאָר לענין ביי דער אַרבעט און אָנגעשריבן וועגן אים, אַז די קומענדיקע דורות וועלן אונזער הייטיקע צייט באַצייכענען, ווי די עפּאָכע פון לענינען.

אָן שום ספק — די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש איז נישט געקומען פון דער העלער הויט. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ מעכטיקן היסטאָרישן פּראָצעס. אָבער צווישן דעם, וואָס האָט פאַר לענינען געברויזט אין פאָלק אַזוי שטאַרק, אַז מ'האָט עס נאָר געדאַרפט פאָרמולירן מיט ווערטער און טאַט, און ס'זאָל ווערן לעבעדיקע ווירקלעכקייט, און צווישן דעם, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון לענינס ווערטער און מעשים, — צווישן דעם ליגט דער גרויסער סוד — דער כּישוף פון וואָרט און טאַט פון איין מענטש, דאָס געהיימניש פון זיין גרויסער פערזענלעכקייט.

אין דער געשיכטע פון דער וועלט איז שווער צו געפינען נאָך אַזאַ ענלעכן פאַל, וואָס עס באַטייט איין געניאַלער מענטש, — אַ מענטש, וואָס קיינער קאָן אים נישט פאַרטרעטן — ווי דווקא אין אָט דער גרויסער היסטאָרישער טאַט לענינס — דעם מענטש, וואָס האָט באַשאַפן די מלוכה פון נאָמענלאָזן, אַנאָנימען פאָלק. נאָך קיינמאָל זענען ווערטער נישט גע-

ווען אַזוי פאַרבונדן מיט דעם, וואָס האָט זיי אַרויסגערעדט, די טעאָריע מיט דעם, וואָס האָט זי געפּריידיקט, די טאַט — מיט איר אויספירער, די באַוועגונג פון פאָלק מיטן ביישפיל פון זייער פירער. קיין שום זאַך האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן, אַלץ האָט אין אים געשטעקט פעסט און זיכער, גלייך ווי אין עפּעס אַן אייגענעם קאָסמאָס. דער גאַנצער באָלשעוויזם — דאָס איז לענינס ווערק, נאָר אַ דאַנק אים האָט מען אים געקאָנט פאַרשטיין, נאָר אַ דאַנק אים איז ער מעגלעך געוואָרן. טראָצקי האָט דאָס קלאָר פאָרמולירט. ער האָט אַדורכגעפירט פאָלגנדקע אַנאַלאָגיע צווישן לענינען מיט מאַרקסן: „גאַנץ מאַרקס געפינט זיך אין זיין קאָמוניסטישן מאַניפעסט, אין זיין פאָרוואָרט צום קאַפּיטאַל. ווען ער וואָלט אַפילו נישט געווען דער שעפער פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָלט ער דאָך געבליבן אויף אייביק דערזעלבער, ווי מיר קענען אים. אָבער לענין געפינט זיך אינגאַנצן אין רעוואָלוציאָנערער טאַט. אַלע זיינע טעאָרעטישע אַרבעטן זענען נאָר אַן אַריינפיר, אַ צוגרייטונג צו דער טאַט. ווען ער וואָלט אַפילו ביזן היינטיקן טאָג נישט אָנגעשריבן קיין איין בוך, — וואָלט ער אויך אַריין אין דער געשיכטע, אַזוי ווי ער איז שוין היינט אַריין, אַלס פירער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אַלס שעפער פון III אינטערנאַציאָנאַל”.

דידאָזיקע ענגע שייכות פונם שעפער מיט זיין ווערק ווייזט זיך אַרויס נישט נאָר אין לענינס יעדן וואָרט און טאַט, נאָר אויך אין אַלע פּאַסירונגען און געשעענישן פונם באָלשעוויזם גופא.

אַז לענין פלעגט רעדן, פלעגט מען הערן די זעלביקע ווערטער, וואָס נישט איינער האָט שוין אָפט גערעדט, אָדער לכל-הפּחות וועגן זיי געטראַכט. מען האָט געהערט גאַנץ נישט-אָריגינעלע געדאַנקען, אויסדריקן, אָפט אַלטע, אויסגעדראָשענע, אפילו באַנאַלע — ווען אַן אַנדערער וואָלט עס אַרויסגעזאָגט. אָבער לענין האָט פאַרמאָגט די ווונדערלעכע גאָב אַריינצובלאָזן אין יעדן וואָרט, אין יעדן זשעסט אַזויפיל אומגעזעענעם כוח, צוגעבן זיי אַזאַ אומגעוויינלעכע באַדייטונג, אַז יעדע רעדע זיינע איז געוואָרן אַ גרויס היסטאָריש געשעעניש, וואָס איז געבליבן אויף אייביק אינם זכרון פון צוהערער.

דערזעלבער ווונדערלעכער צויבער ווייט אויך פון זיינע שריפטן. וואָלט עמעצער געפּרוווט עס לייענען און נישט געוווסט, ווער עס האָט זיי געשריבן, וואָלט ער עס זיכער באַצייכנט פאַר גאַנץ מיטלווערטיקע זאַכן, נישט איבעריק קאָנסעקווענט, אָפּטמאָל אפילו גאַנץ באַנאַל און איינזייטיק. אָבער די געשטאַלט פונם מחבר, וואָס קוקט אַרויס פונם געדרוקטן וואָרט, וואַרפט אויפן לעזער אַ ווונדערבאַרן כישוף. דעמאָלט מוז מען זיך אָפּזאָגן פון ניכטערער אָפּשאַצונג און מען מוז זיין באַגייסטערט. אַלץ, וואָס דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, האָט הינטער זיך דעם אויטאָריטעט פון אָט דעם מענטשן. שוין דער בלויזער פאַקט, וואָס געוויסע זאַכן — אָפּטמאָל נישט איבעריק טיפע און אָריגינעלע — ברענגען אַזעלכע מעכטיקע רעזולטאַטן — שוין

דאָס אַליין זאָגט בולט עדות אויף דעם איבערנאַטירלעכן כּוח, װאָס מען בינדט צוזאַמען מיט לעניִנס נאָמען.

איינער פון לעניִנס פאַרביסנסטע שונאים, דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַט מ. א. לאַנדוי-אַלדאַנאָוו, דערציילט פאָלגנדיקן פאַקט: איינמאָל איז צום דיקטאַטאָר, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט די וויכטיקסטע מלוכישע ענינים, געקומען עפּעס אַן אײַנגאַנצן אומבאַקאַנטער אַרבעטער און געוואָלט איבערגעבן עפּעס אַ ידיעה — אגב, נישט זייער קיין וויכטיקע. „כ׳האָב באַגעגנט דעם אַרבעטער אין דער רגע, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען פון לעניִנען. מ׳האָט אים קוים געקאָנט דערקענען. פון נאַטור אַ געזעצטער, אַ רויקער, איז ער איצט געווען באַזונדער אויפגערעגט, גערעדט ווי אין עקסטאַז: „אָט דאָס איז אַ מענטש, — האָט ער כּסדר איבערגעחזרט, — פאַר אים וואָלט איך גערן אַוועקגעגעבן מיין לעבן... איצט הייבט זיך פאַר מיר אָן אַ ניי לעבן!... אָך, ווען מיר וואָלטן פריער געהאַט אַזאַ צאַר, ווי ער!... „אָבער וואָס האָט ער דיר אייגנטלעך געזאָגט?" — האָב איך אים געפרעגט. יענער האָט מיר געענטפערט: „אַלץ געהער צו אייך, — האָט אים לעניִן געזאָגט — אַלץ. נעמט זיך אַלץ! די וועלט געהערט צום אַרבעטערקלאַס. אָבער איר זאָלט קיינעם נישט געטרויען, אַ חוץ אונז... די אַרבעטער האָבן נישט קיין אַנדערע פריינד. נאָר מיר זענען די אמתע פריינד פון די אַרבעטער"... אָט די באַנאַלע, דעמאַגאָגישע פראַזן, אָט די שיינע האָפענונגען האָט שוין אָט דער אַלטער אַרבעטער געהערט הינדערטער מאָל. פון וואַנען האָט זיך גענומען זיין פאַנאַטישער עקסטאַז? צי האָט אים לעניִן אָנגעשטעקט מיט זיין אייגענעם פאַנאַטישן גלויבן? צי האָט דאָ געווירקט די מאַגנעטישע השפּעה פון אַ געניאַלער פּערזענלעכקייט?"

טויזנטער מענטשן האָבן לעניִנען פיינד געהאַט, געהאַסט, געהאַלטן אים פאַרן אַנטיכריסט. טויזנטער האָבן אים פאַרגעטערט, ווי דעם מלאך-המושיע פון רוסישן לאַנד. אָבער אַלע — אַזוי די אָנהענגער, ווי די שונאים — האָבן אים געהאַלטן פאַר עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער דערשייַנונג, וואָס טרעט אַרויס איין מאָל אין עטלעכע יאָרהונדערטער. ליבע און שינאה פונם רוסישן פויער האָבן פאַרוואַנדלט לעניִנען אין עפּעס אַ מיסטישן וועזן. די באַקאַנטע רוסישע שרייבערין סייפולינאַ דערציילט, אַז נאָך ביים לעבן האָבן זיך אין די פאַרוואָרפנסטע ישובים פון רוסישן כּרך געשאַפן וועגן אים לעגענדעס, ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וועזן פון אַן אַנדערער, העכערער וועלט. מיט גרויס טאַלאַנט שילדערט סייפולינאַ דעם איינדרוק פון לעניִנס געשטאַלט אויף די רוסישע פויערן: „כ׳האָב באַגעגנט סטאַראָוויערן און סעקטאַנטן, וואָס האָבן, ווי אין עקסטאַז, תּפילה געטון אויפן קול, רעציטירט פון זכּרון גאַנצע בלעטער פון ביבל: זיי האָבן בגמטריא אויסגערעכנט אויף לעניִנען די אַפּאָקאַליפּטישע ציפער פונם אַנטיכריסט. איינער פון די סעקטאַנטן, אַ רימער, האָט געהאַלטן אין אַ געוויסער קרייז-שטאָט אַ דרשה וועגן לעניִנען, פּאַטעטיש זשעסטיקולירט און נאָך גע-

ברענגט ראיות פון דער ביבל. לענין, האָט ער אויסגעפירט, גייט אין די דרכים פון דער ביבל, מחמת ער נעמט צו ביי די רייכע לייט זייערע פעטע פעלדער: „ווי צו די — האָט ער געשריגן — וואָס רויבן זיך צו איין הויז נאָכן אַנדערן, איין פעלד נאָך אַנדערן, גלייך זיי וואָלטן אַליין געלעבט אויף דער וועלט, און פאַר אַנדערע לאָזן זיי גאָרנישט"... לענין איז ביי אָט דעם סעקטאַנט אויסגעקומען ווי דער אַנזאָגער פון גערעכטיקן, הייליקן צאָרן, וואָס ישעיהו הנביא האָט פאָרויסגעזאָגט. און אין אַ געוויסן ישוב פון סטאַראָווערן איז געווען איינער אַ געלער פויער, לענינס אַ פאַרברענטער אָנהענגער, אַ מוראדיקער פאַנאַטיקער. ער האָט זיך פאַרשריבן אין דער פאַרטיי, אָנגעטון אַ ביקס אויפן אַקסל. אויף יעדער פאַרזאַמלונג האָט ער ביי זיך געפּאָכעט מיט דער ביקס און אויסגעוואָיעט ציטאַטן פון ביבל און אויפגעוויזן די ריכטיקייט פון לענינס יעדן פּאָליטישן טאָט... די מעשיות וועגן לענינען, וואָס גייען אַרום איבער רוסלאַנד זענען אַ סימן — אָדער פון אויסערגעוויינטלעכער ליבשאַפט, אָדער פון אויסערגעוויינטלעכער שינאה. אָבער אין יעדער מעשה איז דאָ אַ וווּנדערלעכע לעבעדיקע ליידנשאַפט. קיינער האָט נישט געקאָנט רעדן וועגן לענינען רויק. דאָס ערדלאָזע פּויערטום, די פאַראָבקעס, די גאַנצע מאַסע אָרעמער פעבל האָבן באַצירט לענינס געשטאַלט מיט אָנצאָליקע לעגענדן".

דער סוד פון לענינס דערפאָלג, דאָס אויפקלערן דעם פאַקט, וואָס ער האָט געקאָנט, שטיצנדיק זיך אויף עטלעכע הונדערט טויזנט אָנהענגער, געוועלטיקן איבער הונדערט פופציק מיליאָן מענטשן — דאָס ליגט מסתמא אין זיין פערזענלעכן איינפלוס, וואָס האָט אָנגעשטעקט יעדן מענטשן, מיט וועלכן ער איז געקומען אין באַרירונג, — אפילו די ווייטסטע הייזלעך פון די פאַרוואָרפנסטע דערפלעך. אוודאי איז פאַראַן אין רוסלאַנד אַ באַוואָפנטער כּוח, געהיים-פּאָליציי, מיליטער און רעפּרעסיעס. וואָס האָט, אָבער, מיט אָט דעם גאַנצן מעכטיקן אַפּאַראַט אָנגעפירט? דער כּוח פון לענינס נאָמען, דער צויבער פון זיין אויטאָריטעט.

נאָך קיינמאָל איז דער נאָמען פונם שעפער, וואָס מען גיט דער שאַפונג, נישט געווען אַזוי ריכטיק, ווי אינם דאָזיקן פאַל. „לענינִיזם" — דאָס איז דער סינאָנים פון באָלשעוויזם — און אין דעמדאָזיקן נאָמען געפינט זיך טאַקע דער גאַנצער אינהאַלט און דאָס וועזן פונם באָלשעוויזם. דער באָלשעוויזם סיי אין זיין אינהאַלט, סיי אין זיינע פּרינציפּן איז לענינס שאַפונג. זיין ריזיקער איינפלוס איז סיסטעמאַטיש געוואָקסן ביז צו אַ היסטאָרישער געשעעניש, צו אַ געוואַלטזאַמער איבערקערעניש אינם באָלשעוויזם גופא.

אָבער אָט האָט דאָך לענין אַליין אָפּגעלייקנט בכּלל די עקזיסטענץ און דעם באַטייט פון איין מענטש! האָבן זיינע פאַרערער דאַן געמוזט זיינע פערזענלעכע מעלות און אייגנשאַפטן דערקלערן, ווי אַ פּראָדוקט פון היסטאָרישער און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. דערפאַר האָבן זיי געמוזט, ווי דאָס האָט, למשל, געטון דער באָלשעוויסטישער היסטאָריקער מ. פּאָקראָווסקי —

באַצייכענען לענינען, ווי אַ „ווונדערלעכן אַפּאַראַט". אַ געוויסער באָלשע-היסטישער פּאָעט האָט אַפילו לענינען באַצייכנט, ווי אַ „שרויף פון העכע-רער מדרגה" אין אַ קאָלעקטיווער מאַשין. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן זיי געמוזט מודה זיין, אַז אַזאַ מענטש, ווי לענין, געהער צו די אויסנאַמען און אַז ער חזרט זיך נישט איבער אין דער געשיכטע.

ווען זינאָוויעוו האָט זיך גענומען שרייבן די געשיכטע פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט ער אַליין געמוזט אָנערקענען דעם אמתדיקן ווערט פון דער ראָל, וואָס דער פירער האָט געשפּילט אויפן פּאָן פון דער געשיכטע. אָט וואָס זינאָוויעוו שרייבט, צווישן אַנדערן, וועגן דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע און וועגן דער ראָל פון דער פּאַרטיי: „דאָס איז ניין-צענטל געווען לענינס אַרבעט, אויף וויפל מען קאָן בכלל רעדן אין דער עפּאָכע פון רעוואָלוציע וועגן אַ יחיד. אויב ס'איז געווען עמעצער, וואָס האָט איבערצייגט די סקעפּטיקער, האָט געניי.ג די וואַקלענדיקע צו אָנטשליסן זיך און פירן זיי צום קאַמף — איז דאָס געווען נאָר איין לענין".

גלייך נאָך דעם אַטענטאַט אויף לענינען (די ס. ר. דאָראַ קאַפּלאַן) האָט זיך טראָצקי אויסגעדריקט: „גיבן מיר אויף אַ ווייל אַ טראַכט, אַז לענין קאָן שטאַרבן, אַזוי קומט אונז אויס אונזער אַלעמענס לעבן איבגאַנצן זינלאָז... מיר פּאַרלירן בוכשטעבלעך דעם חשק צום לעבן". צי דאַרף מען נאָך אַ מער אומבאַגרענעצטע און דערהויבענע אָפּשאַצונג פון אַ מענטשן, אַ טיפערער יראת-הכבוד פאַר אַ געניאַלן יחיד? צי זאָגט דען דאָס נישט, אַז יענע „רעוואָלוציאָנערע טאַט" איז געווען באמת ניין-צענטל לענינס אויפטו? צי ווייזט עס נישט אָן, אַז אַל'דאָס אַנדערע, די גאַנצע וועלט האָט טראָצקי אַרויסגעוואָרפן פון מוח, כדי דאָרט אַוועקצושטעלן בולט דאָס בילד פונם גרויסן פירער? און זאָלן די סאָוויעטישע היסטאָריקער פּרובירן איינזייטיק צופּאַסן לענינען צו זייערע מאַטעריאַליסטישע דאָגמעס — זיי וועלן אָבער קיינמאָל נישט קאָנען אויפקלערן, מיט וואָס האָט זיך אָט דער מענטש אונטערגעשיידט פון אַנדערע, מיט וואָס איז ער געווען „גרעסער" און „אַנדערש" פון אַלע איבעריקע צוויימאָל הונדערט טויזנט קאָמוניסטן, — גרעסער פון אַלע מענטשן פון זיין דור. אָבער די ווירקלעכקייט אַליין זאָגט, ווי ס'האָבן זיך צו לענינען באַצויגן דיזעלביקע באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אין לענינען געוואָלט זען עפּעס אַ „מאַשין" צי אַ „שרויף". דער בעסטער ביישפּיל איז דער כבוד, מיט וועלכן מ'האָט לענינען אַרומגערינגלט נאָך זיין טויט. אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, אין אָט דעם לאַנד פונם נאָמענלאָזן המון — האָט מען באַערט דעם פירער אַזוי, ווי מ'האָט נאָך ביז דעמאָלט נישט באַערט קיין איין הערשער — דעמזעלביקן פירער, וואָס האָט באַשאַפן אַ תורה, וואָס זאָגט, אַז דער מענטשלעכער יחיד האָט נישט קיין שום באַטייט. די לוויה פון דערדאָזיקער „לענין — מאַשין" איז פאָרגעקומען מיט אַזאַ צערעמאָניע, וואָס רוסלאַנד האָט פריער נישט געזען; פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון לאַנד זענען געקומען מאַסן פויערן, בלויז כדי

אַדורכצודעפּילירן פאַר דעם טויטן קערפּער פונם ניפטר און כאַטש אויף אַ ווײַל אַ קוק טאָן אויף זיין פּנים. גלייך נאָך זיין טויט האָט מען אָנגעהויבן עולה־רגל צו זיין צום מאַוזאָליי אויפן רויטן פּלאַץ פאַרן קרעמל — דאָרט איז געלעגן זיין באַלזאַמירטער גוף, וואָס ווערט געאַכפּערט, ווי אַ הייליקטום. המונים מענטשן זענען אָן אויפהער פאַרבייגעגאַנגען דעם גלעזערנעם ארון. דאָרט ליגט דער מת, אָנגעטון אין אַ מיליטערישער בלוזע, מיט אַ מעדאַל פון רויטן שטערן אויף דער ברוסט, מיט אַ דראָענדיק-צענויפגעקוועטשטער רעכטער פויסט.

און אַזוי ווי מ׳האָט אַמאָל באַהאַלטן אין גאָלדענע קעסטעלעך די הערצער פון די הייליקע, — אַזוי האָט מען אויך באַהאַלטן אין אַ גאָלדן שעכטעלע לענינס מוח — זיין טייערסטן אבר.

פון אָט דעם אַלעמען דרינגט אַרויס דער פאַקט, אַז קיין שום געדאַנק, קיין שום טאַט קאָן נישט פאַרווירקלעכט ווערן אָן דער אָנרעגונג פון אַ געניאַלן מענטשן. אפילו די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, וואָס וויל שאַפן די „קומענדיקע וועלט פון נאָמענלאָזן המון״, — זי האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין, אין ס׳רוב פאַלן, אָן דער טאַט פון איין מענטש. זי האָט געעבורכט זיין נאָמען אויף צו באַצייכענען איר סיסטעם, אַזוי גוט ווי זי האָט געבורוכט האָבן די הייליקייטן און די לעגענדעס וועגן אים, כדי צו שאַפן אַ קאָמוניסטישע קירך. נאָך מער — עס קאָן זיך דוכטן, אַז דער באָלשעוויזם האָט געבורוכט לענינען צו האָבן גיכער, ווי אָן אַנדער אידעע, ווייל איינס קאָן נישט ווערן אָפּגעטיילט פונם אַנדערן. ווייל דער גאַנצער באָלשעוויזם איז אין תּוך גענומען — אַ מעכטיקער היסטאָרישער רעזולטאַט פון דענקען פון איין יחיד, וואָס האָט געדענקט און געשאַפן פאַר מיליאָנען.

## 2

פאַרשטייט זיך, אַז לענין איז אינגאַנצן אַ נייער היסטאָרישער טיפּ. ווייל מען דעריבער ריכטיק אָפּשאַצן און פאַרשטיין זיין היסטאָרישן באַטייט, אַזוי מוז מען גרינטלעך אומבייטן אונזערע ביזאַהעריקע מיינונגען וועגן אמתדיק־גרויסע מענטשן. ווייל אַזוי ווי די נייע באָלשעוויסטישע וועלט, וואָס ער האָט באַשאַפן, קען נישט קיין שום ביישפּיל פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַזוי ווי יעדער, וואָס וויל אים פאַרשטיין, מוז אינגאַנצן איבעררייסן מיט די ביזאַהעריקע פאָרשטעלונגען — אַזוי מוז מען אויך, אויב מען וויל זיך קלאָר־מאַכן און פאַרשטיין לענינס באַטייט—גרינדלעך רעווידירן אונזערע ביזאַהעריקע און אָנגענומענע באַגריפן וועגן היסטאָרישע גרויסע פּערזענלעכקייטן.

שוין אין דער אויסערלעכער געשטאַלט פון אָט דעם העלד פון אונזער דור, אין לענינס אויסזעען איז נישט צו באַמערקן קיין שום אייגנשאַפט פון יענע, וואָס מיר זענען געוואוינט צו זען ביי גרויסע מענטשן. פאַרקערט — ער האָט זיך מיט גאָרנישט נישט אונטערגעשיידט פון יעדן

דורכשניטלעכן פּאָלקמענטש — גאָרנישט אַזוי, ווי מיר שטעלן זיך פֿאָר אַ העלד. אויף אָנצאָליקע סאָוויעטישע פּענער, עמבלעמען, אויסצייכענונגען און אַגיטאַציע-בלעטער ווערט לענין פאַרגעשטעלט, ווי אַ רעדנער, וואָס שטייט אויף דער ערדקויל אָדער איז באַשטראַלט פון דער אויפגייענדיקער זון. אָבער אָט דער מענטש, וואָס האָט אונטער זיינע פיס די גאַנצע ערד־קויל, וואָס זיין פּנים איז אַרומגענומען מיט זון — ער שיידט זיך מיט גאָרנישט אונטער פון מיליאָנען זיינע לאַנדסלייט. אָט שטייט ער פאַר אונז, מיט אַ וועלאָסיפּעדיסטן-היטל אויפן קאָפּ, די האַנט אין הויזנקעשענע; — אומזיסט באַמיען מיר זיך צו געפינען אויף זיין פּנים וועלכע ס׳איז סימנים, וואָס זאָלן ווייזן, אַז פאַר אונז שטייט אַ גרויסער, געניאַלער מענטש. לע־נין האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ דורכשניטלעכן רוס. אַלע זיינע חברים און אָנהענגער, וואָס האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אים צו אָבסערווירן פון דער נאָענט, אַלע מאָלער און סקולפּטאָרן, וואָס האָבן פאַרייביקט זיינע שטריכן — אַלע דערקלערן איינשטימיק, אַז פון זיין גאַנצן פּנים, וואָס האָט זיך לחלוטין מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, האָבן נאָר געמאַכט אַ שטיקל איינ־דריק זיינע קליינע, שוואַרצע אויגן. אָט דאָס אַלץ, וואָס וואָלט אָן אויס־לענדער זיך געקאָנט וואַרפן אין די אויגן אַריין: דער שמאָלער, הויכער שאַרבן, די אַרויסגעשטאַרצטע אַזיאַטישע באַקנביינער און די מאָנגאָלישע אויגן — דאָס אַלץ מאַכט נישט אין רוסלאַנד קיין איינדריק. לענינס פּנים האָט געהאַט דיזעלביקע שטריכן, וואָס מען קאָן באַגעגענען אויף טריט און שריט אין די מזרחדיקע גובערניעס פון רוסלאַנד. לענינס פריינד, פאַרערער און ביאָגראַף, לונאַטשאַרסקי, איז אַליין מודה, אַז דער דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ דורכשניטלעכן רוס, אַ סוחרל פון יאַראָסלאַווער קאַנט.

אָבער נישט נאָר לענינס פּנים האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. דער ערשטער איינדריק, וואָס ער האָט געמאַכט, איז אויך נישט געווען קיין באַזונדערער. און פונדעסטוועגן איז ער געווען דער גרעסטער פאָלק־טריבון, וואָס האָט געקאָנט מיט זיך מיטרייסן זיינע צוהערער און זיי פירן צו דער גרעסטער איבערקערעניש, וועלכע ס׳קען די געשיכטע. און דערצו איז נאָך אין זיינע רעדעס נישט געווען אָט יענער פלאַמענדיקער הויך, וואָס איז אומבאַדינגט נויטווענדיק, כדי צו באַהערשן די צוהערער. אַ קול האָט ער געהאַט אַ שאַרפס, אַ הייזעריקס, אינגאַנצן פאַרבלאָז און מאַט. אין זיי־נע פראַזן האָט געפעלט דער פּאַטאָס און די רעדנערישע אָרנאַמענטאַציע פון דער מענטש, וואָס זיינע ווערטער האָבן איבערגעקערט אַ גאַנצע וועלט־טייל, האָט געהאַט אַ גאַנץ באַשיידענעם לעקסיקאָן פון ווערטער סיי אין וואָרט, סיי אין שריפט. דער צווייטער גרויסער רוסלענדישער פירער, טראָצקי, פאַרמאָגט שוין די שול פון אַ געניטן רעדנער, וואָס קאָן היפּנאָטיזירן די צוהערער. אין זיינע רעדעס, וואָס זענען קינסטלעריש אויפגעבויט, פילט זיך דער אייגנטלעכער ריטם און סטיל. לענין האָט עס נישט פאַרמאָגט.

טראָצקי, און זיין אַנאַלאָגיע צווישן לענינען און מאַרקסן, האָט אויך

געמוזט אָנווייזן אויף דעם חיסרון לענינס: „מאַרקס — שרייבט ער — האָט פאַרמאָגט אַ רייכן, פּראַכטפולן סטיל, אַ געמיש פון כּוח און סטראַטעגיק, כּעס און סאַרקאַזם, ברוטאַלקייט און עלעגאַנץ. מאַרקס האָט אין זיין סטיל אויסגענוצט אַלע ליטעראַרישע און עסטעטישע פאָרמען פון דער פּאָליטישער ליטעראַטור פון פאַר אים. לענין, ווידער, דריקט זיך אויס אין זיינע כּתבים און אין זיינע רעדעס אין אַ סטיל, וואָס איז פּשוט ביז דער לעצטער מדרגה, אוטיליטאַר, כּמעט אַסקעטיש". זייער אַן אינטערעסאַנטן ענאַליז פון לענינס ניכטערן סטיל געפינען מיר אויך אין דער לינק-ליטעראַרישער צייטשריפט „לעף" — פון דעם סטיל, וואָס האָט נישט געקוקט אויף זיין גרויסער באַשיידנקייט אַרויסגערופן איינע פון די גרעסטע איבערקערענישן אין דער וועלטגעשיכטע. און אָט דעם אַנאַליז ווייזט אויף דער „לעף", אַז לענינס סטיל איז באַשטאַנען דווקא אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעמיטן רעוואָלוציאָנערע פראַזן, וואָס די דערהויבנסטע אויסדריקן האָט ער אויסגעטוישט אויף די געוויינלעכסטע ווערטער פון טאָגטעגלעכן לעבן.

„ער האָט נישט געהאַלטן ווערטער פאַר קיין וועג צו קאַריערע אָדער פאַר אַ באַשעפטיקונג; פאַר אים האָט דאָס וואָרט געהאַט נאָר אויף אַזוי פיל אַ באַטייט, אויף וויפל עס האָט זיך געבונדן מיט דער טאַט. דאָס רוב זיינע רעדעס און אָפּהאַנדלונגען האָט ער געווידמעט בלויז דער פראַגע פון אַגיטאַציע. אַלעמאָל האָט ער פאַר זיך געהאַט פון איין זייט פריינד אָדער שונאים — פון דער אַנדערער זייט אַ פינסטערן המון, אויף וועלכן מען האָט געמוזט געהעריק ווירקן, וועלכן מ'האָט געמוזט איבערצייגן".

ער אַליין האָט נישט געשענקט קיין גרויס אויפמערקזאַמקייט זיין סטיל. אָבער גלייכצייטיק האָט ער זייער שטאַרק רעאַגירט אויף דעם סטיל פון אַנדערע. יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי איז פאַר אים געווען נישט נאָר די פאַרקערפּערונג פון עפּעס אַ וועלט-אָנשויונג, נאָר אויך אַ באַשטימטע סיסטעם פון אויסדריקן זיך. ער האָט ליידנשאַפטלעך באַקעמפט די „שיינע ווערטעלעך". ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ סימן פון נישטיקייט און גייסטיקער פוסטקייט. אין אַלע זיינע כּתבים און אויפרופן האָט ער סיסטעמאַטיש באַקעמפט די רעוואָלוציאָנערע פראַזעאָלאָגיע און מבטל געמאַכט אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט הוילע פראַזן און „ליטעראַטור". מיט כּעס פלעגט ער רעדן וועגן דער פּאָעטישקייט פון זיינע חברים, מיט בייסנדיקער איראָניע האָט ער קריטיקירט די „גרויסע זשעסטן". ער האָט זיך אויפגערעגט אויף יעדן מין „פּאָעזיע" און „דערהויבנקייט". ער האָט געשעצט דעם פּשוטסטן און געוויינלעכסטן אופן אויסדריקן זיך. אַליין האָט ער אויך באַנוצט אין וואָרט און אין שריפט די פּאָפּולערסטע אויסדריקן, וואָס יעדער האָט געקאָנט פאַרשטיין — טיילמאָל אפילו גראָבּיונגערישע. אחוץ דעם האָט ער אויך ליב געהאַט צו באַנוצן לאַטיינישע שפּריכווערטער — ער האָט הויך געהאַלטן זייער שאַרפן, קורצן און קאָנצענטרירטן אינהאַלט. אָבער אחוץ אָט די ווינשאַפטלעכע אויסדריקן, האָט ער זיך באמת תּמיד

צו רעדן צומפשוטסטן און צוגענגלעכסטן. יעדע רעדע האָט ער זיך באמת צו פאַרוואַנדלען אין אַ פשוטן, פרייען חברישן שמועס.

לעגינס קוק אויף דער פראַגע כאַראַקטעריזירט צומבעסטן זיין בריוו צו אַ רעדאַקציע פון אַ קאָמוניסטישער צייטונג — אַ בריוו, אין וועלכן ער גיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי דאַרף אייגנטלעך זיין דער זשורנאַליסטישער סטיל: „פאַרוואָס זאָלט איר אָנשטאָט אייערע צוויי־הונדערט אָדער פירהונ־דערט שורות נישט אָנשרייבן צען אָדער צוואָנציק, נאָר פשוטע, קלאָרע—וואָס יעדער זאָל זיי פאַרשטיין, וועגן אַזעלכע דערשיינונגען, וואָס זענען שוין די פאָלקמאַסן אריין אין בלוט ?" לעגין האָט זיך אויך באמת צו געבן אַ נייעם אינהאַלט יעדן אויסדריק, באַפרייען פון פשוטן שאַבלאָן די אָפגענוצ־טע אויסדריקן און באַטייטן — אָפטמאָל אויף דעם אופן, וואָס ער האָט געגעבן אַ גרעסערע באַדייטונג די בינדווערטער אין בייווערטער. ער איז געווען אַ שונא פון יעדן מין מאָזאַישן פאָרוואָרט און פלעגט גלייך צו־טרעטן צו דער עצם זאַך.

אין זיינע פאָלעמיקעס — דערציילט דער „לעף" — האָט ער דער־הויפּט געווירקט מיט זיין אופן אַקצענטירן ווערטער. אַז ער פלעגט אָנגרייפן דעם קעגנער, פלעגט ער אויפבויען אַ גאַנצן בנין בייז־סאַטירישע באַ־מערקונגען און אויסרופן — דערפון איז דער קעגנער געוואָרן געפלעפט, גע־פאַלן ביי זיך. אַזוי־אַרום איז די גאַנצע דיסקוסיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין סאַטירישן דיאַלאָג.

פאַר לעגינס שרייבערישן סטיל זענען שטאַרק כאַראַקטעריסטיש די געזונפיסלעך, וואָס שווימען אין יעדער בראָשור זיינער. ער האָט זייער ליב געהאַט זיך באַנוצן מיט די רייד פון זיין קעגנער, וואַרפן אויף זיי אַ פאַרדעכטיק ליכט, אַראָפרייסן פון זיי דעם גאַנצן חן און כוח. מיט אַ באַזונדערן חשק פלעגט ער אומאויפהערלעך זיך אומקערן צו דער זעלבי־קער פאָרמול — וואָסאָמאָל מער זי געשטייגערט — וויבאַלד ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אויף דעם אופן וועט ער קאָנען לענקען די אויפמערק־זאַמקייט פון לעזער אויף עפּעס אַ וויכטיקן פונקט. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט צום געפיל אָדער צו דער פאַנטאַזיע — נאָר צום ווילן און צו דער ענערגיע פונם לייענעגדיקן. אין זיינע רעדעס פלעגט ער פשוט קעמפן מיטן צוהערער, געניט אים זיך צו דעצידירן, צוגענומען ביי אים די מעג־לעכקייט פון אויסוואַל.

עפּטער פון אַלץ פלעגט ער באַנוצן פאַרגלייכונגען און בילדער, — די פשוטסטע, די ניכטערסטע, הויפּטזאַכלעך צוליב דעם, כדי נאָכאַמאָל צו ווייזן זאַכן, וואָס זענען שוין קאָנקרעט און מען זעט זיי שוין ממש. דער־ביי פלעגט ער זיך אָפט באַנוצן מיט גלייכווערטלעך און פאָפולערע מעשה־לעך, דערעיקרשט פון דער עוואַנגעליע און פון קרילאָווס משלים. פון די הייגטצייטיקע שרייבער האָט ער קיינמאָל קיינעם נישט ציטירט.

נאָך מער: נישט נאָר, וואָס זיין באַשיידענער, קאָנקרעטער אופן פון אויסדריקן איז געווען אָן שום פּאַטאָס, וואָס אין זיינע כתבים איז נישטאָ



לענין אַלס סטודענט



לענין אין סיביר



אויף עמיגראַציע אין דער שווייץ



לענין



גאנדי

קיין ברעקל פּאָזע. אפילו דער א י נ ה אַ ל ט פון אַלע זיינע אויספירן איז געווען אַלעמאָל וועגן פּראַקטישע און נייטיקע זאַכן. לענין, וואָס האָט מיט צוואָנציק יאָר פריער פאָרגעזאָגט דעם נצחון פון באָלשעוויזם, האָט כּמעט קיינמאָל נישט געשאַסטעוועט מיט גרויסע צוזאָגן. זיינע פריינד קאָנען איצט אָנווייזן דערויף, אַז אפילו אין לענינס ווערק וועגן דער קומענדיקער געזעלשאַפט, ווו עס וועלן נישט זיין קיין קלאַסן — אַז אין אָט דעם בוך איז נישט צו געפינען אַ זכר פון עפּעס אַ גוזמא. און די טעמע אַליין גיט דאָך געוויס שטאָף פאַר גרויסן פּאַטאָס! אין יעדן וואָרט לענינס, אין יעדער דערקלערונג זיינער האָט געשטעקט נ אָ ר ניכטערער, פּראַקטישער שכל און דין-וחשבון. אַלע זיינע שריפטן זענען נאָר טרוקענע, רעאַלע פּאָליטישע באַטראַכטונגען, אָדער פּראַקטישע עצות און אָנווייזן.

אָט אַזוי האָט דערזעלביקער לענין, וואָס האָט געשטרעבט צו שאַפן די אוטאָפּישע צוקונפט-מלוכה — זיך באַנוגנט אין זיינע אוטאָפּישע אויספירונגען נאָר מיט די נעענטסטע און אין דער געגעבענער מינוט אַקטועלע אינטערעסן פונם אַרבעטער-קלאַס. און כאָטש ער האָט באַשאַפן דעם מעכטיקסטן פּראָגראַם, וואָס דאַרף חרוב מאַכן די אייביקע אָרדענונג פון דער וועלט, ענדערן זי אינגאַנצן — האָט ער דאָך פּראַקטיש נאָר אָנגענומען די נעענטסטע טריט, וואָס האָבן — לויט זיין מיינונג — געפירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם ציל.

ער האָט אַזוי געהאַלטן: יעדע לערע, צי טעאָריע, אפילו פון אַ אַלוועלטלעכן באַטייט, איז געווען אַ נויטווענדיקייט, וואָס מ׳האָט געמוזט גלייך פּראַקטיש אויספירן. דערפאַר האָט ער זיך אין זיינע אַגיטאַציע-רעדעס און פּראָפּאַגאַנדע-שריפטן פאַרנומען נאָר מיט אַזעלכע פראַגן, וואָס מוזן ווערן גלייך אויסגעפירט.

— ביי לענינען — האָט אַמאָל ט ר אָ צ ק י געשריבן — הערן מיר כּסדר דעמזעלביקן פּיזמון: אַז מען מוז גרינטלעך אומבייטן אַלע געזעלשאַפטלעכע אונטערשידן און קודם-כּל — וועגן די וויכטיקסטע מיטלען, וואָס פירן צו אָט דעם ציל. אפילו דער באָלשעוויסטישער קריטיקער וו אָ ר אָ נ ס ק י, האַלט, אַז לענין רעדט כּסדר וועגן דערזעלביקער טעמע:

— ער באַטראַכט איין פראַגע אָפטמאָל ביז צען מאָל, פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע, אומגעריכטסטע זייטן. ער רעדט, ווי אַ מענטש, וואָס איז באַהערשט נאָר פון איין מצכטיקער אידעע, אַרום וועלכער ס׳קרייזלען אַרום שטיקלעך פון אַנדערע געדאַנקען, ווי די פּלאַנעטן אַרום דער זון. דער טיפסטער קערן וועט קיינמאָל נישט גיין לאיבוד, וועט קיינמאָל נישט אָפּטרעטן פאַר קיין אַנדערן געדאַנק. לעבן אויף אַזאַ אופן האָט אים געמוזט זיין זייער שווער.

לענינס איינציקע שטרעבונג איז געווען, אַז ער זאָל דעם וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט פון זיין טעאָריע אויסדריקן מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס אַפילו אַ רוסישער פּויער, אַ פולשטענדיקער אַנאַלפאַבעט, אומגעוואוינט צו פּאָליטישע קאָמבינאַציעס — זאָל זיי קאָנען פאַרשטיין און אַז זיי זאָלן אים

קאָנען אויפוועקן צו טאַט. יעדעס וואָרט זיינס האָט געצילט צום צוועק און צו דער דירעקטער אַקציע. — דערפאַר האָט דערפון געוויייט אַזאַ מעכטיקער כּוח פון ווילן, ווייל עס האָט זיך אַליין פארוואַנדלט אין טאַט. ג אָ ר ק י זאָגט, אַז לעני̇נס לאָגיק איז געווען שאַרף, ווי אַ האַק. זיינע ווערטער זענען געווען נישט בלויז אַ רוף צו טאַט, נאָר אויך אַן אָנווייזונג, ווי אַזוי זאָל מען אָט דעם קאַמף פּראַקטיש אַדורכפירן. זיין לאָזונג אין געווען: די רעוואָלוציע דאַרף נישט בלויז בלייבן אויפן פּאַפּיר, נייערט זי מוז אויך ווערן פ אַ ר ווי ר ק ל ע כ ט. נישט איינמאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז פאַרן דערהאַלטן די ראַטנרעפּובליק האָט אַ סך אַ גרעסערע באַדייטונג דאָס געהעריקע אויספילן די קלענסטע פאַראָרדענונג, — איידער יעדע טעאָריע, איידער צען באַשלוסן פון די ראַטן.

## 3

אָט־די פּשטות, אָט־די פויערשט אויסגערעכנטקייט, וואָס קוקט אויף אַלץ פון דער פּראַקטישער זייט, און וואָס האָט זיך ווי אַ רויטע שנור אַדורכגעצויגן דורך לעני̇נס גאַנצער פּאָליטישער טעטיקייט — איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין זיין גאַנץ וועזן. לעני̇ן, אַלס מענטש אין פּריוואַטן לעבן, איז געווען דער זעלבער פּשוטער און אויפריכטיקער, האָט אַלעמאָל געטראַכט נאָר וועגן דעם פּראַקטישן — אַזוי ווי לעני̇ן — דער פּאָליטיקער. אויך אין זיין פּריוואַטן לעבן האָט ער מיט זיין גאַנצער אויפפירונג זיך נישט אונטערגעשיידט פון זיין אַרום: לעני̇נס לעבנשטייגער איז געווען גאָר פּשוט, אַסקעטיש, אָן דעם מינדסטן לוקסוס.

די דאָזיקע אַסקעטישע באַשיידנקייט און פּשטות — וואָס מען רעדט וועגן איר אַזויפיל — האָט נישט געהאַט אין זיך קיין שום פּאַטעטישס. עס איז נישט געווען צוליב עפּעס אַ מאָראַלישן נדר — עס האָט נאָר געוויזן, ווי ווייניק ס׳ברויך צו האָבן אַ מענטש, וואָס איז באַשיידן און פעסט ביי זיך, וואָס פירט זיין גאַנצן געדאַנק און ווילן נאָר צו פּראַקטישע צילן און אויך צו פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן, וואָס ער האָט איינמאָל אָנגענומען. אַל׳דאָס איבעריקע, וואָס איז נישט געווען אין דירעקטער שייכות מיט דעם ציל, האָט נישט געהאַט פאַר אים די מינדסטע באַדייטונג. „שווער צו שילדערן זיין געשטאַלט — שרייבט ג אָ ר ק י — ער איז געווען אַזוי פּשוט און באַשיידן, ווי דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט. קיין שום אויסערלעכער גלאַנץ האָט נישט באַשטראַלט זיינע העלדנמעשים. אין אים איז געווען אַ שטיק פון דער — אין רוסלאַנד אַזוי פּאָפּולערער — באַשיידענער, אַסקעטישער רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג, וואָס זי גלייבט מיטן גאַנצן האַרצן אין דער מעגלעכקייט פון יושר אויף דער וועלט. ס׳איז אין אים געווען די העראָישקייט פון אַ מענטשן, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַלע תּענוגים צוליב זיין שווערער אויפגאַב.

אָבער ווייל ער האָט פּאַנאַטיש געגלייבט אין דער ריכטיקייט פון זיינע אידעען, זענען אים פרעמד געווען אַלערליי ספקות, אַלע שטימונגען פון קליינקייט ביי זיך, אַלערליי מאָראַלישע אינערלעכע קאָנפליקטן. אים האָט באַהערשט נאָר איין געדאַנק — אַז ער זאָל זיינע פּלענער פאַרווירקלעכן פאַר יעדן פּרייז. דערפאַר איז אָט דאָס גאַנצע איבערמענטשלעכע ווערק, אָט די גאַנצע ריזיקע אַרבעט ביי באַאַרבעטן, פּאָפּולאַריזירן און פאַרווירקלעכן זיין אידעע — נישט געווען פאַר אים עפּעס אַ ספּעציעלע מאַטערניש, וואָס קאָן נעגאַטיוו ווירקן אויף זיין פאַרשלאָסענער נשמה — דאָס איז געווען ביי אים אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. דאָס איז געווען די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם כּוח, וואָס האָט געשטעקט אין דעם אויסטערלישן מענטש, דעם איינציקן אין זיין מין.

אין זיין גאַנצער טעטיקייט האָט ער אַריינגעטראָגן דעם כּישוף פון האַרמאָנישער פרישקייט און ליכטיקייט. ווי לונאַטשאַרסקי דערציילט, איז לענין נישט געווען קיין גרויסער ליבהאָבער פון אַרבעט; זעלטן־ווען מען פלעגט אים טרעפן איבערן שרייבטיש ביי אַ ביכל. ער פלעגט שרייבן אומגעהייער גיך, מיט גרויסע אותיות. אָן דער קלענסטער אָנשטרענגונג האָט ער אַרויסגעוואָרפן זיינע אַרטיקלען אויפן פּאַפּיר, צו יעדער רגע, ווען מ׳האָט עס נאָר געברויכט. לייענען פלעגט ער אָפט פראַגמענטנווייז, קיינמאָל נישט געבליבן ביי איין ביכל. אָבער מיט אַן איבערמענטשלעכער גאונות האָט ער גלייך געקאָנט אויסגעפינען די וויכטיקסטע זאַכן, בפרט אַזעלכע פראַגמענטן, וואָס מען וואָלט געקאָנט *פּאָלעמיש אויסנוצן*. ער פלעגט זיך זעלטן איבערנעמען מיט די אידעען, וואָס זענען אים נאָנט געווען — פאַרקערט, ער פלעגט זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכן ברען כאַפּן צו קעגנערישע פאַר אים אידעען און טעאָריעס. ווייל אַלעמאָל האָט אין אים געטליעט דער ווילן צו קאַמף און צו קריטישער פּאָלעמיק.

אַזוי רויק, גיך און זאַכלעך פלעגט לענין אַרבעטן נישט נאָר איבער צווייטראַנגיקע בראָשורן, נאָר אויך איבער די אַלע דעקרעטן, וואָס האָבן אַ האַלבן קאָנטינענט איבערגעדרייט מיט די פיס אַרויף. אַלע זיינע דיקטאַטאָרישע פאַראָרדענונגען האָט ער באַהאַנדלט פּשוט, ווי אַן אויסערלעכער אויסדרוק פון דעם, וואָס ער האָט אין האַרצן שוין געהאַלטן פאַר ריכטיק און טרעפלעך — און מען מוז עס דעריבער פאַרווירקלעכן. האָט טאַקע דעריבער קיין איין מעכטיקער און שרעקלעכער קאָנפליקט, וואָס פלעגן לענינען אָפט באַגעגענען אין לעבן, נישט געקאָנט אים אַרויסברענגען פון גלייכגעוויכט, באַאומרויקן דאָס געמיט.

לענינס פריינד דערציילן, אַז ער האָט פאַרמאָגט, ווי קיינער נישט אין אַזאַ מאָס, דעם כּוח פון פולשטענדיקער נערוועישער אַנטשפּאַנונג, פון „איבערכאַפּן דעם אָטעם״. בשעת די שטורעמדיקסטע געשעענישן און דער אָנגעשטרענגטסטער אַרבעט האָט ער שטענדיק פאַר זיך געפונען עטלעכע שעה אַבסאָלוטע רו און הייטערקייט. דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס

נאָך דער מאַטערנדיקער אַרבעט פון אַ גאַנצן טאָג האָט ער געהאַט אַ טבע זיך צו שפּילן גאַנצע שעהן מיט קליינע קינדער און מיט קעצלעך.

בכלל — ווי ס'גיבן איינשטימיק איבער אַלע זיינע פריינד — האָט אַ טעות דער, וואָס האָט געהאַלטן לעגינען פאַר אַ מענטש, וואָס וייכט פון אַנדערע, וואָס פאַרשליסט זיך אין זיך אַליין. אומעטום דער־ציילט מען וועגן זיין קינדערשער כמעט פריילעכקייט, וועגן דעם זאָרג־לאָזן, אויפריכטיקן געלעכטער, וואָס איז פאַר אים זייער כאַראַקטעריסטיש. „לעגין, — דאָס איז אַן אויפריכטיקער מענטש ביז גאַר, פול מיט לעבנס־זאַפט", שרייבט וועגן אים וואָראָנסקי. „אומזיסט באַמיט ער זיך צו דערשטיקן אין זיך דעם געלעכטער, וואָס, אַז ער פאַרשטעלט זיך דאָס מויל מיט דער האַנט, קוועט עס אים אַרויס פון דער זייט".

און לונאַטשאַרסקי דערציילט וועגן לעגינס הומאָר אין פּרי־וואַטן לעבן: „אין די טראַגישסטע מינוטן פון זיין לעבן איז ער געבליבן פולשטענדיק רויק און תמיד גרייט צו פריילעך געלעכטער. אפילו אין זיין כעס, — דעם כעס, וואָס האָט דאָך געקאָנט האָבן אַזוי פיל קאָנסעקווענצן, האָט זיך געפילט עפעס האַרציקס און כמעט פריילעכס".

אַ דאַנק אָט דער פולשטענדיקער גלייכגעוויכט פון געדאַנק האָט לע־נין געקאָנט אפילו אין די שווערסטע, קאַטאַסטראָפאַלסטע מאָמענטן פון פּאָ־ליטישן קאַמף, דערהאַלטן די רויקייט און דעם ניכטערן קוק אויף אַלץ. קיינמאָל האָט ער זיך נישט דענערווירט, נישט געבייזערט, נישט אומגע־דולדיקט — תמיד גלייך אויפמערקזאַם, זאַכלעך. צו יעדער צייט פלעגט ער אויפמערקזאַם אויסהערן אפילו די נישטיקסטע ידיעות פון די פּויערן, אַר־בעטער, צי זעלנער, וואָס זענען צו אים געקומען פון די פאַרוואָרפנסטע געגנטן, זיך פאַר אים צו באַקלאָגן. קלאַראַ צעטקין שרייבט וועגן אים, אַז ער האָט זיך פולשטענדיק צענויפגעלעבט מיט די אינטערעסן פון זיינע פּאַרטיי־חברים, זיך גלייך געהאַלטן מיט זיי, קיינמאָל נישט געפּרוווט מיט קיין שום זשעסט, מיט קיין שום מינע אונטערשיידן זיין פּערזענ־לעכקייט. זי דערציילט אויך, ווי חבריש לענין האָט זיך געהאַלטן מיט יונגע מענטשן, מיט וואָס פאַר אַ פאָטערלעכן טאָן ער פלעגט שמועסן מיט די יינגערע פּאַרטייחברים.

## 4.

אין אָט דער פשטות פון זיין האַלטונג ליגט אין אַ גרויסער מאָס דער סוד פון זיין פּאָפּולערקייט אין רוסישן פאָלק. יעדער, וואָס פלעגט רעדן מיט לעגינען, פלעגט אַוועקגיין אַ פאַרכישופטער. מען פלעגט אים אויך הערן, ווי מען הערט אַ פאַרטרויטן און געניטן בעל־יועץ, וואָס טיילט זיך אויס פון זיין סביבה בלויז מיט מער שכל. דער פּשוטסטער פּויער, אַז ער פלעגט שטיין פאַר לענינען, פלעגט האָבן דעם איינדריק, אַז ער שטייט פאַר אַ גלייכן גוטן־ברודער.

לענין האָט אין זיך פאַרמאָגט אַ סך פון פויערישער נאַטור: אָט די פשוטע או אויפריכטיקע באַציונג, דער ניכטערער און פראַקטישער קוקן אויף יעדער פראַגע — דאָס אַלץ זענען ספּעציפישע אייגנשאַפטן פונם רוסישן פויער. „אָט דער גרויסער פירער פון פּראָלעטאַריאַט — האָט וועגן אים געשריבן טראָצקי — דערמאָנט נישט נאָר אויסערלעך אָן אַ רוסישן פויער, נאָר אויך מיט זיין גאַנצער האַלטונג. אַז עס קומט אָן עפּעס א ראַדיאָגראַם און ער לייענט אים מיט אַ פאַרזשמורעטן לינקן אויג, איז ער אינגאַנצן ענלעך צו אַ כיטרען פויער, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרבלענדן פון שיינע ווערטער. ער פאַרמאָגט אמתדיקע פויערישע חכמה, נאָר געכפּלט צו דער העכסטער פּאָטענץ און אויסגעשאַרפט אויף די בעסטע וויסנשאַפטלעכע דענק־מעטאָדן”.

נאָך אַ בשותפותדיקער שטריך מיטן רוסישן פויער — דאָס איז נישט נאָר יענע קלוגשאַפט, נאָר אויך די נייגונג צו גוואַלט. צענויפגעוואָקסן מיט אַלע אורכוחות, וואָס דרימלען אין פאָלק, האָט ער געקאָנט טאַקע אַ דאַנק דעם אַדורכפירן אַזאַ ריזיקע איבערקערעניש. אין אָט דעם שטריך פון זיין כאַראַקטער שטעקט דער סוד פון זיינע פּאָליטישע דערפאָלגן. פּאָליטיק האָט ער געהאַלטן פאַרן אַנטשפּרעכנדיקסטן געביט, אויף וועלכן ער וואָלט געקאָנט אויסנוצן זיינע פעיקייטן אין דער גאַנצער ברייט.

פון אַלע זיינע מעשים, רעדעס און שריפטן טריפס אַרויס אַלעמאָל דער חוש פאַר פּשוטער פּראַקטישקייט און אומגעבראָכענע ענערגיע, וואָס איז פאַר אים אַזוי כאַראַקטעריסטיש.

„לאָמיר נעמען אין האַנט אַריין אָט די קליינע צעטעלעך — שרייבט וואָראָנסקי — וואָס לענין שיקט פונאַנדער אויף אַלע זייטן וועלט. מיר געפינען דאָרט גענויע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי מען דאַרף זיך, צום ביישפּיל, האַלטן מיט ענגלאַנד, אָדער וואָסערע עצות מען מוז געבן די דייטשע אַרבעטער, — און גלייך דערנאָך אַ ביטע, אַז מען זאָל דער און דער פויערטע דערלויבן איבערצופירן פון איין סטאַציע אויף דער אַנדערער פיר פוד קאָרן, ווייל זי האָט דריי קינדער אויסצוהאַלטן”.

דווקא אין אָט די טאָגטעגלעכע „קליניקייטן, אין אָט דער פּראַקטישער פאַרזאָרגעוודיקייט, איז געלעגן לענינס אמתדיקע גרויסקייט. אַז נאָך זיין טויט, ווי עס טרעפט אָפט נאָכן טויט פון יעדן גרויסן מענטשן, האָבן זיינע פריינד אָנגעהויבן צענויפצוזאַמלען אַלע מעגלעכע באַווייזן וועגן דער גרויסקייט פון זייער פירער און זוכן יענע „היסטאָרישע ווערטער” — דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז לענינס אַלע ווערטער און מיינונגען זענען געווען — אַ זאַמלונג טרוקענע באַפעלן, קורצע פאַראָרדענונגען אָדער מלוכישע דיספּאָזיציעס.

איינע פון אָט די צעטעלעך, וואָס די לעניניסטן האַלטן פאַר אַן „אומשטערבלעכן דאָקומענט” — איז לענינס באַפעל פון 1921, אין די קריטישע צייטן פון „קריג־קאָמוניזם”. דער שונא איז געשטאַנען נאָענט צו מאָסקווע. אַלע זענען געווען זיכער, אַז די טעג פון דער ראַטנרעגירונג

זענען געצײלטע. אין אָט דעם קריטישסטן מאָמענט האָט לענין געהאַלטן פאַרן וויכטיקסטן פּראָבלעם — איינצופירן אין די דערפער עלעקטרישע באַלייכטונג. ער האָט אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקן באַפעל: „מען מוז גלייך באַזאָרגן מיט עלעקטרישער באַלייכטונג די פויערן אין די דערפער גאָרקי און סיאַנאָוואַ״.

אַן אַנדער פאַראָרדענונג פון יענער צייט פאַרנעמט זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע פאַר ראַדיאָטעלעפאָן. ענלעך לויטן אויך אַנדערע באַפעלן פון אָט דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער: „גלייך אויספאָרשן, פאַרוואָס די קאָלעגיע פונם צענטראַלן נאַפט-סינדיקאַט האָט אויסגעטיילט די אַרבעטער נישט צו דרייסיק, נאָר צו צען אַרשין״. — „מען מוז גרינטלעך אויספאָרשן די ווייסנשאַפטלעכע אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט״. — „מען דאַרף אַכטונג געבן, אַז די פּראָיעקטן פאַרן פאָלקאָמראַט זאָלן זיין רעדאַגירט קלערער און דייטלעכער״. — „אויספאָרשן, ווי אַזוי וואָלט מען געקאָנט אויסנוצן די לופט-מאָטאָרן פאַר דער עלעקטרישער באַלייכטונג אויפן דאָרף״. — אָט אַזוי זעען אויס לענינס גרויסע מיינונגען. אין די זאַצן ליגט דער סוד פון דעם אופן, ווי אַזוי מען קאָן פאַרווירקלעכן אוטאָפּיעס דורך פּראַקטישער אַרבעט. נאָך לענינס טויט האָט מען אין מאָסקווער לענין-אינסטיטוט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט אויספאָרשן, ווי אַזוי ס׳האָבן זיך פון אָט די קורצע, פאַרענצלטע אָנווייזונגען און באַפעלן געשאַפן פּאַסירונגען פון וועלט-באַטייט.

אַלע זיינע פריינד און מיטאַרבעטער שילדערן אים פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געשענקט אויף דעם: די פּשוטסטע, טאָגטעגלעכע ענינים זאָלן אויסגעפירט ווערן מיט פּעדאַנטישער גענויאיקייט. אפילו אין די לעגענדעס, וואָס שאַפן זיך ביז היינטיקן טאָג אין רוסלאַנד אַרום לענינען — שילדערט מען אים ווי דעם „ניכטערן העלד פון אוטיליטאַריזם״. אין אָט די לעגענדעס ווערט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי אינמיטן פון די שווערסטע וועלט-פּראָבלעמען האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם, צי די אַרבעטערינס פון עפּעס אַ פאַבריק האָבן ווירקלעך באַקומען די באַשטימטע פרישע פאַרטעכער. אין אָט די לעגענדעס ווערט לענין געלויבט, ווי דער פירער פון דעם ריזיקן לאַנד, וואָס אַז ער שיקט אַרויס אַ בריוו צו אַן אונטערליגנדיקן אַמט, פרעגט ער טעלעפאָניש גלייך אָן פערזענלעך, צי מ׳האָט דערהאַלטן זיין בריוו.

דאָס, וואָס ער האָט באַוויזן זיך צו שאַפן אַזוי פיל אָנהענגער, איז אין אַ גרויסער מאָס טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרמאָגט די אויסערגעוויינלעכע פעיקייט צו טראַכטן גלייכצייטיק וועגן עטלעכע זאַכן מיטאַמאָל. ער האָט געדענקט וועגן יעדער אַקציע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן. ער האָט גלייכצייטיק געטראַכט ווי אומצוואַרפן דעם וועלט-סדר און זיך געזאָרגט וועגן דער מינדסטער באַדערפעניש פון עפּעס אַן אַרבעטערין. דערפאַר באַהאַנדלען די באָלשעוויקעס איצט, נאָך זיין טויט, יעדע מינדסטע פאַראָרדענונג זיינע, ווי הייליקע ווערטער און ווי היסטאָרישע מיינונגען. דערפאַר

ציטירט מען, ווי די עוואַנגעליע, לעגינס ווערטער וועגן דער עלעקטרי־פיצירונג פון רוסישן דאָרף מיט דער הילף פון לופט־מאָטאָרן. מען דער־מאַנט אים ביי יעדערער גרעסערער פייערונג, פון אים שעפּט מען כוחות צו ווייטערדיקן קאַמף.

לעגינס איינפלוס אויף די מאַסן דערקלערט זיך אויך מיט דעם, וואָס ער איז געקומען גלייך נאָך קערענסקין, אַ טיפּישן פּראַזעאָלאָג, וואָס האָט זיך געקעכלט מיט שיינע ווערטער. לעגין איז אַרויס אויף דער עפנט־לעכער אַרענע גראָד דעמאָלט, ווען רוסלאַנד איז שוין דערעסן געוואָרן דער פּאַטאָס פון שיינע ווערטער און זי האָט געבענקט נאָך ניכטערן רע־אַליזם, זי האָט געגאַרט נאָך טאַט. דער רוסישער געדאַנק האָט דעמאָלט איבערגעלעבט איינעם פון זיינע שווערסטע קריזיסן, — דערפאַר איז לע־נין ביי יעדערן אויסגעקומען דער ריכטיקער מענטש, וואָס האָט געבריי־דיקט די ישועה נאָר אין דער טאַט, אין פּראַקטישער אַרבעט. און דעם בעסטן ביישפּיל דערפון האָט ער געגעבן מיט זיך אַליין. וואָלט לעגין אַרויסגעטראָטן אין די ראַמען פון דעם מלוכה־סדר אין עפּעס אַ מערב־אייראָפּעיש לאַנד — אַזוי וואָלטן זיינע פּרינציפּן און ציוויליזאַטאָרישע פּראָיעקטן זיכער נישט אַרויסגערופן אַזאַ גרויסן איינדרוק. אָבער אין רוס־לאַנד, מיט איר פּרימיטיווער ציוויליזאַציע, האָבן געמוזט זיינע אוטיליטאַ־רישע געבאָטן אויסזען, ווי אַ נייע רעליגיע.

## 5

פון אָט דעם אוטיליטאַרישן שטאַנדפּונקט האָט לעגין אויך באַטראַכט אַלע צווייגן פון געזעלשאַפטלעכן גייסטיקן לעבן: די פילאָזאָפיע, די לי־טעראַטור, די קונסט און אפילו די מאָראַל. בפרט די פילאָזאָפיע האָט ער לגמרי אָפּגעשאַצט פון אוטיליטאַרישן און פּאַרטייאיש־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט.

ווייל ער האָט געהערט צו יענע דענקער — אַזוי ווי אַמאָל די פירשטן פון קלויסטער — וואָס האָבן זיך קאָנקרעט אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פון דעם פּאָליטישן אינהאַלט פון דער פילאָזאָפיע. לויט זיין מיינונג, איז דאָס אָנער־קענען אַ געוויסע וועלטאָנשויונג געווען אַ סך מער, ווי אַ פּריוואַטער ענין פון אַ הייפל געבילדעטע פילאָזאָפן. ער האָט געהאַלטן די פילאָזאָפיע פאַר דעם „אידעאַלן כלי־זיין" אינם קלאַסנקאַמף — און דערביי האָט ער אַלע אידעאַליסטישע ריכטונגען אין דער פילאָזאָפיע באַהאַנדלט ווי אַ שטאַנד־פּונקט פון אַ קלאַס, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיטן דירעקטן פּראָצעס פון פּראָדוקציע, די רעאַליסטישע ריכטונגען, ווידער — ווי דער שטאַנדפּונקט פונם פּראָדוצירנדיקן אַרבעטערקלאַס.

דערפאַר האָט מען געמוזט אין די אינטערעסן פון דער קאָמוניסטי־שער מלוכה אָנהייבן אַן אומבארחמנותדיקן קאַמף מיט דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע — אַ קאַמף, וואָס האָט געמוזט דערענדיקן דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעך־ווירטשאַפטלעכן ניצחון פון באָלשעוויזם. אויף וויפל די־

עפּאָכע פונם „קריג־קאָמוניזם“, פון דעם טעראָריסטישן פאַרפאָלגן אַלע שונאים, האָט געהייסן דאָס פאַרפעסטיקן זיך פון דער ראַטנמאַכט כּלפּי חוץ, די אַנטשטייונג פונם נעפּ—די עקאָנאָמישע קאָנסאָלידירונג און דער אויפבּוי פון דער פּראָדוקציע — אויף אַזויפיל באַטייט דאָס באַשאַפן דעם „אידעאַלן פּראָנט“ קעגן דער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע די דריטע און דעציד ירנדיקע פאַזע פון לענינס קאַמף פאַר מאַכט איבער רוס׳אַנד.

ס׳איז איבעריק דאָ נאָכאַמאָל אונטערצושטרייכן, אַז לענין איז תּמיד מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט ארויסגעטרעטן קעגן יעטוועדער פאָרם פון רעליגיעזישקייט. די רעליגיעזע פאַרבלענדעניש האָט ער געהאַלטן פאַר דער גרעסטער שטערונג אין דעם רעאַליזירן זיינע נייע אידעען. אין זיינע שריפטן און רעדעס האָט ער אַ סך מאָל אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דער אַרבעטערקלאַס מוז אָנשטרענגען אַלע כּוחות, כּדי צו פאַרניכטן גאָט — „אָט דעם אייביקן שונא פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט“.

צוליב דעם האָט ער אַפילו אָרגאַניזירט אַ געניע און צוועקמעסיקע אפּיקורסישע פּראָפּאַגאַנדע. „דעם גרעסטן און שווערסטן פעלער — האָט ער געשריבן — וואָלט באַגאַנגען דעריעניקער מאַרקסיסט, וואָס וואָלט געמיינט, אַז מען וואָלט געקאָנט באַפרייען פון פינסטערניש און אומבאַוווסטזיניקייט אָט די מיליאָנען פינסטערן פאָלק, בפרט די פּויערן און די בעלי־מלאכות אויף אַ קורצן וועג—בלויז מיטן באַקענען זיי מיט מאַרקס׳ס לערע. פאַרקערט, מען מוז אָט די מאַסן געבן אין דער האַנט אַ פאַרשידנאַרטיקע אפּיקורסישע פּראָפּאַגאַנדע, מען מוז זיי באַקענען מיט פאַקטן, וואָס זענען ווינסשאַפטלעך דערוויזן געוואָרן. מען מוז זיך מיט זיי באַגעגענען אויף אַלע מעגלעכסטע אופנים, דערוועקן זייער פאַראינטערעסירונג און פאַר יעדן פּרייז איבעררייסן זייער ביזאַהעריקע פאַרבלענדעניש.

„די ווערק פון די אַטעאיסטן פון זעכצעטן יאָרהונדערט, די וויציקע, לעבעדיקע, בייסנדיקע, געשריבן מיט טאַלענט און וואָס באַקעמפן אָפן די דאַמאָלסדיקע קלער־רעגירונגען — אָט דידאָזיקע שריפטן זענען הונדערטפאַכיק בעסער, כּדי אויפצוּוועקן מענטשן פון רעליגיעזער הינערפלעט — ווי די טרוקענע, נודנע און הילפ׳אָזע פּאָפּולאַריזאַציעס פון מאַרקס׳ טעאָריע, וואָס מיר באַגעגענען ס׳רוב אין אונזער ליטעראַטור, און וואָס אָפט פאַרקריפּלען זיי דעם גאַנצן מאַרקסיזם. אונזער וויכטיקסטע אַרבעט וועט אַלעמאָל בלייבן — אין דעם נאָך־נישט אַנטוויקלטן המון דערוועקן די פאַראינטערעסירונג צו באַוווסטזיניקער קריטיק פון רעליגיע“.

אַ שטיק דערפאַר האָט ער אויך געהאַלטן פאַר נייטיק דעם קאַמף מיט דעם אידעאַליזם. ווייל אָט די וועלטאָנשויונג שטיצט זיך אויף עפּעס אַ העכערער געטלעכער אייניקייט, וואָס לויט איר דאַרף די גאַנצע נאַטור און דאָס מענטשלעכע לעבן שטרעבן צו עפּעס ענדלאָזע צילן, וואָס פירן צו כּסדרדיקער פאַרפולקומענונג.

אין אָט דעם מין טעאָריעס האָט לענין געזעען אַ „פאַרמאַסקירטע רעליגיעזישקייט“. אין דעם באַגריף וועגן ציל פונם לעבן האָט זיך אויך

בעמוזט געפינען, לויט זיין מיינונג, דער באַגריף פון עפּעס אַ העכערן וועזן, וואָס האָט אָט דעם ציל די מענטשן אָנגעוויזן. מיט זיין גאַנצער ברוטאַלקייט האָט לענין אָפּגעוואָרפן אָט די „באַהאַלטענע טעאָלאָגיע", וואָס האַלט, אַז סיי די נאַטור, סיי די געזעלשאַפט פאַרמאָגן אַ אינסטינקט פון עפּעס אַ ציל. דידאָזיקע פילאָזאָפיע פירט דעריבער אַריין אין דעם אַנטוויקלונג-פּראָצעס פונם לעבן עפּעס אַ ציל. אָט דעם מין דענקען האָט לענין געהאַלטן פאַר אַ „פאַרשטעלטער פאָרשטעלונג וועגן גאָט", אפילו ווען ס'איז געווען „געטובלט אין אַלע וואַסערן פון דענקען".

צווישן די פּאַפּירן, וואָס מ'האָט געפונען נאָך לענינס טויט, איז פאַראַן אַזאַ שטיקל כתב-יד, וואָס *דעבאָרין* האָט אים שפּעטער באַאַרבעט:

„דער פילאָזאָפישער אידעאַליזם איז נישט קיין אַבסאָלוטער ליגן. ער איז אַנטשטאַנען אויפן זעלבן באָדן, וואָס דער מאַטעריאַליזם. אָבער טראָץ אַלעמען איז ער און ער וועט אַלעמאָל בלייבן אַ ליגן, אַ געוויקס, וואָס איז אינעווייניק פּוסט. ווייל ער וויל פון איין טייל פון אַן אומענדלעך-קאָמפּליצירטער דערקענטעניש שאַפן אַן אַבסאָלוט, פון איין ברוכטייל פון דערווירקלעכקייט — אַ גאַנצקייט.

„דער פילאָזאָפישער אידעאַליזם, באַהאַנדלט פונם שטאַנדפּונקט פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, איז אַן איינזייטיקע און איבערגעטריבענע פאַרברייטערונג פון איין שטריך, איין טייל, איין גרענעץ צו דער דערקענטעניש פונם אַבסאָלוט, וואָס איז אָפּגעריסן פון דער מאַטעריע און פון דער נאַטור און איז אַרומגערינגלט מיט געטלעכן קולט.

„די אידעאַליסטן רייסן אַרויס איין ברוכטייל פון דער גאַנצקייט דערשיינונגען. דערמיט טיילן זיי אים אָפּ פון יעטוועדער איינִיקייט מיט דער מאַטעריע. זיי בלאָזן אויף אָט די טייל צו אַ גאַנצקייט און לאָזן זי אויסוואַקסן צו אַן אַבסאָלוט. דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם, אַנטקעגן, פאַרגעסט קיינמאָל נישט, אַז אַזאַ ברוכטייל, אָן שום צוזאַמענהאַנג און אָפּגעריסן פון דער מאַטעריע — פאַרמאָגט נישט קיין שום רעאַלן באָדן. די גנאָדעאָלאָגישע וואָרצלען פונם אידעאַליזם דאַרף מען דעריבער זוכן אינם סוביעקטיוויזם, אין דער סוביעקטיווער בלינדקייט, אין יענער פאַרשטיינערונג און איינזייטיקייט, וואָס האַלט אַ *שטיקל* ליניע פאַר אַ גאַנצע. עס בלאָזט אים אויף צו דער גרייס פון אַ גאַנצער סיסטעם און שאַפט דערפון אַן אַבסאָלוט".

און דערום האַלט לענין, אַז נישט נאָר יעדע רעליגיע, נאָר אויך אַלע מעטאָדן און לערעס פון דער נישט-מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע זענען אַ גרויסע גייסטיקע סכּנה פאַר די רעגירונגען פונם אַרבעטערקלאַס. בפרט האָט ער געהאַלטן דעם *אידעאַליזם* פאַרן מקור פון קאָנטר-רעוואָלוציע. אומברחמנותדיקער קאַמף מיט אים — די וויכטיקסטע אויפגאָב פון דער רעוואָלוציע.

וועלנדיק אָפּהיטן דעם נאָענטסטן דור, די קאָמוניסטישע יוגנט, פון

„גייסטיקן סם פון דער אַלטער וועלטאַנשויונג״, האָט ער געטון אַלץ, וואָס מעגלעך, כדי אינגאַנצן צו ענדערן דעם מהות פון די העכערע שולאַנשטאַלטן. יעדע אידעאַליסטישע לערע איז גלייך פאַלש און געפערלעך, ווי רע׳יגיע. דערפאַר האָט מען געמוזט מאַכן אומשעדלעך די פאַרזאָגער פון אָט די מינים לערעס. אויך אין די יורידישע וויסנשאַפטן האָט לענין געזעען איבערבלייבענישן פונם אידעאַליזם, ווייל געוויסע מענטשן באַשטימען לכתחילה אָט די וויסנשאַפטן ספּעציעלע רעכט — און דאָס איז דאָך אַ בפירושער היפּוך פון די קאָמוניסטישע פּרינציפּן. אָבער אפילו אין די ענגע וויסנשאַפטן האָט געמוזט זיין אַ שטרענגע קאָנטראָל מצד די קאָמוניסטן, כדי ס׳זאָל נישט אַמאָל צופעליק אין זייערע עקספּערימענטאַלע פאָרשונגען קומען צו אַן אויסגאַנג, וואָס קאָן אַמאָל אויספירן, אַז ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ העכערע גייסטיקע קראַפט, וואָס געוועלטיקט איבערן מענטשן.

די גאַנצע אויסטערלישקייט פון אָט דער „גייסטיקער דיקטאַטור פונם מאַטעריאַליזם״ וועלן מיר ערשט געווי פאַרשטיין, ווען מיר וועלן זיך נעענטער פאַרנעמען מיט דער געשיכטע פון דער באָלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע. דיזעלביקע פּאַרטיי, וואָס באַקעמפט איצט אַזוי ברוטאַל און אומברחמנותדיק אַלערליי פאָרמען אידעאַליזם, האָט נישט לאַנג צוריק אין נאָמען פון דיזעלביקע אידעאַליסטישע פּרינציפּן געקעמפט מיטן מאַטעריאַליזם פון די מענשעוויקעס. ערשט לענין, וואָס האָט אַ לענגערע צייט זיך כמעט אינגאַנצן נישט פאַרינטערעסירט מיט פילאָזאָפישע פראַגן, האָט אָנגעוואָרפן זיין פּאַרטיי גאָר אַן אַנדער וועלטאַנשויונג. אַז מען האָט אים געפרעגט זיין מיינונג וועגן דעם אידעאָלאָגישן קאַמף פון די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס — איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, ווו ער האָט זיך אָפּגעגעבן פילאָזאָפישע שטודיען. פאַראַן צוויי סברות — אַז ער האָט דאָרט שטודירט צוויי יאָר, אָן אַנדערע — אַז זעקס וואָכן. אָבער צוריקגעקומען, האָט ער זיך אַנטשלאָסן אַרויסגעזאָגט פאַר דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע. ביז דעמאָלט האָט פאַר אָט דער פילאָזאָפיע געקעמפט פּלעכאַנאָוו, זיין מענשעוויסטישער קעגנער. באָגדאַנאָוו — דעמאָלט אַ באָלשעוויק — „עמפּיריאָ-קריטיציזם״ האָט ער געפּטלט, ווי נישט אַנטשפרעכנדיק פאַרן פּראַקטישן קלאַסנקאַמף. און דאָס איז שוין גענוג געווען, אַז ער זאָ׳ אויף אים אַרויסגעבן אַ טויט-אורטייל.

אַז לענין פלעגט לייענען פילאָזאָפישע ווערק, פלעגט ער זיי נישט שטודירן סיסטעמאַטיש, נאָר געמישט בלאַט נאָך בלאַט. לעפּעשינסקאַיאַ דערציילט: איינמאָל איז זי געפאָרן מיט לענינען אויף אַ שיף; ער האָט דעמאָלט געהאַלטן אין האַנט אַ גראָב פילאָזאָפיש בוך און כסדר געבלעטערט. אַז זי האָט אים געפרעגט, צי ער לייענט טאַקע, צי ער קוקט נאָר אַדורך דאָס בוך, האָט ער איר געענטפערט מיט אַ שמייכל, לייכט פאַרוואונדערט: „אוודאי לייען איך, און דאָס זייער אויפמערקזאַם, ווייל עס איז אַ וויכטיק בוך...״ און דערום שרייבט ריכטיק דער מענשעוויק אַלדאַנאָוו וועגן זיינע פילאָזאָפישע שטודיעס: „קלאָר, אַז לענין האָט זיך

אינטערעסירט מיט פילאָזאָפיע אַזוי, ווי ער אינטערעסירט זיך מיט יעדן קעגנער. ער האָט אַדורכגעשטודירט, ריכטיקער — ער האָט אַדורכגעבלעטערט אַ מאַסע פילאָזאָפישע ווערק, צוליב דיזעלביקע מאָטיוון, וואָס דייטשע אָפיצירן האָבן זיך געלערנט די רוסישע שפראַך".

און ווירקלעך האָבן אים די פאַרשידענע פילאָזאָפישע דיסקוסיעס אינטערעסירט נאָר פון דער פראַקטיש-פּאָלעמישער זייט. דערמיט דערקלערט זיך זיין פּאָלעמישער טאָן אין זיינע אַרבעטן אויף דעם געביט. ער רייסט כסדר איבער זיינע אייגענע אויספירן, פאַלט פאַרביסן אָן אויף זיין קעגנער און פאַרשיט אים מיט אַ האָגל בייסנדיקע, ווייטועדיקע באַמערקונגען.

אַז אין יענעם היסטאָרישן קאַמף פון די מענשעוויקעס מיט די באָלשעוויקעס האָט לענין געזאָגט זיין וואָגיקע מיינונג פ אַ ר ן מאַטעריאַליזם — האָבן דאַן אַלע זיינע אָנהענגער אָנגעהויבן העפטיק צו באַקעמפן באָגדאַנאָווס לערעס און פרינציפּן, וואָס זיי אַליין האָבן נעכטן פון זיי געהאַלטן. סוף-כל-סוף האָט דאָס דערפירט דערצו, אַז באָגדאַנאָוו איז אַרויסגעטרעטן פון דער באָ,שעוויסטישער פאַרטיי. אָבער ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז וואַנען אָט די אינערלעכע איבערקערעניש אין דער באָלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע האָט געפונען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אויך פאַר דער עפנטלעכקייט. האַרט פאַר דער וועלט-מלחמה האָט די פאַרטיי עקזיסטירט נאָר כלפּי-חוץ. און אפילו שפּעטער, בשעת דער פעברואַר-רעוואָלוציע, האָט זי געמוזט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט שענקען קודם-כל ריין-פּאָליטישע פראַגן. ערשט אָקטאָבער 1917, ווען די פאַרטיי האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט מען זיך גענומען ענדגילטיק צו דעפינירן די אידעאָלאָגיע פונם באָלשעוויזם. דעמאָלט האָט מען דידאָזיקע פראַגע אַנטשידן לטובת לענינען, לטובת דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. לענינס אָפּהאַנדלונג וועגן קאַמף צווישן אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם איז געוואָרן אויפס'ניי אַרויסגעגעבן און פייערלעך דערקלערט געוואָרן פאַר דער אָפיציעלער פילאָזאָפיע פון דער פאַרטיי.

גענומען פאַר אַן אויסגאַנג-פונקט מ אַ ר ק ס ' ס באַקאַנטע פאָרמול, האָט לענין גענומען די פראַקטיק פאַרן פראָבירשטיין פון יעדער טעאָרעטישער דערקענטעניש. „לעבן, פראַקטיק — האָט ער געשריבן — איז יענער פרינציפּיעלער שטאַנדפּונקט, פון וועלכן מען מוז קוקן אויף יעדער דערקענטעניש-טעאָריע. און דאָס פירט גלייך צום מאַטעריאַליזם, דאָס וואַרפט אַרויס פון דעם פילאָזאָפישן פּילפּול אַלערליי נישט-דערענדיקטע גריבלענישן... נאָר דאָס, וואָס די מאַרקסיסטישע וויסנשאַפט באַשטעטיקט אונז הן אויפן ריין-טעאָרעטישן געביט, הן אויפן געזעלשאַפטלעכן — נ אָ ר ד אָ ס איז דער איינציקער אָביעקטיווער אמת".

דערפאַר האָט ער טאַקע באַשלאָסן קודם-כל אונטערצונעמען נישט נאָר צו „דערקענען, נייערט אויך צו ענדערן די וועלט" — פאַרוואַנדלען די טעאָריע אין פראַקטיק. אין זינען פון אָט דער לערע האָט זיין טעאָרעטיש באַוווסטזיין — וועגן דער נויטווענדיקייט צו באַפרייען דעם פּראָלעטאַר-

יאַט — דיקטירט אים נישט נאָר אָנצונעמען אַ רויקן און אָביעקטיוון
שטאַנדפּונקט אויף דער ווירקלעכקייט, נאָר אויך צו ענדערן אָט די ווירק-
לעכקייט. די פּראַקטיק האָט גלייכצייטיק געדאַרפט באַפרוכפּערן די טע-
אָריע און גורם זיין צו איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. לויט זיין מיינונג
האָבן די טעאָרעטיקער געדאַרפט „געבוי באַאַרבעטן אין מאַרקסיסטישן גייסט
אַן איבערקוק פון דער רוסישער געשיכטע און ווירקלעכקייט. אָט די טע-
אָריע גלייכצייטיק פּאָפּולאַריזירן, מאַכן פאַרשטענדלעך פאַרן אַרבעטערקלאַס
און באַשאַפן אַ פאָרם אָרגאַניזאַציע צו פאַרשפּרייטן דעם קאָמוניזם". „די מאַרק-
סיסטישע טעאָריע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו אַנטפּלעקן די קעגנזאַצן
און עקספּלואַטאַציע-פאָרמען אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, שטודירן זייער
מהות און אַזוי-אַרום פאַרלייכטערן דעם פּראָלעטאַריאַט דאָס באַזייטיקן זיי".
דער סוד פון לעבינס דערפאָלג באַשטייט אויך טיילווייז אין זיינע פעי-
קייטן צו אונטערוואַרפן אַמאָל די טעאָריע — דער פּראַקטיק, און אַמאָל —
פאַרקערט. ער האָט זיך קיין איין מינוט נישט געוואַקלט, ווען מ'האָט גע-
דאַרפט פאַרווירקלעכן די טעאָרעטיש-דעראָבערטע באַגריפן. אָבער ער האָט
אויך אָן שום ספיקות זיך אַנטשלאָסן צו רעווידירן די טעאָריע, ווען די
פּראַקטישע רעזולטאַטן האָבן אים דערצו געבייט. „דער פּראַקטישער עמ-
פּיריסט — שרייבט דעבאָרין, לעבינס פילאָזאָפישער אויסטייטשער — שאַפט,
ווי איך וועל זיך אויסדריקן, פון פאַל צו פאַל. ער זעט נישט און קוקט
נישט אויף דעם קאָמפּלעקס דערשיינונגען, אויף זייער אינערלעכער שייכות
און לאָגישע קאָנסעקווענצן. אָבער דער דענקער-רעוואָלוציאָנער באַנוגנט זיך
נישט בלויז מיט עפּעס איין צופעליקן פענאָמען. פאַר אים איז ווייניק בלויז די
אויסערלעכע זייט פון עפּעס אַ דערשיינונג. ער באַמיט זיך אין זיינע פאָר-
שונגען זיך צו שטיצן אויף דעם עצם פון די דערשיינונגען, אויף די גע-
זעצן, וואָס ברענגען זיי. די רעכט פון דער געזעלשאַפט זענען זייערע מע-
טאָדן און זייער טרייבקראַפט, און די אומאויפהערלעכע ענדערונגען און
האַנדלונגען פון דער ווירקלעכקייט קומען פאָר דווקא אין זינען פון יענע
אינערלעכע געזעצן. די מענטשהייט וועט אַזוי לאַנג זיין בלינד און וועט
טאַפּן אין דער פינסטער, ווי לאַנג יענע געזעצן וועלן בלייבן פאַר איר אַ
סוד. אָבער ווען זי וועט זיי דערקענען, וועט זי קליגער ווערן... עס קאָן
נישט זיין קיין שום זעלבסטבאַוווסטזיניקע היסטאָרישע און געזעלשאַפטלע-
כע טעטיקייט, אויב זי איז נישט געשטיצט אויף אַ ריכטיקער און אָביעק-
טיוו-פעסטגעשטעלטער טעאָריע. אָט אַזאַ מין טעאָריע איז דער ערשטער
תנאי ביי יעדער באַוווסטזיניקער ווירקונג אויף אַ וועלכן-ס'איז היסטאָרישן
פּראָצעס".

און אָט די טעאָריע האָט לענין געזעען אין דער דיאַלעקטיק. ער
האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז זי באַווייזט, „ווי קעגנזאַצן קאָנען ווערן
און ווערן טאַקע ענלעך, אין וועלכע באַדינגונגען זיי ווערן איינס, גיסן זיך
צוזאַמען איינס אינעם אַנדערן — און פאַרוואָס זאָל דער מענטשלעכער גע-
דאַנק האַלטן אָט די סתירות נישט פאַר קיין טויטע און פאַרשטיינערטע,

נייערט פאַר לעבעדיקע, באַוועגלעכע, וואָס גייען קעגנזייטיק אַריין אין זיך".

צווישן די פּאַפּירן, וואָס זענען געבליבן נאָך לענינען, געפינט זיך אַ פּראַגמענט פון זיינער אַן אַרבעט וועגן דיאַלעקטיק. לעבן אינטערעסאַנטע נאָטיצן וועגן העראַקליט, אַריסטאָטעלעס, פילאָן און העגעל געפינען מיר דאָרט אַ מין טאַבעלאַרישע צענויפשטעלונג פון פאַרשידענע צווייגן וויסנשאַפט און זייער באַציונג צו יענעם דיאַלעקטישן „קאַמף פון די קעגנזאַצן". אין דערדאָזיקער טאַבעלע זוכט לענין אין דער מאַטעמאַטיק, אין דער פיזיק, אין דער מעכאַניק און אין כעמיע פאַרשידענע קעגנזאַצן, וואָס זענען דיאַלעקטיש מיט זיך געבונדן. ער באַמיט זיך צו דערווייזן, אַז אַלע וויסנשאַפטן, אַזוי די נאַטורוויסנשאַפטלעכע, ווי די פּאָליטישע, זענען אין תּוך פולשטענדיק דיאַלעקטיש און שטאַמען פון דיאַלעקטישע קעגנזאַצן.

אָבער וויבאַלד דער דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם וואָלט געמוזט האָבן דעם ווערט פון אַ וויסנשאַפטלעכן מעטאָד — וואָלט ער געמוזט באַשטעטיקט ווערן אין ענגער וויסנשאַפט. שוין ע נ ג ע ל ס האָט אַמאָל באַמערקט, אַז די נאַטור איז דער בעסטער פּראָבירשטיין פון דער דיאַלעקטיק, און דער מאַטעריאַליסט דאַרף זיין דאַנקבאַר דער נאַטורוויסנשאַפט, וואָס זי גיט אים מיט יעדן טאָג מאַטעריאַל צו באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון זיין טעאָריע. אָט אָן דעם שטאַנדפּונקט האָט זיך אויך געהאַלטן לענין. ער האָט דערום געפּרוּווט זוכן אַ באַשטעטיקונג פון זיינע פילאָזאָפישע טעאָריעס אין דער פיזיק.

אָבער אַז די ענגע וויסנשאַפטן האָט אים נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן אויף צו באַשטעטיקן די טעאָריע פון מאַטעריאַליזם, נאָר פאַרקערט — זיי האָבן גיכער געברענגט צו ריין-אידעאַליסטישע אויספירן — איז פאַר אים קלאָר געוואָרן וואָסאַמאָל מער די נייטיקייט צו געבן אַלע דערגרייכונגען פון די גענויע באַטראַכטונגען אונטער אַ גרינטלעכער „מאַרקסיסטישער רעוויזיע" פונם שטאַנדפּונקט פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. ער האָט דעריבער פאַרלאַנגט אַ שטרענגע, דורכויס מאַטעריאַליסטישע קאָנטראָל איבער דער גאַנצער טעטיקייט פון אַלע פאָרשונגען. ער האָט דערביי געפּאָדערט אַרויסצוּוואַרפן אַלע אידעאַליסטישע אויספירן, כדי ס'זאָל נישט צופעליק אפילו אין דער נאַטורוויסנשאַפט אַנטשטיין עפּעס אַ פרישע געטלעכע אידעע.

## 6

אָט די מאַטעריאַליסטישע וועלטאַנשויונג לענינס האָט גורם געווען, אַז אפילו ק ו נ ס ט האָט ער אויך נישט באַהאַנדלט, ווי אַ זעלבשטענדיקע, אומאָפּהענגיקע דערשיינונג פון מענטשלעכן גייסט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ דערשיינונג, וואָס קומט אין קאָנסעקווענץ פון יעדע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דערום האָט ער פּערזענלעך זיך צו דער קונסט באַצויגן, ווי אַ פּראַקטישער פּאָליטיקער. ער האָט פון איר געהאַלטן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי האָט געקאָנט צונוץ-קומען פאַר אַגיטאַציע-צוועקן.

„נידער מיט אומפּאַרטייאישער ליטעראַטור!" — האָט ער גע-

שריבן שוין דאָס יער 1905.—„נידער מיט דער ליטעראַטור פון די איבערמענטשן! די ליטעראַטור מוז ווערן אַ טייל פון דער אַלגעמיינער אַרבעטערזאַך. זי מוז ווערן אַ גליד, אַ שרייפל פון דער ריזיקער מאַשין, וואָס דער באַוווּסטזיניקער אַרבעטערקלאַס פירט מיט איר אָן".

אפילו די פּלאַסטישע קונסט דאַרף דינען פּאַרטייאיש-פּאָליטישע צילן. ער האָט זי אָנערקענט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל מען האָט זי געקאָנט איינשפּאַנען אין ריידוואָגן פון פּאָליטישער אַגיטאַציע. די גאַנצע צייט פון דער רעוואָלוציע האָט ער געפאָדערט, מען זאָל „פּאַרפּאָליטיקירן די קונסט".

ל ו נ אַ ט ש אַ ר ס ק י דערציילט, אַז דאָס יאָר 1918 האָט אים לענין פאַרבעטן צו זיך און דערקלערט, אַז מען מוז אויסנוצן די קונסט, ווי אַן אַגיטאַציע־מיטל.

דאַן האָט ער געגעבן צוויי פאָרשלאָגן: 1) מען דאַרף אויף די בנינים און מויערן אויפהענגען ריזיקע רעוואָלוציאָנערע אויפשריפטן. 2) מען דאַרף אויפשטעלן אַ גאַנצע ריי דענקמעלער פאַר גרויסע רעוואָלוציאָנערן. ביידע פאָרשלאָגן זענען אינגיכן געוואָרן פאַרווירקלעכט. אין די קלענערע שטעט אין רוסלאַנד זענען די הייזער משך אַ געוויסער צייט געווען ענלעך צו גרויסע מודעה־בלעטער. אין מאָסקווע און אין לענינגראַד האָט מען אויפגעבויט אַ ריי דענקמעלער פאַר רעוואָלוציאָנערע העלדן.

דעם אמת געזאָגט, איז לענין געווען נישט איבעריק אַנטציקט דערפון, ווי אַזוי מ'האָט רעאַליזירט זיין פאָרשלאָג. איינמאָל האָט ער באַזוכט אַן אויסשטעלונג פון פּראָיעקטן צו עפּעס אַ דענקמאָל. ער האָט קריטיש באַטראַכט אַלע אויסגעשטעלטע אַרבעטן, און קיין איינע נישט אַקצעפּטירט. אַ לענגערע צייט האָט ער זיך פאַרווונדערט צוגעקוקט צו עפּעס אַ פוטוריסטישן דענקמאָל; אַז מ'האָט אים געפרעגט, ווי עס געפעלט אים, האָט ער געענטפערט, אַז ער קען זיך נישט לחלוטין אויף דעם, אַז מען זאָל פרעגן לונאַטשאַרסקין. און אַז לונאַטשאַרסקי האָט געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג טויג נישט קיין שום פּראָיעקט אויף צו רעאַליזירן, האָט לענין פריידיק אויסגערופן: „און איך האָב זיך שוין געשראָקן, אַז איר וועט הייסן אויפשטעלן איינס פון אָט די פוטוריסטישע פאַרזעענישן".

בכלל האָט לענין נישט ליב געהאַט פוטוריזם. איינמאָל איז ער געקומען אין אַ ר ט י ס ט ן - ה י י ם און לאַנג געשמועסט מיט די פוטוריסטישע מעלער און סקולפּטאָרן. אין זיינע ווערטער האָט געקלונגען אָפענע איראָניע, און פון דער גאַנצער פוטוריסטישער ריכטונג האָט ער קענטיק חוזק געמאַכט. פאַרן אוועקגיין האָט ער געזאָגט פאַר אַ טרייסט, אַז פון דעם אַלעמען פאַרשטייט ער ג אָ ר נ י ש ט.

די שעפער פון דער נייער רוסישער קונסט, די באָלשעוויסטישע דיכטער, מעלער, סקולפּטאָרן, אַרכיטעקטן, וואָס האָבן אין זייערע ווערק פאַראייביקט לענינס ריזיקן אויפטו — זיי זענען פשוט געווען פאַרצווייפלט צוליב אָט דער פולשטענדיקער טויבקייט און בלינדקייט זיינער. זיי האָבן

געהאַלטן, אַז ער קאָן נישט פאַרשטיין אָט די העכסטע און פולקומסטע אויסערלעכע פאָרמען פון זיין רעגירונג-סדר, ווי אַזוי די קונסט דריקט עס אויס.

אָט די נישט-פאַרשטענדעניש פאַר דער קונסט דערקלערט זיך אין אַ בעוויסער מאָס דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט צו ווייניק צייט אין זיין לעבן אויף צו פאַרנעמען זיך מיט קונסט. דאָס יאָר 1905, בשעת דער ערשטער רעוואָלוציע, האָט לענין געהאַט אַ געלעגנהייט איבערצוקוקן עטלעכע אַר-טיסטישע מאָנאָגראַפיעס. דאָס איז געווען ביי אַ פּאַרטייחבר. אויפצומאָרגנס האָט ער געזאָגט:

— וואָסער ריזיקער און הערלעכער געביט ס'איז די געשיכטע פון דער קונסט! וויפל וואָלטן די קאָמוניסטן געקאָנט אויפטון אויף אָט דעם פעלד! נעכטן האָב איך די גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט קיין אויג, כ'האָב איבערגעקוקט איין בוך נאָכן אַנדערן. כ'האָב געהאַט צו זיך גרויס פאַריבל, וואָס כ'האָב נישט קיין צייט און וועל קיינמאָל נישט האָבן קיין צייט זיך מיט דעם צו פאַרנעמען.

ער איז אָבער געווען אַ קעגנער פון יעדן מין דילעטאַנטיזם, און דערום פלעגט ער זיך היטן פון צו זאָגן אַ מיינונג אין פראַגן פון קונסט. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַן אייגענעם, ראַפינירטן אַר-טיסטישן געשמאַק, געהאַט באַשטימטע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס.

די רוסישע ליטעראַטור פון דער רעוואָלוציע-תּקופה איז אים אייגנטלעך לחלוטין פרעמד געווען. אָפטמאָל פלעגט ער זיך אויסדריקן מיט אָנער-קענונג וועגן ערענבורגס ווערק, פאַר עטלעכע מאיאַקאָווסקיס פּאָעמעס און פאַר דעמיאַן ביעדני. אָבער אַז ער פלעגט עפּעס לייענען, איז עס ס'רוב געווען פון דער עלטערער רוסישער ליטעראַטור.

לענינס פרוי, נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ, גיט איבער אינטערעסאַנ-טע פּרטים וועגן לענינס ליטעראַרישן געשמאַק. לענין פלעגט האָבן אין סיביר לעבן העגעלן אויך פושקינס, לערמאַנטאָווס, ניעקראַסאָווס ווערק. פון דאָסטאָיעווסקין האָט ער נישט איבעריק געהאַלטן. לענין האָט אים גע-האַלטן פאַר אַ רעאַקציאָנער, און זיין גרויסע שטימונג — פאַר אַ פאַר-מאַסקירטע פאָרם קאָנטר-רעוואָלוציע. ער פלעגט זיך זייער שטאַרק אינטערעסירן מיט טאָלסטאָיען, בפרט מיט זיינע סאָציאַליסטישע לע-רעס. שפּעטער האָט ער זיי ענערגיש באַקעמפט, געהאַלטן זיי פאַר אַן אמתדיק אומגליק פאַר רוסלאַנד. שוין דאָס יאָר 1918 האָט ער אין „פּראָלע-טאַרי" אָפּגעדרוקט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן טאָלסטאָיען, אָפּן זיך אַרויס-געזאָגט וועגן דעמדאָזיקן דיכטער-אַפּאָסטאָל:

„אויפן ערשטן קוק זעט אויס זייער וווּנדערלעך און אומנאַטירלעך דאָס צוזאַמענשטעלן די רעוואָלוציע מיטן נאָמען פונם דאָזיקן גרויסן מייס-טער, וואָס האָט די רעוואָלוציע נישט פאַרשטאַנען און איר באַוווסטזיניק אָפּגעטרעטן פונם וועג. אָבער אונזער רעוואָלוציע איז זייער אַ קאָמפּלי-צירטע דערשיינונג. צווישן דער גרויסע מענגע אירע דירעקטע אָנטייל-

בעמער און אויספירער זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע עלעמענטן, וואָס פאַר־שטייען נישט דעם זינען פון די געשעענישן און ווילן נישט אויספירן פּאַק־טיש־היסטאָרישע אויפגאַבן. אויב דאָס איז אַן אמתער גרויסער קינסטלער — וועט אַזאַ מענטש אין זיינע ווערק אָפּשפּיגלען כאָטש איין וויכטיקע זייט פון דער רעוואָלוציע.

„די סתירות אין טאָלסטאָיס אָנשויונגען דאַרף מען נישט באַטראַכטן פונם קוקווינקל פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג און סאָציאַליזם, נייערט ווי אַ פּראָטעסט קעגן דעם הערשנדיקן קאַפּיטאַליזם — אַ פּראָטעסט, וואָס האָט געמוזט געבוירן ווערן אין דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסישן דאָרף. טאָלסטאָי זעט אויס קאָמיש אין דער ראָל פון אַ נביא. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט אויסגעפונען פרישע רפואות צו ראַטעווען די מענטשהייט. דערום זענען די רוסישע און אויסעררוסישע טאָלסטאָיאַנער זייער נעבעכדיקע ברואים, ווייל זיי ווילן די שוואַכסטע זייט פון זיין לערע פאַרוואַנדלען אין דער העכסטער תורה. גרויס איז טאָלסטאָי אַליין, אויף וויפל ער שילדערט אונז די שטימונגען און אידעען אין דאָרף אין דער תקופה רעוואָלוציע. ער איז אָריגינעל, הגם — ווייל אַלע זיינע אָנ־שויונגען, אַלס גאַנצעס, זענען שעדלעך — ער מאָלט פאַר אונז אָט די אומגעהייערע ספּעציפישקייט פון אונזער רעוואָלוציע, ווי אַ פּויערישן אויפ־שטאַנד...

„טאָלסטאָי האָט פאַר אונז אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק אָט דעם ריזיקן האַס, וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג אָנגעקליבן, אָט דעם רייף־ווערנדיקן ווילן פאַר אַ שינוי צום בעסערן און דעם ווילן אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם עבר. אין דערזעלבער צייט לייענען מיר פון אים אַרויס די גאַנצע טראַגישקייט פון פּריצייטיקע טרוימערייען, דאָס פעלן פון פּאָליטישער געשוולטקייט און רע־וואָלוציאָנערע, אומאַנטשלאָסענע ווייכלייביקייט. די היסטאָריש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען דערקלערן אונז סיי דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, סיי די חסרונות אין דער צוגרייטונג צו אים. טאָלסטאָיס לאָזונג: „נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס” איז געוויס געווען איינע פון די הויפּט־סיבות פון אונזער מפּלה אין דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּאַניע.

„די סתירות אין טאָלסטאָיס ווערק, אָנשויונגען, לערעס און תורה זע־נען פשוט אומגעהייערע. פון איין זייט: אַ געניאַלער קינסטלער, וואָס האָט געשאַפן קלאַסישע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור, געגעבן אונז פּראַכטפולע בילדער פונם רוסישן שטייגער. פון דער אַנדערער זייט: אַ פּשוטער פויער מיט אַ קלעפּקע אין קאָפּ — כריסטוס. פון איין זייט: אַ מעכטיקער, אויפריכטיקער פּראָטעסט קעגן דער צביעות און פאַלשקייט פון דער היינטיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. פון דער צווייטער זייט: דער שעפער פון די טאָלסטאָיאַנער, יענעם העסלעכן אָפּפאַל פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וואָס קלאַפּט זיך עפנטלעך אין האַרצן אַריין און זאָגט: „כ'בין מיאוס, עקלהאַפט — אָבער איך באַמי זיך צו זיין מאָראַליש

פולקום. כ׳עס נישט קיין פלייש, נאָר קאָטלעטן פון רייז״. פון איין זייט— אַנטשלאָסן אַראָפּרייסן די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע, דעמאַסקירן די רעגירונג און אַלע אירע גוואַלט-מעשים, די קאָמעדיע פון גערעכטיקייט און דעם קאָנטראַסט צווישן דעם כּסדרדיקן ווּקס פון דער רויבער-באַנדע און דער אַרבעטער-נויט, וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג. פון דער אַנדערער זייט — נאַרישע, אידיאָטישע געבאָטן, אַז מען זאָל זיך דעם שלעכטס קיינ-מאָל נישט אַנטקעגנשטעלן מיט גוואַלט. דאָ — ניכטערער רעאַליזם, דאָס אַראָפּרייסן אַלע עקזיסטירנדיקע מאַסקעס, דאָרט — דאָס פּאָרזאָגן די מי-אוסטע זאַך אויף דער וועלט—רעליגיע. אָנשטאָט אָפיציעלע גלחים—וויל ער גלחים פון איבערצייגונג און זיטלעכקייט — מיט איין וואָרט, קולטיווירן די עקלהאַפטע, צביעותדיקע ממשלה פונם קלער״...

אָבער לענין האָט זיין גאַנץ לעבן הויך געשעצט לעוו טאָלסטאָיען, ווי אַ קינסטלער. אויף זיין טישל אין קרעמל האָט מען אָפט געקאָנט גע-פינען אַ באַנד טאָלסטאָי.

— היינט האָב איך געוואָלט—זאָגט אַמאָל לענין צו גאָרקין — ווידער איבערלייענען דאָס בילד פון דער יאַגד אין „מלחמה און שלום״ — אָבער כ׳האָב זיך דערמאַנט, אַז איך דאַרף נאָך אָנשרייבן אַ בריוו צו אַ חבר. כ׳האָב דאָך אַזוי ווינציק צייט אויף צום לייענען! אָבער היינט ביינאַכט וועל איך זיך זיכער פאַרטיפן אין טאָלסטאָיען. — לענין האָט אַ שמייכל געטון, פאַרזשמורעט די אויגן, באַקוועם זיך אויסגעשפּרייט אויפן פאָטעל: „טאָלסטאָי, וואָסער כּוח דאָס איז, וואָסער ריז! טאָלסטאָי, טייערער פריינד,— אָט דאָס איז אַ קינסטלער! דאָס שענסטע אין אים, דאָס איז זיין קול און דער דענק-אופן פון אַן אמתדיקן פּויער. דאָס איז טאַקע אַן אמתדיקער, וואָרער פּויער, וואָס פאַר אים איז נאָך נישט געווען. פאַר אָט דעם גראַף האָבן מיר נישט געזעען קיין אמתדיקן פּויער אין דער גאַנצער ליטעראַטור״. ער האָט אַ פינטל געטון מיט זיינע אַזיאַטישע אויגן צו גאָרקין און געפרעגט: „וואָס קען דען אייראָפּע אַנטקעגנשטעלן אַזאַ טאָלסטאָיען? גאָרנישט!״ און ער האָט אַ שמייכל געטון און צופרידן זיך געריבן די הענט.

ווי נ. קרופּסקאַיאַ דערציילט, האָט זיך אין לענינס ביבליאָטעק געפו-נען געטעס „פאַוסט״ און אַ באַנד היינעס לידער — אין דייטש. באַזונדער הויך האָט ער אָבער געהאַלטן טשערנישעווסקיס „וואָס טוט מען?״. בשעת ער איז געווען אין פּאַריז, פלעגט ער זייער גערן לייענען וויקטאָר הוגאָן און ווערהאַרן. בשעת מלחמה האָט ער שטודירט באַרביס׳ס „פייער״, דזשעק לאָנדאָן און מאַקסים גאָרקין. דעמאָלט האָט ער אויך נישט אַרויס-געוויזן קיין גרויסע פאַרינטערעסירונג צו דער נייסטער רוסישער ליטעראַטור.

לונאַטשאַרסקי דערציילט אויך וועגן לענינס נעגאַטיווער באַציונג צו דער מאָדערנער רוסישער פּאָעזיע: „אמת, וולאַדימיר איליִטש האָט נישט אונטערגעשיידט די וויכטיקייט און דעם באַטייט פון די גרופּן פּראָלעטאַרי-שע דיכטער. אָבער דערהויפּט פלעגט ער זיך נישט פאַרינטערעסירן מיט די ווערק פון די נייע ליטעראַרישע פאַרבאַנדן, וואָס האָבן זיך געשאַפן

בעת דער רעוואָלוציע — ער האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט זיך דערמיט צו פאַרנעמען".

יעדנפאַל האָט ער געהאַט גענוג צייט אויף איבערצולייענען מאַיאַקאָווסקיס „הונדערט און פופציק מיליאָן". עס איז אים זייער נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז קינסטלעך און זייער פלאַך.

ער האָט אויך נישט געהאַט קיין באַזונדערע ליבע צום נייעם טעאַטער און זעלטן אויסגעווען אויף אַ פּיעסע ביזן סוף. דאָס לעצטע מאָל איז ער געווען אין מאָסקווער טעאַטער אויף אַ פאָרשטעלונג פון דיקענס'ס „גריל הינטערן אויוון". דאָס סענטימענטאַלע אינם דאָזיקן ווערק האָט אים פּשוט געעקלט. ער האָט זיך אויך שטאַרק אַנטוישט אין דער אויסשטעלונג פון גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט". אַנטקעגן איז אים שטאַרק געפעלן הויפּטמאַנס „הענשל פורמאַן" און טשעכאָווס „פעטער וואַניאַ" — ביידע פּיעסן אינם זעלביקן טעאַטער. בעת עמיגראַציע האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק טאָלסטאָיס „לעבעדיקער מת" אין בערנער שטאָטישן טעאַטער.

לענינס באַציונג צו דער קונסט און אירע לעצטע באָלשעוויסטישע ריכטונגען כאַראַקטעריזירט צומבולטסטן זיין שמועס מיט ק ל אַ ר אַ צ ע ט ק י ן, מיט זיין פרוי און זיין שוועסטער. „פאַרוואָס זאָלן מיר דווקא פאַרהערלעכן יעדעס נייס — בלויז דערפאַר, וואָס עס איז אַ נייס? ס'איז דאָך נאַריש, ס'איז דאָך אומזיניק! אַ גרויסע ראָל שפּילט דאָ — אפשר אַפילו אומבאַוווסטזיניק,—די צביעות אין דער דרך-ארץ פאַר דער אייראָפּעישער ריכטונג אין דער קונסט. מיר זענען טאַקע גוטע רעוואָלוציאָנערן, אָבער מיר מוזן ווייזן, אַז מיר שטייען אויף דער הייך פון דער מאָדערנער קולטור. איך בין זיך אָפן מודה. איך בין אַ באַרבאַר. איך קאָן בשום אופן נישט אָנערקענען פאַרן העכסטן זשעני פון דער קונסט אָט די אַלע עקספּרעסיאָניזמען, פוטוריזמען, קוביזמען און אַנדערע איזמען. נישט איך פאַרשטיי זיי, נישט זיי געבן מיר דעם מינדסטן גענוס".

קלאַראַ צעטקין האָט דערויף געענטפערט, אַז זי קאָן אויך בשום אופן נישט פאַרשטיין, הלמאי זאָל, צבש„ אַ שטימונגפולע נשמה אָנגעצייכנט ווערן, ווי אַ דרייעק, אָדער פאַרוואָס ווייל די רעוואָלוציאָנערע קאָמפּלוסטיקייט פאַרוואַנדלען דעם מענטשלעכן קערפּער אין אַ פאָרמלאָזן זאַק אויף צוויי קוליעס. לענין האָט זיך האַרציק צעלאַכט: „אַזוי, אַזוי, ליבע קלאַראַ — ווייזט אויס, מיר זענען שוין אויף דער עלטער. לאָמיר זיך טרייסטן מיט דעם, וואָס אין דער רעוואָלוציע זענען מיר כאָטש געבליבן יונג און גייען אין אירע ערשטן רייען. מיר קאָנען שוין נישט אָבגיין דער נייער קונסט. מיר הינקען איר נאָך". אַ ווײַלע שוויגן. „אָבער אונזער מיינונג וועגן קונסט האָט נישט קיין גרויסן באַטייט — אַזוי ווי דאָס, וואָס די קונסט קאָן געבן עטלעכע הונדערט, צי עטלעכע טויזנט מענטשן. קונסט — דאָס איז דער קנין פון גאַנצן פאָלק. זי מוז אַריינלאָזן אירע וואָרצלען אין די גרויסע שעפערישע מאַסן. זיי דאַרפן זי פאַרשטיין און ליבן. די קונסט דאַרף אייניקן די מאַסן און לייטערן זייערע געפילן, געדאַנקען און

ווילן, די דאַרף אין זיי וועקן און אַנטוויקלען די קינסטלער. בי דאַרפן מיר געבן אַ נישטיקער מינדערהייט זיסע קיכלעך — ווען די ברייטע מאַסן אַרבעטער און פויערן האָבן נישט קיין ברעקל שוואַרץ ברויט? פאַרשטייט זיך, אַז איך זאָג דאָס נישט נאָר אין ווערטלעכן זינען, נאָר אויך סימבאָליש. מיר מוזן תמיד געדענקען אָן די אַרבעטער און פויערן און אפילו אויפן געביט פון קולטור און קונסט נאָר מיט זיי זיך רעכענען.

ביז וואַנען די קונסט וועט קומען צום פאָלק און דאָס פאָלק צו דער קונסט, מוזן מיר אַפריער אויפהייבן דעם ניוואָ פון בילדונג און קולטור. און ווי אַזוי זעען מיר פּאַקטיש אויס אין דעם פּרט? מען רעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דער ריזיקער קולטור-אַרבעט, וואָס די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט אויפגעטון. יאָ, אָן אַ גוזמא קאָן מען זאָגן, אַז מיר האָבן אין דער ריכטונג שוין אַ סך אויפגעטון. נישט נאָר מיר האָבן אָפּגעהאַקט קעפּ, נאָר מיר האָבן אויך נישט איין קאָפּ קלאָר געמאַכט. אַ סך האָבן מיר אויפגעטון אין פאַרגלייך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, לויט דער מאָס זינד און פּאַרוואָרלאָזיקייט פון די דעמאָלט-הערשנדיקע קלאַסן. אָבער וואָסערע ריזיקע אויפגאָבן וואַרטן נאָך אויף אונז! מיר מוזן באַפרידיקן דעם דורשט נאָך קולטור און וויסן, וואָס וועקט זיך ביי די אַרבעטער און פויערן. און דאָס נישט נאָר אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע, נישט נאָר אין די אינדוסטריעלע צענטערס, נאָר אויך אין די דערפער! און מיר זענען דאָך אַן אָרעם פאָלק, בעטלער כימעט! צי מיר ווילן, צי נישט — אָבער אין אינזיכט פון קולטור וועלן אַלע עלטערע מוזן בלייבן די קרבנות. אמת, מיר האָבן אָנגעהויבן אַ העראָישע מלחמה מיט דער עם-הארצות, מיר מאַכן גוטע טעאַטער-פאָרשטעלונגען און קאָנצערטן, מיר שיקן אַרויס אויף פּראָווינץ ספּעציעלע צוגן צו לערנען דאָס פאָלק, מיר אָרדענען איין באַוועגלעכע אויסשטעלונגען. אָבער איך חזר איבער: וואָסער באַטייט האָט דאָס אַנטקעגן די מיליאָנען, וואָס האָבן נישט דאָס מינדסטע וויסן, די פּשוטסטע קולטור? בשעת אין מאָסקווע קוויקן זיך היינט צען טויזנט און מאָרגן פרישע צען טויזנט מיט אַ גוטער טעאַטער-פאָרשטעלונג — אין דערזעלביקער צייט שרייען מיליאָנען מענטשן, מען זאָל זיי אויסלערנען צוזאַמענשטעלן אותיות, אַביסל רעכענען. דאָס גאַנצע פאָלק פאַרלאַנגט, מען זאָל אים געבן, לכל-הפחות, יענע בילדונג, אַז עס זאָל וויסן, אַז די ערד איז קיילעכדיק.

— אָבער פונדעסטוועגן — האָט קלאַראַ צעטקין געזאָגט — האָט נישט קיין פאַריבל אויף דער עם-הארצות. ביז אַ געוויסער מאָס האָט זי פאַרלייכטערט דעם ניצחון פון דער רעוואָלוציע. אייער פּראָפּאַגאַנדע, אייער אַגיטאַציע איז געפאַלן אויף אַ רויען באָדן. און ס׳איז לייכטער צו זייען און צו שניידן, ווען מען דאַרף נישט פריער אויסהאַקן אַ גאַנצן וואַלד ביימער.

— יאָ, ס׳איז אמת — האָט לענין געענטפערט — אָבער נאָר ביז געוויסער גרענעץ, אויף אַ געוויסער באַשטימטער פאַזע אין אונזער קאַמף. אמת, אַז די עם-הארצות האָט זיך פולשטענדיק געדעקט מיט דער נייטי-

קייט צו צעברעכן דעם גאַנצן אַלטן מלוכה־אַפּאַראַט — אָבער צי ברעכן מיר דען לשם ברעכן? מיר ברעכן, כּדי אויף די חורבות אויפצובויען בעסערס...

און אַז די מיטשמועסער האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די וויכטיקסטע קינסטלערישע דערשיינונגען זענען אַ פּראָדוקט פון דער צייט — האָט ער געענטפערט: „איך ווייס וועגן דעם גאַנץ גוט. פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס גלייבן, אַז אויף אַלע שווערע פּראָבלעמען פון דער צייט איז פאַראַן איין עצה: panem et circenses, ברויט און שפּיל. ברויט, — יאָ! שפּיל — מהיכא־תיתי. אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז שפּיל איז נישט קיין אמתדיקע גרויסע קונסט, נאָר אַ שיין שפּילעכל. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אונזערע פּויערן און אַרבעטער זענען נישט דער רוימישער פּראָלעטאַריאַט. נישט די מלוכה האַלט זיי אויס, נאָר האַלטן זיי אויס מיט זייער אַרבעט די מלוכה. אונזערע פּויערן און אַרבעט[illegible] פאַרדינען אויף מער, ווי שפּיל. זיי האָבן אַ רעכט צו גרויסער, אמתער קונסט. דערום דאַרף מען קודם־כּל — דערציען דאָס פאָלק, בילדן אים אין ברייטסטן זינען פון וואָרט!".

לענין איז געווען טיף איבערצייגט, אַז אין אַ לאַנד, ווו דאָס פאָלק איז אומגעבילדעט, וועט זיך קיינמאָל נישט לאָזן שאַפן קיין קאָמוניסטישע געזעלשאַפט. די וויכטיקסטע אויפגאָב פון די רוסישע קאָמוניסטן איז — ליקווידאַציע פון דער עם־הארצות, אַז דער אונטערוואַקסנדיקער דור זאָל שוין דערפון גאָר נישט וויסן. קאַמף מיט דער עם־הארצות האָט ער געהאַלטן פאַר דעם זעלבן וויכטיקן חוב פון יעדן קאָמוניסט, ווי באַוואָפנטן קאַמף מיט קאָנטר־רעוואָלוציע. אין זיינע רעדעס האָט ער תמיד אונטערגעשטראָכן: פּאָליטישע אויפקלערונג איז אַן אומזין, ווען אַרום איז פול עם־הארצות. „דער מענטש, וואָס קען נישט לייענען און שרייבן, שטייט אויסער דער פּאָליטיק. קודם כּל מוזן מיר אים אויסלערנען א. ב.—אָן דעם איז נישטאָ קיין פּאָליטיק, נאָר מעשיות, איינרעדענישן, פאַנטאַזיעס". דערפאַר האָט ער געהאַלטן, אַז די פאַרשידענערליי פּרוּוון צו שאַפן אַ באָלשעוויסטישע שול זענען לעת־עתה פריצייטיק. אַז מען האָט אים איינמאָל, בשעת אַ ליטעראַרישן דיספּוט, געפרעגט זיין מיינונג, האָט ער נאָכאַמאָל דערקלערט, אַז ער האַלט פאַר אומזיסט און נוצלאָז אָט די אַלע פאַרצווייפלטע פּרוּוון צו שאַפן אַ נייע קונסט און פּאָעזיע. אַ טויזנט מאָל וויכטיקערע אויפגאָב איז זיך צו פאַרנעמען מיט דער עלעמענטאַרער פאָלק־בילדונג, ווייל לייענען און שרייבן זענען די וויכטיקסטע באַדינגונגען פאַר אמתדיקער פּראָלעטאַרישער קולטור.

הגם [illegible]ר האָט אין דער ליטעראַטור און קונסט געזוכט קודם כּל נוצן, פּאָליטישן און פאַרטייאישן תכלית, נישט געוואָלט הערן וועגן קיין שום אָפּגעריסענע, עסטעטישע ווערטן — האָט ער זיך אָבער נישט געקאָנט אָנטקעגנשטעלן דער מוזיק, אָט דער געהיימנישפולסטער און דירעקטסטער קונסט. ער, וואָס האָט אַלעמאָל געהאַט פאַר זיך די ניכטערע צילזאַמקייט, וואָס האָט אַזוי פאַרעקשנט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן אויף אַלע נסיונות פון

דער קונסט, האָט אָבער נישט געקאָנט בלייבן פולשטענדיק גלייכגילטיק אויף קלאַנגען, וואָס האָבן געהאַט אַ געהיימנישפולן איינדרוק אויף זיין אוטיליטאַרישן גייסט.

— וולאַדימיר איליטש — דערציילט לונאַטשאַרסקי — האָט ליב געהאַט מוזיק, אָבער זי האָט אויף אים צו שטאַרק געווירקט. איך פלעג אַלעמאָל ביי מיר אין ווינונג איינאָרדענען גוטע קאָנצערטן. טיילמאָל פלעגט זינגען שאַליאַפּין, אַן אַנדערש מאָל פלעגט שפּילן מייטשיק, ראָמאַנאָווסקי, סטאַדיוואַריוס קוואַרטעט און אַנדערע קינסטלער. אָפט פלעג איך בעטן לענינען, אַז ער זאָל קומען הערן — אָבער אַלעמאָל האָט ער געהאַט אַן אַנדערע באַשעפטיקונג. איינמאָל האָט ער מיר גאַנץ אויפריכטיק געזאָגט: „אוודאי איז גוט צו הערן מוזיק, אָבער זי ווירקט אויף מיר צו שטאַרק, אַזוי, אַז איך פיל זיך דערשיטערט. איך פאַרלייד נישט קיין מוזיק".

און יענע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט צו גאָרקין נאָכן אויסהערן בעטהאָווענס אַפּאַסיאָנאַטאַ, אַז אונטערן איינדריק פון מוזיק וואָלט ער גרייט געווען צו רעדן שטותים און גלעטן קינדערשע קעפלעך, בשעת זיין אויפגאָב איז: אומברחמנותדיק שפּאַלטן קעפּ — דידאַקטישע ווערטער שילדערן אויף אַ דערשיטערנדיקן אופן יענע אינערלעכע מלחמה, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער נשמה פון אָט דעם „פאַרזאָגער פון ניכטערקייט".

אַלע באָלשעוויקעס, וואָס זענען געקומען נאָך אים, האָבן נישט פאַרמאָגט יענע טיפע צווייאיקייט, וואָס גיט צו לענינס געשטאַלט אַ טראַגישע גרויסקייט. זיי האָבן שוין פולשטענדיק געהערט צו דער עפּאָכע פון פלאַכן, גייסטלאָזן אוטיליטאַריזם. קיין שום קינסטלעריש געפיל האָט זיך שוין נישט אין זיי געהעמערט. ביז צו די טיפענישן פון זייער נשמה זענען זיי געווען פלאַך און ניכטער, פולשטענדיק אַרומגעכאַפּט פון „קאַלטן שגעון" פון ראַציאָנאַליזם.

## 7

לענינס באַגריפן וועגן מאָראַל און זיטלעכקייט, וועגן גוטס און שלעכטס, זענען אויך געמאָסטן געוואָרן מיט די פּאַרטייאיש-פּאָליטישע אינטערעסן פונם באָלשעוויזם. ער האָט זיך נישט געוואַקלט צו באַצייכענען מיט אַ דרייסטן זשעסט די פּערזענלעכע פרייהייט, ווי אַ ווערטלאָזע פראַזע: „פרייהייט — אַ בורזשואַזער פאָרורטייל". אין אָט דער ברוטאַלער פאָרם האָט ער אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז צו דער רעוואָלוציאָנערער באַנייאונג פון דער מענטשהייט איז נייטיק אַ דיקטאַטור, מיט אַ זיכערער אַרמיי, מיט אַ גאַנצע מחנה אַגענטן, תפיסה-שומרים און אַנדערע. אויפן אָרט פון דער אַלטער קאַטאָרגע האָט ער געשאַפן אַ נייע, אויפן אָרט פון דער צאַרישער אָכראַנע — אַ באָלשעוויסטישע טשעקאַ. די אויסלייזונג פון אַלע דערנידעריקטע און אונטערדריקטע האָט געמוזט קומען צוזאַמען מיט אַ פרישער אונטערדריקונג פון אַנדערע מענטשן. די הערשאַפט פון קאָמוניזם

האָט זיך געמוזט שטיצן אויף גוואַלט, תּפיסה און קוילן, אויף אונטערדריקן די פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע, אויף פיזישן און גייסטיקן טעראָר.

דער פּוילישער רעוואָלוציאָנער קראַיעווסקי דערציילט אַן עפּי-זאָד פונם לאָנדאָנער קאָנגרעס דאָס יאָר 1907. בשעת דעם אָוונט-מאָלצייט האָט מען געשמועסט וועגן דעם, צי מען וואָלט נישט געקאָנט דערפירן צו אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס. עמעצער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אפשר וואָלט זיך פּאָרט געלאָזן, נישט-געקוקט אויף די גרויסע חילוקי-דעות, מילדערן די שפּאַלטונג און ווידער דערפירן צו אַ סאָציאַליסטישן אייַנהייטלעכן פראָנט. לענין האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט זיין באַקאַנט שמייכעלע: „צו וואָס זאָלן מיר נאָכטאַנצן מערב-איירָאָפּע? אַנטקעגן פּאָליטישע קעגנער איז פאַראַן איין פאָרם פון אויסגלייך: écraser „צעשמעטערן". קראַיעווסקי דערציילט, אַז דידאָזיקע ווערטער, אַרויסגעזאָגט אָן שום פּאַטאָס, זענען אים געבליבן אויף אייביק אין זיכּרון.

אַז אינגיכן נאָך דער איבערקערעניש. האָט דער ראַטספּאָלקאָם, אין לענינס אָפּוועזנהייט באַשלאָסן אָפּצושאַפן טויט-שטראָף אין דער אַרמיי, וואָס קערענסקי האָט איינגעפירט — איז לענין געווען אויסער זיך. „ס'איז דאָך נאַריש, זינבלאָז! — האָט ער כּסדר גערעדט, — ווי אַזוי קאָן מען אַדורכפירן אַ רעוואָלוציע אָן עקזעקוציעס? צי מיינט איר טאַקע באמת, אַז איר וועט זיך קאָנען אָן עצה-געבן מיט אייערע שונאים אָן טויט-שטראָף? וואָסערע מיטלען האָט איר דען נאָך? תּפיסה? אָבער ווער וואָלט זיך בשעת בירגער-קריג געקימערט וועגן תּפיסה. ווען ביידע פּאַרטייען קעמפן פאַר ניצחון?"

און אַז קאַמיעניעוו האָט אים דערקלערט, אַז ס'גייט בלויז וועגן אָפּשאַפן טויט-שטראָף פאַר דעזערטירן, האָט לענין נאָך כּסדר געשוימט: „דאָס איז אַ גרויסער פעלער, אַ שוואַכקייט, אַ פּאַציפיסטישע אילוזיע!" און ער האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט אָפּצושאַפן דעם דעקרעט, וואָס מ'האָט נאָר-וואָס אָנגענומען. סוף כּל סוף איז מען אַדורכגעקומען, אַז מען זאָל די פאַראָרדענונג נישט צוריקציען, נאָר מען זאָל זיך מיט איר אינגאַנצן נישט רעכענען און ווייטער אויספירן די עקזעקוציעס.

ווען אין די ערשטע טעג באָלשעוויסטישע מאַכט האָט די אָפּאָזיציאָ-נעלע פּרעסע געשטורעמט די ראַטן, האָט לענין זיך כּסדר געפרעגט: „ווען וועלן מיר שוין ענדיקן מיט אָט דעם ערב-רב? וואָס איז דאָס פאַר אַ דיקטאַטור, צו אַל'דע רוחות!"

לענינס מיינונג וועגן טעראָר שילדערט בולט זיין באַמער-קונג בשעת אַ דיסקוסיע וועגן אַן אויפרוף צום פאָלק. אין אָט דעם אויפרוף איז געווען אַ זאַץ, אַז ווער עס העלפט דעם שונא, ווערט גלייך פאַרמישפּט צום טויט. דער ס. ר. שטיינבערג, דעמאָלטיקער יוסטיץ-קאָמיסאַר, האָט פּראָטעסטירט קעגן אָט דער התראה, וואָס האָט, ווי ער האָט געהאַלטן, צונישט געמאַכט דעם גאַנצן פּאַטאָס פונם אויפרוף. „פאַר-קערט, — האָט לענין זיך אָפּגערופן — אין די דאָזיקע ווערטער שטעקט

דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס! בּ׳ מיינט איר באמת, אַז אָן טע־ראָר וואָלטן מיר געוווּנען די רעוואָלוציע?״

ט ר אָ צ ק י דערציילט, אַז אין יענער צייט פלעגט לענין ביי יעדער געלעגנהייט איבּערחזרן, אַז אָן טעראָר קאָן מען זיך נישט באַגיין. — אונזערע קלאָמפּערשטע רעוואָלוציאָנערן—האָט ער געזאָגט — שטעלן זיך פאָר, אַז אַ רעוואָלוציע קאָן מען אַדורכפירן רויק און שטיל. ווער האָט עס זיי געזאָגט? ווי אַזוי שטעלן זיי זיך פאָר די דיקטאַטור? דאָס איז אַ דיקטאַטור פון פאַנטאָפּל־מענטשן!״ אָט אַזעלכע געדאַנקען פלעגט ער איבּערחזרן עטלעכע צענדליק מאָל אַ טאָג, און אַלעמאָל פאַר מענטשן, וואָס מ׳האָט זיי געקאָנט חושד זיין אין „פּאַציפיזם״. אַז מען פלעגט רעדן וועגן רעוואָלוציע און דיקטאַטור, פלעגט לענין אַלעמאָל צוגעבּן: „ווו האָבּן מיר אייגנטלעך דידאָזיקע דיקטאַטור? ווייזט זי מיר! דאָס איז עפּעס אַ גריץ, נישט קיין דיקטאַטור. אויבּ מיר וועלן נישט קאָנען דערשיסן אַ ווייסגוואַרדייער, וואָס סאַבּאָטירט אונז, האַלטן מיר באמת נישט ווייט מיט אונזער רעוואָלוציע! גיט אַ קוק, וואָס אָט דאָס בורזשואַזע פּעבּל צעשמירט אין די צייטונגען! ווו איז אונזער דיקטאַטור? הוילע ווערטער — נישט מער!״ לענין פלעגט עס רעדן — דערציילט טראָצקי — מיט טיפער איבּערצייגונג, אָבּער אויך מיט אַ געוויסער כוונה: ער האָט זיך באַמיט, ווי זיין מעטאָד, צוגעווינען זיין סביבה צו דעם געדאַנק, אַז מען מוז האָבּן אויסערגעוויינלעכע רעפּרעסיעס.

ג אָ ר ק י דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז אַמאָל איז ער אַרויס מיט לענינען שפּאַצירן. לענין האָט אים געוויזן אַ רעדל שפּילנדיקע קינדער און געזאָגט: „די דאָזיקע קינדער וועלן זיין גליקלעכער פון אונז. זיי וועלן נישט איבּערלעבּן קיין איין זאַך פון די, וואָס מיר לעבּן איבּער. זייער גורל וועט נישט זיין אַזוי גרויזאַם. אָבּער פונדעסטוועגן בין איך זיי נישט מקנא. אונזער דור איז געלונגען אַדורכצופירן אַן אויפטו פון היסטאָרישן באַטייט. די באַדינגונגען האָבּן אונז געצוווּנגען צו גרויזאַמקייטן, אָבּער די צוקונפט וועט אונז רעכטפאַרטיקן און מוחל זיין. דאַן וועלן די מענטשן פאַרשטיין אַלץ, אַלצדינג״...

גאָרקי האָט אויך געפּרווט מאַכן לענינען לייכטע פאָרוווּרפן צוליבּ דעם טעראָר. דערויף האָט אים לענין געענטפערט, לייכט דערצערנט און פאַרוווּנדערט: „וואָס־זשע ווילט איר? צי קאָן דען מעגלעך זיין די מינדסטע הומאַניטאַרישקייט בעת אַזאַ פאַרביסענעם קאַמף? צי קאָן מען זיך דערלויבּן אויף צו זיין ווייך און גרויסמוטיק איצט, ווען אייראָפּע רינגלט אונז אַרום, ווען די האָפענונגען אויף דער הילף פונם אייראָפּעישן פּראָלעטאַריאַט האָבּן אונז אָפּגענאַרט, ווען פון אַלע זייטן הייבּט אויף די קאָנטער־רעוואָלוציע דעם קאָפּ? ניין, זייט מוחל, מיר זענען נישט קיין אידיאָטן. מיר ווייסן וויל, וואָס מיר ווילן, און קיינער קאָן אונז נישט פאַרווערן צו טון דאָס, וואָס מיר האַלטן פאַר נייטיק!״. און אַז גאָרקי האָט באַמערקט, אַז אָט די איבּעריקע אכזריות טרייבּט אַוועק אַ סך מענטשן

פונם אַנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט לענין אומצווייַדן געענטפערט:

— יאָ. לאָמיר זאָגן אָפן: פאַראַן צווישן אונז אַ סך אַרבעטער, וואָס זענען אונזערע שונאים. וואָס פאַראַשן אונז. דאָס געשעעט צום טייל צוליב פּחדונות, טיילווייז פון ספקות און מורא, צי די טייערע טעאָריע וועט נישט ליידן, ווען זי וועט זיך טרעפן מיט דער פּראַקטיק. אָבער מיר האָבן דערפאַר נישט קיין מורא: פאַר אונז איז די טעאָריע נישט קיין הייליקייט, נאָר אַן אַרבעט-אינסטרומענט".

אַז עטלעכע צום טויט פאַרמישפּטע האָבן זיך געווענדעט צו לענינס פרוי נאָך באַגנעדיקונג, האָט ער באַפוילן געבן אין די צייטונגען אַ קורצע נאָטיץ: „מ'האָט זיך געווענדעט צו מיין פרוי וועגן באַגנעדיקן מענטשן, וואָס זענען פאַרמישפּט צום טויט. איך בעט זיך נישט צו ווענדן צו מיין פרוי מיט אַזעלכע בקשות, ווייל עס איז צוועקלאָז".

מיט דעם זאַץ, אַז „פרייהייט — אַ בורזשואַזער פאָרורטייל", האָט לענין אַרויסגערופן אַ פּרינציפּיעלע מיינונג-איבערקערעניש, וואָס האָט דעם באָלשעוויזם ענדגילטיק אָפּגעטיילט פון אַלע פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען — נאָך אפשר בולטער, ווי אַלע ענדערונגען אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט. די דיקטאַטור. וואָס מ'האָט זי ביזאַהער פאַראַכט, איז געוואָרן דער איינציקער גייסטיקער ווערט. פון דאַן אָן האָט מען שוין געמוזט אַנטשיידן נישט מיטן האַרץ, נאָר מיטן שכל, וואָס ס'איז גוט און שלעכט. גוט איז געווען אַלץ, וואָס איז פונם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט געווען נוצלעך. אַלץ, וואָס האָט געקאָנט שאַטן דער באָלשעוויסטישער זאַך, האָט מען געמוזט פאַרטיליקן. די מאָראַלישע קלאַסיפיקאַציע פון מענטשלעכע מעשים איז געוואָרן אויס אַ ב ס אָ ל ו ט. די מאָראַל איז געוואָרן אַ דיאַלעקטיש-רעלאַטיווער ווערט. אירע הויפּט-פּרינציפּן זענען געוואָרן פולשטענדיק אָפּהענגיק פון די קלאַסן-אינטערעסן אין געגעבענעם מאָמענט. אָבער היות לענין האָט געקעמפט פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער, ווייל יעדע זאַך, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו דער אַנטוויקלונג און פאַרשטאַרקונג פונם דאָזיקן קלאַס האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מאָראַלישן פּרינציפּ — דערפאַר איז דאָס פאַרטיליקן די בורזשואַזיע ביי אים געווען אַ פולשטענדיק-באַרעכטיקטע זאַך. אין דערזעלבער צייט האָט ער די מינדסטע עוולה קעגן אַן אַרבעטער געהאַלטן, ווי אַ שווערן פאַרברעכן.

— מיר זאָגן זיך אָפּ פון יעטוועדער מאָראַל—האָט אַמאָל לענין געזאָגט צו דער יוגנט — וואָס שטאַמט פון איבערמענטשלעכע באַגריפן און וואָס שטייט אויסער די קלאַסן-אינטערעסן. מיר האַלטן, אַז די מאָראַל איז פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן די אינטערעסן פון קלאַסנקאַמף. מאָראַליש איז דאָס אַלץ, וואָס קאָן דינען צו פאַרטיליקן די אַלטע געזעלשאַפט פון עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס קאָן ברענגען צו דער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער. אונזער מאָראַל באַשטייט נאָר אין ענגער דיסציפּלין און אויף צילבאַוווסטן קאַמף מיט אונזערע שונאים. מיר גלייבן נישט אין די איי-

ביקע פּרינציפּן פון מאָראַל און מיר באַמיען זיך צו אַנטמאַסקירן די דאָזיקע פאַלשקייט. די קאָמוניסטישע מאָראַל — דאָס איז קאַמף פאַר פאַרשטאַרקן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור".

לעניִנס תּלמיד און פאָרערער, י. פּ ר ע אָ ב ר אַ ז ש ע נ ס ק י, האָט צענויפגעזאַמלט אין אַ באַזונדער העפט אַלע לעניִנס „מאָראַלישע און קלאַסן-פּרינציפּן", וואָס זענען אַזוי וויכטיק פאַר דער באָלשעוויסטישער סיסטעם. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז דאָס ביכל איז געווידמעט ד ז ש ע ר ז ש י נ ס ק י ן, דעם פירער פון טשעקאַ. די ווידמונג ווערט אונדז גלייך קלאָר, ווען מיר לייענען אַדורך אין פּרעאָבראַזשענסקיס ווערק אַזאַ זאַץ, אַז „דער באַגריף פון מאָראַל, איבערגעפלאַנצט פון די אַבסטראַקטע, נעבלהאַפטע רוימען אויף דעם באָדן פון טאָגטעגלעכן לעבן", הייסט פּשוט יעדע נוצלעכע זאַך פאַר אַ באַשטימטער גרופּע מענטשן. אוממאָראַליש איז דאָס אַלץ, וואָס קומט אויס ביי אָט דער גרופּע שעדלעך און אומנוצלעך. נישטאָ קיין שום סיסטעם פון מאָראַל, וואָס זיינע יסודות זאָלן נישט זיין בהסכם מיט די באַדערפעניש פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. יעדע געזעלשאַפט, שיכט צי גרופּע האַלט אַלעמאָל פאַר מאָראַליש דאָס וואָס זי דאַרף, פאַר אוממאָראַליש — דאָס, וואָס איז פאַר איר שעדלעך.

לעניִן האָט, הייסט עס, גלייך דערשאַצט דעם בונד פון די קלאַסן-אינטערעסן מיט דער מאָראַל. ער האָט עפנטלעך און באַוווסטזיניק דערקלערט, אַז קיין אַבסאָלוטע עטיק עקזיסטירט בכלל נישט. די איינציקע עטישע און מאָראַלישע מאָס איז די פּראַקטישע ווערט פון דער געגעבענער טאַט פאַר די אינטערעסן פונם אַרבעטער-קלאַס. קאָנסעקווענט געגומען, קומט אויס, אַז מען טאָר נישט פאַרוואַרפן קיין שום מיטל, קיין פאַרברעכן, קיין ליגן אָדער פאַלשקייט, אויב עמעצער באַנוצט זיך דערמיט צוליב אַ נוצלעכן צוועק. אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז נישט צעטיילט אויף קלאַסן — שרייבט פּרעאָבראַזשענסקי — איז ליגן אַן און פאַר זיך אַ שעדלעכע זאַך, ווייל עס צווינגט די מיטגלידער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט אויסצונוצן אַ סכום ענערגיע כּדי צו אַנטדעקן דעם אמת. אָבער אין דער קלאַסן-געזעלשאַפט איז די זאַך גאָר אַנדערש. אינם קאַמף פונם עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס מיט זיינע שונאים ווערט ליגן און פאַלשקייט אָפטמאָל אַ גאַנץ וויכטיק געווער. די גאַנצע אונטערערדישע אַרבעט פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס איז דאָך דאָס, וואָס מען נאַרט אָפּ די מלוכה-מאַכט. פאַר אַן אַרבעטער-מלוכה, וואָס איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט פיינטלעכע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, קאָן דער ליגן אין דער אויסערן-פּאָליטיק ברענגען אַ סך נוצן. דערפאַר שטייט דער אַרבעטערקלאַס און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אויף גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט אין פּרט פון רעכט אויף ליגן, ווי די סאָציאַליסטן פון מערב-אייראָפּע — יענע קליינבירגער, וואָס פאָרכטן פאַר גאָט, וואָס ווערן כּסדר אָפּגענאַרט און אויך סגעלאַכט פון די קאַפּיטאַליסטן. ליגן, דאָס איז אַן אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענץ דערפון, וואָס איין מענטש דריקט-אונטער דעם צווייטן. דאָס

איז דער רעזולטאַט פון קאַמף צווישן קלאַסן און געזעלשאַפטלעכע גרופּן".

לענין איז פון סאַמע אָנהייב אַרויסגעטרעטן פאַר פיזישער גוואַלט אינם קלאַסנקאַמף. דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד פון 1905 איז געווען אין אַ גרויסער מאָס זיין פאַרדינסט. ווען עס האָט זיך נישט איינגעגעבן, האָט ער געהאַלטן אַגרעסיוון באַוואָפנטן קאַמף פאַרן איינציקןווירקזאַמען מיטל צו באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע האָט ער באַשאַפן יענע באַקאַנטע פינפטלעך און דרייערלעך, וואָס האָבן געזאָלט זיין דער קערן פאַר אַ באַוואָפנטער מאַסן-אָרגאַניזאַציע.

אַז דער אויפשטאַנד אין 1905 איז פאַרשפּילט געוואָרן און פּלעכאַנאָוו האָט געשריבן, אַז די באַוואָפענונג איז געווען אַ פעלער, האָט אים לענין געענטפערט אינם „פּראָלעטאַרי": „פּלעכאַנאָוו איז זייער קורצזיכטיק, וויבאַלד ער האַלט, אַז מ'האָט נישט געדאַרפט אָנהייבן דעם שטרייק אין אַ נישט-גינציקן מאָמענט און מ'האָט נישט געדאַרפט באַנוצן געווער. פאַרקערט: מ'האָט זיך געדאַרפט נעמען צו דער זאַך מיט מער אַנטשלאָסנקייט, ענערגיע און אַגרעסיווקייט. מען האָט געדאַרפט דערציילן די מאַסן, אַז אויפן וועג פון שלום קאָן מען נישט דערגרייכן דעם ציל. מיר מוזן נאָכאַמאָל דערקלערן, אַז פּאָליטישע שטרייקן ווירקן צו ווייניק. מען מוז אומבאַדינגט אַגיטירן צווישן די מאַסן פאַר באַוואָפנטן אויפשטאַנד. מען טאָר נישט פאַרדעקן דעם פאַקט, אַז די קומענדיקע רעוואָלוציע וועט זיין אַ בלוטיקע, פאַרצווייפלטע, מוראדיקע מלחמה...

„ס'איז ווייניק זיך צו גרופּירן לויט פּאָליטישע פּראָגראַמען. ווער עס איז קעגן באַוואָפנטער רעוואָלוציע און וויל זיך נישט צו איר צוגרייטן — דעם מוזן מיר גלייך אַרויסוואַרפן פון אונזערע רייען גלייך אינם לאַגער פון אונזערע שונאים, פאַרעטער און פּחדנים. ווייל ס'קומט דער טאָג, ווען מיר וועלן אונטערן מעכטיקן איינפלוס פון די געשעענישן דערקענען לויט דעם סימן אַ פריינד פון אַ פייגד. ס'איז ווייניק פּאַסיוו צו וואַרטן אויפן דאָזיקן מאָמענט, ווען דאָס מיליטער וועט אָנהייבן אַריבערצוגיין אויף אונזער זייט. אדרבא, מיר מוזן הויך שרייען, אַז מען דאַרף מוטיק אָנגרייפן מיט געווער אין דער האַנט...

„דער אָנגריף אויפן שונא מוז פאַרקומען מיט דער גאַנצער ענערגיע. די לאָזונג פון די פאָלק-מאַסן דאַרף זיין — נישט פאַרטיידיקונג, נאָר אָ נ ג ר י ף..."

און דערום איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס לענין, דער אָנהענגער פון גוואַלט, פון בירגער-און קלאַסן-מלחמה, האָט זיך אַזוי אַנטשיידן אָפּגעגרענעצט פונם פּאַציפיזם אין אַלע זיינע פאָרמען. „פּאַציפיזם" — דאָס דאָזיקע וואָרט האָט ביים אים געהאַט אַ פאַראַכטלעכע באַדייטונג. אויב ער פלעגט זיך מיטן דאָזיקן וואָרט באַנוצן, איז אַלעמאָל איראָניש. אמת, אַז בשעת דער וועלטמלחמה האָט ער אַ געוויסע צייט געאַרבעט צוזאַמען מיט די פּאַציפיסטישע פאַריינען אין דער שווייץ. אָבער ער האָט עס געטון מחמת טאַקטישע מאָטיוון. ער איז אַרויסגעטרעטן פאַרן ענדיקן די וועלט-

מלחמה, אָבער — ווי ער האָט אַליין געזאָגט — נישט פאַרן שלום פון דער בורזשואַזיע — נאָר כּדי אַרויסצורופן נאָך אַ גרעסערע מלחמה, די קלאַסן-מלחמה.

זייער אינטערעסאַנט איז דער מאַניפעסט, וואָס לענין האָט אַרויסגע־געבן צו די שווייצאַרישע אַרבעטער אינם טאָג, ווען ער איז אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד: „אייגנטלעך זענען מיר נישט קיין פאַציפיסטן. מיר זענען שונאים פון אימפּעריאַליסטישע מלחמות. אָבער מיר האָבן אַלעמאָל געזאָגט, אַז ס'איז אַן אומזין, ווען דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך אָפּזאָגן צו פירן אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע מלחמות, וואָס זענען מעגלעך, און וואָס די צו־קונפט וועט אַרויסווייזן, אַז זיי זענען נוצלעך פאַר די אינטערעסן פונם סאָציאַליזם".

3

לענינס וועג אין לעבן און דער ציל, וואָס ער האָט דערגרייכט, קלינגען, ווי אַ לעגענדע. לאָמיר זיך נענטער באַקענען מיט זיין ביאָגראַפיע.

וולאַדימיר איליאיטש אוליאַנאָוו איז געבוירן געוואָר ד. 10 אַפּריל 1870 אין סימבירק, וואָס ביי דער וואָלגע, ווי אַ זון פון אַ כּבֿודיקער פאַמי׳יע. דער פאָטער איז געווען מלוכה־ראַט און קוראַטאָר פון די פאָלק־שולן. נאָך אין גימנאַזיע, צו 17 יאָר, האָט דעם יונגן לענין אַריינגעצויגן זיין ברודער אַלעקסאַנדער אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. לענין האָט זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל באַקענט מיט רעוואָלוצי־יאָנערער ליטעראַטור. שוין דעמאָלט האָט ער פאַרבּרענגט גאַנצע אָוונטן אויף שטודירן פּאָליטישע ליטעראַטור. געוויינלעך, גלייך נאָכן אָנבייסן, פלעגט ער זיך באַהאַלטן אין אַ שטיל ווינקעלע אין גאָרטן, אַרומגערינגלט מיט ביכער, העפטן, האַנטביכער. די שוועסטער דערציילט, אַז דער יונגער וולאַדימיר האָט שוין דעמאָלט אויף איר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדריק מיט זיין התמדה און ערנסט. אַז וולאַדימיר פלעגט איר זאָגן אַ לויבוואָרט, איז עס שוין ביי איר געווען אַ גרויסער כּבֿוד.

— גאַנצע נעכט — שרייבט זי — פלעגט וולאַדימיר איליאיטש אָפּ־זיצן איבער ביכער. אָפטמאָל פלעגט ער זיך נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געוואָלט אָדורכגיין אָדער אויסשמועסן זיך און דיסקוטירן מיט זיינע חבֿרים — מיטגלידער פונם רעוואָלוציאָנערן קרייז. אָט די עקשנות און די פעיקייט צו אָנגעשטרענגטער אַרבעט האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט קיין איין רגע. שפּעטער, אויף פאַרשיקונג און אויף עמיגראַציע, האָט ער אויסגענוצט יעדע שעה, יעדע פרייע מינוט, אַז ער זאָל אָפּטרעטן ערגעץ אין אַ ביב־ליאָטעק. מיר האָבן אַ מענגע זיינע נאָטיצן און אויסצוגן, וואָס פון זיי זעען מיר, וויפל ביכער, אויף אַלע געביטן אין דער וויסנשאַפט, וולאַדימיר איליאיטש האָט אָדורכגעשטודירט אין זיין לעבן.

זיין עלטערער ברודער, אַלעקסאַנדער, איז אים געווען בייהילפיק אין

אַלע זיינע שטודיעס. אַלעקסאַנדער האָט אַפריער אַדורכגעשטודירט מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל״ און דערנאָך עס געגעבן לענינען. זיי האָבן אָפט דיסקוטירט וועגן דעם גאַנצע שעהן. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אַלעקסאַנדער איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון מאַרקסיזם, נאָר זיך געהאַלטן פאַר אַ טעראָריסט-רעוואָלוציאָנער.

דאָס יאָר 1887 האָט דער רעוואָלוציאָנערער קרייז, וואָס צו אים האָט געהערט לענינס ברודער, באַשלאָסן אויסצופירן אַן אַטענטאַט אויפן צאַר אַלעקסאַנדער III. אויפן ניעווסקי פּראָספּעקט, אין פּעטערבורג, האָט מען אויסגעשטעלט אַ טייוול-מאַשין. פאַר אַ טאָג האָט מען אויסגעקליבן דעם 1-טן מערץ, צום זעקסטן יאָרטאָג פונם געלונגענעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער II. מ׳האָט באַשלאָסן, אַז מען וועט באַהאַלטן די באָמבעס אין גראָבע ביכער, וואָס מען וועט וואַרפן אויפן קייסערס קאַ...ש

מ׳האָט נאָר-וואָס באַשלאָסן, און די גאַנצע גרופּע רעוואָלוציאָנערן איז געוואָרן אַרעסטירט און איינגעזעצט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן זיי איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר. אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו און נאָך פיר חברים זענען פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט. און מ׳האָט זיי טאַקע אויפגעהאָנגען.

וולאַדימיר איז נאָך דעמאָלס געגאַנגען אין גימנאַזיע. זיין ברודערס מאַרטירערישער טויט האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן רושם. — פרילינג 1887 — דערציילט די שוועסטער — זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז מ׳האָט אויפגעהאָנגען אונזער ע׳טסטן ברודער. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן וולאַדימירס אויסדרוק פון פּנים, ווען ער האָט געזאָגט: „ניין, אויף דעם וועג וועלן מיר גאָרנישט אויפטון. דער וועג פירט נישט צום ציל״. און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו יענעם וועג, וואָס דאַרף באַפרייען רוסלאַנד פונם צאַרישן יאָך.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט לענין דערציילט זיין פרוי, אַז נאָך דעם, ווי מ׳האָט אַרעסטירט אַלעקסאַנדערן, האָבן זיך אַלע באַקאַנטע פון זיי דערווייטערט. אפילו דער אַלטער לערער, וואָס פלעגט פריער אָפט קומען אין אָוונט אויף אַ פּאַרטיע שאָך, האָט אויך אויפגעהערט צו קומען. לענינס מוטער האָט מען קוים דערלויבט אַרויסצופאָרן פון סימבירסק קיין פּעטערבורג זיך צו זעען מיטן זון. וולאַדימיר האָט אומזיסט געזוכט אַ מענטש, וואָס זאָל מיט איר מיטפאָרן. קיינער האָט נישט געוואָלט פאָרן מיט אַן אַרעסטאַנטס מוטער. אָט די מיאוסע פּחדנות האָט אויף לענינען געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. שוין דעמאָלט האָט ער געקריגן גרויס שינאה צו דער בורזשואַזיע.

— לענין פלעגט מיט מיר אָפט רעדן וועגן זיין ברודער. ער האָט אים זייער ליב געהאַט, — שרייבט זיין פרוי. —ביידע יונגעלייט זענען אָפט צווישן זיך מסכּים געווען, האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען. זיי פלעגן זיך אָפּזונדערן פון ז׳ער גאַנצער פאַמיליע. אַלעקסאַנדערס טראַגישער טויט האָט

אויך לעני׳נען שטאַרק גע ווירקט. אין דעם שטעקט אויך אַ סך פונם מקור פון זיין שינאה צום צאַריזם.

געענדיקט די גימנאַזיע, איז לענין אַנגעקומען אויפן אוניווערסיטעט אין קאַזאַן — אויפן יורידישן פאַקולטעט. דערווייל איז ער געוואָרן אַן איבערצייגטער מאַרקסיסט. אין קאַזאַן איז ער אַריינגעטרעטן אין סטודענ- טישן רעוואָלוציאָנערן פאַריין. האָט מען אים טאַקע גלייך אויסגעשלאָסן פונם אוניווערסיטעט און אַרויסגעשיקט קיין קוקושין אין סאַמאַרער גובערניע.

פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן זיינע ערשטע עפנטלעכע אַרויסטריטן. דאָס יאָר 1889, ווען אין סאַמאַרער גובערניע איז אויסגעבראָכן אַ שווערער הונגער, האָט זיך דאָרט געשאַפן אַ הילפקאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון לויטער אינטעליגענטן. אויף איינער פון די ערשטע זיצונגען איז גע- קומען לענין. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט אַ געוויסע צייט צו אַלע רעדעס, דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און קורץ פאָרמולירט זיין מיינונג. יעדע הילפסאַקציע איז זינלאָז און שעדלעך. די שולד פאַר דער נויט פונם פאָלק טראָגט דער הערשנדיקער פאָליטישער רעזשים. קלאָר, אַז די מיינונג האָט שטאַרק אויפגערעגט די פאַרזאַמלטע. לענין האָט זיך גלייך געמוזט אָפּטראָגן. אינגיכן האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין פּעטער- בורג און אויסגעהאַלטן דעם מלוכה-עקזאַמען.

זייער קורץ, ווייל סך-הכול עטלעכע טעג, האָט לענין אויסגעפירט אַדוואָקאַטישע אַרבעט. אָבער גיך האָט ער באַשלאָסן זיך איינגאַנצן צו ווידמען פאָליטישער אַגיטאַציע. ער איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער רע- וואָלוציאָנער, ווי אַ סך רוסישע קעמפער פאַר פרייהייט פאַר אים און נאָך אים. זינאָוויעוו שרייבט: די אַדוואָקאַטישע קאַריערע האָט אים נישט געקאָנט פאַנגען. וולאַדימיר איליאיטש פלעגט מיר אָפט דערציילן קאַטאָוועס פון די עטלעכע טעג פון זיין אַרבעט.

פון 1890 ביז 1893 איז לענין אַרומגעפאָרן גאַנץ רוסלאַנד, געזוכט מענטשן פאַר זיין אידעע, וואָס וואָלטן גרייט זיין אָנצוהייבן אַ רעוואָלו- ציאָנערן קאַמף לויט מאַרקס׳ס טעאָריע. פאַרשטייט זיך, אַז דער רוב רע- וואָלוציאָנערן האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו דעם שטאַנדפּונקט. מ׳האָט עס געהאַלטן פאַר אַ זינלאָזער פאַנטאַזיע. מ׳האָט אים אומעטום אָנגעוויזן, אַז אין רוסלאַנד איז אייגנטלעך נישטאָ קיין אַרבעטערקלאַס, אַ פּשיטא שוין—קלאַסן-באַוווסטזיין. די רוסישע באַפעלקערונג איז אין איר גרעסטער מערהייט אַ פּויערישע. דערפאַר טאַקע קאָן מען נישט אָנווענדן דעם מאַרק- סיזם אין רוסלאַנד. לענין האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן און אומ- אויפהערלעך געאַרבעט איבער זיין ציל — צענויפזאַמלען דאָס אַרבעטנ- דיקע פאָלק אין איין צילבאַוווסטער קלאַסן-אָרגאַניזאַציע.

אין יענע יאָרן האָט ער אייגנטלעך אָנגעהויבן זיין פאָליטישע אַר- בעט. שוין דעמאָלט האָבן זיך אַרויסגעשיילט אַלע שטריכן פון זיין כאַ- ראַקטער, וואָס האָבן אים שפּעטער גרויס-געמאַכט: זיין פּראַקטישער חוש,

זיין קענטעניש אריינצודרינגען אין די קלענסטע פרטים — אזוי פון פּאָליטישן, ווי פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, זיין אומדערמידלעכע ענערגיע און די ספּעציפישע פעיקייט זיך צו רעכענען אפילו מיט די קלענסטע זאכן. לענינס פרוי האָלט, אַז לענין האָט זיך גענומען צו מאַרקסן נישט אַלס טעאָרעטיקער אדער ביכערוואָרעם, נאָר ווי אַ מענטש, וואָס האָט געוואָלט ביי אים געפינען אַן ענטפער אויף אַלע פראַגן, וואָס האָבן אים געמאַטערט. „ס'איז געווען אַרום 1890, ווען ער האָט נאָך נישט געקאָנט רעדן אויף קיין עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. לענין איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג צו אַרבעטער און מיט זיי גערעדט וועגן דעם אַ״עמען, וואָס איז געווען ביי מאַרקסן. אָבער נישט נאָר ער האָט אַליין גערעדט, נאָר ער האָט אויך אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט, וואָס די אַרבעטער האָבן צו אים גערעדט. דעמאָלט איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דער אַרבעטער-קלאַס מוז זיין דער אַוואַנגאַרד פון אַלע פאַרשקלאַפּטע פאָלק-מאַסן, אַז אויף אים ליגט די היסטאָרישע אויפגאַבע צו באַפרייען דאָס אונטערגעדריקטע פאָלק. אָט דער געדאַנק האָט אים באַלויכטן זיין גאַנצע טעטיקייט, אָנגעפירט מיט יעדן טריט.

לענין האָט זיך אַריינבאַקומען אין פאַרשידענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און פאַבריקן, גערעדט מיט די אַרבעטער, זיך אָפּגעלערנט פון זיי זייער אַ סך. ער האָט אויסגענוצט די אָנקלאָגן קעגן די מייסטערס, קעגן די הונגערלוינען און געלט-שטראָפן. אויף אַזאַ אופן האָט ער געוועקט און געהעצט די אומצופרידנקייט אין דעם רוסישן אַרבעטערקלאַס.

זיינע ערשטע געדרוקטע אַרבעטן זענען אויך געווען געווידמעט די פּשוטע טאָגטעגלעכע פראַגן פונם אַרבעטערלעבן. „דערדאָזיקער גרויסער רעוואָלוציאָנער — שרייבט זינאָוויעוו — וואָס האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף אַ גאַנצער עפּאָכע, האָט אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט אויף אַ באַשיידענעם און באַגרענעצטן פעלד. צוזאַמען מיט באַבושקינען, שאַלדונאָוון און אַנדערע אַרבעטער, וואָס זענען צוגעטרעטן צו דער ניי-געגרינדעטער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן אומלעגאַלע פלוגבלעטלעך און זיי אָפּדרוקן אויף אַ העקטאָגראַף. אין אָט די בלעטלעך האָט מען גערעדט וועגן דער אַרבעטערלאגע, וועגן דעם, ווי אזוי די אינזשיניערן באַגייען זיך מיט די אַרבעטער, וועגן וואַסער צו טרינקען אין די פאַבריקן, וועגן דעם, ווי לאַנג ס'איז די אַרבעטצייט, וועגן געלט-שטראָפן — זאַכן, וואָס קומען אונז היינט אויס, נאָך דרייסיק יאָר, ווי צווייטראַנגיק און זייער נישט וויכטיק".

אויף אַזאַ אופן איז געשאפן געוואָרן אין פּעטערבורג אַן אמתדיקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע : „פאַריין פון קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטערקלאַס". זיינע פלוגבלעטלעך האָבן געבראַכט דערצו, אַז אויף אַ טייל פאַבריקן אין פּעטערבורג זענען אויסגעבראָכן „בונטן", ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן אַ שטרייק. — דאָ — זאָגט זינאָוויעוו — אין אָט די מינדערווערטיקע געשעענישן אויפן עקאָנאָמישן באָדן — דאָ איז געווען דער

אָנהויב פון יענע גרויסע קאַמפן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין משך פון צענדליקער יאָרן און דערפירט צו די רעוואָלוציעס פון 1905 און 1917.

לעניגס פרוי דערציילט אויך זייער אינטערעסאַנטע פּרטים פון יענעם פּעריאָד:

— וולאַדימיר לענין איז געקומען קיין פּעטערבורג הארבסט 1893. דערקענט האָב איך אים שפּעטער. פון עטלעכע חברים בין איך געוואויר געוואָרן, אַז פון ערגעץ ביי דער וואָלגע איז געקומען מאַרקס'ס אַן אָנהענגער. דערנאָך האָט מען מיר געבראַכט אַ העפט „וועגן יארידים". דאָרט זענען געווען פאַרשריבן די מיינונגען פון אַ געוויסן אינזשיניער הערמאַן קראַסין, דער פירער פון די פּעטערבורגער מאַרקסיסטן, און יענעם מאַרקסיסט פון דער וואָלגע, לענין. איך האָב דעריבער געוואָלט אים דערקענען און זיך באַקענען מיט זיין שטאַנדפּונקט.

„דאָס ערשטע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט לענינען בעת קאַרנאַוואַל, ביי דעם דערמאָנטן אינזשיניער קראַסין. היות די פאַרזאַמלונג האָט געהאַט אַ פאַרוויילונג-כאַראַקטער, האָט מען דעמאָלט דערלאַנגט דאָס פּאָפּולערע רוסישע מאכל — בלינצעס. געווען זענען דאָרט לענין, קראַסין, סטרווע און נאָך עטלעכע חברים. בשעת דער פאַרוויילונג האָט לענין ווייניק גערעדט, זיך נאָר אויפמערקזאַם צוגעקוקט. אויף אַלעמען האָט עס געמאַכט אַן אומאָנגענעמען איינדריק.

„הארבסט 1894 האָט לענין פאַרעפנטלעכט אין אונזער קרייז זיין אַרבעט וועגן די „פאָלקפריינד". איך בין געווען אַנטציקט. ס'איז דאָרט געווען באַשריבן קלאָר, ווי אויף דער האַנט, ווי אַזוי מען דאַרף אָנהייבן צו קעמפן פאַרן פאָלק. אָט די בראָשור, איבערגעשריבן אויפן העקטאָגראַף און צעוואָרפן צווישן עולם, האָט אים גלייך פּאָפּולער געמאַכט.

„נאָך בעגנטער האָב איך זיך מיט אים באַקענט ווינטער 1894—5. ער האָט זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט אַגיטירן אין די פּעטערבורגער אַרבעטער-קוואַרטאַלן. איך בין דעמאָלט געווען אַ לערערקע אין אַ זונטיקשול און אויף אַזאַ אופן האָב איך גוט געקענט דאָס אַרבעטערלעבן. אַ סך אַרבעטער האָבן געהערט צו יענעם קרייזל, וווּ לענין איז אַרויסגעטרעטן אַלס אַגיטאַטאָר. די שול סמאָלענסקאַיאַ, וווּ איך האָב געלערנט, האָט געהאַט זעקס הונדערט שילער. די אַרבעטער האָבן זיך באַצויגן צו די לערערקעס מיט בלינדער געהאָרכזאַמקייט. אין יעדער קלאַס האָבן מיר געהאַט אַ געהיים-אַגענט, און יעדער האָט מורא געהאַט אַרויסצורעדן דאָס געפערלעכע וואָרט „שטרייק". איך האָב דעמאָלט געוווינט אויף בולטניעווסקער פאָרשטאָט, אין אַ דורכגאַנגהויף. וולאַדימיר לענין פלעגט קומען צו מיר יעדן זונטיק, נאָך דעם קאָנספּיראַטיוון קרייזל — און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן לאַנגע, ענדלאָזע שמועסן. איך בין געווען אַזוי פאַרליבט אין מיין שול, אַז ווען מ'האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן איר אָדער וועגן די שילער, בין איך גרייט געווען נישט צו עסן. וולאַדימיר לענין האָט זיך אינטערעסירט מיט די קלענסטע פּרטים פונם אַרבעטערלעבן. ער האָט געוואָלט

אריינדריינגען אין דער נשמה פונם פּראָלעטאַריאַט, זיך אויספּלאַסטערן אַ וועג פאַר רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צווישן דעם פאַבריק-עלעמענט. דאָס רוב רוסישע אינטעליגענץ האָט דעמאָלט נישט געקענט דעם אַרבעטער. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך באַמיט צו אַסימילירן זיך מיט די אַרבעטער, איינגעאָרדנט פאַר זיי פּאַרלעזונגען. וולאַדימיר לעניך איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין זיין פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט פאַרייניקט טעאָריע מיט פּראַקטיק. צוערשט האָט ער געלייענט פאַר די אַרבעטער שטיקלעך פון מאַרקס׳ס „קאַפּיטאַל", דערנאָך האָט ער זיי דערקלערט דעם אינהאַלט. דאַן האָט ער אויסגעפרעגט די אַרבעטער אַליין וועגן זייער אַרבעט, וועגן זייער לעבנשטייגער, אויפגעוויזן זיי דעם שייכות צווישן זייער אייגענער לאַגע און דעם בוי פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. און דאַן האָט ער דערקלערט, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען מען וואָלט געקאָנט ענדערן די לאַגע. אָט דער אופן אַגיטאַציע האָט שטאַרק געווירקט אויף די אַרבעטער. ווי ריכטיק ס׳איז דער אופן אַגיטאַציע, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען שפּעטער, אויף עמיגראַציע אין פּאַריז, בעת אַ גרויסן שטרייק פון די פּאָסטאַרבעטער.

„אָבער וו׳אַדימיר לעניך האָט אָנגעווענדט אויך אַנדערע פאָרמען אַגיטאַציע. דאָס יאָר 1890 איז אַרויס זיין בראָשור וועגן די געלט-שטראָפן. דאָרט האָט ער געגעבן מיטלען, ווי אַזוי מען קאָן צוציען די אַרבעטער צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. צוליב אונזער אָפּטן דרייען זיך אין די אַרבעטער-קרייזן האָט די פּאָליציי אויף אונז געוואָרפן אַן אויג. מ׳האָט אונז אָנגעהויבן נאָכצוקוקן. פון אַלע מיטגלידער פון אונזער גרופּע האָט לעני ן צומבעסטן געקענט אַלע שפּיצלעך פון אומלעגאַלע מענטשן: ער האָט געקענט אַלע דורכגאַנגהייזער, גלענצנדיק אָפּגענאַרט די שפּיצלען, געלערנט אונז, ווי אַזוי מען שרייבט אין ביכער מיט כעמישן טינט, ווי אַזוי מען שטעלט פּינטלעך אונטער באַזונדערע אותיות. ער האָט אויך פאַר יעדן פון אונז אויסגעטראַכט פאַרשידענע פּסיידאָנימען. אַז די שפּיצלען האָבן זיך אָנגעהויבן גאָר שטאַרק צו דרייען אַרום אונז, האָט לעניך געזאָגט, אַז מען דאַרף שוין אויסקלייבן אַ פאַרטרעטער, וואָס זאָל וויסן אַלצדינג. אַזוי ווי איך בין געווען צומווייניקסטן חשוד, האָט מען מיך אויסגעקליבן פאַר לעבינס פאַרטרעטערין.

„ערב אַ יום-טוב זענען מיר אַרויסגעפאָרן זאַלבעפינפט צי זאַלבעזעקסט קיין צאַרסקאָיע סעלאָ, צו פאַרברענגען דעם יום-טוב ביי אַ מיטגליד פון אונזער גרופּע, אַ געוויסן סילווין. אויף דער באַן האָבן מיר אויף זיך איינגאַנצן נישט געקוקט, ווי מיר וואָלטן זיך נישט געקענט. אין דאָרף האָט אונז לעניך געלערנט, ווי אַזוי מען באַגייט זיך מיט שיפרירטער שריפט און ווי אַזוי מען בינדט-אָן אַ קאָנטאַקט מיטן פאָלק. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע פעיקייט אויסצוקלויבן פון צווישן דער מאַסע דווקא אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געטויגט צו רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. אָט האָט ער, צ.בש., איינגעאָרדנט אַ שמועס מיט אַ גרופּע לערערקעס פון אַ זונטיקשול. כימעט אַלע זענען שפּעטער געוואָרן גוטע

סאָציאַלדעמאָקראַטן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען לידיאַ קניפּאָוויטש, וואָס האָט גלייך דערקענט לענינס גרויסן רעוואָלוציאָנערן חוש. זי האָט עס גענומען אויף זיך אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דער געהיימער דרוקעריי, צו באַהאַלטן ביי אירע פריינד די געדרוקטע אַרטיקלען און צו פאַרשפּרייטן די פּראָפּאַגאַנדע-ליטעראַטור צווישן אַרבעטער. דערנאָך האָט זי אַ זעצער פאַרשאָטן און מ׳האָט זי אַרעסטירט. מ׳האָט דעמאָלט ביי אירע באַקאַנטע געפונען צוועלף קאַסטנס אומלעגאַלע ליטעראַטור. לידיאַ קניפּאָוויטש איז געשטאָרבן אין קרים, אונטער דער ממשלה פון די ווייסגוואַרדייער. אויפן טויטנבעט האָט זי אין היץ גערעדט וועגן דער צוקונפטיקער קאָמוניסטישער אָרדענונג. געשטאָרבן איז זי מיט לענינס נאָמען אויף די ליפּן.

„זומער 1895 איז וולאַדימיר לענין אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. כּמעט די גאַנצע צייט איז ער געווען אין בערלין, אָנטיילגענומען אין אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען. דערנאָך איז ער אַרויסגעפאָרן אין דער שווייץ, זיך געטראָפן מיט פּלעכאַנאָוון, אַקסעלראָדן און וויעראַ זאַסוליטש. פול מיט איינדרוקן און האָפענונג איז ער צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, אגב מיטגענומען אַ קופער מיט אַ טאָפּלטער וואַנט ליטעראַטור.

„די שפּיצלען האָבן גלייך אָנגעהויבן אים נאָכצוגיין. מ׳האָט געזוכט אים און דעם קופער. מיינע אַ קרובע, וואָס האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַ מעלדונגביוראָ, האָט מיר דערציילט, אַז ביינאַכט, ווען זי האָט געהאַט די דינסט, איז געקומען אין אַמט עפּעס אַ שפּיצל און געוואָלט זיך דערוויסן לענינס אַדרעס. ער האָט איר דאַן געזאָגט: „מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז וולאַדימיר לענין איז אַ געפערלעכער רעוואָלוציאָנער. זיין ברודער האָבן מיר שוין אויפגעהאָנגען — ער וועט אונז אויך נישט אַנטרונען ווערן!״

„מיין קרובע האָט געוווּסט, אַז איך קען לענינען. זי האָט מיר דערום דערציילט די גאַנצע זאַך. איך האָב עס גלייך איבערגעגעבן לענינען. מיר האָבן באַשלאָסן זיך פאָרזיכטיק צו נעמען צו דער אַרבעט: מיר האָבן עס צעטיילט צווישן זיך, אויף ראַיאָנען. מיר האָבן גענומען פאַנאַנדערוואַרפן די ערשטע אַגיטאַציע-אויפרופן. דאָס ערשטע בלעטל האָט לענין פאַרפאַסט. עס איז געווען געשריבן מיט געפּתיבעטע אותיות. דאָס איז געווען פאַר די אַרבעטער פון דער סעמיעניקאָווער פאַבריק. דערנאָך האָבן מיר פאַנאַנדערגעוואָרפן אין אַנדערע פאַבריקן. די אַרבעטער האָבן אַזוי פריידיק אויפגענומען אָט די פלוגבלעטלעך, אַז מיר האָבן באַשלאָסן אויסנוצן וואָס מיר האָבן אין אונזער רשות אַ דרוקעריי, אַרויסצוגעבן אַן אומלעגאַלן טאָגבלאַט. יעדער נומער, יעדע שורה האָט געמוזט אַדורכגיין דורך לענינס הענט.

„דעם אַכטן דעצעמבער האָט געזאָלט זיין אַ זיצונג אין מיין וווינונג. מען האָט געזאָלט נאָכאַמאָל איבערקוקן דעם פאַרטיקן מאַטעריאַל אויפן נאָענטסטן נומער. איך האָב זיך פריער אָפּגעשמועסט מיט לענינען, אַז אין צווייפלהאַפטע ענינים זאָל איך זיך ווענדן צו זיין פריינד, אַ גע-

וויסן טשאַבאַרעוו, אַ באַנבאַאַמטער. לעניץ האָט ביי אים געמיטאָגט, אַזוי ווי לעניץ איז נישט געקומען צו דער זיצונג, ביז איך אַוועק צו טשאַבאַ-רעוון. אָבער לעניץ איז אויף מיטאָג נישט געווען. מיר האָבן פאַרשטאַ-נען, אַז מען האָט אים אַרעסטירט. אין אָוונט זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז מ'האָט אַרעסטירט אַ סך מיטגלידער פון אונזער גרופע. איך האָב אי-בערגעגעבן אַן עקזעמפּלאַר פון אונזער צייטונג מיינער אַ באַקאַנטער, פ. ס ט ר ו ו ע ס שפּעטערדיקער פרוי. מיר האָבן באַשלאָסן מער נישט צו דרוקן די צייטונג. יענער פעריאָד האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין לעניגס לעבן. ער האָט אָנגעקניפּט ענגע באַציונגען מיט די אַרבעטער, זיך באַקענט מיטן המון און זיך אויסגעלערנט מיט אים אָנצופירן. אין יענע יאָרן האָט זיך לעניץ געלערנט צו זיין דער פירער פונם פּראָ-לעטאַריאַט.

„גאָר גיך האָט זיך אונז איינגעגעבן אָנצוקניפּן מיט אים אַ קאָנטאַקט. דעמאָלט האָט מען נאָך געמעגט געבן די אַרעסטירטע ביז צום פּראָצעס ביכער, וויפל מען האָט געוואָלט. די תפיסהמאַכט האָט זיי איבערגעקוקט זייער נאַכלעסיק. קיינער האָט נישט באַמערקט, אַז אונטער געוויסע אותיות זענען געווען קליינע פּינטעלעך, אַז אַ טייל זייטן זענען געווען באַשריבן מיט מילך. לעניץ האָט זיך שטאַרק געזאָרגט פאַר די אַרעסטירטע חברים. אין יעדן בריוו, וואָס מען פלעגט פון תפיסה אַדורכשמוגלען צו אונז, האָט ער אונז געבעטן, אַז מען זאָל דעם-און-דעם נישט קאָמפּראָמיטירן מיט די זעונגען, אַז מען זאָל יענעם זאָגן, אַז ער זאָל אויסזוכן אַ בריוו און אַ ביכל פון דער תפיסהביבליאָטעק — אָדער, אַז מען זאָל עמעצן באַזאָרגן וואַרעמע שיך.

„פון לעניגס בריוו האָט געשטראַ:ט גרויס האָפענונג. ווער עס האָט באַקומען אַזאַ בריוו, האָט איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז לעניץ זיצט אין תפיסה. מען האָט געאַרבעט אונטער זיין אויפזיכט. איך דערמאָן זיך דעם איינדריק פון אַזאַ בריוו, ווען מען האָט מיך אין אויגוסט 1896 אויך אַרעסטירט און איינגעזעצט אין תפיסה. מיר האָבן געקריגן בריוו, געשריבן מיט טינט אין די טעג, ווען מען האָט געמעגט ברענגען ביכער די אַרעסטאַנטן. מיר האָבן געזוכט אין יעדן אַדורכגעשמוגלטן ביכל אַ באַשטימטן סימן. איז געווען אַזאַ סימן, הייסט עס — אַז אין ביכל איז געלעגן אַ בריוו. זעקס אַזייגער האָבן מיר באַקומען טיי, און דערנאָך האָט מען געפירט די אַרעס-טאַנטן אין קלויסטער. פאַרן גיין אין קלויסטער האָט מען צעשניטן דעם בריוו אויף שמאָלע פּאַסן, מ'האָט געקאָכט וואַסער אויף טיי. אַז די אויפ-זעערין איז אַוועק, האָבן מיר איינגעטונקען די פּאַסן אין וואַרעם וואַסער — דער כתב איז באַלד אַרויס. אין תפיסה האָט מען דאָך נישט געקאָנט האַלטן דעם בריוו איבער פייער — האָט לעניץ אויסגעטראַכט דאָס מיטל פון איינ-טונקען אין הייס וואַסער.

„ווי אויף דער פריי, אַזוי איז אויך אין תפיסה לעניץ געווען דער מיטלפּונקט פון אונזער גאַנצער באַוועגונג. ער האָט אַ סך געאַרבעט, דערי-

הויפט איבער דער צוגרייטונג פון זיין ווערק „אנטוויקלונג פון קאפיטא־ליזם". כּדי מען זאָל נישט אנטדעקן דאָס שרייבן מיט מילך, האָט ער זיך געמאַכט פון ברויט קליינע טינטערס. אָט אַזאַ טינטער פלעגט ער אָנפילן מיט מילך. אַז דער תּפיסה-אויפזעער האָט געעפנט די טיר, האָט ער עס געשווינד געכאַפּט אין מויל אַריין.

„— היינט האָב איך איינגעשלונגען זעקס טינטערס — האָט ער אַמאָל צוגעשריבן אין אַ בּיכל.

„לענינען איז געווען שווער זיך צוגעוווינען צום תּפיסה-רעזשים. נישט געוווינט צו איינזאַמקייט, האָט ער שטאַרק געוואָלט זען זיינע פריינד. אין איינעם אַ בריוו האָט ער מיר פאָרגעלייגט, אַז כ'זאָל זיך אַוועקשטעלן אין אַ באַשטימטער שעה מיט מיינער אַ חברטע אויף אַ שטיקל טראָטואַר, ווען מען פירט די אַרעסטאַנטן אויף שפּאַציר, וועט ער מיך קאָנען זען. מיין חברטע האָט דעמאָלט נישט געקאָנט אַרויס, און איך האָב אויך גע-קאָנט זיך שטעלן אויפן באַשטימטן אָרט ערשט אין עטלעכע טעג אַרום. איך האָב געוואַרט עטלעכע מינוט, אָבער כ'האָב נישט געקאָנט זען לענינען.

„דורך דער גאַנצער צייט, וואָס לענין איז געזעסן, איז די באַוועגונג שטאַרק געוואָקסן. זי איז אַביסל שוואַכער געוואָרן, ווען מ'האָט אַרעסטירט מ אַ ר ט אָ ו ן.

„אַז מ'האָט לענינען אַרויסגעלאָזט, בין איך נאָך געווען אין תּפיסה. מען האָט מיך באַפרייט דעמאָלט, ווען די פּאָליטישע אַרעסטאַנטקע וויעט-ראָוואַ האָט זיך לעבעדיקערהייט פאַרברענט אין תּפיסה. איך האָב אָבער וויל געוווסט, אַז איך בין פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט שפּיאָנען, וואָס טרעטן פון מיר נישט אָפּ.

„ווינטער 1897–8 האָב איך, אויף לענינס בקשה, אָפּט באַזוכט פּ. ס ט ר ו-ו ע ן. דערנאָך האָט מען לענינען פאַרמישפּט אויף פאַרשיקן אין דאָרף ר אָ ש ע נ ס ק, אין מינוסינער קרייז, אין סיביר. מיך האָט מען אויך פאַר-שיקט אויף דריי יאָר קיין אופאַ. איך האָב דערקלערט, אַז איך בין לע-נינס כּלה און וויל זיין צוזאַמען מיט אים. מיין בקשה האָט מען מיר נאָכ-געגעבן און איך האָב זיך ווידער באַגעגנט מיט לענינען".

און נ. קרופּסקאַיאַ שילדערט לענינען אין סיביר:

— ביז מינוסינסק בין איך געפאָרן אויף אייגענע הוצאות. ביז אַהין איז מיט מיר מיטגעפאָרן מיין מוטער. דעם 1 מאַי 1898 זענען מיר אָנגעקומען קיין קראַסנאָיאַרסק. פון דאָרט האָבן מיר געזאָלט פאָרן מיט דער שיף אי-בערן יעניסיי. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די שיפן האבן נאָך נישט געקאָנט גיין. אין קראַסנאָיאַרסק האָב איך זיך באַגעגנט מיט מיינע קרובים, דעם פּאָרפּאָלק ט ו ש ע ו ו. געניטע מענטשן, האָבן זיי מיך צענויפגעפירט מיט אַ גרופּע סאָציאַליסטן, וואָס זענען געווען פאַרשיקט קיין קראַסנאָיאַרסק. צווישן זיי איז אויך געווען ס י ל ו י ן. די זעלבער האָבן געפירט די אַרע-סטאַנטן צום פאָטאָגראַפירן, דערנאָך האָבן זיי זיך געזעצט עסן ברויט מיט

ווורשט, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן. אויף אזא אויפן האָבן מיר זיך גע־קאָנט מיט זיי אויסשמועסן.

„פאַרנאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין דאָרף סושענסק. דאָרט האָט געוווינט לענין. ער איז נישט געווען אינדערהיים, ווייל ער איז אַרויס, אויף יאַגד. מיר זענען אַרויס פון שליטן און מ׳האָט אונז גלייך צוגעפירט צו אים. אין יענעם כּרך סיביר זענען די פויערן זייער ריין. די ווענט זענען ווייס אויסגעמאָלט, אויף דער דיל ווייסע דיוואַנעס, וואָס זיי האָבן אליין אוסגעהאָפטן.

„לענינס צימער איז געווען אַ קליינס, אָבער זייער ריין, ער האָט געוווינט אין איין פליגל הויז — מיר מיט דער מוטער האָט מען געגעבן דאָס אַנדערע. גאַר גיך זענען צו אונז אַרויס די באַלעמאַטעם פון הויז, גייגעריק זיך אויסגעפרעגט וועגן אַלעמען. נישט לאַנג האָט געדויערט און לענין איז געקומען. ער האָט זיך .שטאַרק פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט געזעען לייכטן זיך אין זיין פענסטער. דער באַלעבאָס האָט געמאַכט אַ קאַטאָוועס, אַז עפּעס אַ פאַרשיקטער פעטערבורגער אַרבעטער האָט זיך אָנגעשיכּורט, זיך אַריינגעריסן צו אים אין צימער און איבערגעקערט זיין גאַנצע ביבליאָטעק. לענין איז אַריין אין צימער, זיך שטאַרק פאַרווונ־דערט, ווען ער האָט מיך דערזעען. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געשמועסט.

„לענין איז געקומען צו־זיך, גוט אויסגעזען. ער האָט זיך באַפריינ־דעט נאָר מיט צוויי פאַרשיקטע: איינער, אַ פּוילישער סאָציאַלדעמאָקראַט פון לאָדזש, פראָמינסקי, דער אַנדערער — אַ פעטערבורגער אַרבעטער, געבוירן אין פינלאַנד, ענגעלבערט. ביידע זענען זיי געווען ווילע חברים. פראָמינסקי איז געווען אַ געזעצטער, ענערגישער מענטש. ער וואָלט גערן צוריקגעפאָרן קיין פוילן, נאָר ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו אַנט־לויפן. ער האָט זיך דערנאָך באַזעצט לעבן קראַסנאָיאַרסק, אַלס באַנאַרבע־טער. דערנאָך איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט, געפאַלן אויף דער מלחמה. ענגעלבערט איז געשטאָרבן אויף טיפוס אין יאָר 1923. אחוץ דעם האָט לענין זיך באַפריינדט מיט אַ געוויסן שוראַוולאָוון, וועמען ער האָט זייער ליב געהאַט. דאָס איז געווען אַ געוועזענער שרייבער, אַ מענטש אַ דרייסיקיאָריקער, אַ שווינדזיכטיקער — אַ בונטאַרישע נאַטור, אַ רעוואָ־לוציאָנער. זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער געווידמעט דעם קאַמף מיט די רייכע — אָבער ער איז אינגיכן געשטאָרבן אויף שווינדזוכט.

„געווען אויך דאָרט אַן אָרעמער פויער, סאָסיפּאַטיטש. דורך אים האָט לענין זיך באַקענט מיטן סיבירשן דאָרף. ער האָט זיך דערצו באַנוצט מיט אַן אייגנאַרטיק מיטל: יעדן זונטיק פלעגט ער אויפנעמען אינטערעסאַנטן און זיי געבן יורידישע עצות. אַזויאַרום איז ער אין דער געגנט גע־וואָרן שטאַרק פּאָפּולער, ווי אַ גוטער אַדוואָקאַט, בפרט דערנאָך, ווען ער האָט געהאָלפן אַן אָפּגעזאָגטן אַרבעטער צו באַקומען אַלע אַנטשעדי־קונגען.

„די ידיעה וועגן דעם געווונענעם פּראָצעס איז זיך גיך פונאַנדער־

געגאַנגען צווישן פּויערטום. דער עולם איז וואָסאַמאָל מערער געקומען צו לענינען. ער האָט זיי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געגעבן זיינע אָנווייַ-זונגען און עצות. אַמאָל איז געקומען אַ פּויער פון אַ דאָרף, 20 וויאָרסט ווייט, נאָך אַן עצה: וואָס זאָל ער טון מיט זיין שווער, וואָס האָט אים נישט פאַרבעטן אויף עפּעס אַ חתונה? דערנאָך איז געקומען יענער שווער. אַ גאַנצע שעה האָט לענין געוואַרט, ביז ער האָט זיי אויסגעגלייכט.

„גאָר גיך האָט לענין דערקענט דאָס סיבירער דאָרף, אַזוי ווי די וואָלגער דערפער. אָפט פלעגט ער מיר זאָגן: מיין מוטער האָט געוואָלט, כ'זאָל זיך פאַרנעמען מיט אַגראַרווירטשאַפט. אַ געוויסע צייט האָב איך עס געטון, אָבער איך האָב עס גלייך אויפגעהערט, ווייל אונזער באַציונג צום פּויער איז דורכויס פאַלש.

„אייגנטלעך האָט לענין, אַ פּאָליטישער פאַרשיקטער, נישט געטאָרט זיך פאַרנעמען מיט יורידישע ענינים. אָבער די מאַכט אין מינוסינסקער קרייז איז געווען גאַנץ ליבעראַל און געקוקט דורך די פינגער. דער דאָרפ-ראָש, אַ רייכער פּויער, האָט זיך גיכער אינטערעסירט, אַז ער זאָל פאַר-קויפן פלייש די אַרעסטירטע, איידער מיט דעם, צי עמעצער וויל נישט אַנטלויפן.

„די פרייזן אין סושענסק זענען געווען גאָר ביליק. לענין האָט באַקו-מען מלוכישע שטיצע — אַכט רובל אַ חודש. פאַר דעם געלט האָט ער באַקומען אַ ריינעם צימער מיט עסן און וועש. פונדעסטוועגן האָט מען גע-זאָגט, אַז דאָס איז צו טייער. מיטאָג און אָוונטברויט איז געווען גאַנץ באַשיידן. איין מאָל אין וואָך האָט מען פאַר זיינעטוועגן דערהרגעט אַ שעפּס, און יעדן טאָג האָט ער געמוזט עסן שעפּסנפלייש. אַז ער האָט אויפגע-געסן דעם שעפּס, האָט ער ווידער געהאַט אַ גאַנצע וואָך קאָטלעטן. מילך האָט ער אַלעמאָל געהאַט גענוג פאַר זיך און פאַר זיין הונט.

„אָבער ביי לענינס באַלעבאַטעס האָבן זיך פּויערן אָנגעשיכורט, און דער שלום-בית איז דאָרט געווען זייער אַ שלעכטער. מיר האָבן זיך גיך איבערגעצויגן. פאַר פיר רובל האָבן מיר געדונגען אַ האַלב הייזל מיט אַ גאָרטן און אַ הויף. דאָרט האָבן מיר שוין געפירט אַ פולשטענדיק-נאָר-מאַלע ווירטשאַפט. זומער איז אונדז שווער געווען צו געפינען אַ דינסט-מיידל — איך מיט דער מוטער האָבן זיך שווער געמאַטערט ביי דער קיך. פון אָנהייב פלעגט זיך מיר גאַנץ אָפט טרעפן אומצוקערן דעם טאָפּ צוזאַ-מען מיט דער זופּ. אָבער גיך האָב איך זיך דערצו צוגעוווינט.

„באַזונדער בין איך שטאָלץ געווען מיט מיין געמיזגאָרטן. כ'האָב פאַרפלאַנצט אוגערקעס, קאַבאַקן, בוראַקעס און אַנדערע געמיזן. היינט איז אין יענעם הייזל אַ פאַרטייקעמערל. דער גאָרטן איז פאַרוואָקסן, דער פלויט פוילט און דאָס גאַנצע הייזל וועט אינגיכן זיך צעפאַלן.

„אָקטאָבער האָבן מיר צוגענומען אַ דרייצניעריק מיידל, וואָס האָט אינגיכן איבערגענומען די פירונג פון אונזער גאַנץ באַלעבאַטישקייט. כ'האָב זי אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. אינגיכן האָבן זיך אויף די ווענט

פון אונזער הייזל באַוויזן אויפשריפטן: „פּאַרגיס נישט קיינמאָל קיין טייז. א. ו. מיט דער צייט האָט זי שוין באַוויזן צו פירן אַ טאָגביכל. צו יענער צייט האָבן מיר זיך באַפריינדט מיט אַ זעקסיאָריק יינגעלע, מיט אַ בלאַס דורכזיכטיק פּנימל. דער פאָטער, אַ פאַרשיקטער פון לעטלאַנד, איז געוואָרן אַ שיכּור. מיין מוטער האָט דאָס קינד ליב באַקומען, און לענין האָט ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן. אַז מיר זענען שפּעטער אַרויסגעפאָרן קיין מינוסינסק, איז דאָס קינד קראַנק געוואָרן פון בענקשאַפט. שפּעטער האָט זיך אונזער באַלעבאַטישקייט נאָך פאַרגרעסערט — מיר האָבן זיך געשאַפן אַ קאַץ.

„פאַרמיטאָג פלעג איך אַרבעטן צוזאַמען מיט לענינען. מיר האָבן איבערגעזעצט וועבס ווערק, וואָס סטרווע האָט אונז געגעבן. נאָכמיטאָג פלעגן מיר איבערזעצן „די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם״ — אויב ס׳איז נישט אויסגעקומען קיין אַנדער אַרבעט. איינמאָל האָבן מיר באַקומען קאַוטסקיס בראָשור קעגן בערנשטיינען. מיר האָבן גלייך איבערגעריסן יענע אַרבעטן און במשך צוויי וואָכן איבערגעזעצט די בראָשור אויף רוסיש.

„אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט דער אַרבעט, פלעגט לענין גיין שפּאַצירן אָדער אויף יאַגד — ער האָט עס זייער ליב געהאַט. ער האָט זיך געהייסן אויסנייען אַ פּאָר לעדערנע הויזן, נישט מורא געהאַט פאַר קיין שום בלאָטע. פרילינג איז צו אונז געקומען פראַמינסקי מיט אַ פריילעכער בשורה, אַז ס׳זענען געקומען צו פליען ווילדע קאַטשקעס. גאַנצע שעהן דערנאָך האָבן מיר געשמועסט, ווער און ווו ס׳האָט געזעען דידאַזיקע פייגל. איניגיכן זענען אַוועק די פרעסט. אין די וועלדער און אין די פעלדער האָט זיך אַלץ אויפגעכאַפּט צום לעבן. מ׳האָט באַגעגנט ווילדע הינער און דזשיקעס. אין יענער צייט פלעגט לענין אָפט גיין אין וואַלד אַריין, אָבער ער האָט נישט מיטגענומען דעם הונט, כּדי נישט צו איבערשרעקן די חיות.

„ער האָט אויך שטאַרק ליב געהאַט יאַגד אויף האָזן. האַרבסט פלעגט ער געוויינלעך באַשליסן, אַז ער וועט נישט שיסן אויף קיין האָזן — אָבער ער האָט גיך אָן דעם פאַרגעסן און זיך געכאַפּט צו דער ביקס יעדעס מאָל, ווען אַ האָז פלעגט פאַרביילויפן. שפּעטן האַרבסט, ווען אויפן יעניסיי האָבן אָנגעהויבן שווימען אייז־שטיקער, איז אויף די קליינע אינזעלעך אינמיטן טייך געווען פול האָזן, וואָס זענען משוגענערהייט געלאָפן אַהין און צוריק, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט צוריקלויפן אויף דער יבשה. האָבן אונזערע יעגער געהאַט דאָן אַ שלל אַרבעט, און די דערהרגעטע חיות האָבן זיי געבראַכט אויף דער יבשה אין שיפלעך. שפּעטער, שוין אין מאָסקווע, האָט זיך לענין נאָך אַלץ פאַרנומען מיט יאַגד, אָבער שוין נישט מיט אַזאַ אייפער, ווי אין סיביר. אַמאָל האָבן מיר געמאַכט אַ יאַגד אויף אַ פוקס. לענין האָט עס שטאַרק ליב געהאַט. דער פוקס איז אַרויסגעלאָפן גלייך אויף אים. לענין האָט געצילט מיט דער ביקס. דער פוקס האָט אויף אים אַ ווײַלע געקוקט, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַנטלאָפן אין וואַלד.

„— פאַרוואָס ׳סטו נישט געשאָסן ? — האָבן מיר לענינען געפרעגט.
„— ווייל ער איז געווען זייער אַ שיינער.

„שפּעטן האַרבסט, פאַרן ערשטן שניי, פלעגן מיר אָפט שפּאַצירן פאַזע ברעג פאַרפרוירענעם טייך, זיך צוגעקוקט צו די פישלעך, וואָס מ׳האָט גע־קאָנט גוט זעען דורך דעם קרישטאָלענעם, דורכזיכטיקן אייז. ווינטער פלעגן מיר זיך גליטשן — לענין האָט עס אויך זייער ליב געהאַט. אין די לאַנגע ווינטעראָוונטן האָט ער געלייענט העגעלס און קאַנטס פילאָזאָפישע ווערק אָדער די דיספּוטן פון די פראַנצויזישע מאַטעריאַליסטן. אַז דאָס שטודירן האָט אים פאַרמאַטערט, האָט ער זיך אָפּגערוט מיט ניעקראַסאָווס און פּוש־קינס דיכטונג.

„אַז לענין איז דאָס ערשטע מאָל געקומען קיין פּעטערבורג, האָבן מיר זיינע פריינד דערציילט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט איבערגעלייענט קיין איין ראָמאַן. דאָס האָט מיך שטאַרק געחידושט. אין סיביר האָב איך גע־זעען, אַז דאָס איז געווען אַ ליגן. לענין האָט נישט בלויז איבערגעלייענט גאַנץ טאָלסטאָי, טורגעניעוו, טשערנישעווסקי, נאָר ער האָט אויך ליב גע־האַט די רוסישע קלאַסיקער. אין זיין אַלבום זענען געווען, לעבן די בילֿ־דער פון זיינע חברים אין סיביר, בילדער פון זאָלאַ, הערצען, טשערנישעוו־סקי. אויף איין פאָטאָגראַפיע טשערנישעווסקיס האָט לענין אַליין צוגעשריבן: געשטאָרבן 1889.

„פּאָסט פלעגן מיר באַקומען צוויי מאָל אין וואָך. אונזער קאָרעספּאָנ־דענץ איז געווען אַ גאַנץ היפּשע. מ׳האָט אונז געשיקט פון רוסלאַנד בריוו און ביכער. לענינס מוטער פלעגט שרייבן רעגולער פון פּעטערבורג. נינאַ ס ט ר ו ו ע פלעגט אונז שרייבן וועגן איר זון. אָפט פלעגן מיר באַקומען בריוו פון אַנדערע פאַרשיקטע. מ א ר ט אָ ו פלעגט צו אונז שרייבן פון טערכאַנסק. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳רוב פלעגן מיר באַקומען בריוו פון חברים פון די נאָענטע דערפער. מען פלעגט שרייבן וועגן אַלעמען צו ביסלעך : וואָס ס׳הערט זיך אין רוסלאַנד, וועגן אונזערע פלענער פאַר דער צוקונפט, וועגן נייע ביכער, וועגן פילאָזאָפישע ענינים. אַ געוויסע צייט האָט זיך לענין שטאַרק פאַרנומען מיט שאָך. ער האָט אפילו געפירט אַ קאָרעספּאָנ־דענץ־שפּיל מיט אַ חבר. ער איז דעמאָלט געווען אַזוי פאַרטיפט אין די שאָך־פּראָבלעמען, אַז ער פלעגט אפילו רעדן פון שלאָף : „אויב דו וועסט גיין מיטן לויפער אַהין, גיי איך אַהער מיטן מלך !״.

„לענינס פאָטער האָט שוין געהאַט אַ גרויסע נייגונג צו שאָך. לענין האָט מיר דערציילט, אַז תחילת האָט ער מיטן ברודער אַלעקסאַנדער כסדר פאַרשפּילט צום פאָטער. דערנאָך האָט אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו געקויפט אַ האַנטביכל פון שאָך, און אינגיכן האָבן זיי אָנגעהויבן צו געווינען. „איינ־מאָל אין אָוונט — האָט מיר לענין דערציילט — זעען מיר, אַז דער טאַ־טע איז אַרויס פון אונזער צימער מיטן שאַכביכל אין האַנט. ער האָט זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין צימער און זיך גענומען שטודירן דאָס ביכל. אינגיכן איז ער ווידער געוואָרן שטאַרקער פון אונז.

„נאָכן אומקערן פון סיביר אַהיים האָט לענין ווידער פאַרוואָרפן די שאָכשפּיל. ער האָט מיר געזאָגט: „איך מוז ענדיקן מיטן שאָך. דידאַזיקע שפּיל פאַרנעמט מיר דעם גדאַנק. זי שטערט מיר זיך צו קאָנצענטרירן אויף אַ וועלכער־ס'איז אַרבעט".

„שוין אין דער יוגנט האָט ער געהאַט די טבע, אַז ער האָט פאַרוואָרפן יעדע זאַך, יעדע פאַרווייַלונג, אויב זי האָט אים געשטערט אין דער אַרבעט. „אַז איך בין נאָך געגאַנגען אין שול — דערציילט ער — האָב איך זייער ליב געהאַט זיך צו גליטשן. אָבער מחמת איך בין געווען זייער פאַרמאַטערט און דערפאַר לאַנג געשלאָפן, האָב איך עס געמוזט פאַרוואַרפן צוליב מיין אַרבעט". אַזוי איז אויך געווען מיט זיין לערנען זיך לאַטיין. דאָס האָט אים אויך געשטערט אין זיין וויכטיקער אַרבעט, און ער האָט עס פאַרוואָרפן.

„לענין האָט זיך געלערנט לאַטיין בלויז דערויף, כּדי זיך צו באַקענען מיט דער קאָנסטרוקציע פון די רוימישע רעדנערס. אין די שפּעטערדיקע צייטן, אַז איך האָב געהערט זיינע רעדעס, האָב איך אין זיי דערקענט דעם רוימישן בוי פון סטיל.

„הגם לענין פלעגט זיך באַלעבט איבערשרייבן מיט די פאַרשיקטע חברים, איז ער אָבער זעלטן צו זיי געקומען. איך געדענק נאָר אונזערע באַזוכן ביי קורנאַטאָווסקין, זייער אַ געבילדעטן און הויכאַנטוויקלטן חבר, און אונזער נסיעה קיין ט ע ס. די לעצטע נסיעה האָט זייער אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע: אַנומלט האָבן אונז אָנגעשריבן די דאָרטיקע חברים, אַז דער אָרטיקער פּאָליצמייסטער איז זייער אַ שטרענגער און דערלויבט נישט אַרויסצופאָרן קיין טרים. מחמת אָבער עס געפינט זיך אין טעס אַ באַרג, וואָס איז וויסנשאַפטלעך — געאָלאָגיש זייער אינטערעסאַנט, טאָ זאָל זיך לענין באַמיען, אַז מען זאָל אים דערלויבן פאָרן אויספאָרשן דעם באַרג.

„דאָס שפּיל האָט זיך איינגעגעבן: מ'האָט אונז דערלויבט צו פאָרן קיין טעס און מיר האָבן זיך אויסגעשמועסט מיט די חברים. אַרום ניי־יאָר זענען מיר געפאָרן קיין מינוסינסק, וווּ ס'האָבן געוווינט עטלעכע פאַרשיקטע חברים. מיר האָבן זיך דעמאָלט שטאַרק צעאַמפּערט. די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן נישט צו אונז קיין גרויס צוטרוי און האַלטן אונז נישט פאַר קיין אויפריכטיקע סאָציאַליסטן. דערויף האָט לענין פאָרגעלייגט, מען זאָל זיך צעטיילן מיט דער אַרבעט. מ'האָט עס אָנגענומען. פון דאַן אָן האָט יעדע גרופּע געאַרבעט באַזונדער, זיך נישט געזאָרגט פאַר דער אַנדערער.

„דערווייל זענען צו אונז אָנגעקומען פון רוסלאַנד גאָר נישט קיין פריילעכע בשורות. ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן אַרויסצוגעבן לענינס עטלעכע ווערק מיט דער הילף פון אונזערע פּעטערבורגער חברים. פאַרשפּרייטן אונזערע אָנשויונגען דורך פאָפּולערע בראָשורן אויף אַ ברייטערן קרייז איז געוואָרן אוממעגלעך. די כּסדרדיקע אַרעסטן האָבן אינגאַנצן באַשווערט

אונזער אַרבעט. צו יענער צייט האָט לענין געשאַפן אַ פּלאַן פון יענער אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט שפּעטער פאַרווירקלעכט. ווען ער האָט אַרויסגעגעבן די איסקראַ. ער האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַ צייטונג, אַרויסגעבן זי אין אויסלאַנד און אומלעגאַל זי פאַרשפּרייטן אין רוסלאַנד.

„ער איז געשלאָפן וואַסמאַל ווייניקער, טאָג און נאַכט אַדורכגעטראַכט זיין פּלאַן. ער איז דאַר געוואָרן, זיך כּסדר באַראַטן מיט מיר, געשריבן בריוו צו מאַרטאָוון. ער האָט געפּלאַנט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד צוזאַמען מיט מיר און מיט פּאָטרעסאָוון. וואָס נענטער ס'איז געקומען דער טאָג פון דער באַפרייונג, אַלץ נערוועזער איז ער געוואָרן, אַלץ שטאַרקער האָט אים געצויגן צו אַקטיווער עפנטלעכער אַרבעט.

„אומגעריכט האָט מען ביי אונז געמאַכט אַ רעוויזיע. מ'האָט ביי עמעצן געפונען אַ באַשטעטיקונג אויף אַ רעקאָמענדירטן בריוו צו לענינען, האָבן די זשאַנדאַרמען אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַדורכגעפירט ביי אונז אַ רעוויזיע. מ'האָט טאַקע געפונען יענעם בריוו, אָבער ס'איז געווען זייער אַ כשערער אינהאַלט. אַזוי ווי אין פּעטערבורג, האָבן מיר אויך אין סיביר געהאַלטן באַזונדער די לעגאַלע און אומלעגאַלע קאָרעספּאָנדענץ. אַלע בריוו, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זענען געלעגן סאַמע-אונטן אין שאַנק. לענין האָט די זשאַנדאַרמען צוגעשטעלט אַ שטול, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעווידירן די אויבערשטע פּאָליצעס. דאָרט זענען געלעגן בלויז סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן. די זשאַנדאַרמען זענען געוואָרן אַזוי פאַרמאַטערט, אַז זיי האָבן מיר געגלייבט, אַז אונטן ליגן פּעדאַגאָגישע ביכער. אַזוי-אַרום האָט זיך די רעוויזיע געענדיקט מיט גאָרנישט. אָבער ס'האָט אונז געדראָט אַ סכּנה: די זשאַנדאַרמען האָבן געקאָנט געפינען קאָמפּראָמיטירנדיקע פּאַפּירן, און די מאַכט האָט דאָס געקאָנט אויסנוצן, כּדי אונז צו פאַרלענגערן די פאַרשיקונג.

„מערץ 1900 האָט זיך געענדיקט אונזער טערמין. מיר זענען צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּעיש-רוסלאַנד. אונזער דינסטמיידל, פּאַשאַ, וואָס איז משך די צוויי יאָר אויסגעוואָקסן אַ שיין מיידל, האָט ביטער געוויינט ביי אונזער אַוועקפאָרן. אונזער קליין חברל, דאָס זעקסיאָריק ייִנגעלע, האָט זיך צוגענומען פאַר אַן אָנדענק אונזערע בילדער, פּאָטאָגראַפיעס, בלייפעדערס, פּאַפּיר. אַלע ווײַלע זענען געקומען אַנדערע שכנים, זיך מיט אונז צו געזעגענען. אפילו לענינס הונט האָט אויף אונז געקוקט מיט שטומען צער.

„מיר זענען געקומען קיין מינוסינסק. פון דאָרט האָבן מיר געזאָלט מיטנעמען האַרקאָוון און אָלגאַ סילווינאַ. אַלע פאַרשיקטע האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט זיך צו געזעגענען מיט אונז. ס'איז געווען יענע באַקאַנטע שטימונג, ווען איינער פון די פאַרשיקטע פאָרט צוריק קיין רוסלאַנד. יעדער האָט גערעדט וועגן זיינע פּלענער, אויסגעפרעגט לענינען, וואָס ער האָט בדעה צו טון ווייטער, געמאַכט פּלענער און פאָרשלאָגן וועגן אונזער ווייטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ. אַלע האָבן מיר דעמאָלט געטראַכט וועגן רוסלאַנד — גערעדט וועגן פּוסטע נאַרישקייטן.

„מיר זענען געפאָרן מיטן שליטן דריי הונדערט וויאָרסט, טאָג און נאכט, פּאַזע ברעג יעניסיי. לענין האָט מיך און מיין מוטער איינגעהילט אין פּעלצן. אויף יעדער סטאַנציע האט ער אַ קוק געטון, צי מיר זענען נישט געפרוירן געוואָרן. אַליין האָט ער נישט געהאַט קיין פוטער, געזאָגט, אַז ס'איז אים הייס, און די הענט ארייגערוקט אין די אַרבל. ער איז געווען אין געדאַנק אין רוסלאַנד, ווו ס'האָט אויף אים געוואַרט אַ גרויסע אַרבעט.

„אין אופאַ זענען מיר פאַרפאָרן צו אונזערע פריינד. לענין איז געבליבן אין אופאַ עטלעכע טעג, מיך און מיין מוטער איבערגעגעבן צו אונזערע חברים, און אַליין איז ער אַוועק ווייטער, נענטער צו פּעטערבורג. בעת ער איז אין אופאַ אַריין אין אַ בוכהאַנדלונג און געשמועסט מיטן בוכהענדלער, האָט ער מיטאַמאָל באַקומען אַזאַ מאָדנע · ווייך קול, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געהערט. דעמדאָזיקן איינדריק האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן.

„דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די אמתדיקע ארבעט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז לענין וויל נישט בלייבן אין אופאַ, נאָר וויל ווינען נאָענט צו פּעטערבורג. ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין פּסקאָוו. דאָרט האָבן געוווינט עטלעכע אונזערע חברים, און ער האָט אָנגעהויבן צו שפּינען די פעדעם פון יענער אָרגאַניזאַציע, ווי אַזוי דער טאָגבלאַט, ארויסגעגעבן אין אויסלאַנד, זאָל קאָנען אָנקומען קיין רוסלאַנד.

„ווען לענין האָט אין פּסקאָוו געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר דער קומענדיקער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, בין איך געווען אין אופאַ. איך האָב געאַרבעט ביי איבערזעצונגען, געגעבן לעקציעס און זיך ווי־ס'איז אדורכגעשלאָגן. צו יענער צייט האָט זיך די אופער סאָציאַלדעמאָקראַטישע פאַרטיי געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן. איין גרופּע איז מיר געווען אַ סך ליבער און נענטער, ווי די אַנדערע. זי איז באַשטאַנען פון צוועלף מענטשן, און בראש פון איר איז געשטאַנען אַ געוויסער י אַ ק ו ט אָ וו. ער פלעגט אָפט צו מיר קומען, געליען ביכער, דיסקוטירט מיט מיר וועגן מאַרקסן. ער פלעגט זאָגן, אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר פאַרשיקן, ווייל ער'ט אין ערגעץ נישט פאַלן. יאַקוטאָוו איז געווען אַ גלענצנדיקער קאָנספּיראַטאָר, האָט זייער פיינט געהאַט שיינע און דערהויבענע ווערטער. 1905 האָט מען אים אויסגעקליבן פאַרן פּרעזידענט פון דער דעמאָלט־געשאַפענער אופער רעפּובליק. נאָך דער מפּלה פון דער רעוואָלוציע האָט מען אים געהאָנגען. אינם מאָמענט, וואָס מ'האָט אים אָנגעטון די פּעטלע, האָבן אַלע אַרעסטאַנטן אין דער אופער תּפיסה געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און געשוווירן נקמה פאַר זיין טויט.

„אין אופאַ האָב איך זיך זייער אָפט באַגעגנט מיט אַרבעטער און זיך באַמיט זיי צו אָרגאַניזירן. איך האָב זיך דעמאָלט באַפריינדעט מיט אַ געוויסן טאָקער, אַ נערוועזער מענטש מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אופער אַרבעטערלעבן. שפּעטער איז ער אַריבער צו

דער ס.ר.ישער פארטיי און געשטאָרבן אין משוגעים-הויז.
„אָפט פלעגט צו מיר קומען אַן איינבינדער, ק ר י ל אָ ו, אַ שחינ-זיכטיקער. ער האָט פאַרמאָגט די קענטעניש איינצובינדן ביכער מיט גע-היימע עפענונגען. ער האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן דעם לעבן פון די זעצער. דידאָזיקע ידיעות האָט לענין שפּעטער אויסגענוצט אין דער „איסקראַ". אופאַ איז דעמאָלט געווען דער מיטלפונקט, ווו מ'האָט קאָנ-צענטרירט אַלע פאַרשיקטע קיין סיביר. די פאַרשיקטע, וואָס זענען צוריק-געפאָרן, האָבן זיך אויף עטלעכע טעג אויפגעהאַלטן אין אָט דער שטאָט. ס'האָט זיך אונז אויך איינגעגעבן אָנצוקניפּן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט מ אַ ר ט אָ ו ו ן, וואס האָט דעמאָלט געוווינט אין פּאָלטאַווע. ער האָט מיר צוגעשטעלט אַ סך רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור".

ווי מיר זעען, איז לענין אָנהייב 1900 געקומען קיין איראָפּעיש-רוסלאַנד, אָנגעהויבן פון דאָס ניי זיינע רעוואָלוציאָנערע נסיעות און או-מעטום געקליבן מענטשן, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געאַרבעט פאַר דער רעוואָלוציע. 1901 האָט ער צוזאַמען מיט מ אַ ר ט אָ ו ו ן און פּ אָ ט-ר ע ס אָ ו ו ן געשאַפן די טאָגצייטונג „איסקראַ", (דער פונק), וואָס האָט געזאָלט שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ביים קעפּל האָט מען אָפּגעדרוקט פאַר אַ מאָטאָ פּושקינס ווערטער, וואָס ער האָט גע-זאָגט וועגן דעקאַבריסטן-אויפשטאַנד: „פון אָט די פונקען וועט זיך צעפלאַקערן אַ פייער". אין דערדאָזיקער צייטונג האָט לענין באַגרינדעט זיין פּראָ-גראַם. ער האָט געפּרעדיקט דעם געדאַנק צו שאַפן „פּראָפעסיאָנעלע רע-וואָלוציאָנערן", ווייל אינם קאַמף פאַר פרייהייט דאַרף מען נישט קיין ליב-האָבער, אַמאַטאָרן, נאָר מענטשן, וואָס זענען דערצו פּראָפעסיאָנעל אויסגע-שולט — טעכניקער.

## 10

אָבער גאָר אינגיכן האָט לענין געמוזט אַרויספאָרן פון רוסלאַנד. 1902 האָט ער געהאַלטן פּאָרטראָגן אין פאַריזער „העכערער שול פאַר סאָציאַ-לע וויסנשאַפטן". ער האָט פאַר זיין אוידיטאָריע, וואָס איז — אגב — געווען גאַנץ קליין, איבערגעגעבן, וואָס ער וואָלט געטון מיט די רייכע רוסישע אוצרות, ווען ער וואָלט געהאַט די מאַכט. שוין דעמאָלט האָט ער אָנגעוויזן, אַז מען מוז ענדגילטיק פאַרטיליקן אַזוי דעם צאַר און דעם אַדל, ווי די פאַבריקאַנטן און די פּריצים — פאַרטיליקן מיט טעראָר. דורך דער גאַנצער צייט אין פאַריז האָט ער מיט דער פרוי געלעבט אין פולשטענ-דיקער אָרעמקייט, כמעט אַסקעטיש.

1903 האָט ער גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אינם צווייטן צוזאַמענ-פאָר פון דער רוסישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אויף אָט דעם קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אויף צוויי מחנות: באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. דאָ האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן לענינס אומגעהייערע

עקשנות און קאָמפּראָמיסלאָזיקייט. אָן די מינדסטע וואַקלעניש האָט ער איבערגעריסן די באַציונגען מיט אַ סך חברים זיינע, צוליב חילוקי-דעות וועגן פּונקטן, וואָס האָבן נישט געהאַט דעם מינדסטן באַטייט. פון דאַן אָן איז זיין גאַנצער קאַמף געווענדט קעגן די חברים, וואָס ווילן גיין אויפן וועג פון ק׳ענסטן ווידערשטאַנד. ער האָט אומברחמנותדיק באַקעמפט אַלע אפּנייגן פון מאַרקס׳ס טעאָריע, אַלע פאַלשע אויסטייטשן. ער האָט יעדן קעגנער אויפגעוויזן, אַז יענעמס וועג פירט גלייך צו רעאַקציע. דאַן האָט מען לענינען אָנגעהויבן צו האַלטן פאַר אַ מענטש, זייער אַ שטאָלצן, געבייגט צו טיראַניי. אַנדערע האָבן אפילו געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט קליינער אינטעליגענץ.

לענין האָט אַמאָל צענויפגעקליבן אַלע שלעכטע מיינונגען וועגן אים פון זיינע אַמאָליקע חברים. ער דערציילט, אַז מ׳האָט אים געקרוינט מיט פאָלגנדיקע נעמען: אויטאָקראַטיש, ביוראָקראַטיש, פאָרמאַליסטיש, צענטראַליסטיש, איינזייטיק, פאַרעקשנט, שמאָלקעפּלדיק, פאַרדעכטנדיק, נישט-חבריש. אפילו טראָצקי, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער געווען זיין באָנטסטער מיטאַרבעטער, איז דעמאָלט אויף אים אָנגעפאַלן: „אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער ס. ד. האָט אָט דער מענטש ענערגיש און מיט זיין אייגנאַרטיקן טאַלענט געשפּאָלטן די פּאַרטיי... דער חבר לענין האָט אין געדאַנק געמאַכט אַן איבערזיכט פון אַלע פּאַרטייחברים און איז געקומען צום באַשלוס, אַז נאָר ער אַליין קאָן זיין די אייזערנע פויסט... חבר לענין האָט געמאַכט פונם באַשיידענעם ראַט עפּעס אַ גאַנצן אַלמעכטיקן קאָמיטעט פאַר עפנטלעכן וויל, ווו ער זאָל שפּילן די ראָל פון ראָבעספּיער...״

פאַרשטייט זיך, אַז לענין האָט אים גלייך געענטפערט. אין אָפענע בריוו, אין אַרטיקלען, אין פּריוואַטע בריוו צו גאָרקין זאָגט ער אָפן אַרויס זיין מיינונג וועגן טראָצקין. ער האַלט אים פאַר אַ פּוסטן און הוילן פראַזנדרעשער. אפילו אין 1918 האָט ער אָנגעשריבן זייער אַ שאַרפע און בייסנדיקע אָפּהאַנדלונג קעגן דעם „קולט פון רעוואָלוציאָנערער פראַזע״, וואָס איז געווען דירעקט געווענדעט קעגן טראָצקין. דידאָזיקע בראָשור האָט ער פאַרעפנטלעכט אונטער אַ פּסיידאָנים.

איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין זיינע הענט, האָט ער אָנגעפירט אַ ריזיקע פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט. מאַי 1905 איז פאָרגעקומען דער דריטער קאָנגרעס פון דער רוסישער ס. ד. צום דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט לענין צוגעגרייט אַ דערדריקנדיקע מערהייט. אין זיינע רעדעס האָט ער זיך שוין שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן „די פּאַרלאַמענטאַרישע אילוזיעס״. ער האָט אַרויסגערוקט דעם געדאַנק פון אַרבעטער-פויערשער דיקטאַטור.

מיר האָבן ווייניק דירעקטן מאַטעריאַל וועגן לענינס ערשטן עמיגראַציע-פּעריאָד. די זיכרונות פון זיין פרוי באַקענען אונז נענטער מיט יענער וויכטיקער צייט.

אַט וואָס נ. קרופּסקאַיאַ דערציילט וועגן די יאָרן 1900 ביז 1905:

„פאַרן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד איז לענין שיער נישט ווידער אַריינגעפאַלן אין תּפיסה. ער איז געקומען פון פּסקאָוו קיין פּעטערבורג און זיך געטראָפן מיט מאַרטאָוון. די שפּיצלען האָבן אים געפּונען און אַרעסטירט. אין דער וועסטקעשענע האָט מען געפונען צוויי טויזנט רובל און פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע דאָקומענטן, געשריבן מיט סימפּאַטישן טינט. אָבער לענין איז געווען אַזוי פאָרזיכטיק, אַז ער האָט אויף די פּאַפּירן אויסגעשריבן מיט פּשוטן טינט פאַרשידענע אויסגעטראַכטע רעכענונגען. די זשאַנדאַרמען איז נישט איינגעפאַלן אָט די רעכענונגען גענוי צו באַטראַכטן אָדער צו לייענען פאַר פייער. מ'האָט אים גאָרנישט געקאָנט פאָרוואַרפן. נאָך צען טעג אויספאָרשאַרעסט האָט מען אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. לענין איז דאַן אַוועקגעפאָרן קיין אופא זיך צו געזעגענען מיט מיר.

„אַן ערך אין אַ וואָך אַרום איז ער אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט געשריבן צו מיר רעגולער, געשיקט מיר ביכער מיט געהיימע ידיעות. פון זיי בין איך געוואויר געוואָרן, אַז שאַפן אַ צייטונג איז כּלל נישט אַזאַ לייכטע זאַך, ווי עס האָט זיך אים אויסגעוויזן. פּלעכאַנאָוו האָט געשטעלט שווערע באַדינגונגען.

„לענינס בריוו פון אויסלאַנד פלעגן זיין קורץ. איך האָב אין זיי דערקענט, אַז ער איז זייער נידערגעשלאָגן. כּימעט יעדער בריוו פלעגט זיך ענדיקן: „איכ'ל דיר דערציילן גענוי, ווען מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען". אַ געוויסע צייט האָב איך נישט באַקומען קיין שום ידיעות פון לענינען. כ'האָב אומגעדולדיק געוואַרט, ווען ס'וועט זיך ענדיקן מיין גלות.

„סוף כּל סוף בין איך באַפרייט געוואָרן און בין אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט מיין מוטער קיין מאָסקווע צו לענינס מוטער. איך האָב זייער ליב געהאַט אָט די פרוי—זייער אַ באַזאַכטע און אַ האַרציקע. אפילו שפּעטער, ווען מיר האָבן געוווינט אין אויסלאַנד, האָט זי קיינמאָל נישט געשריבן צו אים אַליין, נאָר אַלעמאָל צו אונז ביידע. לענין האָט אויך זייער ליב געהאַט זיין מוטער. ער פלעגט אָפט זאָגן, אַז זי פאַרמאָגט אַן אייזערנעם ווילן, ווייל אַנדערש וואָלט זי נישט איבערגעהאַלטן אַלעקסאַנדערס טויט. לענין האָט געירשנט נאָך איר איר אייזערנע ענערגיע און גלייכצייטיק אירע סובטעלע געפילן, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט גרינטלעך פאַרשטיין יעדן מענטש.

„נאָך אויף פאַרשיקונג, דאָס יאָר 1897, האָט ער איבערגעלייענט אין עפּעס אַ מאָסקווער צייטונג, אַז אַ געוויסע מאַריאַ אוליאַנאָווא איז געשטאָרבן. ער איז דאַן געוואָרן בלייך ווי קאַלך און געזאָגט: „איך בין נאָר וואָס געוואויר געוואָרן, אַז מיין מוטער איז געשטאָרבן". ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז געווען אַן אַנדער מאַריאַ אוליאַנאָווא.

„לענינס מוטער האָט אַ סך געליטן. דער עלטסטער זון איז אומגע-

קומען אויף דער תּליה. אַ טאָכטער איז איר פרי אָפּגעשטאָרבן, די איבעריקע קינדער זענען כּסדר געזעסן אין די תּפיסות. אַז לענין איז אין יאָר 1895 קראַנק געוואָרן, איז זי גיך געקומען, געקאָכט אים מיטאָגן און אים געפּלעגט, וויפל זי האָט געקאָנט. ווען מען האָט אים אַרעסטירט, איז זי גלייך געקומען, אָפּגעזעסן גאַנצענע שעהן אין קאַנצעלאַריע פון תּפיסה און אָנטיילגענומען אינם אַריבערשמוגלען צו אים קאָנספּיראַטיווע בריוו.

„אַז איך בין, צוריק פון סיביר, געקומען קיין מאָסקווע, האָב איך קודם כּל אַוועקגעפירט מיין מוטער קיין פּעטערבורג. דערנאָך בין איך אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד — קיין פּראָג. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז לענין האָט דאָרט געוווינט אונטערן נאָמען מ אָ ד ר אַ ט ש ע ק. כ׳האָב געקלאַפּט צו אים אַ דעפּעשע, אָבער אויפן וואָקזאַל איז קיינער נישט געווען. באַאומרויקט, האָב איך גענומען אַ קוטשער, אַרויפגעלייגט מיין טשעמאָדאַן און אַהינגעפאָרן צו יענעם מאָדראַטשעקן, וואָס האָט געוווינט אין אַרבעטערפערטל אין צווייטן הויז פון ראָג. כ׳בין גיך אַרויפגעלאָפן די פיר שטאָק און האָב אָנגעקלונגען. די טיר עפנט זיך, פאַר מיר שטייט אַ העלהאָריקע טשעכישע פרוי:

„— מאָדראַטשעק? — פרעג איך.

„— ניין, דאָס איז מיין מאַן.

„פרוי מאָדראַטשעק האָט זיך מיר אויפמערקזאַם צוגעקוקט און געזאָגט:

„— אַך, איר זענט מסתּמא ה׳ ריטמייערס פרוי. ער וווינט אין מינכען. איך האָב עס אייך געשיקט קיין אופן אַלע בריוו, וואָס ער האָט צו אונז אַריבערגעשיקט.

„אַ גאַנצן טאָג בין איך דערנאָך געזעסן מיטן ה׳ מאָדראַטשעק און געשמועסט. כ׳האָב אים דערציילט וועגן דער רוסישער אַרבעטערבאַוועגונג. ער האָט מיר דערציילט, וואָס ס׳הערט זיך אין עסטרייך. זיין פרוי האָט מיר געוויזן אירע האַפטן און מכבד געווען מיט טשעכישע קניידלעך.

„כ׳בין אַוועקגעפאָרן קיין מינכען. כ׳בין דאָרט אָנגעקומען אין אַ פּויטער, בשעת אַלע פרויען האָבן שוין דאָרט געטראָגן לייכטע קליידלעך. מיין טשעמאָדאַן האָב איך געלאָזט אויפן וואָקזאַל, און אַליין בין איך צוגעפאָרן צו יענעם ריטמייער. דער אַדרעס, וואָס איז מיר אָנגעגעבן געוואָרן, איז געווען אַ ביר־האַלע. כ׳גיי צו צום טובאַנק, ס׳שטייט אַ גראָבער פאַרשוין. איך פרעג זיך שטיל אויף ריטמייערן און פיל בשעת־מעשה, אַז כ׳האָב ווידער נישט געטראָפן.

„— ריטמייער? — פרעגט יענער בעל־דבר — דאָס בין א י ך דאָך.

„— ניין — ענטפער איך — דאָס איז מיין מאַן!

„מיר קוקן אויף זיך ביידע פאַרלוירן. מיטאַמאָל קומט צו ריטמייערס פרוי:

„— דאָס איז מסתּמא פרוי מייער פון סיביר. מיר האָבן אויף אייך געוואַרט. קומט מיט מיר!

„זי פירט מיך דורכן הויף אין עפּעס אַ וווינונג און עפנט די טיר: ביים טיש איז געזעסן לענין. כ'בין געוואָרן אַזוי צערודערט, אַז כ'האָב איר פאַרגעסן צו דאַנקען, נאָר גלייך צו לענינען:

„— וואָס איז דאָס געשען? פאַרוואָס האָסטו נישט געשריבן, ווו כ'זאָל דיך זוכן?

„— ס'הייסט נישט געשריבן? דריי מאָל אַ טאָג גיי איך אויפן וואָקזאַל! פונוואַנען האָסטו זיך גענומען אַהער?

„ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מענטש, וואָס האָט געזאָלט צו מיר אַרויסשיקן לענינס בריוו, האָט דעם בריוו פאַרלוירן. ס'איז געווען אַ ריינער צופאַל, וואָס איך האָב נאָך לענינען באַגעגנט אין מינכען. ער האָט געקאָנט דערווייל אַרויספאָרן קיין לאָנדאָן.

„לענין, מאַרטאָוו און פּאָטרעסאָוו האָבן געוווינט אין מינכען אונטער פאַלשע נעמען. זיי האָבן נישט געוואָלט, מען זאָל נאָכשפּירן די רוסישע אַרבעטער, וואָס קומען קיין מינכען. אַחוץ דעם איז אונטער פרעמדע נעמען לייכטער געווען זיך איבערצושרייבן מיט די חברים אין רוסלאַנד. דערפאַר האָט לענין געוווינט אַלס הער מייער ביים ה' ריטמייער, דעם באַלעבאָס פון דער בירהאַלע — אַ דעקלאַרירטער סאָציאַלדעמאָקראַט.

„ער האָט געוווינט אין אַ קליין, באַשיידן צימערל. מיטאָג פלעגט ער עסן ביי אַ געוויסער דייטשקע, וואָס האָט אים הויפּטזאַכלעך געקאָרמעט מיט געמיזעס. אויף אָנבייסן און אָוונטברויט פלעגט ער זיך אַליין קאָכן טיי. דער אָוונטברויט פלעגט באַשטיין פון טיי מיט ברויט.

„ער האָט אויסגעזעען זייער פאַרזאָרגט און פאַרומערט. די אַרבעט איז נישט געגאַנגען אַזוי גיך, ווי ער האָט געוואָלט. אַחוץ לענין, האָבן דעמאָלט געוווינט אין מינכען מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו און זאַסוליטש. פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד זענען דווקא באַשטאַנען אויף דעם, אַז יענער טאָגבלאַט זאָל אַרויס ערגעץ אין דער שווייץ — אונטער זייער לייטונג. זיי האָבן נישט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף לענינס מיינונגען און האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָסער אָרגאַניזאַציאָנעלע ראָל דאַרף דאָס אייגנטלעך שפּילן די „איסקראַ". לענין, ווידער, האָט געהאַלטן, אַז דער טאָגבלאַט דאַרף אַרויס ווייט פון די עמיגראַנטישע צענטערס. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט זיך איינגעבן אָנצוהאַלטן שטענדיקע באַציונגען מיט רוסלאַנד. מיר, אין דער פרעמד, האָבן געהאַט בעסערע ידיעות וועגן רוסלאַנד, ווי די חברים, וואָס זענען דאָרט געווען. מיר האָבן אויך פון דרויסן געקאָנט אַ סך ווירקן אויף דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

„לענין האָט אָפּגעקויפט אין מינכען ביי עפּעס אַ בולגאַרער אַ פּאַס, אַריינגעשריבן מיך אונטערן נאָמען מאַריצאַ פאַר זיין ווייב. דערנאָך האָבן מיר געדונגען איין צימער ביי אַן אַרבעטערפאַמיליע. איך האָב איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט אין רעדאַקציע „איסקראַ".

„אַרבעט איז געווען לרוב. פון רוסלאַנד האָט מען געשיקט בריוו אויף

באַרשידענע אַדרעסן אין דייטשע שטעט. אונזערע חברים האָבן איבערגע־שיקט די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ צו אַ געוויסן דאָקטאָר לעהמאַן. יענער האָט עס איבערגעשיקט צו אונז. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שטענדיקן פאַרקער מיט רוסלאַנד, האָבן מיר געמוזט אַדורכשמוגלען אונזער טאָגבלאַט דורך דער גרענעץ אין טשעמאָדאַנען מיט אַ טאָפּלטער וואַנט. אָט די טשע־מאָדאַנען האָט מען דערנאָך אָפּגעשיקט אין רוסלאַנד אויף פאַרשידענע אַד־רעסן. אַהין זענען געקומען אונזערע חברים, אַרויסגענומען די „סחורה" און צעטיילט צווישן די אָרגאַניזאַציעס. מיר זענען אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אונזערע מענטשן אין פּאַריז און בערלין, אין דער שווייץ און אין בעלגיע. זיי האָבן אונז אָנגעוויזן מענטשן אויף איבערצופירן די ליטעראַטור קיין רוסלאַנד.

„אונזער בעסטער מיטאַרבעטער איז געווען באַבושקין, לענינס פּערזענ־לעכער פריינד, אַ פּעטערבורגער פאַבריקאַרבעטער. ער איז אַרומגעפאָרן די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע צענטערס, איבערגעשיקט אונז באַריכטן און אין יעדער שטאָט אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט די חברים. קיין מינכען זענען אויך געקומען אַ סך רעוואָלוציאָנערן פון רוסלאַנד, ווי צבש.: נאָסקאָוו, דער פאַרטרעטער פונם צפונפאַריין. פּ. סטרווע פלעגט אונז אויך אָפּט באַזוכן.

„די חילוקי־דעות צווישן לענינען מיט סטרוווען האָבן שוין דעמאָלט אָנגענומען שאַרפע פאָרמעס. סטרוווע איז שוין דעמאָלט געווען אַרויסגע־טרעטן פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי און אַריבער צו די ליבע־ראַלן. ס'פלעגט צווישן זיי קומען צו שאַרפע צוזאַמענשטויסן. לסוף האָט לענין אינגאַנצן נישט געוואָלט רעדן מיט סטרוווען. מיר איז קוים געלונ־גען איינצואָרדענען נאָך איין טראַגישע באַגעגעניש צווישן זייביידן: לענין האָט אָנגערופן סטרוווען רענעגאַט און פון אים געחוזקט. סטרוווע האָט זיך דאַן מיט אים צעשיידט אויף אייביק. פונדעסטוועגן האָט זיין פרוי, מיינע אַ שול־חברטע, אונז איבערגעשיקט פאַרן אוועקפאָרן אַ בריוו און נאַשוואַרג.

„אַז איך בין געקומען קיין מינכען, האָבן מיר זיך געדונגען אַ דירה ביי אַן אַרבעטערמשפּחה. דער פאָטער, אַ מטופּל מיט זעקס בני־בית, האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיי אין קיך און אין קליינעם קאַבינעטל. פונדעסט־וועגן איז געווען זייער ריין, די קינדער זענען געווען שיין אָנגעטון און גוט דערצויגן. איך האָב אַליין געפירט דאָס באַלעבאַטישקייט, געגרייט מאָל־צייטן אין אונזער צימער און געקאָכט צוזאַמען מיט זיי. דעמאָלט האָט לע־נין געאַרבעט איבער זיין ביכל: „וואָס טוט מען ?".

„אַז ער האָט געדאַרפט שרייבן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אַ ווײַלע געטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אַרומגעגאַנ־גען איבערן צימער און אויסגעשעפּטשעט די געדאַנקען אויפן קול. דער־נאָך האָט ער זיך געזעצט ווידער צום טיש און אויסגעשריבן אַלץ, וואָס ער האָט פריער געזאָגט.



לענין פאַרן קרעמל



לענין נאָטירט בעת אַ צוזאַמענפֿ



אויפן צווייטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן. 1920



ביי דער ארבעט



א דיסקוסיע:
קאמיעניעוו, לעני
טראצקי



י ן (אן אינ־

„אויף אונזערע געמיינזאמע שפּאַצירן פלעגט מיר לענין שטיל דערציילן זיינע ליטעראַרישע פּלענער. מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ נויטווענדיקייט, אַזוי, אַז מיר האָבן כמעט יעדעס אַרטיקל אַדורכגעטראַכט, איידער ער האָט עס אָנגעשריבן. מיר האָבן געוואַנדערט איבער דער שייגער מינכענער אומגעגנט, ס׳רוב געגאַנגען אין שטילע געגנטן און דאָרט פלעגט לענין פאַר מיר אַנטוויקלען זיינע געדאַנקען און מיינונגען. אַ חודש שפּעטער האָבן מיר שוין געהאַט אַן אייגענע דירה אין אַ גרויס הויז אין שוואַבינג. אונזער אַלט ווירטשאַפט האָבן מיר פאַרקויפט פאַר צוועלף מאַרק און פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן.

„אַרום איינס, גלייך נאָך מיטאָג, פלעגט אַלע טאָג קומען מ אַ ר ט אָ וו. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אַזויגערופענע רעדאַקציעזיצונג. מארטאָוו פלעגט רעדן אָן אַ שיער. ער איז געשפּרונגען פון איין טעמע אויף דער צווייטער, אַלעמען געקענט, וועגן אַלעמען געוווּסט.

„— מארטאָוו איז אַ טיפּישער זשורנאַליסט — פלעגט לענין אָפט זאָגן,— אַלץ כאַפּט ער באַלד און פאַרשטייט עס. אָבער ער נעמט אויף די זאַכן צו לייכט. מאַרטאָווס הילף פאַר דער „איסקראַ" איז געווען נישט אָפּצושאַצן. ער פלעגט אָפּטון די גרעסטע טייל אַרבעט.

„אָט די טעגלעכע זעקסשעהדיקע שמועסן מיט מאַרטאָוון האָבן לענינען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז ער האָט שוין דערנאָך נישט געקאָנט מער שרייבן. איינמאָל האָט ער מיך גלייך געבעטן, כ׳זאָל גיין צו מאַרטאָוון און אים בעטן, אַז ער זאָל אויפהערן אַלע טאָג צו קומען. לענין האָט געוואָלט, אַז איך זאָל בלייבן אין קאָנטאַקט מיט מאַרטאָוון, אינפאָרמירן אים וועגן אַלץ און נעמען ביי אים אַרטיקלען פאַר דער „איסקראַ". תחילת איז דאָס אויסגעקומען גאַנץ גוט. אָבער גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַרטאָוו קאָן פּשוט נישט לעבן אָן דיסקוסיעס.

„איז ער ווידער געקומען און ווידער אָנגעהויבן צו דעבאַטירן. ערשט שפּעטער, אַז קיין מינכען איז געקומען דאַן מיט זיין פרוי און קינדער— האָט זיך מארטאָוו אַריבערגעצויגן צו זיי און דאָרט אָפּגעזעסן גאַנצע טעג.

„אָקטאָבער זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון מינכען קיין ציריך, כדי זיך צו פאַרייניקן מיט דער אָרטיקער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. אָבער עס האָט זיך דערפון גאָרנישט אויסגעלאָזט. אין ציריך האָבן מיר זייער גוט פאַרבראַכט. מיר האָבן אַלע געוווינט אין איין האָטעל און כמעט כסדר געווען צוזאַמען. איך דערמאָן זיך אונזערן אַ שמועס מיט פּלעכאַנאָוון אין אַ קאַוועהויז. דערלעבן איז געווען דער באַלזאַל, וווּ אַרבעטער האָבן זיך געלערנט פעכטן, אנגעטון אין פּאַנצערס. פּלעכאַנאָוו האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט:

„— מיר וועלן אויך אַזוי קעמפן.

„אָבער אויף צוריקוועגס האָט ער פאַרטראַכט פאַרבעסערט:

„— ניין, ניין! צו קיין באַוואָפנטן קאַמף וועט נישט קומען!

„צוריקגעקומען פון ציריך קיין מינכען, האָט זיך לעניןווידער גע־זעצט צום טיש און געענדיקט זיין ווערק „וואָס טוט מען?". צו יע־נער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע מיינונגפאַרשידנקייטן וועגן דער „איסקראַ". פּלעכאַנאָוו האָט אָפּגעוואָרפן לענינס פּלאַן. דאָס האָט ארויסגע־רופן א סך בייז בלוט. אקסעלראָד האָט זיך איינגאַנצן ארויסגעצויגן פון דער דיסקוסיע, ווייל דער קאָפּ זאָל אים האָבן וויייגעטון. דערווייל האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אז מען וועט נישט קאָנען דרוקן די „איסקרא" אין מינכען, ווייל דער באַלעבאָס פון דרוקעריי האָט נישט געוואָלט ריזיקירן. מיר האָבן זיך דעריבער געמוזט איבערטראָגן ערגעץ־אַנדערש. פּלעכאנאָוו און אקסעלראָד האָבן פאָרגעלייגט שווייץ. אנדערע האָבן געהאלטן פאר לאָנדאָן.

„די צייט, וואָס מיר האָבן פאַרברענגט אין מינכען, איז אונז אלעמען שפּעטער אויסגעקומען ווי דער ליכטיקסטער פּונקט אין אונזער עמיגראַציע־לעבן. די שפּעטערדיקע יאָרן אין דער פרעמד זענען אונז אָנגעקומען אַ סך שווערער. דורך אָט דער צייט זענען צווישן אונז נישט געווען קיין וויכ־טיקע חילוקי־דעות. אַלעמען האָט אונז דעמאָלט באַגייסטערט איין גע־דאַנק: שאַפן אַן אַלרוסישן טאָגבלאַט און גרינדן אַ נייע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. באַהויכט מיט אָט דער אידעע, האָבן מיר זיך אלע געפונען ווי אין אַ קאַרנאַוואַלשטימונג.

„דאָס מינכענער געזעלשאַפטלעכע לעבן האָט אונז לחלוטין נישט אינ־טערעסירט. מיר זענען געווען אויף עטלעכע אַרבעטערפאַרזאַמלונגען, אָבער זיי זענען געווען אומאינטערעסאַנט. אין מינכען האָבן מיר צום ערשטן מאָל געזען פייערן דעם ע ר ש ט ן מ אַ י. די מאַכט האָט עס דערלויבט. די פּאָליציי האָט נאָר געשטעלט אַ באַדינג — אז די פייערונג זאָל נישט פאָרקומען אין שטאָט. זענען המונים דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטן ארויס אין די פאָרשטעט, פאַרברענגט א גאַנצן טאָג אין די אכסניהס, געטרונקען ביר. אָט די פייערונג איז ווייט נישט ענלעך געווען צו אַ וועלכער־ס'איז דע־מאָנסטראַציע.

„מיר האָבן געלעבט איינגאַנצן אָפּגעזונדערט, זיך געהאלטן פונווייטן אפילו פון די דייטשע חברים. מיר פלעגן זיך באַגעגענען מיט פ אַ ר וו ו ס ן, וואָס האָט צוזאמען מיט זיין משפחה געוווינט אין ש וו אַ ב י נ ג, נישט ווייט פון אונז. איינמאָל איז צו אים געקומען ר אָ ז אַ ל ו ק ס ע מ ב ו ר ג, וואָס האָט זיך ביי דער געלעגנהייט באַגעגנט מיט לענינען.

„זענען מיר, הייסט עס, געפאָרן קיין לאָנדאָן. אויפן וועג זענען מיר אָפּגעשטעלט אין ליעזש. ס'איז דאָרט געווען דעמאָלט א גערייצטע שטימונג: מיט עטלעכע טעג פריער האָבן זעלנער געשאָסן צו שטרייקנדיקע ארבע־טער. אין די ארבעטערפערטלען האָט געהערשט גרויס אויפרעגונג און ביי־טערניש. מיר האָבן ביי דער געלעגנהייט באַטראַכט דאָס פּאָלקהויז און זע־

בען געקומען צום אויספיר, אז מען וואָלט דעמאָלט לייכט געקאָנט דעם
עולם, וואָס איז דאָרט געווען פאַרזאמלט, אָפּשניידן און אַרעסטירן. פון
ליעזש זענען מיר גלייך געפאָרן קיין לאָנדאָן.

„דעם טאָג, וואָס מיר זענען געקומען קיין לאָנדאָן, איז דאָרט געווען
אַ שטאַרקער נעבל. אָבער אויף לעניס פּנים איז געלעגן בייגעריקע פרישׂ-
קייט. ער האָט זיך גיריק צוגעקוקט צו דערדאָזיקער קאַפּיטאַליסטישער פעס-
טונג. יענעם טאָג האָט ער פאַרגעסן אָן אַלע אַמפּערנישן מיט פּלעכאַנאָוון
און אנדערע רעדאַקציעמיטגלידער.

„אויפן וואָקזאַל האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַ ל ע ק ס ע י ע ו, אונזער אַ חבר,
וואָס האָט געוווינט אין לאָנדאָן. ער איז געווען אונזער וועגווייזער. גאָר
גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אליין וואָלטן מיר זיך בשום אופן נישט
געקאָנט געבן אַן עצה. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר קענען ענגליש: אין
סיביר האָבן מיר איבערגעזעצט פון ענגליש אַ גראָב בוך. לאָזט זיך אָבער
אויס, אַז קיינער פאַרשטייט אונדז נישט אין לאָנדאָן. דאָס האָט אונדז
אָפּטמאָל געשטעלט אין אַ שלעכטער לאַגע. דערום האָט לענין באַשלאָסן
וואָס גיכער זיך אויסצולערנען ענגליש. זענען מיר צוליב דעם אַרומגע-
גאַנגען איבער אַלע פאַרזאַמלונגען און אָפט פאַרבראַכט אינם ה י ד-
פּ אַ ר ק, ווו ס׳פרעדיקן פאַרשידענע רעדנער. אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט
לענין אויסגעזוכט צוויי ענגלענדער, וואָס האָבן זיך געוואָלט אויסלערנען
רוסיש און דערפאַר אים געלערנט ענגליש.

„לענין האָט אויך זיך גענומען באַקענען מיט לאָנדאָן. פאַרשטייט זיך,
אַז ער איז נישט געגאַנגען אין בריטישן מוזיי. ער האָט עס פיינט גע-
האַט. פון אַלע מוזייען פלעגט ער אָפט באַזוכן דאָס מוזיי פון רעוואָ-
לוציע, אין פּאַריז. ער איז געפאָרן אויף די דעכער פון די אָמניבוסן אי-
בער דער גאַנצער שטאָט. ער פלעגט אויך אָפט צוזאַמען מיט מיר זיך
לאָזן צופוס איבער די אַרבעטערפערטלען, אין ברודיקע געסלעך, ווו ס׳האָבן
זיך געשפּילט הייפלעך בלוטלאָזע קינדער.

„אַלעמאָל האָט אים געצויגן אין יענע ערטער, ווו ס׳פלעגן זיך פאַר-
זאַמלען די אַרבעטערמאַסן. דערום פלעגט ער אָפט קומען אין די עפנט-
לעכע לייענזאַלן, וואָס זענען אין לאָנדאָן אַזוי פאַרשפּרייט. שוין דעמאָלט
האָט ביי אים אין מוח זיך געשאַפן אַ פּלאַן, וואָס ער האָט פאַרווירק-
לעכט נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע: גרינדן אַזעלכע לייענזאַלן אין
רוסלאַנד.

„אָפט פלעגט ער גיין אין ביליקע פאָלקסקיכן און אין קלויסטערס.
אין די ענגלישע קלויסטערס איז איינגעפירט, אַז נאָך די תּפילות מאַכט
מען אַ מין עפנטלעכן דיספּוט, ווו יעדער קאָן נעמען אַ וואָרט. לענין האָט
אויפמערקזאַם געזוכט אין די בלעטער, ווו ס׳קומען פאָר אַזעלכע קלויסטער-
פאַרזאַמלונגען און כמעט אַלעמאָל אין זיי אָנטיילגענומען. אַנומלט זענען
מיר אַריין אין אַ סאָציאַלדעמאָקראַטישן קלויסטער. איינער אַן אַרבעטער

האָט גראָד געלייענט די ביבל און אויפגעקלערט פאַר די פאַרזאַמלטע, די מעשה, ווי די יידן אַנטלויפן פון מצרים איז נאָר אַ משל, אַ סימבאָל. עס מיינט, אַז די אַרבעטער דאַרפן אַנטלויפן פון דער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. נאָך דער דרשה האָט דער עולם זיך אויפגעשטעלט און געזונגען דעם פסוק: „גאָט, לייז אונז אויס פון קאַפּיטאַליזם צו דער סאָציאַליסטישער מלוכה ז״.

„מיר פלעגן אויך גיין אין קלויסטער פון די זיבן שוועסטער. דאָרט פלעגט זיך פאַרזאַמלען דאָס סאָציאַלדעמאָקראַטישע יונגוואַרג. אַ יונגער בחור האָט געדרשנט וועגן סאָציאַליזם אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג און געזאָגט, אַז זינט ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, קעמפט ער פאַרן סאָציאַליזם.

„ווי מיר זענען געווען געוווינט, פלעגן מיר אָפט מאַכן אויספלוגן הינטער דער שטאָט. עפטער פון אַלץ פלעגן מיר פאָרן קיין פּרימראָזהיל. די רייזע האָט געקאָסט צומביליקסטן — זעקס פּענס. נישט ווייט פון דאָרטן געפינט זיך דער בית־עולם, וווּ ס׳ליגט קאַרל מאַרקס. יעדעס מאָל פלעגט לענין גיין צו יענעם קבר און לאַנג זיצן פאַרטראַכט.

„מיין מוטער האָט אינגיכן געזאָלט אָנקומען. מיר האָבן באַשלאָסן צו דינגען צוויי צימערן און פירן אַן אייגןווירטשאַפט — די ענגלישע קיך האָט אונז נישט געשמעקט און אונז געקאָסט צו טייער. אין לאָנדאָן האָט מען געקאָנט ווינען אָן דאָקומענטן. לענין האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער הייסט ר י כ ט ע ר. אונזער באַלעבאָסטע האָט אונז געהאַלטן פאַר אַ דייטש פאָרפאָלק. אַ שטיקל צייט שפּעטער זענען געקומען מאַרטאָוו און זאַסוליטש און געדונגען אַ דירה נישט ווייט פון אונז. לענין פלעגט כמעט גאַנצע טעג פאַרברענגען אין דער ביבליאָטעק פון בריטישן מוזיי. איך מיט מאַרטאָוון פלעגן באַזאָרגן די גאַנצע פּאָסט. דער סיכסוך מיט פּלעכאַנאָוון איז דעמאָלט געוואָרן אַביסל געמילדערט.

„אַ צייט שפּעטער איז לענין אַרויסגעפאָרן אויף אַ חודש קיין ברעטאַניע. דאָרט האָט געוווינט זיין מוטער. אַחוץ דעם האָט ער שטאַרק געוואָלט זען דעם ים. לענין האָט זייער ליב געהאַט דעם ים. גאַנצענע שעהן פלעגט ער זיך צוקוקן צו די כוואַליעס. דער גערויש פון ים פלעגט אים באַרויקן די נערוון. נאָכן צוריקקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ גאַנצע גרופּע חברים און געגרינדעט אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. אינגיכן איז געקומען קיין לאָנדאָן פּלעכאַנאָוו, און דערנאָך בוימאַן, קראָכמאַן און בלומענפעלד, אונזערע אָנהענגער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון קיעווער טורמע.

„אָנהייב סעפּטעמבער איז אויך געקומען קיין לאָנדאָן ט ר אָ צ ק י, וואָס איז אַנטלאָפן פון סאַמאַראַ. אָבער פּלעכאַנאָוו האָט נישט געהאַט צו אים קיין צוטרוי און טראָצקי איז אַוועקגעפאָרן. אַז לענין, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן טראָצקין, האָט געשיקט זיינעם אַן אַרטיקל צו פּלעכאַנאָוון,

האָט ער אים געענטפערט: „דער סטיל פון אייער נייעם פריינד געפעלט מיר נישט". דערויף האָט אים לענין געענטפערט: „אפשר זענט איר נישט מסכים מיט זיין סטיל, אָבער אָט דער מענטש קאָן זיך צולערנען, און איך האַלט, אַז ער קאָן אונז צונוץ-קומען".

„מערץ 1903 האָט לענין פאָרגעלייגט, מען זאָל צוציען טראָצקין אין רעדאַקציע „איסקראַ". פלעכאַנאָוו איז נישט מסכים געווען און דער פאָרשלאָג איז אָפּגעפאַלן. דאַן איז טראָצקי אַרויסגעפאָרן קיין פאַריז, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן מיט גרויס דערפאָלג אויף סטודענטישע פאַרזאַמלונגען.

„אונזער גרופּע האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פון לאָנדאָן און זיך איבערצוטראָגן קיין גענף. איין לענין האָט פּראָטעסטירט, אָבער די מערהייט איז געווען קעגן אים. אָט די אַלע סיכסוכים האָבן אים אויפגערעגט, און ער איז קראַנק געוואָרן אויף די נערוון. מיר האָבן נישט געהאַט דעמאָלט קיין געלט אויף אַ דאָקטאָר — בפרט די ענגלישע דאָקטוירים הייסן זיך צאָלן געזאַלצענע פּרייזן. דעריבער טאַקע נוצן די ענגלישע אַרבעטער אַזוי זעלטן אַ דאָקטאָר. ס׳רוב באַנוגנט מען זיך מיט היימישע רפואות.

„אַפּריל 1904 זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון לאָנדאָן קיין גענף. לענין האָט בשעת דער רייזע געהאַט שטאַרקע היץ. ג׳ייך נאָכן קומען האָט ער זיך געמוזט לייגן צו-בעט. צוויי וואָכן איז ער געווען זייער שווער קראַנק. דערנאָך האָט ער געמוזט פּאַמעלעך און סיסטעמאַטיש זיך אומקערן צו דער אַרבעט.

„אין גענף, אין אַרבעטערפערטל, האָבן מיר געדונגען אַ קליין הייזל. געווען דאָרט סך-הכּול דריי קליינע שטיבלעך און אַ קיך מיט אַ שטיינערנעם דיל. אָנשטאָט מעבל האָבן מיר געהאַט קעסטלעך צו ביכער. פאַרן אויפנעמצימער האָבן מיר באַשטימט די קיך — אַ גאַנצן טאָג איז דאָרט געווען פול מענטשן.

„מיר האָבן באַשלאָסן צונויפצורופן אַ דעלעגאַטנקאָנגרעס. יעדן טאָג איז געקומען אַ פרישער גאַסט. מיר האָבן אַדורכגערעדט מיט די דעלעגאַטן אונזער פּראָגראַם ביזן קלענסטן פּרט. זיי האָבן אונז איבערגעגעבן ז יי ע ר ע באַריכטן. מאַרטאָוו איז כּסדר געזעסן ביי אונז און גערעדט מיט די געסט. אינגיכן איז אויך געקומען ט ר אָ צ ק י, וואָס האָט פאַר פלעכאַנאָוון פאַרטיידיקט לענינס שטאַנדפּונקט. די דיסקוסיעס צווישן טראָצקין און פלעכאַנאָוון פלעגן ס׳רוב פאָרקומען אין לאַנדאָלטס קאַוועהויז. די רוסישע אַרבעטער האָבן זיך אָפט געשטעלט אויף טראָצקיס שטאַנדפּונקט. דאָס האָט פלעכאַנאָוון אַרויסגעברענגט פון די כּלים.

„אין רעדאַקציע „איסקראַ" האָבן זיך די באַציונגען אַזוי פאַרשאַרפט, אַז ווייטער גיין אַזוי האָט עס נישט געקאָנט: ס׳איז געקומען צו אַן אָפּענער שפּאַלטונג: אויף איין זייט זענען געווען פלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, זאַסוליטש, אויף דער אַנדערער — לענין, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו. די אַרבעט

איז געוואָרן מיט יעדן טאָג שווערער. אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ געהאָפט אַז אויפן קומענדיקן בריסעלער קאָנגרעס וועט קומען צו אַ שלום. צו יענער צייט איז אויך געקומען קיין גענף ל ו נ אַ ט ש אַ ר ס ק י און איז אַריין אין אונזער רעדאַקציע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ גלענצנדיקער רעדנער. לענין האָט אים שטאַרק ליב באַקומען. יעדן אָוונט פלעגן זיי זיך אַוועקזעצן זאַלבעגאַנד, מיט אַ גאַנצע גרופּע חברים, אין לאַנדאָלטס קאַפעהויז. ביי אַ גלעזל ביר פלעגן פאָרקומען לאַנגע דיסקוסיעס וועגן די לעצטע געשעענישן אין רוסלאַנד און וועגן די אייגענע פלענער.

„דאָס יאָר 1905 זענען צו אונז צום ערשטן מאָל געקומען רוסישע פאַרלעגער און זיך אונטערגענומען אָפּצודרוקן אין רוסלאַנד אַלע פאַרווערטע ביכער. אָנהייב אָקטאָבער איז אַנטשטאַנען אַ פּלאַן צו פאָרן קיין פינלאַנד. אָבער באַלד זענען אויסגעבראָכן די באַקאַנטע געשעענישן. לענין האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאָרן גלייך קיין רוסלאַנד. איך בין געבליבן עטלעכע וואָכן אין גענף, כדי אַלץ צו ליקווידירן.“

# 10

סוף 1905 האָט רוסלאַנד פאַרשפּילט די מלחמה מיט יאַפּאַן. גלייך דערנאָך איז אויסגעבראָכן די ערשטע רעוואָלוציע. לענין איז געקומען קיין רוסלאַנד, הגם מ'האָט אים פאַרמישפּט אויף איינגאַנצן צו ווערן אַרויסגעשיקט. תּחילת האָט ער געאַרבעט אין מאָסקווע, אַגיטירט פאַרן אונטערשטיצן דעם פּעטערבורגער אויפשטאַנד. אָבער דער צענטראַלקאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפון, אַז לענין האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער סכּנה און דעריבער אים פאַרווערט יעטוועדע אַקטיווע טעטיקייט. עס איז אים דערום געבליבן נישט מער, ווי צו זיצן אויף דער גאַלעריע פונם מאָסקווער ראַט און זיך צוקוקן צו די זיצונגען.

לענין האָט געהאַלטן, אַז דער מאָסקווער אויפשטאַנד אין דעצעמבער 1905 האָט אַ ריזיקע היסטאָרישע באַדייטונג. נאָך ווען ס'זענען פאָרגעקומען די קאַמפן אויף די גאַסן, האָט ער צענויפגעקליבן די פאַרשידנסטע ידיעות, זיך אויסגעפרעגט די אָנטיילנעמער וועגן די קלענסטע פּרטים. ער האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז האָבן אַ קלאָר בילד פון די געשעענישן. אַפילו נאָכדעם, ווי מ'האָט די רעוואָלוציע דערשטיקט, האָט ער געהאַלטן, אַז זי האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן געשיכטלעכן באַטייט. דאָס איז געווען דער ערשטער אָפענער קאַמף פון די רוסישע אַרבעטער מיט דער צאַרישער אַרמיי. די דאָזיקע מפּלה איז אַ סך מער ווערט געווען, ווי אַ סך נצחונות.

גלייך נאָכן דערשטיקן די רעוואָלוציע, האָט די רעגירונג פונאַנדערגעלאָזט די גאַנצע באָלשעוויסטישע פּאַרטיי. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאַרטיי האָט ווייטער געאַרבעט אומלעגאַל. לענין האָט דאָס יאָר 1906 געמוזט אַנטלויפן קיין פינלאַנד. דאָס קליינע פינלענדישע שטעטעלע, וווּ לענין האָט געוווינט, איז אין אַ געוויסער מאָס ענלעך געווען צום גענעראַלשטאַב פון דער רוסישער רעוואָלוציע. שבת און זונטיק פלעגן צו לענינען פאָרן מאַסן אַרבעטער נאָך עצות און אָנווייזן. די מאַכט האָט דערפון וווּיל געוווּסט. זי האָט זיך אָבער נישט אַנטשלאָסן אים צו אַרעסטירן גלייך נאָכן צענויפרופן די דומע.

לענין האָט אַרום זיך דערווייל אָרגאַניזירט די עקסטע רעוואָלוציאָנערן און גלייך אַרויסגעטרעטן קעגן די מענשעוויקעס. יענע האָבן געהאַלטן, אַז די רעוואָלוציע איז פאַרשפּילט און האָבן זיך געוואָלט באַגרענעצן מיט לעגאַלער אַרבעט. די באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיין געדולדיק און וואַרטן, אָבער בשום אופן נישט פאַרוואַרפן די אומלעגאַלע אַגיטאַציע-אַרבעט. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן צו שאַפן אַ טאָגבלאַט פאַרן פּראָלעטאַריאַט, אָבער מען זאָל אים אַרויסגעבן אין אויסלאַנד און פון דאָרט אַריבערשמוגלען קיין רוסלאַנד. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט מען איבערגעגעבן לענינען. 1907 איז ער טאַקע אַרויסגעפאָרן — פריער קיין ציריך, דערנאָך קיין גענף.

דאָס יאָר 1908 איז געקומען צום וויכוח וועגן באָגדאַנאָווס „עמ-פּיריאָקריטיציזם". לענין איז אַרויסגעפאָרן קיין לאָנדאָן, זיך דאָרט אָפּגע-געבן פילאָזאָפישע שטודיעס, דערנאָך איז ער אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז, ווו ס'איז 1909 פאָרגעקומען אַ באָלשעוויסטישער קאָנגרעס. די ווייטערדיקע יאָרן, ביז 1912, זענען אַוועק אויף פּראַקטישער און טעאָרעטישער פּראָפּאַ-גאַנדע-אַרבעט פאַר זיינע פּאָליטישע און פילאָזאָפישע אידעען.

אין יענער צייט איז אויסגעפאַלן די אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ צווישן לענינען און מאַקסים גאָרקין. אין אָט דעם בריוואויסטויש שפּיגלען זיך אָפּ צומבעסטן לענינס כאַראַקטערשטריכן: זיין שטאָלענער מוט, זיין אומבויגזאַמער גלויבן אין דעם זיג פון זיין זאַך, זיין אומחשק און אפילו דער עקל צו קאָמפּראָמיס מיט מענטשן, וואָס דענקען אַנדערש פון אים. און מען מוז דאָך צוגעבן, אַז צו יענער צייט איז די לאַגע אין רוס-לאַנד געווען האָפענונגלאָז. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג שטאַרבט-אָפּ אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון דער רעאַקציע. אָבער פון לענינס בריוו צו גאָרקין ווייט אומגעבראָכענע האָפענונג, אייזערנע זיכערקייט, אַז פריער צי שפּעטער, אויף דעם צי אויף אַן אַנדער אופן וועט דער אַרבעטערקלאַס זיגן.

„אין לענינס בריוו צו גאָרקין — שרייבט קאַמיעניעווי — וועט איר נישט געפינען קיין פייערלעכע ווערטער, קיין דערהויבענעם סטיל פון אַ „היסטאָרישער פּערזענלעכקייט". זיי זענען פּשוט, נאַטירלעך, אַדורכגע-וועבט מיט אַביסל הומאָר — אָבער אַלעמאָל זאַכלעך, קלאָר און דורכזיכטיק ביזן סוף, ווי עס וואָלט געווען געשריבן מיט איין אָטעם. ערשט איצט קאָנען מיר אָפּשאַצן, וואָסער ריזיקע אַרבעט דאָס איז געווען, ווי מעכטיק — די גייסטיקע ענערגיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דידאָזיקע בריוו. אין לענינס פּערזאָן האָט זיך דער מענטש צוזאַמענגעגאָסן מיט זיין זאַך. ס'איז פּשוט פיזיאָלאָגיש אוממעגלעך געווען אָפּצוטיילן זיין שטאַנדפּונקט פון די פראַגן פון דער רעוואָלוציע. אין ערגעץ איז נישט צו געפינען דעם מינדסטן ווידערקלאַנג צווישן לענינס פּערזענלעכע אינטערעסן און דעם ריזיקן היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט. דערום זענען לענינס בריוו אמתע דאָקומענטן פון דער נייער פּראָלעטאַרישער קולטור, וואָס ווערט געשאַפן אין פייער פון קאַמף"

גלייכצייטיק מיט לענינס פריינדשאַפט מיט גאָרקין האָבן זיך פון אים אָנגעהויבן אָפּצורוקן וואָסאַמאָל מערער זיינע אָנהענגער. אַ געוויסער פּראָווינציזישער הומאָריסטישער בלאַט האָט אַפילו געזאָגט אַ וויץ, אַז עס גיט אַוועק עד חצי-המלכות יענעם, וואָס וועט אָנרופן נאָך אַ פּערטן באָלשעוויק צו לענינען, זינאָוויעוון און קאַמיעניעוון. מיט גאָרקין האָט לענין געהאַט גיכער פּערזענלעכע, איידער פּאָליטישע באַציונגען. גאָרקי איז אינדערעמתן נישט געווען קיינמאָל קיין באָלשעוויק אין אמתן זינען פון וואָרט.

דאָס יאָר 1912 איז לענין אַרויסגעפאָרן קיין גאַליציע און געשאַפן אין קראָקע אַ מין צענטער פאַר דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג אין רוס-

לאַנד. די וויכטיקסטע פירער פונם רוסישן באָלשעוויזם זענען צו אים געקומען נאָך אָנווייזונגען. אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער טאַקע געווען אין גאַליציע — אין ביאַלי דונאַיעץ. אַלע טאָג פלעגט ער פאָרן קיין פּאָראָנין אויף אַ וועלאָסיפּעד נאָך פּאָסט. אין פּאָראָנין האָבן אויך געוווינט אייניקע פּאַרטייחברים. ער פלעגט מיט זיי כאַפּן אַ שמועס וועגן די געשעענישן און אַ שפּיל-טון אין שאַך.

אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט מען לענינען געמסרט, אַז ער איז אַ רוסישער שפּיאָן און די עסטרייכישע זשאַנדאַרמעריע האָט אים אַרעסטירט. היות ער פלעגט פאָרן יעדן טאָג אויף אַ וועלאָסיפּעד לענג-אויס דער באַנליניע, און נאָך דערביי געלייענט צייטונגען, האָט מען אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט געוואָלט אויסשפּיאָנירן די באַנליניע און אפשר נאָך אַריינכאַפּן אַן אַטענטאַט. לענינס פריינד האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען מ'האָט אים אַרעסטירט. מ'האָט גענומען אַרבעטן אויף אַלע זייטן, אַז מען זאָל אים נישט איבערגעבן אין די הענט פון דער מיליטערישער מאַכט. מ'האָט וויל געוווסט, ווי גיך די פעלדגעריכטן אַרבעטן און מיט וואָס דאָס שמעקט. מען האָט גלייך דעפּעשירט צו וויקטאָר אַדלערן אין ווין, מ'האָט איבערגעגעבן אים די גאַנצע זאַך און געבעטן אָנצונעמען די געהעריקע שריט.

וויקטאָר אַדלער איז גלייך אַוועק צום גראַף שטירקן, דעם דעמאָלטיקן פּרעמיערמיניסטער. ער האָט אים דערציילט, אַז דאָס אַרעסטירן לענינען וועט אַרויסרופן אין רוסישן פאָלק אַ גרויסע פאַרביטערונג קעגן עסטרייך. ער האָט אים אויך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַט דער ראַדיקאַלער רעוואָלוציאָנער קאָן ברענגען עסטרייך זייער אַ סך נוצן. גראַף שטירק האָט זיך טאַקע דערמיט איבערגענומען און באַפוילן גלייך צו באַפרייען לענינען. אָבער לענין האָט זיך שוין געפילט אומבאַקוועם אין עסטרייך און באַשלאָסן זיך איבערצוטראָגן אין דער שווייץ. די עסטרייכישע מאַכט האָט אים אַפילו געמאַכט געוויסע שוועריקייטן ביים אַוועקפאָרן, אָבער סוף כל סוף איז ער ענדע 1914 אַרויסגעפאָרן אין דער שווייץ.

ער האָט זיך באַזעצט אין ציריך. דאָרט האָט ער געוווינט ביי אַן אַרבעטער, אין איין צימער, צוזאַמען מיט דער פרוי, וואָס איז מיט אים אומעטום מיטגעפאָרן. זי איז געווען זיין געטרייסטע חברטע, ווייב און סעקרעטאַרין אין איין פּערזאָן. — די דאָזיקע פרוי — שרייבט קלאַראַ צעטקין — איז געווען פשוט פּרינציפּיעל באַשיידן. מיט די גלאַטפאַרקעמטע און פשוט-פאַרפלאָכטענע האָר, אין ביליקן קליידל, האָט זי אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ פרוי פון אַ רוסישן אַרבעטער. און אַפילו שפּעטער, ווען לענין האָט געהערשט אין קרעמל, האָט זי נישט געענדערט איר אָנטאָן און נישט דעם לעבנשטייגער. זי האָט אויסגעמיטן אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט „רעפּרעזענטירן זיך". זי האָט אָנטייל גענומען אין לענינס אַרבעטן און אַחוץ דעם האָט זי זיך פאַרנומען מיט פאָלקבילדונג און דערציונג. אויף דעם געביט האָט זי קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן.

פון 1915 ביז 1917 איז לענין געווען אין דער שווייץ. ער האָט אָנטיילגענומען אין אָנצאָליקע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אָט דער נייטראַלער מדינה. אויף די קאָנגרעסן אין צימערוואַלד און אין קינטאַל האָט ער פאָרגעלייגט סאַבאָטאַזש און באַוואָפנטע רעוואָלוציע, ווי די איינציקע מיטלען צו פאַרענדיקן די מלחמה. ער האָט זיך נישט געקימערט, וואָס מ'האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ פאַרעטער און וויל פאַרקויפן רוסלאַנד. ער האָט געהאַלטן, אַז פאַרן רוסישן פּראָלעטאַריאַט איז בעסער, אַז דאָס צאַרישע רוסלאַנד זאָל באַזיגט ווערן אין דער מלחמה, נאָך דערדאָזיקער מפלה מוז קומען די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

## 11

פעברואַר 1917 איז טאַקע אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד די איבערקערעניש: דאָס פאָלק האָט שוין לאַנג נישט געוואָלט איבערטראָגן די ממשלה פון דער הויף־קליקע. די אַרמיי און דער פלאָט האָבן זיך צעבונטעוועט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען דעטראָניזירט דעם צאַר און פּראָקלאַמירט אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. לענין האָט גלייך געוואָלט צופאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער ער האָט נישט געקאָנט: די אַנטאַנטמלוכות האָבן אים נישט אַדורכגעלאָזן. האָט ער זיך געשאַפן אַ פאַלשן שוועדישן פּאַס און געוואָלט פאָרן קיין רוסלאַנד דורך שוועדן צוזאַמען מיט עטלעכע חברים. אָבער איינער פון די חברים האָט זיך געכאַפּט, אַז קיינער פון דידאָזיקע „שוועדן" קען נישט קיין וואָרט שוועדיש. לענין האָט אַפילו תחילת פאָרגעלייגט, אַז ער זאָל אויפן גאַנצן וועג סימולירן אַ טויבשטומען. אָבער מען האָט עס פאַרוואָרפן, ווי אַ צו־ריזיקאַלישן פאָרשלאַג.

אַזוי־אַרום איז געקומען צו לענינס באַרימטער נסיעה דורך דייטשלאַנד אינם „פאַרפּלאָמבירטן וואַגאָן". די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטן פון לינקן פליגל, ווי קאַרל ליבקנעכט און זיינע חברים האָבן אַדורכגעפירט די נייטיקע אונטערהאַנדלונגען מיט דער מאַכט און אויסגעפועלט פאַר אים אַדורכצופאָרן דורך דייטשלאַנד. שפּעטער האָט מען אָט די נסיעה לענינס אויסגענוצט אַ סך מאָל און אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ געצאָלטער דייטשער אַגענט. אָבער ס'איז דאָך אָן שום ספק, אַז ס'אַ ליגן. די באָלשעוויקעס האָבן בלויז אויסגעקליבן די רייזע דורך דייטשלאַנד, ווייל זי איז געווען די איינציק־מעגלעכע.

אויף דער רייזע דורך דייטשלאַנד און פינלאַנד האָט לענין געטראַכט, אַז גלייך נאָך זיין קומען קיין פּעטערבורג וועט אים די צייטווייליקע בורזשואַזע רעגירונג אַרעסטירן. איז טאַקע גרויס געווען זיין פאַרוווּנדערונג, אַז ער האָט געזען אויפן פּעטערבורגער וואָקזאַל גרויסע מאַסן אַרבעטער, וואָס האָבן אים האַרציק באַגריסט. אָבער לענין האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. ער האָט זיך סקעפּטיש באַצויגן צו די מינים פאָלקדעמאָנ־

סטראַציעס. כמעט יעדן טאָג פון זיין זיין אין פעטערבורג פלעגט ער זאָגן: „היינט האָט מען אונז נאָך נישט איינגעזעצט — ווען זיי עס מאָרגן זיכער טון".

גלייך דעם זעלבן אָוונט, וואָס ער איז געקומען, אויף די טרעפּ פון באַנפעראָן, האָט ער געהאַלטן זיין ערשטע עפנטלעכע רעוואָלוציאָנערע רעדע. ער האָט דאָן גערופן צום קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אויפן וועג איבער די פעטערבורגער גאַסן האָט ער געמוזט יעדע ווײַלע אַרויסגיין אויפן דאַך פונם פאַנצעראויטאָמאָביל, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט פּראָזשעקטאָרן, און רעדן צו די מאַסן אַרבעטער, וואָס האָבן זיך צו אים געריסן.

זיבעטן אַפּריל האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער „פּראַוודאַ" זיין באָלשעוויסטיש פּראָגראַם. ער האָט געפאָדערט, אַז די רעגירונג זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַנעקציע, אַז זי זאָל איבערגעבן די מאַכט די אַרבעטער און פּויערן, איינפירן די דיקטאַטור פונם פּראָלעטאַריאַט, אָפּשאַפן די פּאָליציי, די אַרמיי און די אַמטן. ער האָט געפאָדערט נאַציאָנאַליזירן די ערד, ליקווידירן אַלע בענק, איינפירן אַ קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און מען זאָל באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט פּראָדוקטן.

אָנהייב זומער האָט דער פרעמיערמיניסטער קערענסקי, אונטערן דרוק פון די מערב-פאַרבינדעטע, באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ פרישע אָפּענסיווע אין גאַליציע. אָט די גאַנצע סטראַטעגישע אַקציע איז אַדורכגעפאַלן. די אַרמיי איז צעקלאַפּט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אומגעהייער אָפּגעשוואַכט קערענסקיס איינפלוס אין לאַנד און פאַרשטאַרקט דעם באָלשעוויסטישן. דעם 8 יולי איז אין קראָנשטאַט אויסגעבראָכן אַ מיליטערישער אויפשטאַנד. דער רעגירונג האָט זיך איינגעגעבן אים צו דערשטיקן. קערענסקי האָט באַפוילן צו אַרעסטירן לענינען, זינאָוויעוון, טראָצקין, קאַמיעניעוון, לונאַטשאַרסקין און נאָך אַנדערע באָלשעוויסטישע פירער.

לענין און זינאָוויעוו האָבן געמוזט אַנטלויפן פאַר קערענסקיס פּאָליציי. זיי זענען אַרויסגעפאָרן אין אַ דאָרף הינטער פעטערבורג. דאָרט האָט מען זיי אָפּגעגעבן אַ בוידעם אין אַ שטאַל, און זיי האָבן זיך אויפגעפירט ווי פּשוטע פּויערן. זיי האָבן געהאָלפן ביים שניידן און פירן היי. אַמאָל איז זינאָוויעוו אַרויס אויף יאַגד מיט אַ ביקס און דערביי האָט מען אים שיער נישט אַנטדעקט. דער וואַלדשומר האָט אים געכאַפּט, צוגענומען די ביקס און געהייסן זיך לעגיטימירן. צום גליק האָט זיך אַריינגעמישט יענער חבר, ביי וועלכן זיי האָבן געוווינט. ער האָט אויפגעקלערט דעם וואַלדשומר, אַז זינאָוויעוו איז אַ פינלענדער און ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט רוסיש. דער וואַלדשומר האָט זיך דערמיט באַנוגנט און זיך מער נישט געפרעגט. און מען דאַרף צוגעבן, אַז פאַר כאַפּן לענינען און זינאָוויעוון האָט די רעגירונג באַשטימט 200,000 רובל באַלוינונג.

מיטן אָנקום פון ווינטער האָט לענין מיט זינאָוויעוון באַשלאָסן זיך אַריבערצוטראָגן קיין פינלאַנד, ווו זיי וואָלטן געקאָנט פרייער אַרבעטן.

מען האָט זיי געגעבן פאַלשע שיינען, ווי אַרבעטער פון דער אַמוניציע-פאַבריק אין סיעסטראָריעצק. מ'האָט זיי אָפּגעגאָלט, פאַרגרימירט, אָפּגעפאָטאָגראַפירט און אַריינגעקלעבט די פאָטאָגראַפיעס אין די פאַלשע שיינען, אַזוי אַרום זענען זיי אַריבער די פינלענדישע גרענעץ.

אין פינלאַנד האָט לענין, אונטערן נאָמען איוואַנאָוו, זיך אויסבאַהאַלטן אַ געוויסע צייט ביים שעף פון דער העלזינגפאָרסער פאָליציי — אַ באָלשעוויסטישן סימפּאַטיקער. דאָס איז געווען דאָס זיכערסטע אָרט פאַר קערענסקיס שפּיאָנען. און דאָרט האָט לענין פלייסיק געאַרבעט, אויסגעשריבן אַלע טאָג רוסישע צייטונגען און אַפילו אָרגאַניזירט, מיט דער הילף פון אַ חבר — אַ באַנאַרבעטער, אַן אייגענע פּאָסט-קאָמוניקאַציע.

דער פּאָליציישעף פלעגט אַלע טאָג גיין אויפן וואָקזאַל און איינקויפן אַלע צייטונגען, וואָס זענען געקומען פון פּעטערבורג. לענין האָט דאָס ביז שפּעט ביינאַכט שטודירט און באַאַרבעט. אויף אינדערפרי פלעגט ער שוין אַלעמאָל האָבן פאַרטיק זיין אַרטיקל, וואָס ער האָט גלייך אַוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג. נאָר עטלעכע באָלשעוויקעס פון די, וואָס האָבן געוווינט אין העלזינגפאָרס, האָבן געוווּסט, ווו לענין געפינט זיך. צווישן זיי איז געווען אַ געוויסער סמילגאַ, וואָס פלעגט זיך אָפט באַגעגענען מיט לענינען און אים איבערגעבן די שטימונגען צווישן מיליטער און די אַרבעטער-מאַסן.

אָבער די געשעענישן האָבן זיך געקייקלט מיט אַן איבעראַשנדיקער געשווינדקייט. לענין האָט נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן אין העלסינגפאָרס און זיך איבערגעטראָגן קיין וויבאָרג, נענטער צו דער רוסישער גרענעץ. דער פּאָליציישעף האָט אים געגעבן אַ פאַלשן פּאַס, אַ פּערוק און שמינקע. מ'האָט אויסגעזוכט אַ טעאַטער-פריזירער, וואָס האָט נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען צוגעזאָגט צו ברענגען אויפצומאָרגנס אַ גרויסן פּערוק. אַן איבערגעטוענער אין אַ פּערוק מיט אָפּגעפאַרבטע ברעמען איז לענין אַרויסגעפאָרן קיין וויבאָרג, און פון דאָרט האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט קיין פּעטערבורג.

אָקטאָבער 1917 איז לענין ענדגילטיק געקומען קיין פּעטערבורג. 24 אָקטאָבער איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע — די באָלשעוויקעס האָבן באַזעצט דעם טעלעגראַף-אַמט און די בריקן. אויפצומאָרגנס. דעם 25 אָקטאָבער ד. ה. דעם 7 נאָוועמבער נייער סטיל, האָבן די רעוואָלוציאָנער'ע זעלנער פאַרכאַפּט דעם הויפּט-פּאָסטאַמט און די מלוכהבאַנק. דאָס רעגירונגמיליטער איז מאַסנווייז אַריבער צו די אויפשטענדיקע. האַלבן טאָג איז אַנטלאָפן דער פּרעמיער קערענסקי און די צייטווייליקע רעגירונג איז שוין אָפיציעל געפאַלן. לענין האָט זיך שוין געוויזן עפנטלעך, געהייסן צונויפרופן אַ זיצונג פון די ראַטן און דאָרט פּראָקלאַמירט דעם נצחון..

אַ מענטש, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין דער זיצונג פונם ראַט, שילדערט דעם איינדריק, וואָס לענין האָט דעמאָלט געמאַכט: אויף דער טריבונע איז געשטאַנען אַ נידעריקער, ברייט-פּלייציקער מענטש, באַגעגנט מיט

אַ שטורעם אַפּלאָדיסמענטן. ער האָט מעכאַניש זיך אָנגעהויבן צו גלעטן די האָר אויפן קאָפּ, גלייך ער וואָלט נאָך געטראָגן יענעם פּערוק, וואָס האָט אים גערעטעוועט פון זיינע שונאים. אַז די אָוואַציעס האָבן אויפגעהערט, האָט לענין אָנגעהויבן צו רעדן, דייטלעך, גלייכמעסיק. תּחילת האָט ער געהאַלטן ביידע הענט אין די קעשענעס. אָבער גיך האָט ער אַרויסגענומען די רעכטע האַנט און אָנגעהויבן ענערגיש צו פּאַרטייטשן מיט זשעסטן זיינע ווערטער. אין אַ ווײַלע אַרום איז שוין אַרויס די לינקע האַנט און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט ביידע. אַז ער איז צוגעקומען צום קולמינאַציע-פּונקט פון זיין רעדע, האָט ער אַ וואָרף געטון דעם קערפּער אויף אַהינטער, אַריינגעשטופּט די הענט אין וועסט און אָנגעהויבן צו מאַכן משונהדיקע באַוועגונגען.

דעמזעלביקן אָוונט האָבן די באָלשעוויקעס, נאָך אַ שווערער שלאַכט, פאַרנומען דעם ווינטערפּאַלאַץ, די לעצטע פעסטונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג און פון איר מיליטער. לענין איז געוואָרן הערשער איבער רוסלאַנד. אויפצומאָרגנס האָט מען אים אויסגעוויילט פאַר פּאָרזיצער פונם פאָלקאָמראַט.

גלייך נאָך דעם, ווי די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט, האָט לענין געהאַט אַ ראַדיאָטעלעפאָנישן שמועס מיט קראָנשטאַטער פעסטונג. אָט דער שמועס, וואָס איז געוואָרן סטענאָגראַפירט, איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע דאָקומענטן פון יענע טעג. אַז לענינס סעקרעטאַר האָט זיך פאַרייניקט מיט דער פעסטונג, איז צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַן ס. ר.

— מיט אייך וויל רעדן לענין אין נאָמען פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג—האָט געמאָלדן דער סעקרעטאַר.

— ביטע זייער. וואָס וויל ער אונז זאָגן?

לענין איז צוגעגאַנגען צום אַפּאַראַט:

— צי זענט איר באַפולמעכטיקט צו אונטערהאַנדלען אין נאָמען פונם קרייז-קאָמיטעט פון דער אַרמיי און פלאָט?

— אַוודאי — האָט מען דאָרט געענטפערט.

— צי קאָנט איר אַרויסשיקן גלייך קיין פעטערבורג אַ גרעסערע צאָל מינענוואַרפער און קריג-שיפן?

— כ'וועל גלייך צורופן צום אַפּאַראַט דעם פירער פון באַלטישן פלאָט.

— מיר דאַרפן וואָס מערער באַגנעטן, אָבער נאָר אַזעלכע זעלנער, וואָס זענען אונז זייער איבערגעגעבן. וויפל קאָנט איר געבן אַזעלכע מענטשן?

— מיר קאָנען אַרויסשיקן גלייך קיין פעטערבורג ביז פינף טויזנט מענטשן.

— און וויפיל צייט קאָנט איר מיר גאַראַנטירן אָט די פרישע כוחות, ביי דער גרעסטער שנעלקייט?

— העכסטנס אין פיר און צוואַנציק שעה.

— איר האָט אַ סך פּראָוויאַנט פאַר די מענטשן?

— יאָ. מיר האָבן גענוג שפּייז. מיר האָבן דאָ דרייהונדערט זעקס און פופציק קוילנוואַרפער און עטלעכע באַטעריעס פעלדאַרטילעריע, וואָס מיר קאָנען איבערשיקן צו אייער רשות.

לענין האָט זיך קענטיק דערפרייט:

— אויב אַזוי, בעט איך, אין נאָמען פון דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג, גלייך אַהערשיקן דאָס מיליטער. איר ווייסט שוין מסתמא, אַז ס׳האָט זיך געשאַפן אַ פרישע רעגירונג. ווי אַזוי האָבן דאָס אויפגענומען די דאָרטיקע ראַטן?

— מיט גרויס באַגייסטערונג.

— טאָ בעט איך אייך פאַראָרדענען, אַז די פאָלקן פוסגייער, געהעריק באַזאָרגט, זאָלן זיך גלייך לאָזן אין וועג אַריין.

דער קראָנשטאַטער דעלעגאַט האָט צוגעזאָגט, אַז ער טוט עס גלייך. דערמיט האָט זיך געענדיקט יענער היסטאָרישער טעלעפאָנשמועס. און ווירקלעך האָט אויפצומאָרגנס אַריינגעמאַרשירט דאָס קראָנשטאַטער מיליטער, וואָס איז פון יענעם טאָג אָן געוואָרן לענינס זיכערסטער אָנהאַלט.

טראָצקי דערציילט אינטערעסאַנטע פּרטים, ווי אַזוי האָט זיך לענין פאַרהאַלטן אין די ערשטע טעג נאָכן נצחון: „פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס מ׳האָט דערקלערט קערענסקיס רעגירונג פאַר געפאַלן, איז לענין אומעטום, פון די קלענסטע קלייניקייטן ביז די וויכטיקסטע פראַגן אַרויסגעטרעטן אַלס „נייע רעגירונג". מיר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין שום אַפּאַראַט, מיר זענען געווען אָפּגעריסן פון פּראָווינץ. באַאַמטע האָבן אונז סאַבאָטירט, מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלט און קיין מיליטער. אָבער לענין האָט אַרויסגעגעבן דעקרעטן, באַפעלן און פאַראָרדענונגען אין נאָמען פון דער רעגירונג.

„ס׳איז קלאָר, אַז לענין האָט זיך נישט געוואָלט שפּילן אין אָפיציעלער פאָרמאַליסטיק. אָבער ער האָט געוואָלט ווי-עס-איז פאַרבינדן די אַרבעט, וואָס איז געגאַנגען פון אויבן, פון די ליידיקע אָדער סאַבאָטירטע אַמטן, מיט דער טעטיקייט, וואָס האָט געשטראָמט פון אונטן. און דעריבער האָט מען זיך געמוזט באַנוצן מיטן אַנטשלאָסענעם, אָפיציעלן טאָן. דאָס האָט טאַקע געפּאַסט פאַר אַ רעגירונג, וואָס איז נאָך דערווייל געהאַנגען אין דער לופטן, אָבער וואָס האָט שוין מאָרגן, צי איבערמאָרגן געזאָלט ווערן אַ מאַכט, און דעריבער איז זי שוין גלייך אַרויסגעטרעטן, ווי אַזעלכע. אָט די פאָרמאַליסטיק איז נויטיק געווען אויך צוליב דעם, אַז ער זאָל אונזערע אייגענע מענטשן אויסלערנען דיסציפּלין. איבער די ברויזנדיקע געמיטער, איבער דער רעוואָלוציאָנערער אימפּראָוויזאַציע פונם פּראָלעטאַרישן מיליטער האָט מען סיסטעמאַטיש פאַרלייגט די נעצן פונם גאַנצן רעגירונגאַפּאַראַט. לענינס קאַבינעט האָט זיך געפונען גראָד אינם פאַרקערטן עק סמאָלנער אינסטיטוט. וואָס מיינער. דער קאָרידאָר צווישן אונז איז געווען אַזוי לאַנג, אַז לענין האָט אין קאַטאָוועס געזאָגט, מיר זאָלן זיך קאָמוניקירן אויף וועלאָסיפּעדן. מיר האָבן געהאַט אַ טעלעפאָנישע פאַרבינדונג. אַחוץ דעם זענען

געלאָפן אַהין און צוריק מאַטראַזן און מיר געברענגט לענינס באַרימטע צעטעלעך: קליינע שטיקלעך פּאַפּיר, ווו ס'איז געווען אַ צוויי-דריי געפּאַסטע זאַצן. די וויכטיקסטע ווערטער זענען געווען עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן. צום סוף פלעגט זיין אַלעמאָל עפּעס אַ פראַגע. איך פלעג עטלעכע מאָל אין טאָג אַרומגיין איבער אָט דעם ענדלאָזן קאָרידאָר, אין וועלכן ס'האָט געזשומעט, ווי אין אַ בינשטאָק, כדי אָנטיילצונעמען אין עפּעס אַ זיצונג אין לענינס קאַב'נעט.

„די גאַנצע שוואַכקייט פון אונזער נייגעשאַפענעם רעגירונגאַפּאַראַט האָט זיך אַרויסגעוויזן דעמאָלט, ווען דייטשלאַנד איז אַריבער צום אָנגריף. לענין האָט דעמאָלט געזאָגט: נאָך נעכטן זענען מיר פעסט געזעסן אין זאָטל, און היינט האַלטן מיר זיך קוים פאַר דער גריווע! אָבער דאָס איז פאַר אונז אַ גוטער אָנלערן. ווער עס וויל נישט קיין פאַרשקלאַפטקייט, דער זאָל שטאַרק רייניקן און מאַכן אָרדענונג. ס'וועט זיין פאַר אונז אַ גוטע לעקציע — אויב די דייטשן וועלן אונז פריער נישט באַזיגן"!

ווי טראָצקי גיט-איבער, האָט לענין דעמאָלט וויל געוווּסט, וואָסער סכנה ס'דראָט אים. „ווי מיינט איר—האָט אים אַמאָל לענין אומגעריכט געפרעגט, — צי אַז מען וועט אונז דערהרגענען, וועלן בוכאַרין מיט סווערדלאָוון זיך אָן עצה-געבן מיט אַלעמען?

— עט — אונז וועט מען דאָך נישט הרגענען, — האָט טראָצקי וויציק געענטפערט.

— שוואַרצער יאָר ווייסט זיי, מען קאָן גאָר נישט וויסן — האָט לענין געענטפערט מיט אַ שמייכל.

דערווייל האָבן די דייטשן פאָרגעזעצט זייער זיגרייכן אָנגריף. אין בריסק האָבן זיך אָנגעהויבן שלום-אונטערהאַנדלונגען. לענין איז דעמאָלט געווען דער פירער פון דער רוסישער דעלעגאַציע. ער האָט אָפּגעוואָרפן די שווערע שלום-באַדינגונגען פון די צענטראַל-מלוכות און איז אַרויסגעפאָרן פון בריסק. דערויף האָבן די דייטשן דערקלערט, אַז דער וואָפנשטילשטאַנד איז איבערגעריסן און האָבן זיך אָנגעהויבן צו רוקן ווייטער.

אין יענעם היסטאָרישן מאָמענט האָט לענין זיך אַנטשלאָסן אָנצונעמען די דייטשע באַדינגונגען. אַלע זיינע אָנהענגער און פריינד האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ פאַלשן שריט. אָבער לענין האָט געוואָלט ראַטעווען די רעוואָלוציע פאַר די דייטשע באַגנעטן און געשלאָסן „ש ל ו ם פ אַ ר י ע ד ן פ ר ײ ז".

## 12

קורץ דערנאָך האָט לענין באַשלאָסן איבערצוטראָגן די רעגירונג פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע. אויך דאָס מאָל איז געקומען צו שאַרפע סיכסוכים. זיינע חבר'ים האָבן געהאַלטן פאַר אַ מין דעזערציע צו פאַרלאָזן פּעטערבורג, דעם דאָזיקן סימבאָל פון ראַטנמאַכט, די שטאָט פון רעוואָלוציע און פון סמאָלנער אינסטיטוט. לענין האָט אויפגעפלאַמט פאַר כעס: „ווי קאָן מען מאַכן אָפּהענגיק דעם גורל פון דער רעוואָלוציע פון אַזעלכע סענטימענטאַלע

אידיאָטישקייטן! אויב די דייטשן וועלן מיט איין שפרונג פאַרנעמען פּעטערבורג און אונז דאָרט טרעפן – איז דאָך די רעוואָלוציע אַ פאַרשפּילטע! אַנטקעגן, אויב די רעגירונג וועט זיך געפינען אין מאָסקווע, וועט דאָס פאַרלירן פּעטערבורג זיין פאַר אונז נישט מערער, ווי אַ שווערער אָנווער. ווי קאָנט איר דאָס נישט פאַרשטיין? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? נאָך מער, אויב מיר וועלן בלייבן אין פּעטערבורג, וועלן מיר דערמיט אַליין שטעלן זי אין סכּנה. ס׳קאָן זיך אויסווייזן, אַז מיר פּראָוואָצירן אַליין די דייטשן, זיי זאָלן פאַרנעמען פּעטערבורג. אָבער אויב די רעגירונג וועט זיך באַזעצן אין מאָסקווע, וועט פּעטערבורג נישט זיין פאַר די דייטשן אַזאַ גרויסער נסיון... וואָס פּלאַפּלט איר דאָרט וועגן דעם סימבאָלישן באַטייט פונם סמאָלני! סמאָלני איז דערפאַר סמאָלני, ווייל מיר זיצן דאָרט. ציען מיר זיך אַריבער אין קרעמל, אַזוי וועט איר אייער גאַנצן סימבאָליזם אָנווענדן צום קרעמל!".

סוף כּל סוף האָט לענין אַדורכגעפירט זיין שטעלונג, בעסער געזאָגט – ער האָט זי אָנגעוואָרפן די חברים. די רעגירונג האָט זיך איבערגעטראָגן קיין מאָסקווע, אין קרעמל. דאָרט האָט לענין פאַרנומען אַ באַשיידענע וווינונג אין דער געביידע פונם געוועזענעם קאַסאַציע־געריכט, צוזאַמען מיט זיין שוועסטער און פרוי. אין אָט דער נייער וווינונג האָט ער געאַרבעט צו זעכצן און אַכצן שעה אַ טאָג.

איינער פון לענינס פריינד, אַ געוויסער ג. ס אָ ר י ן שילדערט לענינס אופן אַרבעט: „ער איז געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט מיט פאַרזשמורעטע אויגן און געפּרווט פונם הונדערטסטן חבר זיך דערוויסן, וואָסער שטימונג ס׳הערשט צווישן די מאַסן. ער האָט עס געטון אויף אַזאַ אופן, אַז יענער האָט זיך נישט געקאָנט כאַפּן, וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך. נאָר אויף אַזאַ אופן האָט מען געקאָנט צונויפזאַמלען נישט־איינזייטיקע, אָביעקטיווע באַריכטן. דערנאָך האָט ער פאַרגלייכט די רעזולטאַטן פונם פאַרהער מיט די לעצטע רעזולטאַטן פון דעם טויזנט־דריטן געשריבענעם באַריכט. ער האָט געחיבורט ביידע באַריכטן און דעם באַקומענעם סכום געטיילט אויף עפּעס אַ פאַרשלאָג, וואָס איז געווען אויפן טאָגאָרדנונג. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען אַלע אייגענע און פרעמדע טעותן און צום צווייטן, צום צענטן מאָל איבערגעקאָנטראָלירט. ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעהערט דעם באַשפּייזקאָמיסאַר וועגן דעם קומענדיקן קאַרטאָפל־סעזאָן און אַרויסגעזאָגט זיין באַשלוס:

– דאַכט זיך, אַז אַלץ שטימט. אויב אָבער עס שטימט, מוז אַלץ ווערן צומגעניסטן אַדורכגעפירט, פאַר יעדן פּרייז! מען מוז זיין אויפמערקזאַם און היטן ביים אַדורכפירן די גאַנצע זאַך!.

זומער 1918 האָט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערין ד אָ ר אַ ק אַ פּ ל אַ ן געשאָסן אויף לענינען פון אַ רעוואָלווער. עטלעכע טאָג איז ער געהאָנגען צווישן לעבן און טויט. אָבער אומגעריכט פאַר אַלעמען, האָט ער זיך גאַר גיך דערפונען אַרויסגעדרייט און גאַר אין קורצן שוין געקאָנט ווייטער פירן

די מלוכה. צו יענער צייט האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע פון דער ראַטנ־מלוכה אומגעהייער פאַרערגערט. כמעט אין גאַנצן לאַנד זענען אויסגעבראָכן אויפשטאַנדן, ס'האָבן זיך געשאַפן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרמייען. מ'האָט געמוזט אין שווערע ביטערע קאַמפן באַזיגן דעם שונא כסדר, איינעם נאָכן אַנדערן, — ביז לסוף האָבן די באָלשעוויקעס געהאַט די פולע מאַכט איבער גאַנץ רוסלאַנד.

דערווייל איז שטאַרק פאַרערגערט געוואָרן די עקאָנאָמישע לאַגע. די אַרומיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות האָבן אַרומגערינגלט רוסלאַנד מיט אַן אייזערנער בלאָקאַדע. דאָס פויערטום האָט נישט געלאָזט דורכפירן קיין רעקוויזיציעס פון תבואה און גרינס — דאָס אַלץ האָט געברענגט צו אַ גרויסן מאַנגל אין לעבנמיטלען. אין גאַנץ רוסלאַנד, דערהויפּט אין די אינדוסטריעלע צענטערס, האָט געהערשט הונגער און נויט.

אין יענעם מאָמענט האָט לענין זיך אַנטשלאָסן אויף אַן אומגעהייער וויכטיקן שריט: איבערצוגיין פון „קריגס־קאָמוניזם" צו דער „נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק". דערדאָזיקער באַשלוס, וואָס פּאַסט באמת פאַר אַ גרויסן מלוכהמאַן: צערייסן ראַדיקאַל מיט די מעטאָדן פונם אָנגעוואָרפענעם קאָמוניזם — האָט געראַטעוועט די ראַטנמאַכט פון זיכערן פאַלן. אָבער פונדעסטוועגן האָבן כמעט אַלע זיינע אָנהענגער געהאַלטן, אַז ס'איז אַ פאַלשער שריט און האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט. נישט איינער פון די חשובע באָלשעוויסטישע פירער האָט געהאַלטן דעמאָלט, אַז לענין פאַראַט און פאַרוואַרפט די וויכטיקסטע פּרינציפּן פונם קאָמוניזם.

אָבער לענין האָט זיך דערמיט לחלוטין נישט גערעכנט און ווייטער קאָנסעקווענט אַדורכגעפירט זיין פּלאַן. כמעט מיט יעדן טאָג האָט ער געענדערט דעם עקאָנאָמישן סיסטעם פון דער סאָוויעטמאַכט. ער האָט אַרויסגעגעבן דעקרעטן, אַז עס ווערט צוריק אָנערקענט דאָס פּריוואַטאייגנטום, ער האָט געגעבן קאָנצעסיעס אויסלענדישע אונטערנעמער, געשטיצט דעם האַנדל און סטאַביליזירט די וואַלוטע.

משך אַ פּאָר חדשים האָבן אויפגעלעבט די גאַסן, האָבן זיך געעפנט געשעפטן, אויף די מערק האָבן זיך געוויזן שפּייז־פּראָדוקטן. דיווירטשאַפטלעכע באַציונגען פון רוסלאַנד מיט אויסלאַנד און אַמעריקע זענען ביסלעכווייז באַנייט געוואָרן. ביי דעם אַלעמען האָט לענין געטראַכט וועגן שאַפן אַ מלוכהקאַפּיטאַליזם, ווי אַ דורכגאַנגשטופע צום ענדגילטיקן קאָמוניזם.

אָט דער דרייסטער באַשלוס — איינצופירן מיט איין מאָל אָנשטאָט דער קאָמוניסטישער ווירטשאַפט, וואָס האָט שוין עקזיסטירט — אַ קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם — דאָס איז ווידער איינע פון יענע וווּנדערלעכע באַווייזן, ווי לענין האָט אַלעמאָל געקאָנט צופּאַסן זיין טאַקטיק צו די באַדינגונגען. ער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר אַזעלכע שריט, וואָס קאָנען אים אַפילו אָפּשטויסן פון די אייגענע חברים. אויך דאָ, ווי אין יעדן ענלעכן פאַל, האָט ער קיין איין ווילע זיך נישט געוואַקלט און אָפּן אָנער־

קענט זיינע טעותן און אומגעביטן דעם סיסטעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט גוט, אויף אַן אַנדערן.

### 13

משך זיין גאַנץ לעבן האָט לענין געהאַט גענוג מוט צו גיין אַליין, אָפּשטויסן פון זיך די בעסטע חברים, אויב ער האָט נישט געקאָנט מיט זיי מסכים זיין. — ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר וולאַדימיר איליטשן — שרייבט וועגן אים פּאָקראָווסקי — אַז ער האָט אַלעמאָל גערן גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די ווייטגייענדיקסטע פּאָליטישע באַשלוסן. ער האָט זיך געקאָנט אַנטשליסן אויף אַלץ און ער האָט גענומען אויף זיך די אַחריות פאַר יעדן שריט, וואָס פון אים איז אָפּהענגיק געווען אָפטמאָל נישט נאָר לענינס גורל, נאָר אויף די גאַנצע פּאַרטיי און דאָס גאַנצע לאַנד. כמעט יעדע אַרבעט זיינע האָט ער אָנגעהויבן פּערזענלעך, מיט אַ קליינע גרופּע מענטשן, ווייל אַלעמאָל זענען געווען ווייניק מוטיקע מענטשן, וואָס זאָלן זיך אַנטשליסן צו גיין מיט אים צוזאַמען. צום-בעסטן האָט מען עס געזען בשעת זיין אַגיטאַציע פאַר באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין די יאָרן 1904—5. דעמאָלט האָט דער דאָזיקער געוויינלעכער מענטש אינם אָפּגעריסענעם אָנצוג דערקלערט מלחמה דעם מעכטיקן צאַריזם. איך געדענק גוט, וואָסער שטאַנדפּונקט ס׳האָבן פאַרטראָטן דעמאָלט די בורזשואַזע פּראָפעסאָרן: זיי האָבן אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „הבר״ מיט אַ בייסנדיקן שמייכעלע, ווי עס וואָלט געדאַרפט באַטייטן: אַ פולשטענדיקער אידיאָט, נעבעך.

לענין האָט זיך נישט געשראָקן פאַר חוזק. ער האָט אויך ווויל געוווסט, ווי שווער ס׳איז די אויפגאַבע, וואָס ער האָט אויף זיך פרייוויליק גענומען. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, צו וואָסערע קאָנסעקווענצן ס׳קאָן דערפירן זיין רוף צו בלוט-פאַרגיסונג. נאָך דעם ערשטן פרווו, וואָס איז דורכגעפאַלן, האָט ער זיך נישט מיאש געווען. געווען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן נאָך די היסטאָרישע דעצעמבערטעג פון 1905 געזאָגט, אַז לענינען בלייבט נישט קיין אַנדער ברירה, ווי זיך צו שיסן אַ קויל אין קאָפּ. אָבער אים איז עס אַפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק. דערזעלביקער מענטש, וואָס האָט נאָך דאָ נישט לאַנג גערופן צו באַוואָפנטן אויפשטאַנד, האָט פּלוצלינג באַפוילן זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן אויפמערקזאַם אַדורכשטודירן די סטענאָגראַפישע פּראָטאָקאָלן פון די דומעזיצונגען. דאָס האָט אַרויסגערופן געלעכטער נישט נאָר מצד דער בורזשואַזיע, נאָר אויך ביי די אייגענע חברים. אומעטום האָט מען אים אויסגעלאַכט, ווי אַ מענטש אַ שוואַכן, אָן ברעקל ענערגיע.

אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס בעסטע מיטל צו פירן די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע איז געווען דווקא צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די דומעזיצונגען. לענין האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם

דיזיקן באַטייט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער דומע, וואָס דורך איר האָט דער אַרבעטערקלאַס געקריגן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצו־זאָגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין די געגעבענע באַדינגונגען וואָלט זיך אָן דעם דאָזיקן אַפּאַראַט גאָרנישט געלאָזט אויפטון. אָבער כּדי צו אָנער־קענען טאַקע דידאָזיקע מעלות פונם פּאַרלאַמענטאַריזם, האָט מען געמוזט האָבן גרויסע פּאָליטישע דרייסטקייט — אַלנפאַלס אַ גרעסערע, ווי צו רופן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

משך זיין גאַנץ לעבן האָט לענין נישט מורא געהאַט פאַר איינזאַמ־קייט. — מעגלעך — האָט ער אַמאָל געזאָגט אין דער שווייץ — אַז איך וועל בלייבן אַליין. אָבער איך וועל קיינמאָל נישט אָפּטרעטן פון מיינע אָנשויונגען. איך וועל זיי אַלעמאָל פאַרטיידיקן און וועל גיין אַ גלייכן וועג.— זינאָוויעוו דערציילט, ווי פּלעכאַנאָוו האָט אַמאָל חוזק געמאַכט פון די יינגע סאָציאַלדעמאָקראַטן (וואָס צווישן זיי איז אויך געווען זינאָוויעוו) פאַר זייער צוגעבונדנקייט צו לענינען:

— היינט גייט איר נאָך מיט אים — האָט ער געזאָגט — אָבער לע־נינס וועג איז אַזעלכער, אַז אין עטלעכע וואָכן וועט לענין זיך אויסשפּילן. ער'ט ווערן אַ שרעקער פאַר גלחישע סעדער. לענין — דאָס איז שוין אַ פאַר־ענדיקטער מענטש. מיטן מאָמענט, וואָס ער'ט צערייסן מיט אונז, דער־פאַרענע מענטשן, וועט ער אויסזינגען זיין ליד.

אַז מען האָט דאָס דערציילט לענינען, האָט ער אַ שמייכל געטון:

— ערשט האַרבסט ציילט מען די אויסגעפּיקטע הינדעלעך. מיר'ן ווייטער קעמפן. לאָמיר זען, אויף וועמענס זייט די אַרבעטער וועלן זיך שטעלן.

גלייך נאָך דער איבערקערעניש איז אויסגעבראָכן אַן ערנסטער סיכסוך מיט די חברים. ער האָט געפּאָדערט פונאַנדערצולאָזן די קאָנסטיטואַנטע. פון אַלע זייטן האָט מען קעגן דעם פּראָטעסטירט. אָבער ער האָט פאַר־עקשנט געטענהט, אַז מען מוז צעטרייבן די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, און דעם טערמין פון די וואַלן אָפּלייגן אויף שפּעטער. מען האָט זיין פאַרשלאָג אָפּ־געוואָרפן. ער האָט געמוזט אָפּטרעטן. אָבער ער האָט כּסדר געשריגן, אַז דאָס איז אַ פעלער, וואָס וועט אַלעמען קאָסטן זייער טייער.

דאָסזעלבע איז אויך געווען בעתן בריסקער שלום. לענין האָט געהאַט אַן אַנדער שטעלונג, וואָס אַלע חברים. ער האָט קלאָר געזעען, אַז ס'איז אוממעגלעך ווייטער צו פירן די מלחמה און ער איז דווקא באַשטאַנען, מען זאָל אָננעמען דעם דייטשן אולטימאַטום. אַלע האָבן זיך ענערגיש אַנטי־קעגנגעשטעלט, מ'האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט קאַפּיטולירן פאַר דייטשלאַנד.

ראַדעק זאָגט, אַז לענינס גרויסקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך יעדן טאָג געקאָנט דעצידירן אויף עפּעס נייס און אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן יעדע שטרויכלונג. אַז מ'האָט איינמאָל באַקעמפט זיינעם אַ גע־ווייסן באַשלוס און זיך דערביי פאַררופן אויפן סאָציאַליזם, האָט לענין גע־

דונערט: — איר זענט, כ'לעבן, ערגער פון הינער! אַ הון וועט זיך אויף נישט אַנטשליסן אַרויסצוגיין פונם קריידענעם קרייז. אָבער דער הון האָט דאָך אָנגעצייכנט דעם קרייז אַ פרעמדע האַנט. איר אָבער האָט זיך אַליין אָנגעצייכנט עפעס אַ קרייז און חושט זיך אויף דער ליניע, אָנשטאָט צו קוקן דעם אמת אין פנים אַריין!".

זיינע אָנהענגער דערציילן אויך וועגן לענינס באַרימטן פילאָזאָפישן וויכוח מיט באָגדאַנאָוון, וואָס ווייזט זיין ריזיקע אָריענטירונג-קראַפט. „דעמאָלט — שרייבט פאָקראָווסקי — האָבן מיר פשוט געשטוינט. מיר האָבן געוועסט געמיינט, אַז ער האָט זיך אַנטשלאָסן אַזוי ערנסט צו פאַרנעמען מיטן דאָזיקן פראָבלעם, וואָס איז אין תוך געווען אַ גאַנץ מינדערווערטיקע זאַך—ווייל אין אונזערע אויסלענדערשע באַציונגען איז שטיל געוואָרן. אָבער דער מאָמענט איז דאָך געווען אַ וויכטיקער, די רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן שוואַכער צו ווערן, אויפן טאָגאָרדנונג איז געשטאַנען די פראַגע פון גרינטלעכער ענדערונג פון אונזער טאַקטיק. און לענין, אָנשטאָט זיך צו פאַרנעמען מיט אָט די פראַגן, האָט זיך פאַרגראָבן אין דער ביבליאָטעק, געפאַטערט דאָרט גאַנצע נעכט, און לסוף אָנגעשריבן אַ פילאָזאָפישע אָפהאַנדלונג. אָבער שפעטער האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, ווי ווייט ער איז גערעכט געווען. אָט דאָס קלאָמפערשט-איבעריקע טעאָרעטישע ווערק איז שפעטער געוואָרן דער גייסטיקער פונדאַמענט פונם גאַנצן באָלשעוויזם.

## 14

פאַראַן נאָך אַן אינטערעסאַנטער פרט, וואָס האָט אים געבראַכט צום זיג: זיין טיפע און דירעקטע פאַרבינדונג מיטן אַרבעטנדיקן פאָלק, מיטן פראָלעטאַריאַט און פויערטום — אַ גאַנץ פראַקטישע פאַרבינדונג. זיינע באָנטסטע מיטאַרבעטער דערציילן איינשטימיק, אַז ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע פעיקייט זיך פערזענלעך צו פאַראינטערעסירן מיט די קלענסטע דאגות פון די אַרבעטער. ער פלעגט זיך גענוי אויספרעגן און אויפן אָרט געבן די גענויסטע עצות. בוכאַרין זאָגט, אַז לענין האָט מסתמא געהאַט אַ זעקסטן חוש, מיט וועלכן ער האָט „געהערט, ווי ס'וואַקסט דאָס גראָז און געקאָנט טרעפן די געדאַנקען אין אַרבעטערשע מוחות". ער פלעגט געדולדיק און העכסט-אויפמערקזאַם אויסהערן יעדן אַרבעטער, יעדן פויער און זעלנער. פון אַ צופעליקן שמועס מיט עפעס אַ זקנה האָט ער בעסער געקאָנט אַרויספילן די אמתדיקע שטימונגען צווישן פויערטום, ווי פון הונדערט אָפיציעלע באַריכטן. ער האָט געהאַט אַ ספעציעלע פעיקייט צו רעדן מיט מענטשן אויף אַזאַ אופן, אַז זיי האָבן זיך אים אויפריכטיק פאַרטרויט מיט אַלע זייערע ספיקות, צרות און פאַרלאַנגען. אַנטקעגן אַרבעטער און פויערן איז ער אַרויסגעטרעטן נישט ווי אַ שטאָלצער ראש פון דער מלוכה, נאָר ווי אַ חבר אין בעסטן זינען פון דעם וואָרט — ווי

אַ פּערזענלעכער און אויפריכטיקער פריינד. ביי אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט און געטון, האָט ער געטראַכט וועגן דער מאַסע. אַלץ איז געווען אויסגערעכנט דערויף, אַז עס זאָל אויף דידאַזיקע מאַסן ווירקן. ער האָט זיך תמיד געזאָרגט, צי זיינע ווערטער וועלן פאַרשטאַנען ווערן אינם פאַרוואָרפנסטן ישוב. אָט דער גייסטיקער קאָנטאַקט זיינער מיט די פאָלקשיכטן, וועגן וועלכע קיין שום רוסישער מלוכהמאַן האָט זיך קיינמאָל פּערזענלעך נישט געקימערט — דאָס האָט לענינען דערנענטערט צו די פאָלקמאַסן. און דערפאַר איז ער געוואָרן אַזוי אומגעהייער-פּאָפּולער.

לענין האָט פּערזענלעך נישט פאַרטראָגן קיין לוקסוס. ער האָט געוואָלט, אַז זיין לעבנשטייגער זאָל זיך לחלוטין נישט אונטערשיידן פונם פּראָלעטאַרישן שטייגער.

ווען אין 1919 איז אויסגעבראָכן אַ הונגערקאַטאַסטראָפע, האָט מען אים פון אומעטום געשיקט פאַרשידענע לעבנסמיטל. דאָס האָט אים שטאַרק געקרענקט. ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו עסן מער, ווי אַלע אַנדערע חברים. דערום האָט ער דאָס גאַנצע צוגעשיקטע עסנוואַרג פונאַנדערגעטיילט צווישן קראַנקע און הונגערנדיקע אַרבעטער. אַמאָל האָט ער פאַרבעטן אויף מיטאָג גאָרקין: „קומט צו מיר, מ'האָט מיר געשיקט פון אַסטראַכאַן געריייכערטע פיש!". ער האָט פאַרזשמורעט די ברעמען, אַוועקגערופן גאָרקין אין אַ זייט און צוגעגעבן: „מען שיקט מיר עסנוואַרג, ווי עפּעס אַ האַר. אויב איך זאָל עס נישט אָננעמען, וואָלט איך באַליידיקט די, וואָס האָבן מיר געשיקט. אָבער ס'איז מיר פיינלעך שווער עס אָנצונעמען, ווען דאָס גאַנצע פאָלק הונגערט".

גערנער פון אַלץ פלעגט ער שמועסן מיט פּויערן און אַרבעטער. אָט די שמועסן זענען געווען די בעסטע קאָנטראָל פון זיינע פאַראָרדענונגען. ער האָט אַרויסגעצויגן פון די מענטשן אַלץ, וואָס זיי האָבן געוווּסט, דערביי האָט ער גלייך געטראַכט וועגן נייע פּלאַנירטע פאַראָרדענונגען און וועגן די רעזולטאַטן, וואָס דאָס וועט ברענגען פאַרן פּשוטן פאָלק. „אַז לענין אַרבעט ביים לייזן עפּעס אַ וויכטיקן פּראָבלעם — זאָגט ווען אים ראַדעק — טראַכט ער נישט מיט די אַבסטראַקטע, געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס. ער ברעכט זיך נישט דעם קאָפּ איבער דער אַגראַר-רענטע אָדער פּויערישן מיטלשטאַנד, איבער אַבסאָלוטיזם צי ליבעראַליזם.

„ער טראַכט וועגן לעבעדיקע מענטשן, וועגן פּויער סידאָר פון טווער, וועגן דעם אַרבעטער פון פּוטילאָווער פאַבריק, וועגן דעם פּאָליציימאַן אויפן עק גאַס. ער פּרוּווט זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי זיינע באַשלוסן וועלן ווירקן אויפן פּויער סידאָר אָדער אויפן אַרבעטער אָנופרי".

צווישן די אַקטן, וואָס לענין האָט אַליין געשריבן, איז פאַראַן אַ פּעקל קורצע בריוו, וואָס יעדער פון זיי אַנטהאַלט געוויסע פאַראָרדענונגען לטובות עפּעס אַ פּשוטן מענטש פון פאָלק: אַמאָל הייסט ער אַרויסגעבן לעבנסמיטל עפּעס אַן אַרבעטער, אַן אַנדערש מאָל פאָדערט ער פאַר אַן אַנדער אַרבעטער אַ פרישן אָנצוג, פאַר אַ דריטן פאַרלאַנגט ער אַ לייטישע

ווינונג, פאַר אַ פערטן — מעדיצינישע הילף. דערביי איז צו יעדער פאָראָרדע-נונג צוגעגעבן אַן אויספירלעכע מאָטיווירונג.

לענין האָט אויך געלייענט אַלע בריוו צו אים. באַזונדער האָט ער זיך אינטערעסירט מיט די בריוו פון פויערן. „דאָס זענען אמתדיקע מענטש-לעכע דאָקומענטן — פלעגט ער אָפט זאָגן — פון קיין שום אָפיציעלן ראַ-פּאָרט וואָלט איך נישט געקאָנט האָבן אַזויפיל אינפאָרמאַציעס!". אָפטמאָל פלעגט ער זיך אויך געבויי אויספרעגן וועגן די שרייבער פון די בריוו — צי איז דאָס אַ פאַרמעגלעכער פויער, צי אַן אָרעמער און ווי באַציט ער זיך צום באָלשעוויזם. ריקאָוו, דער פאָלקסקאָמיסאַר, גיט איבער, אַז בשעת דעם הונגערקריזיס האָט ער געהייסן ברענגען צו זיך קיין מאָסקווע עט-לעכע פשוטע זעלנער. ער האָט מיט זיי געהאַט אַ לאַנגן, אויספירלעכן שמועס און דערפון באַקומען אַ קלאָר בילד פון דער לאַגע און זיך אָפּ-געגעבן אַ רעכענונג, וואָס מען דאַרף טון.

אָבער נישט נאָר אין רוסלאַנד האָט לענין גלייך געקאָנט זיך פאַר-שטענדיקן מיט יעדן מענטש פון פאָלק און זיך צו אים צופּאַסן. אַז ער איז גע-ווען אויף קאַפּרי צוגאַסט ביי גאָרקין, פלעגט ער אָפט שמועסן מיט די דאָרטיקע פישער, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט איטאַ-ליעניש. מ'האָט אים ליב געהאַט, ווייל זיין געלעכטער איז אַלעמען געפעלן. אַ געוויסער אַלטער פישער פלעגט וועגן אים זאָגן: „אַזוי לאַכן קאָן נאָר אַן ער-לעכער מענטש". אַז לענין איז צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, פלעגן די פי-שער אָפט פרעגן גאָרקין: „וואָס מאַכט סיניאָר לענין? צי האָט דער צאַר אים געהייסן נאָכאַמאָל אַרעסטירן?".

אויך די ענגלישע אַרבעטער, וואָס לענין האָט דערקענט דאָס יאָר 1907 אויף דער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, האָבן געהאַלטן, אַז קיינער פון די סאָציאַליסטישע פירער איז נישט אַזוי סימפּאַטיש, ווי לענין. וועגן פּלע-כאַנאָוון האָבן זיי אַזוי געזאָגט: „פּלעכאַנאָוו איז אונזער לערער, — אַ האַר. אָבער לענין איז אונזער אמתדיקער חבר".

לענין איז אָן שום ספק געווען אַן אָרגאַניזאַטאָרישער זשעני. זיינע אומגעהייערע פעיקייטן כאַראַקטעריזירט צומבולטסטן דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצן שטאַב מיטאַרבעטער — טעכניקער, מיליטערלייט, דיפּלאָמאַטן, און זיי אויסגעלערנט צו רעגירן. ער האָט זיך אויסגעקליבן פון צווישן אַרבעטער און אינטעלעקטועלע, וואָס האָבן נישט געהאַט די מינדסטע דערפאַרונג אין מלוכהפראַגן — אַ טויזנט מענטשן און זיי איבער-געגעבן די אָנפירונג פון דער גאַנצער מלוכה. נאָכמער — ער האָט אַפילו צוגעצויגן אויף זיין זייט די פּאָליטישע קעגנער, וואָס ער האָט גע-קאָנט אויסנוצן זייערע קענטענישן און פעיקייטן. מענטשן, וואָס האָבן ביז אַהער נישט געהאַט די מינדסטע השגה וועגן מיליטערישע פראַגן, האָט ער געמאַכט פאַר גענעראַלן, איבערגעגעבן די פירערשאַפט מיט דער אַרמיי און אַרויסגעשיקט אויפן פראָנט צו קעמפן מיט דער קאָנטער-רעוואָלוציע. זשורנאַליסטן האָט ער געמאַכט פאַר אַמבאַסאַדאָרן און זיי אַרויסגעשיקט אין וויכטיקע

דיפלאָמאַטישע מיסיעס. די קאָמפּליצירטסטע פינאַנסיעלע פּראָבלעמען און טעכניש-אַדמיניסטראַטיווע פראַגן האָט ער אָנגעטרויט אַ הייפל אַרבעטער און פּויערן.

און ס'איז געשען אַ נס: די פרישגעבאַקענע גענעראַלער האָבן אָפּגעהאַלטן נצחונות. די נייע דיפּלאָמאַטן האָבן געשלאָסן געלונגענע טראַקטאַטן מיט די אייראָפּעישע מלוכות. די אינעראַלעכע אַדמיניסטראַציע, אָנגעפירט פון פרישע מענטשן, האָט פונקציאָנירט לכל-הפחות אַזוי גוט, ווי פאַר די צאַרישע צייטן. דאָס ווייזט, אַז לענין האָט מיט זיין שאַרפן בליק באַוויזן אויסצוקלייבן די געהעריקע מענטשן אויף די געהעריקע ערטער. נאָך מער — ער האָט באַוויזן זיי אַנטשפּרעכנדיק צו דערציען.

## 15

אויף אַזאַ אופן איז אים געלונגען צו שאַפן אַ נייע מלוכה מיט נייע מענטשן. ווייל די ראַטנרעפּובליק איז ווירקלעך אַ פּאָליטישע שאַפונג, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער וועלטגעשיכטע. איין לויפנדיקער עפּיזאָד פון די רעוואָלוציאָנערע טעג אין 1905, דער אַרבעטערראַט אין פּעטערבורג — און אין לענינס מוח האָט אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען דער געדאַנק וועגן אַ נייער פאָרם מלוכה, וועגן דער רעפּובליק פון די ראַטן. אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן האָבן געשטרעבט צו אַזאַ צי אַן אַנדערער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם. בלויז לענין האָט באַשלאָסן איינגאַנצן איבערצורייסן מיטן פּאַרלאַמענטאַריזם, און במילא מיט דעמאָקראַטיע. אויפן ראַטנאופן דאַרף מען שאַפן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. און ווי ס'זאָל זיך עמעצער באַציען צו אָט דעם רעגירונגסדר, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז די פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם געדאַנק, דער איבערבוי אין משך עטלעכע חדשים אַ מלוכה מיט 150 מיליאָן איינוווינער אויפן ראַטנשטייגער, איז אַ סימן פון לענינס מעכטיקן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט.

דעריבער איז נישט קיין װוּנדער, וואָס לענין האָט נישט געקאָנט לאַנג אויסהאַלטן אָט די אומגעהייערע משא אַרבעט. משך גאַנצע חדשים, נישט געקוקט אויף שווערן פיזישן ווייטיק, האָט ער זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט. אָבער סוף כל סוף האָט ער זיך געמוזט צוריקציען פון דירעקטער אָנפירונג, פון קרעמל האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אינם באַשיידענעם שלאָס אין גאָרקי, ווו ער איז טאַקע, האַלב פּאַראַליזירט, געשטאָרבן.

לענינס קראַנקייט, ווי ס'דערציילט זיין פרוי, האָט זיך אָנגעהויבן סוף 1921. שווער געגוי פּעסטצושטעלן, ווען איז לענין אייגנטלעך קראַנק געוואָרן. זיין קראַנקייט האָט זיך אַנטוויקלט זייער פּאַמעלעך, ביסלעכווייז רואינירט זיין שטאַרקן אָרגאַניזם. ער אַליין האָט כמעט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין קראַנקייט.

„נאָך מערץ 1922 האָבן אים די דאָקטוירים באַטראַכט און אָנערקענט, אַז ער איז פולשטענדיק געזונט. סיי דער נערוונסיסטעם. סיי די אינער-

לעכע אָרגאַנען זענען געווען פּולקום אין אָרדענונג. אָבער היות ער איז געווען איבערגעמאַטערט און זיך באַקלאָגט אויף אָפטן קאַפּווייטיק, האָט מען אים געגעבן אורלויב אויף אַ פּאָר חדשים און ער איז אַריבערגעפאָרן קיין גאָרקי. קורץ נאָכדעם, אָנהויב מאַי, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים פון מוחדערשיטערונג. ער האָט באַקומען אַן אַפּאָפּלעקסיע-אָנפאַל, נאָך וועלכן ער איז געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט, האָט פאַרלוירן דאָס לשון און דער רעכטער פוס איז אים פּאַראַליזירט געוואָרן. דאָס האָט געדויערט דריי חדשים.

„שפּעטער האָבן זיך די אָנפאַלן איבערגעחזרט פּעריאָדיש אין מאַי, יוני און יולי, ביי יעדן מאָל געדויערט פון אַ האַלבער ביז צוויי שעה. אָבער אַדאַנק דער מעדיצינישער הילף האָט זיך זיין געזונטצושטאַנד אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט, אַז ער האָט אָקטאָבער זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט — וואָס אַן אמת, אַ גאַנץ באַגרענעצטע. נאָוועמבער האָט ער געהאַלטן דריי גרויסע פּאָליטישע רעדעס. אָבער דעצעמבער האָבן זיך די אָנפאַלן ווידער באַנייט, און 16 דעצעמבער איז אים ווידער פּאַראַליזירט געוואָרן די רעכטע האַנט מיטן רעכטן פוס.

„משך יאַנואַר און פעברואַר 1923 האָט זיך זיין צושטאַנד געוואַקלט—אַמאָל איז אים געווען בעסער, אַמאָל ערגער. נאָך פעברואַר האָט ער געקאָנט דיקטירן פּאָליטישע אַרטיקלען. אָבער ד. 9 מערץ איז אים פּאַראַליזירט געוואָרן כמעט אַ האַלבער קערפּער, און ער האָט כמעט אויפגעהערט צו קאָנען רעדן.

„האַלבן מאַי, צוליב די שיינע וועטערן, האָט מען אים איבערגעפירט קיין גאָרקי. דאָרט איז ער טאַקע פאַרבליבן ביזן טויט. תחילת איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן. אָבער אַנדערע העלפט יוני איז ווידער געוואָרן ערגער. דערהויפּט האָט ער געליטן אויף שלאָפלאָזיקייט.

„אין דער צווייטער העלפט יולי האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַמעלעכע, אָבער שטופנווייזע פאַרבעסערונג. אַלע טאָג האָט מען אים אַרויסגעפירט אויפן שפּאַציר. לענין האָט צוריק באַקומען אַ גוטע שטימונג, געקריגן אַפּעטיט און געקאָנט שלאָפן — ער האָט אַפילו ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו גיין אַליין אָן קיינעמס הילף. אָנהייב אויגוסט האָט ער שוין אַפילו אָנגעהויבן זיך איינצוּאיבן אויף צו באַקומען צוריק דאָס לשון. אָט די איבונגען זענען גע-פירט געוואָרן כמעט ביזן טויט.

„סעפּטעמבער האָט שוין לענין געקאָנט אַליין גיין איבער די טרעפּ, שפּאַצירן איבערן צימער און האָבן טעגלעכע שפּאַצירן מיטן אויטאָ אין וואַלד אַריין. די שטומקייט איז ביסלעכווייז אָפּגעטרעטן — און לענין האָט ווידער אָנגעהויבן אָנטיילנעמען אין פּאָליטישן לעבן. ער האָט יעדן טאָג געלייענט ציַיטונגען, אָנגעוויזן אויף די אַרטיקלען, וואָס האָבן אים מערער פאַראינטערעסירט און ער האָט אַלץ זייער גיך באַנומען. צו יענער צייט האָט ער געפּרוּווט זיך לערנען שרייבן מיט דער לינקער האַנט, וואָס איז אים זייער שווער אָנגעקומען.

„ס'זענען אָנגעקומען די האַרבסטיקע פראָסטיקע זונענטעג. ער איז אָפּט אַרויסגעפאָרן אויף אַ שליטן אין וואַלד. ער איז געווען אין אַ גלענצנדיקער שטימונג. לכּבוד ניטל האָבן מיר געמאַכט אַ ביימל פאַר די קינדער פון דאָרף. לענין האָט אָנטיילגענומען אין דער שמחה, איז געווען פריילעך און אַכטונג געגעבן, אַז די קינדער זאָלן זיך גוט ווײַלן.

„מיר זענען אַלע געווען זיכער — דערציילט די פרוי — אַז לענינס געזונט פאַרבעסערט זיך — פּאַמעלעך, אָבער כּסדר. אָבער נאָך יענעם קורצן פעריאָד פון אויסערלעכער פאַרבעסערונג איז געקומען די קאַטאַסטראָפע. דאָס איז געווען דעם 21-טן יאַנואַר 1924, זעקס אין אָוונט. דער שווערער אָנפאַל, וואָס האָט געדויערט אַ קנאַפּע שעה האָט מיט זיך געבראַכט פולשטענדיקע ליימיקונג פון די חושים און איינשרומפונג פון די מוסקולן. אַזייגער 6 מיט 50 מינוט, ביי א טעמפּעראַטור פון 42,3 גראַד איז געקומען דער טויט – די לונגען זענען פאַרברענט געוואָרן".

די פּראָפעסאָרנקאָלעגיע, וואָס האָט אים געפּאַלמעסט, האָט פעסטגעשטעלט, אַז די כּלים זענען געווען פאַרקאַלכט. די מוזאַ טעריעס זענען געווען שטאַרק פאַרענדערט. דאָס ווייזט, אַז לענין איז געשטאָרבן פון איבערארבעטן זיך.

איינער פון די דאָקטוירים, וואָס האָט אָנטיילגענומען אינם פּאַלמעסן, דערציילט, אַז ס'איז נישט קיין ווונדער, וואָס לענין איז געשטאָרבן. ס'איז אָבער פשוט אומבאַגרייפלעך, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט לעבן אַזוי לאַנג. ווייזט אויס, אַז דער מוח איז שוין געווען פאַרקאַלכט דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך געלייענט צייטונגען און זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטישע פראַגן. כּדי אין אָט די באַדינגונגען נאָך צו קאָנען גייסטיק אַרבעטן — דאַרף מען האָבן באמת אַן אוממענטשלעכע ענערגיע און אַ ריזיקן ווילן.

ערשט אַז לענין איז געשטאָרבן, האָט אייראָפּע פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן זיין אמתדיקע גרויסקייט. ביז אַהער האָט אים די אויסלענדישע פרעסע באַהאַנדלט, ווי אַ „מערדער" און אַ „דייטשן שפּיאָן". אָבער איצט האָט עס זיך לחלוטין געענדערט. ס'האָבן זיך שוין געהערט שטימען, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף לענינס אמתדיקן באַטייט. די רעדאַקציע פון אַ רוסיש זאַמלבוך, וואָס איז אַרויס צו זיין אָנדענק, האָט געקליבן מיינונגען וועגן אים פון פאַרשידענע אויסלענדישע פּאָליטיקער, שרייבער און געלערטע. די ענטפערס, וואָס מ'האָט צוגעשיקט פון אַלע עקן וועלט, ווייזן צומבולטסטן, וואָסער ענדערונג ס'איז געשען אין דער מיינונג וועגן לענינען. נישט נאָר סאָציאַלדעמאָקראַטן, ווי קאַרל קאַוטסקי און אָטאָ באַוער רעדן וועגן לענינען מיטן גרעסטן דרך-ארץ אין האַלטן אים פאַר אַ גאונדיקן פירער און מייסטער פונם אַרבעטערקלאַס. אויך מצד דעם בורזשואַזן לאַגער האָט מען זיך וועגן אים צומשענסטן אויסגעדריקט. פענלעווע האָט געשריבן, אַז ער איז פול באַוואונדערונג פאַר לענינס אומגעהייערן, אומגעוויינלעכן ווילן און ענערגיע. הערי‍אָ האָט דערקלערט, אַז נישט געקוקט אויף די אַלע חילוקי-

רפות, איז ער געווען אַנטציקט פון לענינס אומגעהייערן מלוכהבויערישן טאַלענט, פון זיין ענערגיע, אַנטשלאָסנקייט און אַלזייטיקן וויסן.

„לענין — האָט געשריבן טאָמאַס מאַן — איז אָן שום ספק אַ דערשיינונג, וואָס ווייזט זיך אַמאָל במשך עטלעכע דורות. דאָס איז אַ מענטשלעכע מאַשין אין אַ נייעם דעמאָקראַטיש-ריזיקן סטיל, דאָס איז אַ פאַרייניקונג פון ריזיקן ווילן מיט אַסקעטיזם, דאָס איז אַ געניאַלער פויפּסט פון דער אידעע, פול געטלעכער התלהבות, וואָס זייט פאַרניכטונג איבער דער וועלט. מען מוז אים דערמאָנען, ווי יענעם גרעגאָר, וועגן וועלכן ס'ווערט געזאָגט: „דאָס לעבן מיט דער וויסנשאַפט האָבן זיך צונויפגעפּאַסט" און וואָס האָט אַליין געזאָגט: „פאַרשאַלט דער מענטש, וואָס באַהאַלט זיין שווערד פאַר בלוט".

ראָמען ראָלאַן — אָן זיין אָפּשאַצונג איבער לענינען מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „לענין, דער גרעסטער מענטש פון טאַט אין אונזער צייט, דער גרעסטער אַלטרואיסט — — —". דער באַרימטער ענגלישער געלערטער און שרייבער, בערטראַנד ראָסעל האָט דערקלערט, אַז מיט לענינען איז אַוועק פון דער וועלט דער איינציקער באמת-גרויסער מענטש פון אונזער צייט: „איך האַלט, אַז אונזער דור וועט אַריין אין דער וועלטגעשיכטע, ווי דער דור פון לענינען און איינשטיינען — פון אָט די צוויי מענטשן, וואָס האָבן געשאַפן די גרעסטע סינטעטישע אַרבעט. לענין ווערט ביי דער בורזשואַזיע געהאַלטן פאַר אַ צעשטערער. אָבער זיין גרויסקייט האָט ער צו פאַרדאַנקען נישט דער צעשטערונג. דאָס איז געווען אַ האַרמאָניש-שאַפנדיקער גייסט, אַ פילאָזאָף, אַ סיסטעמאַטיקער פון דער ווירקלעכקייט... אויף מיר האָט ער געמאַכט דעם איינדריק פון אַ טיף-אויפריכטיקן מענטשן, אָן ברעקל עגאָיזם. איך בין אַבסאָלוט זיכער, אַז זיין ציל איז געווען נישט צו דערווערבן די מאַכט פאַר זיך, נאָר צו שאַפן גוטס פאַר דער גאַנצער וועלט. איך מיין, אַז ער וואָלט גרייט געווען יעדע מינוט זיך אָפּצורוקן אין שאָטן, אויב דאָס וואָלט געקאָנט מיט עפּעס נוצן דעם קאָמוניזם"...

אין דעם זינען האָט זיך אויך אַרויסגעזאָגט בערנאַרד שאָו. ער האָט, ווי זיין שטייגער, אויף אַ פּאַראַדאָקסאַלישן אופן געזאָגט, אַז מען וועט אַמאָל אין לאָנדאָן לעבן וואַשינגטאָנס דענקמאָל שטעלן לענינס. ווייל אַמאָל האָט די ענגלישע פרעסע אַזוי באַשפּיגן וואַשינגטאָנען, ווי איצט לענינען.

דער פּשוטער רוסישער המון האָט אַ צייט-לאַנג נישט געוואָלט גלייבן אין לענינס טויט. אינגיכן זענען אַנטשטאַנען לעגענדעס, אַז לענין האָט זיך בפּיוון געמאַכט טויט, כּדי ער זאָל קאָנען נאָכקאָנטראָלירן, צי זיינע פאַרטרעטער אַרבעטן געוויסנהאַפט. איין לעגענדע דערציילט. אַז איינמאָל איז לענין אויפגעשטאַנען אינמיטן מיטאָג פונם טיש, צוגערופן צו זיך דעם דאָקטאָר און געפרעגט:

— קאָנסט אַזוי מאַכן, אַז איך זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר אַ טויטן?

— געוויס—האָט דער דאָקטאָר אים געענטפערט—אָבער צו וואָס טויג עס דיר?

— כ'וויל זעען, וואָס וועט ווערן מיט רוסלאַנד, ווען איך וועל קלאָמפּערשט שטאַרבן. ביזאַהער לייגט מען אַלץ אָפּ אויף מיר און איך מוז פּאַר אַלעמען זיין פאַראַנטוואָרטלעך.

— גוט — מאַכט דער דאָקטאָר — מיר'ן צוּוויסן טון, אַז ביסט געשטאָרבן. מיר וועלן דיך אַריינלייגן אין אַ גלעזערנעם קאַסטן, אַז זאָלסט קאָנען זען אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום דיר.

— געמאַכט. אָבער — אַ סוד! אַ חוץ מיר און דיר וועט נאָר מיין פרוי וויסן וועגן אַלעמען!

און מ'האָט צוּוויסן געטון דעם פאָלק, אַז לענין איז געשטאָרבן. דאָס פאָלק האָט אים באַוויינט, און די חברים האָבן אים אַריינגעלייגט אין אַ שפּייכלער, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן מ אַ ו ז אָ ל יי.

איז דאָרט לענין געלעגן אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש—איז אים דערעסן געוואָרן די גלעזערנע שטייג. האָט ער זיך אַנומלט ביינאַכט אויפגעהויבן און זיך שטילינקע, דורך דער אונטערטיר פונם מאַוזאָליי, זיך אַדורכגעגנבעט אין קרעמל. גראָד איז דאָרט פאָרגעקומען אַ זיצונג פון ראַטפאָלקאָם. די וועכטער האָבן אים אַדורכגעלאָזט, ווייל ער האָט געהאַט אַ לעגיטימאַציע. קיינער האָט אים נישט דערקענט, ווייל ער האָט זיך אַרויפגערוקט דאָס היטל אויף די אויגן.

האָט ער זיך צוגעהערט אַ שטיקל צייט צו די באַראַטונגען — דער־נאָך האָט ער זיך אַ צופרידענער אומגעקערט און זיך צוריק געלייגט אין זיין גלעזערנעם אָרון. אויף דער צווייטער נאַכט איז ער ווידער אויפגע־שטאַנען און איז אַוועק ערגעץ אין אַ פאַבריק. נישט געווען דאָרט קיין סך אַרבעטער — בלויז די נאַכטשיכט. לענין האָט זיך מיט זיי אויסגע־שמועסט, זיך געגוי אויסגעפרעגט, צי זיי זענען צופרידן פון זייער לעבן און פון דער היינטיקער מאַכט.

אויף דער דריטער נאַכט איז ער אַוועק אויפן וואָקזאַל, זיך אַריינ־געזעצט אין אַ צוג און איז אַוועקגעפאָרן אין די ווייטע מקומות, געוויר ווערן, וואָס הערט זיך דאָ רט. ערשט אַז ער האָט געזען, אַז אויפן דאָרף איז אויך אַלץ אין אָרדנונג — האָט ער זיך אַ באַרויקטער אומגעקערט קיין מאָסקווע און זיך געלייגט שלאָפן אין זיין מאַוזאָליי. קיינער ווייסט נישט געגוי, ווי לאַנג ער וועט נאָך דאָרט ליגן, מאַכן זיך פאַר געשטאָרבן — אָבער אַמאָל וועט ער ווידער אויפשטיין און גיין צווישן די חברים.

## 16

דעם גאַנצן מהות פון לענינס אַרבעט קאָנען מיר ערשט דעמאָלט אָפּ־שאַצן און באַגרייפן, אויב מיר וועלן אָט די אַרבעט באַהאַנדלען ווי אַ המשך און דער ענדציל פון אַ געוויסן געשיכטלעכן פּראָצעס. ס'זעט אויס, ווי אַ פּאַראַדאָקס: לענין, דער צעשטערער פונם צאַריזם, איז אייגנטלעך

דער אמתדיקער אויספירער פון דער צוואה, וואָס ס'האָט רוסלאַנד איבער־געלאָזן פּיאָטר דער גרויסער. ער האָט זיך אַליין אָפּגעגעבן אַ חשבון פון יענער אידעישער שייכות. ער האָט אָפט געזאָגט, אַז פּיאָטר דער גרויסער איז זיין פּאָליטישער פּאָרגייער. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דווקא לענין איז נישט מסכים געווען, מען זאָל ענדערן דעם נאָמען פּעטראָגראַד. ער האָט געהאַלטן, אַז פּיאָטר איז געווען דער ערשטער רעוואָלוציאָנער אויפן טראָן. דערום דאַרפן אויך די באָלשעוויקעס שעצן זיין אָנדענק.

און ווירקלעך האָט פּיאָטר דער גרויסער — דער ערשטער געפּרוווט שאַפן אַ בריק צווישן רוסלאַנד און מערב־אייראָפּע און זיין אַבסאָלוטיסטישע הערשאַפט פאַרוואַנדלען אין אַ היינטצייטיקער ציוויליזירטער מלוכה. פון זינט דעמאָלט אָן איז רוסלאַנדס פּאָליטישע אנטוויקלונג געגאַנגען לויט אָט די אייראָפּעיזירנדיקע טענדענצן. תחילת זענען אָט די טענדענצן געווען איינגעשלאָסן בלויז אינם קייזערלעכן הויף, אָבער דערנאָך זיי אַריינגעדרונגען אין וואָס ברייטערע שיכטן פאָלק. פון דעם מאָמענט, וואָס פּיאָטר דער גרויסער האָט געשטעלט רוסלאַנד פאַר דער אַלטערנאַטיוו — אָדער זי זאָל גיין אויפן וועג פון אייראָפּעישער אַנטוויקלונג, — אָדער זי זאָל ווייטער דערהאַלטן איר ריין־מזרחישן טיפּ, האָט אָט דאָס פּראָבלעם באַשעפטיקט דעם רוסישן געדאַנק משך דאָס גאַנצע 18 און 19 יאָרהונדערט.

פאַרשטייט זיך, אַז די צילן זענען געווען פאַרשידענע: דער צאַר האָט געמיינט אונטער „אייראָפּעיזאַציע״ — אייראָפּעישע רעגירמעטאָדן. אָבער ביסלעכוויז האָבן וואָס מערער מענטשן געזען דערין אַ וועג צו סאָציאַלער פרייהייט און פאַר אַ מיטל זיך צו באַפרייען פונם אַזיאַטישן אַבסאָלוטיזם. גראָד אין דער צייט, ווען אַלעקסאַנדער הערצען האָט דידאָזיקע געדאַנקען צום ערשטן מאָל קלאָר פאָרמולירט, איז אַנטשטאַנען אַ פרישער פירוש צו אָט דער פראַגע, וועלכן ס'האָבן רעפּרעזענטירט די ברידער קיריעווסקי. אין די זעכציקער יאָרן האָט זיך שוין די גאַנצע געזעלשאַפט געטיילט אין צוויי גרויסע לאַגערן, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט. פון איין זייט זענען געשטאַנען די „מערבדיקע״, פון דער אַנדערער זייט די „סלאַוויאַנאָפילן״. די אָנשויונגען פון די „מערבדיקע״ האָבן באַקומען אַ ריזיקע אונטערשטיצונג מיטן מאָמענט, וואָס די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן זיך אָן זיי אָנגעשלאָסן. זיי האָבן דערקלערט, אַז רוסלאַנד קאָן אייראָפּעיזירט ווערן נאָר דורכן אַרבעטערקלאַס און אַזוי אַרום קאָן זי אַריין אין קרייז פון דער אייראָפּעישער קולטורעלער אַנטוויקלונג. דאַן איז אויך צום ערשטן מאָל באַשאַפן געוואָרן דער געדאַנק, אַז דאָס „אייראָפּעיזירן״ רוסלאַנד איז די היסטאָרישע אויפגאַבע פונם רוסישן אַרבעטערקלאַס.

די קעגנגעזעצטע ריכטונג, די סלאַוויאַנאָפילשע, איז תחילת געווען פאַרטראָטן דורך די פאָלקסאָציאַליסטן, „נאַראָדניקעס״ — און דערנאָך דורך

די סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן. די פּאַרטיי פון די נאַראָדניקעס איז איינגע־גאַנגען, אַז מען מוז רוס־לאַנד סאָציאַל איבערבויען. אָבער זי האָט עס גע־וואָלט אַדורכפירן אָן אייראָפּע, נייערט מיט די כוחות, וואָס דרעמלען אינם רוסישן פאָלק. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די רוסישע דאָרף־עדה (די אַזוי גע־רופענע אָבשטשינאַ) האָט אין זיך אַנטהאַלטן די ריינסטע אורפאָרמען פונם סאָציאַליזם. דערום האָבן די סלאַוויאַנאָפילן זייערע אַלע האָפענונגען געלייגט אויף דעם פויערשן, האַלבאַזיאַטישן עלעמענט.

אין די זיבעציקער יאָרן האָבן זיך די קעגנזאַצן צווישן די סאָציאַ־ליסטן און פאָלקיסטן אַזוי פאַרשאַרפט, אַז ס'איז אוממעגלעך געוואָרן וועלכע־ס'איז פאַרייניקונג פון אָט דיביידע פּאַרטייען: אַלע פּרוּוון צו פאַרייניקן האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט.

איז געקומען לענין און געשאַפן דאָס גרויסע ווערק. ער האָט פאַריי־ניקט ביידע ריכטונגען, מערב מיט מזרח, די שטאָט מיטן דאָרף. די אַזוי פאָרמולירטע אַרבעטער־און פויערנרעפּובליק איז דורך־און־דורך לענינס אַן אייגנאַרטיקע שאַפונג. דאָס איז אָן אַן ערך מער, ווי אַ הוילע פראַזע. דאָס איז די לאָזונג פונם פּראָבלעם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע דורות.

אויף די שפּאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען 1903 צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די לעניניסטן, — די שפּאַלטונג, וואָס האָט אייגנטלעך גע־שאַפן דעם באָלשעוויזם — דאָס האָט זיך אויך גענומען דערפון, וואָס מ'האָט פאַרשידן פאַרשטאַנען אָט דעם פּראָבלעם. די מענשעוויקעס, די סאָציאַלדעמאָקראַטן זענען אַרויס פון דער הנחה, אַז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קאָן נאָר פאָרקומען אין אַ לאַנד מיט אַ הויכאַנטוויקלטער קאַפּי־טאַליסטישערווירטשאַפט. דערום מוז אינם אָפּגעשטאַנענעם אין האַלב פעאָ־דאַלן רוסלאַנד די מאַכט אַפּריער איבערגיין פון די פּריצים צו דער בור־זשואַזיע; עס מוז אַפּריער אַנטשטיין אַ מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה, און ערשט דאַן וועט דער פּראָלעטאַריאַט קאָנען אויספירן זיין היסטאָרישן ווילן. אַרויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפונקט, האָבן די מענשעוויקעס געהאַלטן, אַז מען מוז שטיצן די בורזשואַזיע אין קאַמף מיטן אַדל, כדי אַזוי־אַרום דערפירן צו אַ ליבעראַלער איבערקערעניש. פון אָט דער איבער־קערעניש דאַרף מען ערשט בויען דעם סאָציאַליזם. במילא זענען די מענ־שעוויקעס, ווילנדיק — נישט ווילנדיק, געווען אין איין לאַגער מיט דער בורזשואַזיע, וואָס האָט געהאַט אַ מערבדיקע אָריענטאַציע און וואָס האָט זיך באַצויגן צו די סאָציאַליסטישע אידעען מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע.

לענין, אַנטקעגן, האָט ענערגיש באַקעמפט אָט די מענשעוויסטישע אידעאָלאָגיע. ער האָט געהאַלטן, אַז דער סאָציאַליזם מוז קומען גלייך נאָך דער פעאָדאַלער הערשאַפט. יעדע פאַרייניקונג מיט דער בורזשואַזיע איז שעדלעך און אומדערלאָזבאַר. מאַרקס'ס פּרינציפּן וועלן זיך גלייך לאָזן פאַרווירקלעכן, און זיין אייניציקע זאָרג איז געווען צוצופּאַסן אָט די פּרינ־ציפּן צו די רוסישע באַדינגונגען. ער האָט אויף אַזאַ אופן אונטערגעוואָרפן זיין גאַנצע וועלטאָנשויונג די פּאָליטישע, אַקטועלע צילן און זיך אַפילו

דידאַזיקע געבאָטן פון מאַרקס׳ס קאַטעכיזיס איבערקוקן צו געוואָלט ביסט — מוזן אויך געניי זיין צוגעפּאַסט צו דער יעדערצייטיקער פּאָליטישער לאַגע. לענין, אָט דער „פּראַקטישער מאַרקסיסט", האָט אין דעם אַפילו געזען דעם אמתדיקן מהות פונם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. דווקא די דיאַלעקטישע פּרינציפּן זאָגן-פּאָר צוצופּאַסן די טעאָריע צו דער פּאָליטישער טאַקטיק.

ער האָט זיך דעריבער געשטעלט פאַר אַ ציל צו שאַפן אַזעלכע קאָמפּ-פּאָרמען, וואָס זאָלן פּאַסן פאַר רוסלאַנד צומבעסטן. זיך נישט גערעכנט מיט די מיינונגען פון דער מערב-אייראָפּעישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס האָט געהאַלטן דעם קאַפּיטאַליזם און בורזשואַזע רעגירונגען פאַר אַן אומ-באַדינגטן תּנאַי פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. מעגלעך, אַז די אַנ-טוויקלונג איז געווען באַרעכטיקט אין מערב-אייראָפּע. אָבער אין רוס-לאַנד, האָט לענין געהאַלטן, לאָזט עס זיך נישט אויספירן. צוליב דעם, וואָס ס׳איז נישט געווען קיין געהעריק אַנטוויקלטע אינדוסטריע, האָט מען אַפילו נישט געקאָנט טראַכטן וועגן עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, דורך קאַ-פּיטאַליזם און בורזשואַזער הערשאַפט צום סאָציאַליזם. דער פּראָלעטאַריאַט האָט לויט לענינען געהאַט אין רוסלאַנד נאָר איין וועג, ווי צו קומען צו דער מאַכט: דער וועג פון אַ געוואַלטזאַמער איבערקערעניש, פון אַ רעוואָלוציע. אַנדערש וואָלט מען נישט געקאָנט אַניאָגן מערבאייראָפּע, וואָס שטייט אַזוי הויך אין אינדוסטריעלער הינזיכט.

און לענינס אייגנטלעכע אַרבעט באַשטייט טאַקע אין דער „קאָרעקטור" פון מאַרקס לערע, כּדי זי צוצופּאַסן צו די רוסישע באַדינגונגען. פאַרשטייט זיך, אַז כּדי צו אַדורכפירן דעם „לעניניזם", דאַרף מען האָבן גאָר אַנדערע און נייע כּוחות, ווי פאַרן סאָציאַליזם פון מערב. און אין זיין פּראָגראַם איז דאָך געווען די באַפרייונג פון לאַנד פון דעם פעאָדאַלן יאָך נישט מיט דער הילף פון דער בורזשואַזיע, וואָס אַנטוויקלט זיך ביסלעכווייז, נאָר גלייך דירעקט און אָן איר. אין קעגנזאַץ צו די מענשעוויקעס האָט ער דעריבער געזוכט זיך אָנהענגער נישט צווישן דער אינטעליגענץ, וואָס איז געווען אָריענטירט אויף מערב, נאָר אויסער איר. און אַזוי האָט ער געטראָפן צום האַלבאַזיאַטישן פּויערטום. דאָס דאַרף איז דאָך תּמיד געווען דער רוב מנין ובנין פון רוסישן פאָלק. דאָס איז געווען אַ סך אַ שטאַר-קערער אָנשפּאַר, ווי די בורזשואַזיע, וואָס איז אין כּמות כּסדר געפאַלן. בכן — אין בונד מיט אָט דעם פּויערטום האָט מען געזאָלט אָנהייבן אַ קאַמף גלייכצייטיק קעגן דעם פעאָדאַליזם און קעגן דער בורזשואַזיע. נאָך דעם באַזיגן אָט די ביידע כּוחות זאָל מען שאַפן די בשותּפותדיקע מאַכט פון אַרבעטער און פּויערן.

דערום איז אַלעמאָל געווען לענינס גרעסטע זאָרג צו זיכערן דעם ענגסטן בונד פון פּויערן מיט אַרבעטער. דאָס האָט געזאָלט צומשטאַרקסטן פאַרזיכערן די פּראָלעטאַרישע מאַכט אין רוסלאַנד. מיט דעם דערקלערט זיך, פאַרוואָס לענין, שוין אַלס דיקטאַטאָר פון רוסלאַנד, האָט זיך אַלעמאָל באַצויגן צו די פּויערן מילד און פאַרזיכטיק. ער האָט זיך באַמיט צו

געווינען דעם צוטרוי פונם דאָרף, הגם ער האָט צוליב דעם געמוזט אויס-הערן שאַרפע קריטיקעס מצד זיינע אייגענע פּאַרטייחברים.

לענין, וואָס האָט פאַרגעזאָגט די ריקזיכטלאָזע פיזישע גוואַלט, איז אַלעמאָל געוואָרן מילד, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּראָטעסטן אָדער פאָדערונגען פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. „לענין — דערציילט באָקראָוווסקי — האָט אַלעמאָל געהאַלטן, אַז מיר טאָרן זיך קיינמאָל נישט אַריינמישן מיט גוואַלט אין דער דאָרפישערווירטשאַפט אָדער אין די דאָרפראַטן אויף פּראָווינץ. מיר מוזן זיך באַמיען צו דערציען די פּויערן מיט גוטן, ווייזן זיי אַ גוטן ביישפיל. ווייל נישט אין איין הינזיכט זענען מיר נישט זייערע לערער, נאָר זייערע שילער". לענין האָט דערום גע-געבן דעם רוסישן אַרבעטער אַ שותּף — דעם פּויער. ער האָט אָבער אויך געוואָלט שאַפן צווישן זיי אַ בונד אויף פעלזנפעסטע יסודות. ער האָט געהאַלטן, אַז דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט איז נישט, ווי אין מערבאייראָפּע, אַן אָפּגעריסענע און זיך-פאַרמאַכטע גרויסשטאָטישע דערשיינונג. דער רוסישער אַרבעטער, וואָס שטאַמט פון דאָרף, האָט נאָך אין זיך די ירושה פון זיין פויערישער אָפּשטאַמונג. דערפאַר דאַרף די פאַרברידערונג פון אַרבעטער מיטן פויער זיין נאָר די פּאָליטישע פאָרמולירונג פון דער איינקייט, וואָס האָט שוין פּאַקטיש עקזיסטירט צווישן פאַבריק און פעלד.

אוןווירקלעך איז לענינען אַ דאַנק דער פּאַריינקוּ פונם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט מיטן דאָרפישן עלעמענט געלונגען צו דערפירן צו אַ קאָמ-פּראָמיס צווישן די „סלאַוויאַנאָפילן" און „מערבדיקע". עס איז אים געלונגען צו געבן דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אַ שטאַרקן פויעריש-נאַציאָנאַלן אונטערשלאַק. אַזוי אַרום איז מאַרקס לערע געוואָרן דער קנין נישט נאָר פון שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פונם גאַנצן פאָלק.

די פריערדיקע פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט פון די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן און דער בורזשואַזער אינטעליגענץ האָט דערום פריער אַרומגענומען נאָר איין און גאַנץ קליינעם שיכט פון פאָלק. איצט, אונטער דער באָלשעוויסטי-שער הערשאַפט, האָט עס אַרומגענומען די ריזיקע מאַסע פויערן — און אַזוי אַרום דאָס גאַנצע פאָלק. און האָט מען אַריינגעצויגן דעם פויער אין דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, איז ער אַליין אויך פּראָלעטאַרי-זירט געוואָרן און במילא אויך — „אייראָפּעיזירט". אויף אַזאַ אופן האָט לענין געוואָלט דערפירן צום סוף יענעם גרויסן געשיכטלעכן פּראָצעס, וואָס פּיאָטר דער גרויסער האָט אָנגעהויבן. אָבער דער ערופּישער כּוח פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט געזאָלט צונויפשמידן נישט נאָר די רוסישע פויערן און אַרבעטער, נאָר אויך אַזיע מיט אייראָפּע. אַזוי-אַרום האָט דאָס אַלטע מאָסקוווער קעניגרייך געזאָלט געשטעלט ווערן אויף איין ברעט מיט די אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער.

די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע האָט געזאָלט אַריינדרינגען קיין רוסלאַנד, קודם כּל, אויפן געביט פון טעכניק. מיטן ערשטן מאָמענט, וואָס

לענין האָט איבערגענומען די מאַכט, איז געווען זיין וויכטיקסטע זאָרג צו אַנטוויקלען די אָפּגעשטאַנענע רוסישע טעכניק, צו פאַרבייטן די אָפּטמאָל־מיטלאַלטערלעכע אַרבעטמעטאָדן אויף די לעצטע טעכנישע דערגרייכונגען אין מערבאייראָפּע און אַמעריקע. „דער רוסישער מענטש — האָט לענין געזאָגט — איז אַ שלעכטער אַרבעטער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פּראָגרעסיווע פעלקער. אַנדערש האָט טאַקע נישט געקאָנט זיין אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, ווען אין דער נשמה פונעם פאָלק האָבן נאָך געבלאָנדזשעט באַגריפן וועגן שקלאַפעריי. אָבער איצט איז אונזער גרעסטע נויטווענדיקייט, אַז אין דער ראַטנמלוכה זאָל זיך דאָס פאָלק אויסלערנען אַרבעטן, ווי ס'געהער צו זיין. די ראַטנרעפּובליק מוז פאַר יעדן פּרייז איבערנעמען און אויסנוצן אַלץ, וואָס מענטשן האָבן שוין דערגרייכט אויפן וויסנשאַפטלעכן און טעכנישן געביט. ערשט, אַז מיר וועלן פאַראייניקן אונזערע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס מיט די לעצטע טעכנישע דערגרייכונגען, וועלן מיר קאָנען פאַרווירקלעכן די סאָציאַליסטישע אידעע".

לענין האָט זיך מיט אויסערגעוויינלעכן ברען גענומען אַריינפירן קיין רוסלאַנד די נייסטע מאַשינען און הילפמכשירים. ער האָט אַגיטירט די פויערן, זיי זאָלן באַנוצן מאָטאָר-אַקערס און מעכאַנישע דרעשערס. אָבער ספּעציעל האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער עלעקטריפיצירונג פון גאַנצן לאַנד. ער האָט פאַרבעטן קיין רוסלאַנד אַמעריקאַנער, ענגלישע און דייטשע אינזשענירן, אַז זיי זאָלן באַקענען די באַפעלקערונג מיט זייערע טעכנישע מעטאָדן און מיט זייער אַרבעטאופן. אַ דאָרפווירטשאַפט האָט זיך געזאָלט מיט איין מאָל באַזאָרגן מיט הילפמכשירים פון נייסטן סיסטעם. דער רוסישער פויער האָט זיך געזאָלט צוגעוווינען צום באַנוצן קאָמפּליצירטע מאַשינען אָנשטאָט די אייביקאָניקע אַקעראייזנס. די גרויסע שטעט, און קודם כל — מאָסקווע, האָבן זיך אויך מיט יעדן טאָג געמוזט פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַ מין מעכאַניזירטער „היפּער-טשיקאַגאָ". דאָס אָרט פון די באַשיידענע הייזלעך, וואָס זענען שוין אַלט עטלעכע הונדערט יאָר, האָבן געזאָלט פאַרנעמען הימלקראַצערס, געבויט פון אייזן, פון בעטאָן צי פון גלאָז.

פון לענינס איניציאַטיוו ווערט גלייך באַשאַפן אין מאָסקווע אַן „אינסטיטוט צו פאָרשן די פּראָדוצירפעיקייט פון מענטשלעכער אַרבעט". אָט דער אַנשטאַלט, אונטער גאַסטיעווס אָנפירונג, האָט געזאָלט לויטן טיילאָרסיסטעם אַרומנעמען אין סכעמאַטישע נאָרמעס אַלע מענטשלעכע באַוועגונגען, וואָס זענען נייטיק אויסצופירן יעדע אַרבעט. אַזוי אַרום האָט מען געזאָלט אויסבילדן קאַדרעס קוואַליפיצירטע אַרבעטער, ספּעציעל אויסגעשולט אין זייער פאַך. מיט וואָס איז גאַסטיעווס אַרבעט געווען אַנדערש, ווי אַזאַ טיילאָרס אָדער פאָרדס? — דאָס איז די כמעט-רעליגיעזע באַציונג, וואָס ס'האָט דערצו געהאַט אויב נישט לענין, איז אַלנפאַלס זיינע אָנהענגער. מען האָט זיך פאָרגעשטעלט צו שאַפן אויף דעם אופן אַ נייעם, אַ מער ווערטפולן טיפּ מענטש. וואָסאַמאָל האָבן זיך עפטער געהערט שטימען, אַז די צוקונפטוועלט וועט געהערן צו די פולשטענדיק-מעכאַניזירטע מענטשן-מאַ-

שינען. ערשט ד י מענטשן, פריי פון יעטוועדער נשמה-דערהייבונג, וועלן קאָנען איינגאַנצן אויסנוצן דאָס גוטס פון די נייע לעבנפאָרמען. לענין אַליין האָט לכל-הפחות גערעכנט אויף געהעריקער ראַציאָנאַליזאַציע פון דער אַרבעט, וואָס אַ דאַנק איר וואָלט דער רוסישער אַרבעטער ביסלעכווייז גע-וואָרן העכער פונם מערב-אייראָפּעישן. ער האָט מיט דער גאַנצער ענער-גיע פאַרלאַנגט, אַז גאַסטיעוס אַרבעט זאָל פאָרגעזעצט ווערן. ער האָט געהייסן זיך צושטעלן רעגולערע באַריכטן וועגן אירע רעזולטאַטן.

נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר אָט דעם אויסערגעוויינלעכן מענטש: ער האָט יעדע אידעע זיינע תּיכּף פאַרווירקלעכט. אין זינען פון דער טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, האָט ער זיך קיינמאָל נישט געוואַקלט צו פּרווון. דעריבער באַמערקט זייער ריכטיק דער באָלשעוויס-טישער היסטאָריקער פּאָקראָווסקי, אַז לענין שיידט זיך פּרינציפּיעל אונטער פון אַלע אַנדערע גרויסע רעוואָלוציאָנערן מיט זיין אומגעהייערער ניכטערקייט, וואָס האָט אויפן אויג גאַנץ פּראַקטישע צילן. בשעת אַלע רעפאָרמירער פון דער מענטשהייט האָבן זיך געקעכלט מיט שיינע ווער-טער — איז לענין איינציק און אַליין נישט געבליבן דערמיט צופרידן, נאָר גלייך צוגעטרעטן צו דער זאַך.

מיט כמעט רעליגיעזן יראת-הכבוד שילדערט פּאָקראָווסקי דעם דאָ-זיקן פּראַקטישן חוש לענינס. „קודם כל פאַרמאָגט ער אַן אויסערגעוויינלעכע פעיקייט אַדורצוקוקן יעדע זאַך ביזן גרונט — אַ פעיקייט, וואָס האָט אין מיר דערוועקט אַבערגלויבערישע געפילן. אָפטמאָל איז מיר אויסגעקומען מיט אים זיך צו אַמפּערן וועגן ריין פּראַקטישע ענינים, און אַלעמאָל האָב איך אים געמוזט אָפּטרעטן. אַז ס'האָט זיך אָבער איבערגעחזרט אַ צווייט מאָל און אַ צענט מאָל — האָב איך איינגאַנצן אויפגעהערט זיך מיט אים צו אַמפּערן און האָב זיך אים אַלעמאָל אונטערגעוואָרפן. אָפטמאָל פלעגט מיר דערביי די פּשוטסטע לאָגיק זאָגן, אַז ער איז אומגערעכט. פון דעמאָלט אָן בין איך פּראָסט פּשוט געוואָרן איבערצייגט, אַז לענין פאַרשטייט בעסער פון אַלעמען און אַז ער האָט עפּעס אַן אויסטערלישע פעיקייט צו זעען דריי איילן אונטער דער ערד, וואָס איך קאָן עס נישט באַווייזן". לויט פּאָק-ראָווסקיס מיינונג, קאָן מען לענינען פאַרגלייכן נאָר מיט צוויי מענטשן פון דער נייערער געשיכטע: מיט קראָמוועלן און ראָבעספּיערן. אָבער אָט דער לעצטער האָט איינגעפירט דעם קולט פונם העכערן וועזן — צוליב פּרי-וואַטע מאָטיוון, נישט מחמת עפּעס אַ געדאַנק. לענין האָט אָבער נישט אַדורכגעפירט קיין אַנדערע זאַכן, ווי נאָר די מחמת זיכערסטע. וואָס שייך קראָמוועלן, האַלט אים פּאָקראָווסקי פאַר אַ געמיינעם, שוואַכן מענטש, אַ משוגענעם, וואָס האָט איין געדאַנק: אַז גאָט שטיצט זיינע מעשים. דער-פון דרינגט אַרויס, אַז יענער ענגלישער רעפאָרמאַטאָר האָט נישט געקאָנט זיין קיין אמתדיקער רעוואָלוציאָנער.

אַזויאַרום קומט פּאָקראָווסקי צום אויספיר, אַז איין לענין איז געווען דער אמתדיקער פאָרשטייער פון פּראָגרעס אין דער פּאָליטישער געשיכטע

פון דער מענטשהייט. אָט דעם אויספיר באַגרינדעט ער מיט טויזנטער ביישפּילן. פון די געבּרענגטע באַווייזן דאַרף זיין קלאָר, אַז לענין האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבּן קיין הוילער טעאָריע. ער האָט אַלעמאָל געהאַט אויפן אויג פּראַקטישע צילן.

פאַרשטייט זיך, איז מיט אַ באַזונדערער גרויסקייט ווייזט מען אָן אויף דער פּראַקטישער באַדייטונג פון דער ראַציאָנאַליסטישער אַרבעט־סיס־טעם און־אָרגאַניזאַציע, וואָס מ'האָט איינגעפירט אין רוסלאַנד — אַזוי אויך די שטרעבונג צו מאַטעריאַליסטישער און קאָלעקטיוויסטישער קולטור.

אָבער נישט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט זיך אינטערעסירט מיט עלעקטריפיקאַציע, מיט לופטמאָטאָרן און אַקערמאָטאָרן באַשטייט זיין וווּנ־דערלעכע פאַרשטענדעניש פאַר די פּראַקטישע פּראָבּלעמען. לענינס גאַנ־צער פּלאַן האָט פּלאַנמעסיק געפירט צו דעם, אַז מען זאָל מיט דער הילף פון די רעאַלע מיטלען, וואָס זענען דאָ, פאָרזעצן די פּאָליטיק פון איי־ראָפּעיזירן רוסלאַנד, וואָס איז אים היסטאָריש איבערגעגעבּן געוואָרן בירושה פון זיינע פאָרגייער. שוין דער בלויזער איינפאַל לענינס, אַז דאָס שאַפן דעם סאָציאַליסטישן געזעלשאַפטסדר זאָל נישט זיין אָפּהענגיק פון פּאַמע־לעכדיקן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, נאָר קומען צו אָט דעם ציל זאָל מען דורך אַ עוואָלוציאָנערער איבערקערעניש — שוין דער איינפאַל איז דאָס לעצטע וואָרט פון אמתדיקער „רעאַלער פּאָליטיק”.

## 18

אַפילו לענינס פייערדיקסטע אָנהענגער, וואָס האָבּן זיך צו אים באַ־צויגן מיט אומבּאַגרענעצטן צוטרוי און באַוווּנדערונג, האָבּן זיך אָבער געמוזט אָפּגעבּן אַ רעכנונג פון איין גרונטפעלער אין זיין געדאַנקענגאַנג: זיין אומפאַרשטענדעניש פאַר דער צייט. ס'זענען דעריבער אין דעם פאַל זייער אינטערעסאַנט טראָצקיס באַמערקונגען וועגן לענינען. ער דערציילט, אַז אין לענינס טעזן אָנהייב דאָס יאָר 1918 איז אָפט געווען דערמאָנט, אַז ביז צו דער ענדגילטיקער פאַרפעסטיקונג פונם סאָציאַליזם וועט מען נאָך דאַרפן ווייניקסטנס ע ט ל ע כ ע ח ד ש י ם צ י י ט. „אָט די ווערטער — שרייבט טראָצקי — זענען איצט אויס לחלוטין אומפאַרשטענדלעך. אפשר איז עס אַ טעות ביים שרייבן, אפשר האָט זיך דאָרט געהאַנדלט וועגן עטלעכע יאָר, אָדער עטלעכע צענדליק יאָר? אָבער ניין — דאָס איז נישט געווען קיין טעות. פאַראַן נאָך ענלעכע אַזעלכע דערקלערונגען לענינס. איך געדענק, אַז לענין האָט תחילת נישט איינמאָל אויפן ראַטפאָלקאָם דערקלערט, אַז אין אַ האַלב יאָר וועלן מיר קאָנען פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם און ווערן די מעכטיקסטע מלוכה אין דער וועלט. די לינקע ס. ר., וואָס זענען געזעסן מיט אונז אין ראַטפאָלקאָם — און נישט נאָר זיי אַליין — האָבּן פאַרוווּנדערט זיך אָנגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט. געווען אין דעם אַ געוויסע סוגעסטיע. לענין האָט אונז געלערנט, אַז מיר זאָלן פון

אַט דעם מאָמענט אָן אָפּשאַצן אַלע פראַגן נישט פונם שטאַנדפּונקט פון ענדגילטיקן ציל, נאָר פון דער פּערספּעקטיוו פון היינטיקן און מאָרגנדיקן טאָג. ער האָט באַנוצט אַ ספּעציעלן מעטאָד פון שאַרפע סתירות: נעכטן האָט מען נאָך געזאָגט, אַז דער סאָציאַליזם איז אונזער ענדגילטיקער ציל — היינט מוזן מיר שוין טראַכטן, רעדן און טון אויף אַזאַ אופן, אַז אָט דער ציל זאָל קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן משך עטלעכע יאָרן. צי איז דאָס געווען בלויז פּעדאַגאָגישע טאַקטיק? — ניין, עטוואָס מער. צו אָט דער פּעדאַגאָגישער פאַרביסנקייט מוז מען נאָך עפּעס צוגעבן: לענינס ריזיקן אידעאַליזם, זיין אָנגעשטרענגטן ווילן צום ציל. אָט דער ציל האָט באַוויזן צו מאַכן קפיצת־הדרך, צו פאַרקירצן איין עטאַפּ צום אַנדערן. לענין האָט געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. אָט דער גלויבן זיינער, אַז דער סאָציאַליזם וועט זיך לאָזן פאַרווירקלעכן משך זעקס חדשים — דערדאָזיקער פאַנאַטישער, אוטאָפּיסטישער גלויבן איז גלייך כאַראַקטעריסטיש פאַר לענינען, ווי זיין דורכויס רעאַליסטיש באַהאַנדלען יעדע מינדסטע זאָרג פון טאָגטעגלעכן לעבן. די שטאַרקסטע באַוועגקראַפט פון זיין לעבן איז אַלעמאָל געווען יענער טיפער און מעכטיקער גלויבן אין די ריזיקע מעגלעכקייטן פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דערפאַר מעג מען באַצאָלן קרבנות און ליידן".

און דווקא אָט דער מעכטיקער ראָמאַנטיזם, אָט דער אומדערהערטער פּרוּוו צו פאַרווירקלעכן מיט איין מאָל חלומות, וואָס זיין פאָלק האָט געטרוימט זינט יאָרהונדערטער — דאָס האָט טאַקע גורם געווען דערצו, אַז לענין איז געוואָרן דער הערשער איבער רוסלאַנד. אין דעם ליגט דער אמתדיקער סוד פון זיין גרויסקייט. ער איז אויך אַרויס פון אַ דור טרוימער, וואָס האָט באַשענקט די מענטשהייט מיט גרויסע פּאַרזאָגער פון נייע אמתן. און הגם אָט די נייע רעליגיע רעדט מיט דער פולסטער ניכטערקייט וועגן אוטיליטאַריזם, וועגן פרישאויסגעוואַשענע פאַרטיכער, וועגן טורבאָגענעראַטאָרס און לופטמאָטאָרס — איז עס אָבער געווען אַן אמתדיקע רעליגיע, אַ פאָרמולירונג פון די גרויסע בענקענישן פונם גאַנצן פאָלק.

דער ענגלישער דיכטער פון טעכנישע פאַנטאַזיעס, ו ע ל ס, האָט אָנגערופן לענינען „דער טרוימער פון עלעקטריפיקאַציע". אָט די באַצייכענונג איז דורכויס ריכטיק. טרוים — דאָס איז געווען דער אויסגאַנגפּונקט פון יעדער טאַט לענינס, אַפילו ווען דער טרוים האָט זיך באַצויגן צו טעכניק.

אין דער צייט, וואָס לענין האָט אָנגעהויבן צו פּראָפּאַגאַנדירן זיין לערע, איז די צאַרישע מאַכט געווען פעלזנפעסט. דאַן האָט מען וועגן סאָציאַליזם גערעדט נאָר טעאָרעטיש, אין געשלאָסענע קרייזן. ס'איז נאָך דאַן נישט געווען קיין רוסישער פּראָלעטאַריאַט אין אמתדיקן זינען פון וואָרט, און נישט זיינע שעפער — אַ מעכטיקער קאַפּיטאַליזם מיט אַ הויכאַנטוויקלטער אינדוסטריע. דער לינקער פליגל סאָציאַליסטן, צו וועלכן לענין האָט געהערט, האָט דאַן אַרומגענומען נאָר אַ הייפל מענטשן. וואָס האָבן

געפירט זייער אַרבעט היפּטזאַכלעך אויף פאַרשיקונג אָדער אין סיבירער תפיסות. לענין האָט אויך דעמאָלט פאַרברענגט — אַמאָל אין סיביר, אַמאָל אין דער שווייץ. און דאָך האָט ער מיט דער פעסטער זיכערקייט פון אַ טרוימער געזאָגט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע מוז זיך איינגעבן. ער האָט פאָרגעזאָגט די קאָמוניסטישע אַרבעטערהערשאַפט אין רוסישן לאַנד. אַלץ, וואָס ער האָט געטון זינט דעמאָלט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן— האָט געצויגן די יניקה אָט פון יענער טאַקע, כמעט לונאַטישער זיכערקייט, אַז דער קאָמוניסטישער פּראָלעטאַריאַט וועט משך אַ קורצער צייט נעמען די מאַכט אין זיינע הענט.

די פּרינציפּן פונם היינטצייטיקן סאָציאַליזם שטיצן זיך, ווי באַוווסט, אויף דער טעאָריע פון קאַרל מאַרקס — אַ דייטשן געלערטן מיט אַ טיפן וויסן. כדי צו געהעריק זיי פאַרשטיין, מוז מען גרינטלעך אַדורכשטודירן אַלע אַלגעמיינוויסנשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלעקאָנאָמישע פּראָבלעמען. דערווייל איז דאָס לאַנד, וווּ לענין האָט געוואָלט דערווייזן די ריכטיקייט פון אָט דער טעאָריע, געווען דווקא רוסלאַנד, דאָס רוסלאַנד, וווּ די מערהייט באַפעלקערונג איז עמי-הארצים — דאָס לאַנד, וואָס שטייט אויף דער נידעריקסטער מדרגה קולטור, איינגעהילט אין פינסטערניש און אַבערגלויבן.

נאָר אַ טרוימער, אַ פלאַמיקער טרוימער, האָט זיך געקאָנט אַנטשליסן אויף דעם, אַז אָט די פאָלקמאַסן, וואָס גלויבן אין דעם כוח פון איקאָנעס, טייוולאָנים, כישופמאַכערינס — אָט דעם פאָלק צו פּאָפּולאַריזירן אַ שטרענגוויסנשאַפטלעכע טעאָריע, וואָס כדי זי צו פאַרשטיין, מוז מען זיין אַלזייטיק פאַרגעבילדעט און ניכטער דענקען. דערום, כדי צו שאַפן די עלעמענטאַרע באַדינגונגען, וואָס זאָלן מעגלעך-מאַכן צו פאַרשפּרייטן מאַרקס טעאָריע צווישן דעם פאָלק — האָט לענין דער דיקטאַטאָר זיך קודם כל גענומען אויסראָטן דאָס עמי-הארצות אין רוסלאַנד. און אויך דאָ האָט ער נישט געקאָנט פאַרשטיין, וויפל צייט מען וועט דערויף דאַרפן האָבן. משך עטלעכע וואָכן האָט מען געזאָלט שאַפן אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע אויף צו שטודירן די נייסטע פּעדאַגאָגישע מעטאָדעס. מ'האָט געמוזט עפענען דערציונגאַנשטאַלטן, בילדונגסקורסן, מ'האָט געמוזט אָרגאַניזירן פּראָפּאַגאַנדעצוגן, וואָס זענען געווען פול מיט לערנביכער. איניגיכן נאָך אָט די אַלע צוגרייטונגען, וואָס האָבן געזאָלט לייגן דעם גרונטשטיין פאַר רוסלאַנדס „אייראָפּעיזירונג", האָט לענין פאָרגעזאָגט „מיט דער זיכערקייט פון אַ העלזעער", אַז ביז 1927, ד. ה. צו דעם צענטן יאָרטאָג פון דער ראַטנהערשאַפט, „וועט די אמעראַצעס ווערן אינגאַנצן אויסגעראָטן". ביז צו יענער צייט זאָל זיך אין גאַנצן רוסישן לאַנד נישט געפינען קיין איין מענטש, וואָס זאָל נישט קאָנען לייענען און שרייבן.

שוין אין די ערשטע טעג רעוואָלוציע האָט זיך לענין פאָרגעשטעלט דאָס קומענדיקע רוסלאַנד, וואָס וועט נישט נאָר דערגיין צו דער קולטור- און ציוויליזאַציעמדרגה פון מערב-איירָאפּע, נאָר וואָס וועט אפילו אָט די

מדרגה איבערשטייגן. אין דער צייט, ווען אַרום האָט געבושעוועט דער בירגערקריג און די ראַטנמאַכט האָט נישט דערגרייכט ווייטער, ווי אַרום מאָסקווע, האָט שוין לענין געטראַכט צו עלעקטריפיצירן גאַנץ רוסלאַנד, ביז צו די פּאַרוואָרפנסטע דערפלעך. ער האָט געהערט, וואָסערע ווונדערלעכע רעזולטאַטן ס׳האָט געגעבן די עלעקטריפיקאַציע פון דער דאָרפישער ווירטשאַפט אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אַ חוץ דעם האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס איינפירן עלעקטרישע באַלייכטונג אין דאָרף איז איינער פון די וויכטיקסטע וועגן צו ווייטערדיקער קולטורעלער אַנטוויקלונג. דערום האָט לענין געהאַלטן, אַז עלעקטריפיקאַציע איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאָבן פון דער ראַטנמאַכט. שוין בשעת די אינערלעכע רעוואָלוציאָנערע אומרוען, בשעת דעם בלוטיקן בירגערקריג, איז באַשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פאַר עלעקטריפיקאַציע. און אָט דאָס פּראָבלעם געפינט זיך שטענדיק אויפן סדרהיום פון אַלע ראַטנצוזאַמענפאָרן.

אינם לאַנד פון פולשטענדיקער אַפּאַטיע און פּוסטאונפּאַסנעקייט, אין אַ געזעלשאַפט, וואָס גאָנטשאַראָוו שילדערט זי אַזוי גלענצנד אין זיין ראָמאַן „אָבלאָמאָוו" — האָט לענין זיך גענומען צוהילף אַן אָריענטאַלישע, פּוילע ביוראָקראַטיע און זיך פאַרמאָסטן צו שאַפן אַ היפּעראַמעריקאַנישע אַרבעטאָרגאַניזאַציע, וווּ קיין איין ברעקל ענערגיע זאָל נישט פאַרלוירן ווערן. ער האָט געוואָלט — אין רוסלאַנד, צווישן רוסישע מענטשן, אָרגאַניזירן אַן אַרבעטסיסטעם לויט די לעצטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. ער האָט געגרינדעט אין מאָסקווע אַן אינסטיטוט פאַר פּסיכאָטעכנישן פאָרשן מענטשלעכן כוח. ער האָט געגעבן די איניציאַטיוו פאַר אַ ליגע, וואָס זאָל אויסנוצן די צייט ביז דער לעצטער סעקונדע. אָט די אַלע זיינע איינפאַלן, אַלע פּרוּוון — זענען געווען אויטאָפּיע, טרוים.

## 19

ער איז געשטאָרבן, נישט דערלעבט צו זען פאַרווירקלעכט זיינע צילן און אידעען. ער איז געשטאָרבן, איבערגעלאָזט דאָס לאַנד אין אַן אייגנאַרטיקן כאָאָס. דער מעכטיקער אימפּולס, מיט וועלכן מ׳איז צוגעטרעטן צו שאַפן די נייע וועלט, איז אָפּגעשטאָרבן אינמיטן וועג צום ציל. איבערגעלאָזן עפּעס אַ פאַנטאַסטישע דורכגאַנגוועלט, וואָס מיר קאָנען פאַררעכענען צו די משונהדיקסטע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פענאָמענען. דאָס איז נישט אַזיע — אָבער נאָך נישט אייראָפּע. דאָס באַהעפטן אַזיאַטישע פּוילעטעמפּקייט מיט אַמעריקאַניזם פון דער לעצטער מינוט, חצי פּויער און חצי מענטש-מאַשין — אָט דאָס איז דאָס היינטיק רוסלאַנד, וואָס אין איר שוועבלט פון פאַרפלאָנטערטע סתירות.

לענינס גאַנצע לעבן איז דער בעסטער עדות, אַז ער האָט ערלעך און אויפריכטיק געוואָלט באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט, אַז זיין גאַנצע

אַרבעט האָט געהאַט איר מקור און טיפֿן שײַכות מיט די פֿאַרשקלאַפטע פֿאָלקמאַסן, אַז ער האָט אױפֿריכטיק געשטרעבט צו באַזײַטיקן די מענטש־לעכע נויט. אָבער די מיטלען, מיט װעלכע ער האָט געװאָלט אַדורכפֿירן אָט די באַפֿרײַונג, טראָגן אין זיך די קללה פֿון יענעם מיטלאַלטערלעכן, דעספּאָטישן גײַסט, פֿון װעלכן לעניִן האָט זיך קײנמאָל נישט געקאָנט איגגאַנצן באַפֿרײַען, אַפֿילו בײַ די דערהױבנסטע געדאַנקען און אי־דעען.

אַז מיר לײענען גוט לעניִנס װערטער, אַז מיר אַנאַליזירן זײַנע טאַטן, װאָס עפֿענען פֿאַר אונדז װײַטע האָריזאָנטן — גיט אונדז מיטאַמאָל אַ שלאָג יענע אַטמאָספֿער פֿון פֿאַרדעמפֿטן, אָפּגעשטאַנענעם דענקשטײַגער. לױט אים קאָן מען צו דער באַפֿרײַונג קומען דורך פֿרישער אונטערדרי־קונג, מען קאָן שאַפֿן נײַע רעכט דורך נײַעם פֿאַרשקלאַפֿן אַנדערע מענטשן. אין אַזעלכע מינוטן דערװעקט זיך בײַ לעניִנען אַפֿילו יענע װעלט פֿון רוסיש־אַזיאַטישער פֿאַרשקלאַפֿונג, װאָס האָט שױן אין אײראָפּע נישט איבער־געלאָזט קײן שום זכר. לעניִן, װאָס האָט פֿאַרגעזאָגט דאָס באַפֿרײַען די מענטשן — איז אַלײן אױך געװען איבערגעפֿולט מיט שנאה, מיט גײַסט פֿון דערדריקן יעדן שונא.

מיר װײסן פֿון לעניִנס פֿרײַנד און אָנהענגער, אַז זינט זײַן ברודער איז געהאָנגען געװאָרן, איז בײַ אים דאָס װיכטיקסטע געפֿיל געװאָרן — שנאה. משך די לעצטע יאָרן האָט די שנאה אַפֿילו געלײגט אַ קענטיקן סטעמפּל אױף זײַן פּנים. „שױן גלײַך פֿון אָנהײב — שרײַבט זינאָװיעװ — האָט מען געקאָנט פֿילן בײַ לעניִנען אַ טיפֿע, אומבאַזיגבאַרע שנאה, װאָס האָט גע־שטאַרצט, װי אַ דראָענדיקע פֿױסט צו דער בורזשואַזיע. מ׳האָט געהאַט דעם אײַנדריק, אַז אַפֿילו לעניִנס פּ נ י ם האָט זיך געענדערט אונטער איר װירקונג".

שנאה איז געװען זײַן צװײטער נאַטור. אַנטקעגן זײַנע פּאָליטישע קעגנער האָט ער געהאַט נאָר אײן אַרגומענט: écrasser, צעשמעטערן. פֿאַר דער שענסטער מוזיק האָט ער געהאַלטן דאָס געשרײַ פֿונם קעגנער, אַדורכגעזאַפּט מיט שנאה. אין די שװערסטע מינוטן פֿון קאַמף פֿאַר מאַכט האָט ער אָפּט איבערגעחזרט יענע סטראָפֿע, אַרױסגעזאָגט ערב דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע:

שײַנע פֿראַזן זענען נישט פֿאַר אונדז קײן לױב —
אונדז באַגײסטערט דאָס געשרײַ פֿון פֿעס, פֿול מיט שנאה

אָט די צװײ שורות — זאָגט זינאָװיעװ — כאַראַקטעריזירן לעניִנען צומבעסטן. דאָרט שטעקט לעניִן אינגאַנצן.

פֿון דער אַלטער צאַרנמלוכה האָט ער געשאַפֿן אַ ראַטנרעפּובליק — די פּראָגרעסיװסטע מלוכה אין דער װעלט אין הינזיכט פֿון בױ. אָבער ער האָט איבערגענומען דעם גאַנצן דעספּאָטישן מעכאַניזם מיט זײַן מיליטער און פּאָליצײַ, מיט תּפֿיסה און שטראָף.

לענין געהערט צו די מענטשן, וואָס האָבן די ערשטע איינגעפירט אין רוסלאַנד די טעאָריע פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, די לערע פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. אָבער אין זיין אויסטייטשן מאַקס׳ס. טעאָריע פילט זיך אַרויס יענע שול, פון וועלכער לענין אַליין איז רויס אפילו אַלס אָנהענגער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און אַלס מלוכהמאַן איז לענין געבליבן דערזעלביקער טעראָריסט פון באַקונינס שניט. אפילו זיין איבערגעגעבסנטער ביאָגראַף, זינאָוויעוו, איז מודה אין אַט יענער אינערלעכער שייכות לענינס, דעם פּראָגרעסיווסטן מאַרקסיסט, מיט יענעם אַלטן, ראָמאַנטישן טעראָריסט. „חבר לענין — שרייבט ער — געהערט מיט זיין גאַנצער באַנעמונג און טעמפּעראַמענט צו יענעם דור טעראָריסטישע רעוואָלוציאָנערן, צו אַט דער רומפולער מחנה קעמפער, וואָס זייערע נעמען לייכטן אונז, ווי גלאַנצנדיקע שטערן...״

אַקסעלראָד, וואָס האָט נאָך אין די אַכציקער יאָרן צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוון אָנגעהויבן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די רוסישע אַרבעטער, האָט גערופן לענינען אַנאַרכאָ-טעראָריסט. די שווייצאַרישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, ווידער, האָבן אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער דעמאָראַליזירט די גאַנצע אַרבעטערבאַוועגונג מיט זיין „אַנאַרכיזם״.

לענינס אַרויסטרעטונג אין אַט דעם דעצידירנדיקן מאָמענט פון רוס-לאַנדס גייסטיקן און פּאָליטישן איבערבראָך האָט געהאַט אָן שום ספק אַ קאָלאָסאַלע געשיכטלעכע באַדייטונג פאַר דער מלוכה. אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אַט די באַדייטונג איז קודם-כל נוגע בלויז רוסלאַנד.

אַפילו ער אַליין האָט זיך אָפט אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, וויפל ער איז אָפּהענגיק פון די געירשנטע טראַדיציעס פונם אַמאָליקן רוסישן טעראָריזם. אַז ער האָט אַמאָל אַ געשריי געטון: „ווי קאָן מען אַדורכפירן אַ רעוואָלוציע אָן בלוטפאַרגיסונג?״ — ווייזט עס אונז אָן די איבערבלייבענישן פונם ראָ-מאַנטישן אַנאַרכיזם פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט — דאָס קלאָגן זיך, אַז ס׳איז „אַ מוראדיק שווערע אויפגאַבע״ צו פאַרמשפטן מענטשן צום טויט, „אומברחמנותדיק שפּאַלטן שאַרבנס״ — הגם זיין ענדגילטיקער פּאָליטישער אידעאַל איז קאַמף מיט יעטוועדן מין גוואַלט.

און אפשר ליגט אין דעם די טיפסטע טראַגעדיע פון אַט דעם אומ-געוויינלעכן מענטשן. אפשר, ווען פרייהייט וואָלט נישט געווען פאַר לענינען בלויז אַ „בורזשואַזער פאָרורטייל״, וואָלט די געשיכטע אים דערמאָנט נישט בלויז ווי אַ רעוואָלוציאָנער מיט אַ איבערמענטשלעכער ווילנקראַפט — דאַן וואָלטן מיר אים אַלע געמוזט שעצן, ווי דעם גרעסטן באַפרייער פון דער מענטשהייט.

# בריוו

(פון סיביר און עמיגראַציע)

## צו פּאַטרעסאָוו

סושענסק, מינוסינסקער קרייז, 2. IX 1898

איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו פון 11 אויגוסט צוזאַמען מיט דער רשימה פון ביכער און פון „אַרכיוו פאַר סאָציאַלער געזעצגעבונג און סטאַטיסטיק". איך האַלט, אַז דער אַרטיקל פונם „באַקאַנטן נאַציאָנאַלן עקאָנאָמיסט", וואָס זיין שרייבער איז אָן שום ספק סטרוווע, איז זייער אינטערעסאַנט און גוט באַאַרבעט. דער מחבר האָט מסתמא געהאַט זייער אַ סך מאַטעריאַל צו זיין רשות. כ'האָב דעם איינדריק, אַז ער האָט מער טאַלענט צו פּובליציסטיק, ווי צו עקאָנאָמישער פאַכליטעראַטור. דער „אַרכיוו" איז באמת אַ גלענצנדיקער אָרגאַן. כ'וועל אים זיכער אַבאָנירן דאָס קומענדיקע יאָר. כ'וואָלט אויך גערן אַבאָנירט עפּעס אַן ענגלישע צייטונג און איך בעט אייך מיר אַן עצה צו געבן, ווייל איך ווייס לחלוטין נישט, וועלכע ענגלישע בלעטער זענען אינטערעסאַנט...

דריק אייך די האַנט

אייער וולאַדימיר אוליאַנאָוו-לענין

סושענסק, 29 סעפּטעמבער 899

אייער בריוו פון 24 מערץ האָט מיך שטאַרק דערפרייט. ענדלעך האָט איר אָנגעהויבן מיר צו שרייבן. ס'ליגט מיר אויפן האַרצן אַ שלל טעמעס אַדורכצושמועסן, בפרט, אַז איך קאָן דאָ מיט קיינעם נישט רעדן אויספירלעך וועגן ליטעראַרישע פראַגן. פאַראַן דאָ נאָר איין מאַרטאָוו. ער נעמט זיך ווירקלעך אַלץ צום האַרצן. אָבער מיט אים קאָן איך אויך נישט אַלץ געננוי אַדורכשמועסן, ווייל עס שטערט אונז אָט די פאַרשאָלטענע לאָקאַלע ווייטקייט.

איך וועל אָנהויבן פון דעם, וואָס אינטערעסירט מיך אין איצטיקן מאָמענט צומייניסט—בולגאַקאָווס אַרטיקל און אייער קריטיק איבער אים. עס פרייט מיך זייער, וואָס איר זענט אין דער פראַגע פולשטענדיק מסכים מיט מיר, וואָס איך קאָן עס נישט זאָגן וועגן דער רעדאַקציע. בולגאַקאָווס אָפּהאַנדלונגל, וואָס האָט אויף אייך געמאַכט אַזאַ אָפּשטויסנדיקן איינדריק, האָט מיך פשוט אַרויסגעבערענגט פון געדולד. איך האָב עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דאָס אַרטיקל און איך קאָן ביז איצט נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט בולגאַקאָוו געקאָנט אָנשרייבן אַזאַ נאַרישע און גראָבע זאַך. ס'וווּנדערט מיך אויך שטאַרק אויף דער רעדאַקציע, וואָס האָט דערלויבט אויף אַזאַ מין אָנפאַל אויף קאַוטסקין און פרווט זיך אַליין ריינוואַשן מיט אַ פּיצעלע באַמערקונג, אַז זי „איז נישט מסכים מיט די אויספירונגען פונם מחבר". איך בין זיכער, אַז אַזוי ווי איר, אַזוי וועט אויך דער לעזערעולם זיין ביטער אַנטוישט, ווען מען וועט אים דערלאַנגען אַן אַרבעט פון

אַן ערנסטן שרייבער — אַז קאַוטסקיס אַלע מיינונגען זענען דורכויס פאַלש. דערצו איז נאָך דאָ קאַוטסקיס געשטאַלט פולשטענדיק דעפּאַרמירט געוואָר א מענטש, וואָס פאַרמאָגט דאָס געפיל פון פולער אחריות און פּאַרטייאישער סאָלידאַריטעט, טאָר נישט — קעגן די חברים און זייער פּראָגראַם — אַרויס-טרעטן אויף אַזאַ אופן קעגן אַ שרייבער. אָבער דאַכט זיך מיר, אַז בול-גאַקאָוו האַלט זיך פריי פון יעטוועדער אחריות...

קאַוטסקיס אַרבעט האָב איך געלייענט, נאָך איידער בולגאַקאָווס אָפּ-האַנדלונג איז דערשינען און כ׳שטעל-פעסט, אַז קאַוטסקי שרייבט דאָרט פונקט קאַפּויער דערפון, וואָס בולגאַקאָוו שרייבט אים צו. מיט פערצן טאָג צוריק האָב איך איבערגעשיקט דער רעדאַקציע מיין ערשטע אָפּהאַנדלונג וועגן „קאַפּיטאַליזם אין דער אַגראַרווירטשאַפט”. איצט האָב איך בדעה אָנ-שרייבן אַ צווייט אַרטיקל וועגן בולגאַקאָווס אָפּהאַנדלונג. וואָס אַן אמת, האָב איך מורא, אַז סטרוווע וועט אים מיר אָפּוואַרפן מיטן תירוץ, אַז מיין אַר-טיקל איז צו לאַנג... שרייבט מיר אָן, כ׳בעט אייך, ווי איז אייער מיינונג, און צי קאָן מען בולגאַקאָווס אָפּהאַנדלונג לאָזן אָן ענטפער.

בכלל איז מיר זייער חשוד אָט דער נייסטער קריטישער שטראָם אינם מאַרקסיזם, וואָס סטרוווע מיט בולגאַקאָוון פאַרטרעטן. נישטאָ דאָרט מער ווי פראַזן און קריטיק פון דער דאָגמע, אָן שום קאָנסעקווענץ. איך האָב אויך אָנגעשריבן מיין ענטפער אויף סטרוועס אָפּהאַנדלונג וועגן די „יאַרידן”. ווי ס׳האָט מיר איבערגעגעבן שוועסטער יעליסאַראָוו, דאַרף אָט דער ענטפער אָפּגעדרוקט ווערן אין דער Wissenschaftliche Rundschau און סטרו-ווע האַלט ביי ענטפערן מיר.

בולגאַקאָווס באַמערקונגען, וואָס באַקעמפן די טעאָריע פון איבער-קערעניש, קומען מיר אויס מאָדנע — דערביי דערמאָנט ער גאָרנישט וועגן בערנשטיינען. איך האָב באַשטעלט בערנשטיינס לעצט ביכל, אָבער כ׳בין נישט זיכער, צי מען וועט עס מיר צושיקן. איך האָב נאָר געלייענט וועגן דעם אין Frankfurter Zeitung און אין דער רוסישער „זשיזן”...

כ׳האָב זיך איבערגעצייגט, אַז איך האָב ביזאַהער שלעכט פאַרשטאַנען בערנשטיינס אַרטיקלען. ער פעלשט דאָך כסדר און דערום מוז מען אים באַגראָבן, ווי ס׳האָט געזאָט דער מחבר פון „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון מאַטעריאַליזם” אין זיין אָפּענעם בריוו צו קאַוטסקין...

כ׳דריק אייך די האַנט און שרייבט עפּעטער, אויב איר׳ט האָבן חשק דערצו: ווייל פון וועמען דען קאָן איך זיך דערוויסן עפּעס נייס?

גריס אייך האַרציק — אייער

וולאַדימיר לענין

## צו פּלעכאַנאָוון

לאָנדאָן, 28 יולי 1902

טייערער מיינער געאָרגי וואַלענטינאָוויטש!

כ׳שיק אייך הונדערט מאַרק רייזעהוצאות און וואָלט גערן וועלן

וויסן, צי איר ווילט דאָ בלייבן אַ צוויי-דריי חדשים, צי איר ווילט נאָר מאַכן אַ קורצן אויספלוג. צו יענער צייט, וואָס איר וועט קומען קיין לאָנדאָן וועלן דאָ זיין אַ סך חברים פון רוסלאַנד.

אייער לעצטער בריוו צו מיר איז געווען אַדרעסירט קיין פראַנקרייך, פונוואַנען איך בין אין צווישנצייט אַרויסגעפאָרן. דערום האָב איך אייער בריוו נאָך עד-היום נישט באַקומען. דריק אייך שטאַרק די האַנט און צום ווידערזען!

אייער וולאַדימיר לענין

לאָנדאָן, 8 אויגוסט 1902

טייערער מיינער געאָרגי וואַלענטינאָוויטש!

נעכטן איז ביי אונז געווען חבר וולאַדימיר קראַסנאַכאַ, אַ מיטגליד פונם פעטערבורגער פאַריין צו באַפרייען דעם אַרבעטערקלאַס. מיר האָבן אויף אים שוין פון לאַנג געוואַרט; ער קען אויך גוט יענעם אַלטן חבר, וואָס האָט אייך איבערגעגעבן דאָס געלט. זאָגט-זשע קודם כּל יענעם אַלטן חבר לעפּיעשינסקי, אַז ער זאָל אַהערפאָרן, ווייל מיר מוזן אים נייטיק האָבן אַדורכצושמועסן אונזערע ענינים. אונזער געמיינזאַמער פריינד וועט דאָ בלייבן נישט לענגער, ווי אַ וואָך אָדער צוויי...

אויף איין זאַך בעט איך אייך צו לייגן אַכט: כּמעט אַלע רוסישע אַרבעטערפירער זענען איצט אין דער שווייץ, — אין מאָנטרו. אונזער גאַסט פאָרט אויך אַהין. ער האָט מיט זיך רעקאָמענדאַציעבריוו פון אונזערע רוסישע פריינד. איך האַלט, אַז עס וואָלט זיין בעסער, ווען ער זאָל זיך פריער באַקענען מיט אייך און איר זאָלט זיך מיט אים אַדורכשמועסן אין גענף, נאָך איידער ער וועט זיך באַגעגענען אין מאָנטרו מיט זיינע רוסישע פריינד.

האַלט זיך אַן עצה מיט אייער אַלטן פריינד און באַשליסט זיך, ווי איר ווילט זיך באַגעגענען מיטן גאַסט און גיט מיר גיך אַן ענטפער... אגב: צי זענט איר פולקום זיכער, אַז אייער אַדרעס איז אַ זיכערער און אַז מיינע בריוו וועלן נישט אַריינפאַלן אין נישטפּאַסיקע הענט?

דריק אייך שטאַרק די האַנט

אייער וולאַדימיר לענין

## צו אַקסעלראָד

לאָנדאָן, 19 אויגוסט 1902

מיין טייערער פּאַוועל באָריסאָוויטש!

נאָר וואָס באַקומען אַ טעלעגראַם, אַז געווען ביי אייך קאָלומב. גיט-זשע אָפּ פון מיר אַ גרוס דעמדאָזיקן אַלטן חבר! בייגעלייגט שיק איך אייך אַ בריוו צו אים. ער׳ט זיכער וועלן פריער זיך אָפּרוען און ערשט דאַן וועט ער צו אונז קומען צוזאַמען מיט נאַסקאָוון.

פלעכאַנאָוו שרייבט מיר, אַז איר מוזט אַרויספאָרן קיין מינכען אויף

קאָנגרעס פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. איך פאַרזוענלעך בין פול־שטענדיק דערמיט מסכים און האַלט, אַז קיינער וועט קעגן דעם נישט האָבן, כאָטש איך האָב נאָך מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם. שרייבט מיר גלייך, צי איר דאַרפט געלט אויף דער נסיעה. וואָס אַן אמת, ווייס איך נאָך אַליין נישט, ווו מיר וועלן עס אויסגראָבן, ווייל אין קאַסע האָבן מיר סך־הכל הונדערט רובל — אָבער אַלנפאַלס וועט זיך געפינען געלט. פּלעכאַנאָווס ענין וועל איך איבערגעבן לעוו דייטשן. און וואָס מאַכט איר? איר'ט זיך אָפּגערוט דורכן זומער?

כ'גריס אייך האַרציק — אייער

וולאַדימיר לענין

צו פּלעכאַנאָוון

לאָנדאָן, 19 דעצעמבער 1902

טייערער מיינער געאָרגי וואַלענטינאָוויטש!

דערהאַלטן אייער בריוו און איל זיך אייך צו ענטפערן. אַרבעט איר הייסט עס, איבער אַ בראָשור? ס'פרייט מיך שטאַרק! מיר וואָלטן קאָנען אָפּדרוקן אין „איסקראַ" עטלעכע אַרטיקלען. ס'וואָלט געווען זייער געוווּנטשן, ווען דער נומער זאָל שוין זיין די קומענדיקע וואָך, אַזוי אַז מיר זאָלן קאָנען ענטפערן צו דער צייט אויף די עסערישע אָנפאַלן.

צי מ'וואָלט געמוזט פאָרן קיין בריסעל, קאָן איך נישט באַשטימען. געלט האָבן מיר, ווייל פון אַמעריקע האָבן מיר באַקומען פינף טויזנט פראַנק. אויב, אַלזאָ, ס'וואָלט נייטיק געווען, וואָלטן מיר געקאָנט די נסיעה סובסידירן. קאָזלאָוו וואָלט געקאָנט אייך פאַרטרעטן, אָבער נאָר לעת־עתה, נישט אויף שטענדיק, ווייל ווער ווייסט, צי מיר וועלן נישט מוזן אָננע־מען אַנטשלאָסנדיקע שריט.

אין פּעטערבורג האָט מען אַרעסטירט אונזערע אַרבעטער און עטלעכע פאַרשטייער פון דער אינטעליגענץ. לעפּיעשינסקי זיצט אין פעסטונג — ס'דראָט אים סיביר. כ'דערוואַרט בקרוב ווייטערדיקע ידיעות פונם אָרגאַנידיר־קאָמיטעט און גריס אייך

וולאַדימיר לענין

לאָנדאָן, 10 יאַנואַר 1903

טייערער גאָרגי וואַלענטינאָוויטש!

כ'בעט אייך זייער אָפּצוגעבן דעם בייגעלייגטן בריוו דער פרוי לובאָוו אַקסעלראָד. דער בריוו איז זייער וויכטיק. איך בעט אייך דעריבער, אַז אויב זי וואָלט ביי אייך נישט געווען, זאָלט איר דעם בריוו איבערלייענען און גלייך איבערשיקן. אויב אונזערע מענטשן פון ראָסטאָוו וועלן קומען קיין גענף, זאָגט זיי, כ'בעט אייך, זיי זאָלן זיך צוואַילן. און ווי איז די פראַגע מיט דער „זשיזן"?... וואָס שייך געלט און דרוקער, דאַרף מען נאָך עפּעס געוווּיר ווערן. כ'וויל אייך אויך בעטן אַן עצה מכּוח מיינע לעקציעס

אויפן פאַריזער אוניווערסיטעט. מ׳האָט מיך וועגן דעם געבעטן — אָבער די געזעלשאַפט פון טשערנאָוו, פיליפּאָוו און פּורגאַנאָוו געפעלט מיר נישט איבעריק. פון דער אַנדערער זייט שרייבן מיר אונזערע פון פאַריז, אַז איך דאַרף אָננעמען די לעקציעס, ווייל ס׳איז זייער אַ וויכטיקע זאַך. ווי מיינט איר?

אייער וולאַדימיר לענין

לאָנדאָן, 28 יאַנואַר 1903

טייערער מיינער געאָרגי וואַלענטינאָוויטש!

כ׳שיק אייך איבער טראָצקיס אַרטיקל און די דערקלערונג פונם אָרגאַניזירקאָמיטעט און בעט אייך מיר צוריקשיקן ביידע זאַכן ווי מעגלעך שנעלער. די דערקלערונג פונם אָרגאַניזירקאָמיטעט איז זייער אַ וויכטיקער דאָקומענט און מען דאַרף עס אויפמערקזאַם באַהאַלטן. וואָס שייך טראָצקיס אַרטיקל, דאַרפן מיר זיך אויף עפּעס אָנטשליסן, ווייל מיר האָבן שוין אין פאָרטפעל אַ גאַנצע ריי אָפּהאַנדלונגען קעגן די סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן. מען מוז זיך פאַרטראַכטן, צי ס׳איז שוין נישט צופיל. טראָצקיס אַרטיקל וועלן מיר מוזן אָפּדרוקן. אָט די קורצע אַרבעט איז אַ קלוגער ענטפער אויף אַ נאַרישן אָנפאַל. אַנטקעגן פּאָטרעסאָווס אַרטיקל וואָלט איך גערן אָפּ־געלייגט אויף שפּעטער — ס׳איז נישט אייגנטלעך קיין שום ענטפער. פאַר־טראַכט זיך איבער דעם אַלעמען און ענטפערט מיר אייער באַשלוס.

הארציקע גרוסן

וולאַדימיר לענין

לאָנדאָן, 5 פעברואַר 1903

טייערער געאָרגי וואַלענטינאָוויטש!

באַקומען אייער בריוו און דעם אַרטיקל. כ׳קאָן אייך נאָך נישט זאָגן אין וועלכן נומער דאָס וועט ווערן אָפּגעדרוקט. ס׳פרייט מיך שטאַרק, אַז איר אַרבעט איבער אַן אָפּהאַנדלונג וועגן די קלאָמפּערשטע פריינד פונם אַרבעטערקלאַס. די קלאַנגען, אַז מען וועט שוין מער נישט קאָנען איבער־פירן די „איסקראַ" דורך עסטרייך, נעמען זיך מסתמא פון עפּעס אַ מיספאַר־שטייעניש. ביז אַהער גייט אַלצדינג גלענצנד. די פּאָסט שמוגלען מיר דורך עסטרייך אין דריי וועגן.

דריק אייך שטאַרק די האַנט

אייער לענין

פאַריז, 2 מערץ 1903

כ׳לייג פאָר אַלע רעדאַקציעמיטגלידער אָנצונעמען טראָצקין פאַר אַ מיטאַרבעטער מיט פולע רעכט. איך האַלט, אַז מען קאָן אים נישט צוציען מיט אַ מערהייט שטימען, נאָר עס פאָדערט זיך דאָ אַן איינשטימיקער

באשלוס. מיר מוזן האבן געוואלדיק א זיבעטן מיטגליד, שוין כאטש צוליב אפשטימונגען, ווייל זעקס איז א גראדיקע ציפער.

טראצקי שרייבט ארטיקלען שוין זינט עטלעכע חדשים אין יעדן נומער איסקרא. א חוץ דעם לייענט ער רעפעראטן און האט גרויס דער-פאלג ביי זיינע צוהערער. מיר דארפן אים נייטיק האבן, הויפטזאכלעך צו נאטיצן און ארטיקלען וועגן אקטועלע פראגן.

טראצקי איז אן שום ספק זייער א פעיקער מענטש, א אנטשלאסן-ענערגישע נאטור. ער וועט זיכער ווייט אוועקגיין. אלס אן איבערזעצער און פאפולערער שרייבער וואלט ער געקאנט א סך אויפטון. מיר מוזן אומ-באדינקט צוציען פרישע כוחות, זיי דערמוטיקן און אויף אזא אופן זיי דערוועקן צו גרעסערער התמדה. איר ווייסט דאך ווויל, ווי נייטיק מיר דארפן זיי צו האבן. דערמאנט זיך נאר, ווי שווער ס'איז אונז געווען אויסצוזוכן א רעדאקטאר בלויז צו איבערזעצונגען! ס'פעלט אונז א'יך פאפולערע ליטעראטור, און טראצקי וואלט זיך דערצו גלענצנד געטויגט.

אוודאי, פאראן נעוויסע ספיקות קעגן אים: 1) א יונגערמאנטשיק — ער קאן נאך זיך אומקערן קיין רוסלאנד און 2) זיין האלב-פעליעטאנישער סטיל.

אבער מיר וועלן אים נישט גלייך געבן קיין זעלבשטענדיקן אמט. ער וואלט דארפן ארבעטן נאר ווי א מיטגליד פון אונזער קאלעגיע. דארט וועט ער באקומען די נייטיקע דערפארונג און די פארטייאיש-פאליטישע אנשויונג. שוין איצט קען ער און ווייסט אן שום ספק א סך, און די דער-פארונג וועט קומען אליין מיט דער צייט. איינס איז זיכער — אז וועט ער זאל נאר וועלן, קאן ער ארבעטן. צוציען טראצקין איז אן אומבא-דינקטע זאך, אז מיר זאלן קאנען אט דעם מענטש שטארקער פארבינדן מיט דער רעדאקציע.

אויב מיר וועלן אים אננעמען פאר א מיטארבעטער מיט גלייכע רעכט — וועט ער זיכער נישט גיך אוועק פון פאריז. און אז ער וואלט אפילו אוועקגעפארן, וואלטן מיר אויך גארנישט פארלוירן. מיר וואלטן גע-ווונען — זיין ארגאניזאציאנעלע פארייניקונג מיט אונז.

די חסרונות פון זיין סטיל זענען, ווידער, נישט קיין גרויסע שטע-רונג — ס'וועט זיך ענדערן! לעת-עתה נעמט ער אן שווייגנדיק אלע אויס-בעסערונגען פון זיינע ארבעטן — הגם אויך אן איבעריקער פרייד. איך לייג פאר, אז אלע זעקס רעדאקציע-מיטגלידער זאלן שטימען צוצונעמען טראצקין. מען דארף נישט אפשלעפן דעם באשלוס. איך ווייס, אז טראצקי איז אזוי אויך אומצופרידן. ער האלט, אז מיר נעמען אים נישט ערנסט צוליב זיין יינגקייט.

אז מיר וואלטן אים נישט אנגענומען אין אונזער קאלעגיע — וואלט ער עס געהאלטן פאר א פערזענלעכן אומכבוד און ער'ט זיך אומקערן קיין רוסלאנד. און דאס וואלט פאר מיר פערזענלעך געווען זייער אומ-אנגענעם.

לענין

לאָנדאָן, 15 מערץ 1903

דערהאַלטן אייער בריוו. אייער אָפּהאַנדלונג וועגן די „מערץ-אידעען״ איז פּראַכטפול. אָבער איך מוז האָבן דאָס אַרטיקל שפּעטסטנס ביזן 25 מערץ — מיר וואַרטן אויף אים אומגעדולדיק. איך שרייב איצט אַ פּאָפּולערע בראָשור: „צום פּויערן-פּראָלעטאַריאַט״, ספּעציעל פאַר פּויערן. אין אַט דער אַרבעט וויל איך דערקלערן דאָס וועזן פון קלאַסנקאַמף אויפן דאָרף און איך וויל געבן קאָנקרעטע ביישפּילן וועגן די פיר שיכטן פּויערישע באַפעלקערונג. ווי געפעלט אייך מיין פּלאַן? אין פּאַריז האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז אַזאַ מין בראָשור וואָלט צעבלאָזן נישט איין ספק צווישן די פּויערן...

כ'דריק אייך פעסט די האַנט

אייער לענין

לאָנדאָן, 10 אַפּריל 1903

די לעצטע טעג בין איך קראַנק געווען און האָב דעריבער אייך נישט געקאָנט ענטפערן אויף אייער בריוו. דער חבר פּרעמדער איז שוין אַוועקגעפאָרן. כ'ווייס נישט, צי ס'וועט אים געלינגען איינצואָרדנען דעם ענין. פאַרוואָס שרייבט איר מיר גאָרנישט וועגן מיין בראָשורקע? כ'בעט אייך, באַפעלט גלייך, אַז די אַרבעט זאָל ווייטער גיין, ווייל מיר מוזן זי אינגיכן אַרויסקריגן. שפּעטער וואָלטן מיר געקאָנט איבערגעבן די קאָרעקטור מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם ספּעציעל. כ'דריק אייך שטאַרק די האַנט.

לענין

## צו נאָסקאָוו

לאָנדאָן, 4 אויגוסט 1902

ליבער באָריס ניקאָלאַיעוויטש!

איר קלאָגט זיך אויף אונזערע אַגענטן. אויך איך האַלט דאָס פאַר אונזער שוואַכסטן פּונקט. איר זאָגט, אַז מיר האָבן צו לייכטזיניק געקליבן. איך ווייס אויך וועגן דעם. אָבער דאָס איז טאַקע אונזער גאַנצע טראַגעדיע, וואָס מיר קאָנען נישט אַרויסדריבלען פון אונזער אַרבעט די נישטוויכטיקע און ציללאָזע זאַכן...

העלפט-זשע איר אַליין אויסצוגעפינען פאַר אונז אַגענטן! פאַראַן אין רוסלאַנד גענוג מענטשן, וואָס זאָלן וועלן אונז העלפן. איך ווייס וויל, אַז פאַראַן אַזעלכע, אַז זייער צאָל וואַקסט כסדר. אָבער אַלץ רוקט זיך פאָרויס אַזוי פּאַמעלעך און מיט אַזויפיל הפסקות, אַז סוף כל סוף ווערט מען נערוועז. גלייבט מיר, כ'האָב שוין אינגאַנצן אָנגעוווירן דעם צוטרוי צו אונזערע פּלענער, אונזערע הנחות, אונזערע וועגן און האָב מורא, אַז ס'וועט דערפון גאָרנישט ווערן. מיר וואָלטן דאַרפן אַלע אונזערע אַגענטן אין רוסלאַנד זעען ביי דער אַרבעט און זיי כסדר צו באַאָבאַכטן.

אונזער גרעסט אומגליק איז דווקא דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן צו ווייניק „אָרגאַ־ ניזאַטאָרן.

ס'איז ווירקלעך אַזוי, ווי מיר שרייבן אין אונזערע ביכלעך: מיר האָבן מענטשנמאַסן, אָבער מיר האָבן נישט קיין מענטשן. מיר מוזן וואָס ניכער געפינען עפּעס אַן עצה. די צייט יאָגט־אָן, אונזערע שונאים וואַקסן.

וואָס שייך אייער רייזע קיין לאָנדאָן — וועט איר מוזן סיי ווי פריער פאָרן קיין ציריך. וואָס פעלט אייך אייגנטלעך? צי וואָלט נישט געווען אַ יושר צו אָפּרוען זיך אַ שטיקל צייט? איך בין נאָך אויך נישט פולשטענדיק געזונט און קאָן נישט טראַכטן וועגן נסיעות. ווי איז אייער מיינונג וועגן סאַנימען, אַט דעם מאַרקסיסטישן שרייבער? פאַרשידענע מענטשן האָבן מיר דערציילט וועגן אים, אָבער מיר דאַכט, אַז ער איז נישט קיין אמתדיקער אַרבעטער — צו ווילד!

כ'דריק אייך די האַנט

אייער וולאַדימיר לענין

צו פּלעכאַנאָוו

לאָנדאָן, 14 דעצעמבער 1902

טייערער געאָרגי וואַלענטינאָוויטש!

שוין לאַנג האָב איך נישט פון אייך קיין שום ידיעה... מיר מוזן ווידער עפּטערס פאַרעפנטלעכן שאַרפע אָנגריפן אויפן פעטערבורגער, מאָסק־ ווער און אַ גאַנצע שורה קאָמיטעטן. — די קאָמיטעטן, וואָס זענען מיט אונז באַפריינדט, מוזן זיך מתחייב זיין צושיקן אונז יעדן חודש גרויסע באַריכטן וועגן דער באַוועגונג אויפן אָרט.

שבת האָבן מיר געמאַכט אין לאָנדאָן אַ פריילעכע חברישע וועטשע־ רינקע. די הכנסה איז נאָך נישט באַשטימט, אָבער ס'וועט וואַרשיינלעך זיין אַ 350 ביז אַ 500 פראַנק. ס'איז אַ גרויסער דערפאָלג, ווייל די ס. ר. און דער בונד האָבן אונז באָיקאָטירט. צי איז אָנגעקומען פון אַמעריקע טויזנט פראַנק? וואָס שייך יענע מעשה מיטן צוגעגנבעטן געלט, איז עס באמת אַ גרויסער סקאַנדאַל און אַ שאַנד! אין וועלכער שטאָט האָט דער מנדב איבערגעגעבן די סומע? צי קען ער יענעם מענטש, וועמען ער האָט געגעבן דאָס געלט?

כ'גריס אייך

אייער לענין

לאָנדאָן, 19 דעצעמבער 1902

טייערער מיינער געאָרגי וואַלענטינאָוויטש!

אַז איר וועט זיך ענדגילטיק באַשליסן צו קומען קיין בריסעל און אָנטיילנעמען אין דער קאָנפערענץ — שרייבט מיר גלייך אַן און דעפּע־ שירט מיר וועגן געלט. דער פּאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי, ווו עס דרוקט זיך די „איסקראַ“, לעווינסאָן, דראָט, אַז ער'ט אַרויסטרעטן. ער לעבט נישט

בשלום מיט לאַלאַנצן, וואָס איז איצט באַשטימט געוואָרן פאַר דירעקטאָר. כ'האָב בריוולעך געבעטן לאַלאַנצן, אַז ער זאָל ווי עס איז באַזאָרגן די מעשה. — העלפט מיר אויך צו באַרויקן לעווינסאָנען און רעדט צו לאַלאַנצן, אַז ער זאָל זיך מיט אים לייטישער באַגיין. איך שיק איבער צום דרוקן דעם אָנהייב פון קאַוטסקיס אַ בראָשור — און אַ פּאָפּולער ביכעלע וועגן זעלנערישן לעבן. די פראַגע פון טראַנספּאָרט קיין רוסלאַנד שטייט זייער שלעכט. דאָס איז אונזער וואָר אומגליק.

גרוסן

אייער לענין

## צו מאַקסים גאָרקין

יאַנואַר 08, גענף

טייערער א. מ.:

כ'בין געקומען אַהער פאַר עטלעכע טעג צוזאַמען מיט דער פרוי. אויפן וועג האָבן מיר זיך ביידע פאַרקילט. מיר אָרדענען זיך דאָ איין, ווי סע לאָזט זיך, לעת-עתה נאָר אויף אַ צייטווייליקן זיין — איז דעריבער אין יעדער הינזיכט נישט איבעריק. אייער בריוו האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פרייד. אוודאי וואָלט עס געווען פראַכטפול, ווען איך זאָל קאָנען פאָרן אויף קאַפּרי. איך וועל זיך געוויס באַמיען צו באַפרייען און אַהינ-קומען דאָרט צו אייך. איצט איז דאָס לײדער נישט מעגלעך. מיר זענען געקומען אַהער מיטן אויפטראָג צו גרינדן אַ טאָגבלאַט און איבערצוטראָגן אַהער דעם „פּראָלעטאַריער" פון פינלאַנד. דערווייל האָבן מיר זיך נאָכ-נישט ענדגילטיק אַנטשלאָסן, צו מיר וועלן דערויף אויסקלייבן גענף, צי אַן אַנדער שטאָט. אַלנפאַלס דאַרף מען זיך צואיילן, ווייל איינאָרדענען אַלץ פון דאָס ניי פאַרנעמט אַ סך אַרבעט. ווען עס זאָל אַזוי געלינגען צו קומען צו אייך פרילינג אָדער זומער, ווען אַלץ וועט שוין זיין איינגע-אָרדנט! ווען איז ביי אייך אויף קאַפּרי דאָס שענסטע וועטער?

ווי פילט איר זיך? וואָס מאַכט איר? די אַרבעט גייט לייכט? [illegible]

איך בין אַדורכגעפאָרן בערלין, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר זענט צוזאַמען מיט לונאַטשאַרסקין אַדורכגעפאָרן איטאַליע מיט דער ספּעציעלער באַריקזיכטיקונג פון רוים. ווי איז אייך געפעלן איטאַליע? האָט איר דאָרט באַגעגנט אַ סך רוסישע?

איך האַלט, אַז צומבעסטן וואָלט געווען צו קומען צו אייך אין אַזאַ צייט, ווען איר וועט נישט זיין פאַרנומען מיט עפּעס אַ גרעסערער אַרבעט— דעמאָלט וועלן מיר קאָנען זיך אַדורכשפּאַצירן און זיך אויסשמועסן.

האָט איר דערהאַלטן מיין ביכל — די ערשטע טייל, אַ זאַמלונג אַרטיקלען פון צוועלף יאָר? כ'האָב באַפוילן, אַז מען זאָל עס אייך איבערשיקן.

האַרציקע גרוסן צו מ. פיאָדאָראָוונא. צום ווידערזען

נ. לענין

מיין אַדרעס: M. Wl. Ulianow, Genève, 14, rue des Deux Ponts (ביי קיפּער).

טייערער א. מ.

באותו הרגע דערהאַלטן אייער עקספּרעס. ס׳וואָלט געווען פּראַכטפול, ווען איך זאָל קאָנען צו אייך קומען אויף קאַפּרי! איר שילדערט עס מיר אַזוי שיין, אַז פריער גאָט, איך וועל זיך זיכער אַהין אויסקלייבן. כ׳וועל זיך אויך באַמיען מיטנעמען מיט זיך מיין פרוי. אָבער וואָס שייך דעם טאָג, קאָן איך נאָך נישט געגוי באַשטימען. לעת-עתה מוז איך זיך אינגאַנצן ווידמענען דעם „פּראָלעטאַריער", שטעלן אים אויף די פיס און פאַר יעדן פּרייז לאָזן אין באַוועגונג די גאַנצע מאַשין. דאָס וועט מיר צונעמען לכל-הפחות איינעם אָדער צוויי חדשים — אָבער דאָס איז אומבאַדינגט נייטיק. דערנאָך, פרילינג, וועלן מיר צו אייך קומען, כדי צו טרינקען ווייס קאַפּריער וויין, קוקן אויף נעאַפּאָל און שמועסן מיט אייך...

פאַר מאַריאַ פיאָדאָראָוונא האָב איך היינט אַ שלל אויפטראָגן:

1. זי זאָל זיך אומבאַדינגט דערוויסן ביים סעקרעטאַר פון פּאָרטאַרבעטער און פּאָרט-באַאַמטע (ס׳איז דאָרט מסתמא פאַראַן אַזאַ מין פאַריין), וועלכע שיפן האָבן אַ שטענדיקן פאַרקער מיט רוסלאַנד.

2. זי מוז זיך ביי אים דערוויסן, ווי אָפט קורסירן אָט די שיפן, פונוואַנען און וואוהין פאָרן זיי. מיר מוזן אומבאַדינגט האָבן אַ שטענדיקן שיף-פאַרקער, יעדע וואָך, אויף איבערצופירן טראַנספּאָרטן. וויפל וועט דאָס קאָסטן? דער סעקרעטאַר מוז אַליין אָנווייזן עפּעס אַ מענטש, וואָס מען קאָן זיך אויף אים פולשטענדיק פאַרלאָזן. (צי קאָן מען בכלל זיך פאַרלאָזן אויף אַן איטאַליענער?). אפשר דאַרפט איר אַן אַדרעס אין רוסלאַנד (לאָמיר זאָגן אין אָדעס), ווו מען זאָל קאָנען שיקן די בלעטער? און אפשר וואָלט איר געקאָנט דערווייל האַלטן ביי אַ געוויסן באַלעבאָס — אַן איטאַליענער אין אָדעס? דאָס וואָלט פאַר אונז געווען אומגעהייער וויכטיק.

ווען מ. פ. וואָלט נישט באַוויזן דאָס אַלץ אַדורכצופירן, איניצירן, אויסזוכן, אויפקלערן, נאָכפאָרשן — טאָ זאָל זי זיך בלויז באַמיען אונז צו געבן אַ קאָנטאַקט מיט אָט דעם סעקרעטאַר, און מיר וועלן אַליין זיך שוין ווענדן צו אים שריפטלעך.

דער גאַנצער ענין איז זייער דרינגנד. מיר ריכטן זיך, אַז דער „פּראָלעטאַרי" זאָל שוין אָנהויבן אַרויסצוגיין אין אַ וואָסערע 2–3 וואָכן אַרום. מוזן מיר דעריבער זיך אַפריער באַוואָרענען, אַז מען זאָל אים קאָנען גלייך אַרויסשיקן.

הכלל — צום ווידערזען אויף קאַפּרי! זייט מיר געזונט, א. מ.

אייער וו. אוליאַנאָוו

12 פעברואַר 08.

טייערער א. מ!

איך האַלט, אַז אונזערע חילוקי-דעות נעמען זיך אָפּט פון אַ מיספאַרשטייעניש. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו

„פונאַנדערטרייבן די אינטעליגענץ", ווי עס טוען אַט די נאַרישע סינדי-קאַליסטן. איך וויל אויך נישט פאַרקלענערן איר באַטייט פאַר דער אַרבעטערבאַוועגונג. וועגן אַט די פראַגן קאָן צווישן אונז נישט זיין קיין צוויי מיינונגען. דאָס איז מיין טיפסטע איבערצייגונג. אָבער ווייל מיר קאָנען זיךביידע נישט צונויפטרעפן, מוזן מיר זיך גלייך נעמען צו בשותפות-דיקער אַרבעט. די אַרבעט וועט אונז צומלייכטסטן און צומזיכערסטן אויס-גלייכן...

וואָס שייך טראָצקין, האָב איך אייך שוין געוואָלט ענטפערן דאָס לעצטע מאָל, האָב איך עס פאַרגעסן. פון סאַמע אָנהייב אָן האָבן מיר באַשלאָסן אים אַריינצוציען אין דער אַרבעט ביים „פראָלעטאַרי", און אין דעם זינען האָבן מיר טאַקע צו אים געשריבן. נאָך אַ געמיינזאַמער באַראַטונג האָבן מיר אונטערגעשריבן דעם בריוו, אַלס „רעדאַקציע פון פראָלעטאַרי", ווייל מיר האָבן געוואָלט, אַז דער בריוו זאָל האָבן אַ וואָס מער חברישן כאַראַקטער (איך פערזענלעך, צבש, האָב געפירט קעגן טראָצקין אַ פאַרביסענעם קאַמף. ווען ער איז געווען אַ מענשעוויק, האָבן מיר זיך פשוט געריסן ביי די האָר). איז ווייס איך נישט, צי טראָצקי האָט זיך באַליידיקט צוליב דער פאָרם פונם בריוו. ער האָט אונז צוגעשיקט אַ בריוו, געשריבן פון אַ פרעמדער האַנט. דאָרט ווערט „לויטן אויפטראָג פון דעם חבר טראָצקי" געמאָלדן, אַז צוליב דער גרויסער אַרבעט, מוז טראָצקי אָפּזאָגן זיין מיטאַרבעט.

איך האַלט, אַז דאָס איז נאָר אַ מין פּאָזע. אָט האָט ער דאָך אַפילו אין לאָנדאָן אויף אונזער פאַרטייצוזאַמענפאָר זיך אויפגעפירט, ווי אַ פּאָזירער. איך ווייס נישט, צי ער'ט וועלן אויף אַן אמת גיין מיט די באָלשעוויקעס...

דריק אייך די האַנט
לענין

16 מערץ 08.

טייערער א. מ!

וואָסער שאָד, וואָס פון מיין נסיעה האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט! כ'האָב, וואָס אַן אמת, דערהאַלטן אַ בריוו פון בריסעל, און דאָ וואָלט איך אויך נישט געהאַט קיין מניעה. אָבער כ'האָב נישט קיין צייט און נישט קיין געלט, און אַ חוץ דעם קאָן מען דאָך נישט אַזוי איבערלאָזן די צייטונג.

פון דעם, וואָס איר האָט זיך געקויפט אַ קאָסע, דרינג איך, אַז איר זענט אין אַ גוטער שטימונג, און איר לעבט נאָרמאַל. דערפאַר גייט עס ביי אונז גאַנץ שוואַך. מיט א. אַל. (באָגדאַנאָוון — קאַמיצניעוס באַמערקונג) בין איך אין אַ געוויסער מאָס זייער נישט שווה בשווה. איך פאַרנאַכלעסיק די צייטונג, צוליב מיין ליידנשאַפט צו פילאָזאָפיע. היינט שטודיר איך עפּעס אַן עמפּירישן קריטיקער און זידל, וויפל ס'לאָזט זיך. אויף מאָרגן לייען איך עמעצן אַנדערש און שעלט, ווי אַ שיכּור. און אינאַקעגנט: האָט צו מיר

די גערעכטע טענה, אַז איך פֿאַרנאַכלעסיק דעם „פּראָלעטאַריער". עפּעס נייט דאָס אַלץ נישט אַזוי, ווי מען דאַרף.

אָבער פֿאַרפֿאַלן — אַנדערש קאָן נישט זיין. מיט דער צייט וועט עס אַנדערש ווערן.

זוי פּראַכטפֿול וואָלט עס געווען, ווען איר וואָלט קאָנען שרייבן פֿאַרן „פּראָלעטאַריער" — פֿאַרשטייט זיך, אָן שאָדן פֿאַר אייערע גרעסערע אַרבעטן!

כ׳דריק אייך די האַנט און בעט אָפּגעבן פֿון מיר אַ האַרציקן גרוס אַ. וו. (לונאַטשאַרסקי) און מ. פּ.

אייער לענין

16 אַפּר. 08.

טייערער א. מ.

דערהאַלטן היינט אייער בריוו און איל אייך צו ענטפֿערן. איך האַלט מיין נסיעה פֿאַר אַ ציללאָזע זאַך, און אַפֿילו פֿאַר אַ שעדלעכע. איך קאָן נישט און וויל נישט האָבן צו טון מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל צו פּרעדיקן, אַז מען זאָל פֿאַרייניקן דעם וויסנשאַפֿטלעכן סאָציאַליזם מיט רעליגיע. אַוועק שוין די צייטן פֿון די „העפֿטלעך". ס׳האָט נישט קיין זינען צו פֿירן פּאָלעמיקעס און זיך אָנשטרענגען די ־ערוון. מיר מוזן אָפּזונדערן די פֿילאָזאָפֿיע פֿון רעליגיעזע ענינים. איבעריקנס פֿאַרפֿליכט אונז אויך דערצו דער באַשלוס פֿון צ. ב.

כ׳האָב שוין איבערגעגעבן צום דרוק די אָפֿיציעלע מלחמהדערקלערונג. קיין שום דיפּלאָמאַטיע האָט דאָ נישט קיין באַרעכטיקונג. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך זאָג דיפּלאָמאַטיע אין גוטן, נישט אין שלעכטן זינען.

אַ „גוטע" דיפּלאָמאַטיע פֿון אייער זייט, ליבער א. מ., (אויב איר האָט זיך נאָך נישט געטויפֿט) וואָלט באַשטאַנען אין דעם, אַז מיר זאָלן אונזערע געמיינזאַמע ענינים אָפּזונדערן פֿון פֿילאָזאָפֿיע.

אַ שמועס אויף אַן אַנדער טעמע, ווי פֿילאָזאָפֿיע, וואָלט אין דעם מאָמענט צו גאָרנישט נישט געבערענגט און וואָלט געווען עפּעס אומנאַטירלעכעס. און אונזערע אַנדערע ענינים וועלן אויף אַן אמת נישט האָבן קיין שייכות מיט פֿילאָזאָפֿיע. ווען עס וואָלט טאַקע נייטיק געווען אונזער שמועס וועגן „פּראָלעטאַרי" וואָלט איך געקאָנט צו אייך צופֿאָרן. כאָטש כ׳ווייס נישט, פֿונוואַנען צו נעמען געלט דערויף, ווייל מיר זענען אויף גרויסע צרות. אָבער כ׳חזר איבער: מיטן תּנאי, אַז כ׳זאָל נישט דאַרפֿן מיט אייך רעדן נישט וועגן פֿילאָזאָפֿיע, נישט וועגן רעליגיע.

צו אייך וויל איך שטאַרק פֿאָרן, ווען איך וועל האָבן מער צייט און וועל ענדיקן מיין אַרבעט. כ׳וויל זיך מיט אייך צונויפֿרעדן.

דריק אייך האַרציק די האַנט

אייער ל.

האַרציקע גרוסן פֿאַר מ. פֿ. — נאָן, זי פֿאַרטיידיקט נישט מסתּמא גאָט.

טייערער א. מ.

שוין פון לאנג האָב איך בדעה אייך צו ענטפערן אויף אייער בריוו, אָבער דער היגער סיכסוך האָט מיר אין דעם געשטערט (זאָל עס אָלץ דער טייוול נעמען!)

און איך וואָלט דאָך אזוי גערן מיט אייך א שמועס געטון!..

וואָס שייך טאָלסטאָיען, בין איך פולשטענדיק מסכים מיט אייך, אז שאַרלאַטאַנעס און מנוולים ווילן פון אים מאַכן א הייליקן. פלעכאַנאָוו איז

- אפריל 98.

טייערער א. מ.

דערהאַלטן אייער דעפעש. היינט אָדער מאָרגן אינדערפרי וועל איך אָפּשיקן מיין אָפּזאָג. איך חזר נאָכאַמאָל איבער, אַז ס'איז אַבסאָלוט אומדערלאָזבאַר צונויפצומישן ליטעראַרישע וויכוחים וועגן פילאָזאָפיע מיט פּאַרטייפראַגן. איך האָב עס שוין געשריבן אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטשן און חזר עס נאָכאַמאָל איבער פאַר אַלע חברים, כדי אויסצומיידן פאַרשידענע מיספאַרשטייענישן און פאַלשע אויספירן, וואָס מיין אָפּזאָג זיך מיט אייך צו טרעפן קאָן אַרויסרופן. מיר זענען מחויב צו פירן ווייטער, ווי ביזאַהער, די בשותפותדיקע ענינים פון אונזער פראַקציע. אונזער פּאָליטיק אין דער צייט פון רעוואָלוציע איז פאַר יעדן פון אונז געווען אַ ריכטיקע. דערום איז אונזער חוב צו פאַרטיידיקן זי לגבי דער פּאַרטיי און באַמיען זיך, מען זאָל זי אַדורכפירן. און דאָס קאָנען מיר טון נאָר מיט געמיינזאַמע כוחות, אַזוי אין „פּראָלעטאַרי", ווי אין יעדער אַנדערער פּאַרטייאַרבעט.

אויב עס וועלן דערום אויסברעכן צווישן א. און ב. חילוקי־דעות וועגן פילאָזאָפיע — מוז דאָס געשעען פולקום באַזונדער, אָן שאָדן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך.

איך בעט זייער אייך און אַלע חברים, אַז זיי זאָלן נישט אויסטייטשן שלעכט מיין אָפּזאָג צו קומען. כ'בעט אייך זייער איבער — אָבער אין איצטיקן צושטאַנד און צוליב דעם שלל אַרבעט אין רעדאַקציע קאָן איך אַבסאָלוט נישט אַרויספאָרן.

כ'דריק אַלע שטאַרק די האַנט
אייער לענין

מיר דערוואַרטן אַלע ווי צומגיכסטן אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטשס אַרטיקל וועגן שטרייק אין רוים.

פון אַלע שרייבער דערוואַרטן מיר מיטאַרבעט אין „פּראָלעטאַרי".

מיר מוזן אַלע זיין פאַראַנטוואָרטלעך לגבי די רוסלענדער, וואָס זענען נישט צופרידן פון אונזער צייטונג.

זאָל זיך א. אל. באַמיען מיט אַלע כוחות וועגן געלט. אין רוסלאַנד קרעכצט מען — נישטאָ קיין פּרוטה.

3 יאַנ. 11.

איך אויסער זיך פון דעם שווינדל. ס'פאַרדריסט אים אויך זייער טאַל־סטאָיס חנפענען זיך — אין דעם פּרט זענען מיר מספּים...

ס'איז אָן שום ספק זייער באַדויערוועדט, וואָס עס הייבט זיך אָן פון שלאָגן סטודענטן. אָבער ביי טאָלסטאָיען קאָן מען נישט קיין „פּאַסי־וויזם", נישט קיין אַנאַרכיזם, נישט קיין רעליגיע, נישט קיין פּאַלקיזם—לאָזן גלאָט. — אין דייטשלאַנד האָבן מיר אַ טיפּישן ביישפּיל פון אַ אָפּאָרטוניס־טישער צייטונג: „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטע". אין אָט דעם זשורנאַלכל מאַכן די הערן שיפּעל און בערנשטיין קולות אויף דער אינטערנאַציאָ־נאַלער פּאָליטיק פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַלדעמאָקראַטיע און באַ־צייכענען עס, ווי „יללות פון אָרעמע מענטשן". דאָס איז אַ פּשוט שפּיצל פון אָפּאָרטוניסטישע מנוולים, טייערער פריינד. באַמיט אייך, אַז מען זאָל אייך איבערשיקן פון נעאַפּאָל אָט די צייטונג און אַז עמעצער זאָל עס אייך איבערזעצן — אויב איר אינטערעסירט זיך מיט אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק. מסתמא פעלט אויך נישט ביי אייך, אין איטאַליע, אַזעלכע אָפּאָרטוניסטן. נאָר קיין מאַרקסיסטן האָט איר אַבסאָלוט נישט — און דאָס איז אַן אומ־גליק פאַרן דאָזיקן לאַנד.

איך לייען אייער לעצטן זאַץ: „די הענט ציטערן מיר און פרירן..." און בין אויסער זיך. אַך, דאָס בידנע וווינונג אין קאַפּרי! ס'איז דאָך שרעקלעך! אַפילו דאָ האָבן מיר צענטראַלבאַהייצונג, וואָס וואַרעמט גאָר נישקשהדיק, און אייך „פרירן די פינגער". מען טאָר עס נישט דולדן.

דריק אייך שטאַרק די האַנט
אייער לענין

דערהאַלטן אַ פאַרבעטונג פון ביולאַן, אַז כ'זאָל באַזוכן די דאָרטיקע שול (צוואָנציק אַרבעטער). זיך אָפּגעזאָגט, ווייל כ'וויל נישט האָבן צו טאָן מיט דידאָזיקע „פּאָרוועטסיסטן". מיר'ן שוין געפינען אַן עצה צוצוציען די אַרבעטער צו אונז.

קראָקע, 1 אויגוסט

קראָקע, עסטרייך, זוויעזשיניעץ 218
וול. אוליאַנאָוו

טייערער א. מ!

דערהאַלטן אייער בריוו, אַזוי אויך פון די סיבירער. ווי איר זעט פונעם אויביקן אַדרעס, וווין איך שוין נישט מער אין פּאַריז.

ס'איז מיר נישט אינגאַנצן קלאָר, פון וועלכער פּאַרטיי איר ווילט מיך דאָס אויסשליסן — מסתמא נישט פון דער עסערישער?

אָבער געלעכטער אָן אַ זייט: איר האָט זיך אויסגעקליבן זייער אַ שלעכטן מעטאָד, וואָס איר באַצייכנט אונז, ווי די קליינשטעטלדיקע בורזשואַזיע: „אַלע זענען איר גרייט זיך צו רייסן די קעפּ, ווי די הענער". די בורזשואַזיע, די ליבעראַלן און די סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן — די

אַלע, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט „וויכטיקע פּראָבלעמען", וואָס לויפן בלינדערהייט יענעם נאָך, וואָס שפּרינגען און שפּילן זיך מיט עקלעקטיזם, — זיי אַלע שרייבן וועגן שפּאַלטונג און קאַמפן אין די סאָציאַלדעמאָקראַטישע רייען. אָבער אין דעם טאַקע שטעקט דער גאַנצער אונטערשיד צווישן זיי און דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וואָס דער קאַמף צווישן סאָציאַלדעמאָקראַטישע גרופּן קומט אויף מחמת טיף-אידעישע מאָטיוון — און ביי זיי זענען די חילוקי-דעות גאַנץ שיין צוגעפּאַלירט, אָבער אינערלעך זענען זיי אַליין הויל, קליינלעך און אויבערפלעכלעך. איך וואָלט קיינמאָל, פאַר קיין שום פּרייז, נישט אויסגעביטן די שאַרפע חילוקי-דעות ביי דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אויף זייער גייסטיקע אָרעמקייט און פּוסטקייט.

ס׳דריקט אייך שטאַרק די האַנט

אייער לענין

פּ. ס. אַ גרוס פאַר מ. פ!

פּ. ס. אין רוסלאַנד הערשט אַ רעוואָלוציאָנע שטימונג — טאַקע נישט קיין אַנדערע, נאָר אַ רעוואָלוציאָנערע. סוף כּל סוף איז אונז געלונגען צו גרינדן אַ טאָגבלאַט „פּראַוודאַ". יענע (יאַנואַרדיקע) קאָנפערענץ האָט דערצו אַ סך געהאָלפן. און פאַרשידענע טויגנישטן האָבן אַזוי שטאַרק געבילט!

אָן אַ דאַטע

טייערער א. מ.

... אין באַלטישן פלאָט ברויזט! קיין פּאַריז איז צו מיר געקומען אַ ספּעציעלער שליח פון די מאַטראָסן. זיי האָבן נישט קיין שום אָרגאַניזאַציע — ס׳נעמט אַזש אָן אַ געוויין. אויב איר האָט עפּעס באַציונגען אין די אָפיצירשע קרייזן, באַמיט זיך אומבאַדינקט עפּעס צונויפצוקלעבן. די מאַטראָסן זענען פול קאַמפּסווילן — אָבער ווער ווייסט, אפשר וועלן ווידער אַלע פאַלן אומזיסט!

איר ווילט וויסן, פאַרוואָס איך בין אין עסטרייך? דער צ. ק. האָט דאָ געשאַפן אַ ביוראָ (כ׳זאָג עס אייך בסוד): מיר נוצן אויס, וואָס מיר זענען נאָנט צו דער גרענעץ, פּעטערבורג איז אויך נישט ווייט, אויפן דריטן טאָג באַקומען מיר די דאָרטיקע בלעטער. ס׳אויך לייכטער אַוועקצושיקן פונדאַנען פאַר די רוסישע בלעטער — מיט איין וואָרט, די מיטאַרבעט גייט בעסער. ווינציקער וויכּוחים און אַמפּערנישן — און דאָס איז אויך אַ קערן. אָבער נישטאָ דאָ קיין גוטע ביבליאָטעקן. און דאָס איז אַ שאָד, ווייל ס׳איז שווער צו אַרבעטן אָן ביכלעך.

כ׳דריק אייך די האַנט

אייער לענין

אַ גרוס פאַר מ. פ.

אַן אַ דאַטע

טייערער א. מ!

די טעג האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון פעטערבורג, פון רעדאַקציע „פּראַוודאַ". מען בעט מיך אייך מודיע צו זיין, אַז די רעדאַקציע וואָלט געוועזן זייער צופרידן פון אייער מיטאַרבעט. „מיר וואָלטן אָנגעבאָטן גאָרקין פינף-און-צוואָנציק קאָפּעקעס אַ שורה, אָבער מיר האָבן מורא, אַז ער זאָל זיך נישט באַליידיקן" — שרייבן זיי צו מיר.

איז איך האַלט, אַז דער פאָרשלאָג איז נישט אַזוי באַליידיקנדיק. קיינער מיינט דאָך נישט, אַז אייער מיטאַרבעט זאָל זיין אָפּהענגיק פון האָנאָראַר. און ס'איז וויל באַוווּסט, אַז „פּראַוודאַ" איז אַן אַרבעטעראָרגאַן, ער צאָלט בדרך-כּלל צוויי קאָפּעקעס אַ שורה, און זייער אָפט צאָלט ער אינגאַנצן נישט. דעריבער קאָן ער נישט געבן קיין הויכן האָנאָראַר.

פון דער אַנדערער זייט איז נישט קיין שום עוולה, אַז די מיטאַרבעטער פון אַ פּראָלעטאַרישער צייטונג זאָלן באַקומען אַ שטענדיקן געהאַלט — אַפילו זייער אַ קליינעם. איצט גייט די צייטונג אין צוואָנציק ביז פינף-און-צוואָנציק טויזנט עקזעמפּלאַרן. איז שוין טאַקע צייט אַ טראַכט צו טון מכּוח נאָרמאַלער אַרבעט און האָנאָראַר פאַר די מיטאַרבעטער. וואָס איז דען פאַר אַ בייז, וואָס מענטשן, וואָס שרייבן פאַר אַן אַרבעטערצייטונג, פאַרדינען אַביסל געלט? וואָס-זשע קאָן אייך דאָ באַליידיקן?

איך בין זיכער, אַז די מורא פון דער פעטערבורגער רעדאַקציע איז איבערגעטריבן און אַז איר וועט דעם פאָרשלאָג באַהאַנדלען חבריש. אפשר ווילט איר אָנשרייבן עטלעכע ווערטער, אָדער גלייך אין רעדאַקציע, אָדער צו מיר...

כ'דריק אייך האַרציק די האַנט, און ווינטש אייך, קודם-כּל, צו זיין געזונט. האַרציקע גרוסן פאַר מ. פ.

אייער לענין

אַן אַ דאַטע

טייערער א. מ.

שוין לאַנג נישט באַקומען פון אייך קיין שום ידיעה. וואָס טוט איר, וואָס מאַכט איר?

היינט האָב איך באַקומען „פּראַוודאַ" נומער 187 מיט אַן אַבאָנאַמענט אויף דאָס יאָר 1913. די לאַגע פון דער צייטונג איז אַ שווערע: זומער איז דער טיראַזש שטאַרק קלענער געוואָרן, און איצט וואַקסט ער צוריק זייער פּאַמעלעך — אַזוי אַז מיר האָבן אַ דעפיציט. מיר האָבן אַפילו געמוזט לעת-עתּה אויפהאַלטן די שכירות פאַר צוויי מיטאַרבעטער, ווייל מיר זענען אויף גרויסע צרות.

מיר האָבן בדעה אַדורכצופירן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער צו אַבאָנירן די צייטונג. מיר ווילן אַזויאַרום זיך שאַפן אַביסל

בּיז קומען צו זיך און פֿאַרברייטערן די צײַטונג. אַנדערש, ווען די דומע וועט זיך עפֿענען, וועט אונז נישט בלײַבן קיין שום אָרט אויף אַרטיקלען.

איך מיין, אַז איר וועט אויך אָנטיילנעמען אין דער אַגיטאַציע פֿאַר שאַפֿן אַבאָנענטן, כּדי אַזוי־אַרום העלפֿן דער צײַטונג. אָבער ווי אַזוי? ווען איר וואָלט האָבן אונטער דער האַנט עפּעס אַ מעשׂה אָדער עפּעס אַנדערש, וואָלטן מיר דאָס אַבאָנאַנסירט און עס וואָלט געווען אַ גלענצנדיקע פּראָפּאַגאַנדע. אויב נישט, וועט איר מיר אפשר בריוולעך מודיע זיין, אַז גאָר בקרוב, דאָס יאָר 1913, וועט איר אַרײַנשיקן עפּעס אַ כּתב־יד. ס'וואָלט געווען גלענצנד, ווען איר וואָלט אָנגעשריבן אַ קורץ בריוול צו די אַרבעטער און אויפֿווײַזן אויף דער וויכטיקייט אַקטיוו צו העלפֿן דער אַרבעטערצײַטונג (אַבאָנאַמענט, פּראָפּאַגאַנדע, זאַמלונג).

איך בעט אײַך דערום אָנשרײַבן איינס אָדער דאָס אַנדערע גלײַך אין רעדאַקציע „פּראַוודאַ" (פּעטערבורג, פּאַנסקאַיאַ 7) אָדער אַהער צו מיר (אוליאַנאָוו, קראָקע, לובאָמירסקי 47).

צו קיין מלחמה וועט וואָרשײַנלעך נישט קומען. לעת־עתּה בלײַבן מיר דאָ, כּדי „אויסצונוצן" דעם אומגעהײַערן כּעס פֿון די פּאָלאַקן צו דער רעגירונג...

מיר קעמפֿן „קעגן דעם עס־אַם"... מיר האָבן זיך אונטערגענומען צו פֿירן אַ רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע צווישן די מאַסן. אָבער גלײַכצײַטיק מוזן מיר פֿירן אַ קאַמף מיט אַ גרויסער צאָל „אויך־מיר־רעוואָלוציאָנערן"... די מאַסן זענען בלי ספק געשטימט רעוואָלוציאָנער, אָבער די נײַע דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ (אַזוי אויך די אַרבעטעראינטעליגענץ) מיט אַ רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע שאַפֿט זיך זייער פּאַמעלעך, בלײַבט אונטן און קאָן דערווײַל אונז נישט אָניאָגן.

האַרציקע גרוסן!

שרײַבט מיר אָן אַ פּאָר ווערטער.

אײַער לענין

פּ. ס. אַ ים גרוסן פֿאַר מ. פּ.! איצט האָב איך שוין נישט וועגן איר קיין שום ידיעות...

פֿון אַ דאַטשע

טײַערער אַ. מ.!

טײַערער פֿרײַנד, וואָס פּראָוועט איר פֿאַר אַ שטיק? איר זענט איבערגעאַרבעט, מיד, נערוועז! שיך, כּ'לעבן! איר דאַרפֿט פֿירן אויף קאַפּרי אַ רעגולער לעבן — בפֿרט ווינטער, ווען איר האָט נישט אַזוי פֿיל געסט. אפֿשר זענט איר גאָר פֿאַרנאַכלעסיקט דערפֿאַר, וואָס קיינער קוקט זיך אויף אײַך נישט אום? אָ, דאָס איז שוין נישט גוט! איר דאַרפֿט זיך נעמען פֿעסט אין די הענט אַרײַן. איר טאָרט הײַנט נישט אַרבעטן! און אפֿשר האָט איר זיך צופֿעליק געלאָזט אויף נאַכטאַרבעט? ווען איך בין געווע

אויף קאַפּרי, האָט מען געזאָגט, אַזאַ איך האָב עס געבּרענגט די אומאָרדי־נונג, אַז איידער איך בּין געקומען, פלעגט איר זיך פריער לייגן שלאָפן. מען מוז למען-השם קומען צו זיך און פירן אַ נאָרמאַל לעבן.

וואָס שייך דער טעאָריע וועגן מאַטעריע און איר סטרוקטור, בּין איך אַבּסאָלוט מסכּים מיט אייך, אַז מען דאַרף וועגן דעם אָנשרייבּן. דאָס וועט זיין אַ גוטע רפואה אויף דעם סם, וואָס עס זייגט אין זיך איין די „ווילדע רוסישע נשמה". אָבער איר זענט נישט גערעכט, ווען איר רופט דעם סם „מעטאַפיזיק". דאָס דאַרף גלייכער הייסן אידעאַליזם און אַגנאָס־טיציזם, ווייל די מאַכיסטן רופן דאָך דעם מאַטעריאַליזם מעטאַפיזיק! דווקא איצט, אין שייכות מיט די „ניסים" פון ראַדיום, עלעקטראָנען א.א.וו. בּאַמיען זיך אַ גאַנצע רייע היינטיקע פיזיקער אַדורכצושמוגלען דעם בּאַגריף וועגן גאָט אונטערן דעקמאַנטל פון פילאָזאָפישן אידעאַליזם...

וואָס שייך פּיאַטניצקי, בּין איך פאַר אַ גערעכט: ס'האָט נישט קיין זינען זיך צו שפּילן אין נאַרישע מעשיות. קיין שום סענטימענט טאָר דאָ נישט געדולדעט ווערן. סאָציאַליסטן זענען כּלל נישט קענען אַפּעלירן צום גערעכט. מיר זענען פאַר אויסנוצן די יורידישע איינריכטונגען. אַפילו מ אַ ר ק ס און בּ ע בּ ע ל האָבּן זיך געווענדט צום גערעכט, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייערע שונאים אין סאָציאַליסטישן לאַגער. מען מוז וויסן, ווי אַזוי מען טוט דאָס, אָבער טון מוז מען עס, ווען מען דאַרף.

פּיאַטניצקי מוז אומבּאַדינגט געמישפּט ווערן. אויבּ עמעצער וואָלט זיך דערוועגט אייך צוליבּ דעם עפעס פאָרצוואַרפן, קאָנט איר יענעם רויק אָנשפּייען אין פּנים אַריין. נאָר שאַרלאַטאַנען וואָלטן געקאָנט צוליבּ דעם אויף אייך אָנפאַלן. עס וואָלט געווען אַ גוואַלטיקע עוולה, ווען מיר וואָלטן, אויס מורא פאַר גערעכט, אָפּגעטרעטן פּיאַטניצקין און עס אים געשענקט.

נו, אויף היינט זיך גענוג אָנגערעדט. איז שרייבּט־זשע מיר, וואָס מאַכט איר מיטן געזונט.

**אייער לענין**

25 יולי 913

טייערער א. מ.

כ'האָבּ זיך כּסדר געקליבּן אייך צו שרייבּן, נאָר כ'האָבּ עס כּסדר אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן אַנדערן — צוליבּ דער אָפּעראַציע, וואָס מיין פרוי האָט זיך געמוט לאָזן מאַכן. אייערנעכטן איז שוין סוף־כּל־סוף די אָפּעראַציע פאָרגעקומען, און דער חולה האַלט שוין בּיי געזונט ווערן. אָבער די אָפּעראַציע איז געווען גענוג שווער, און איך פריי זיך שטאַרק, וואָס מיר האָבּן עס איבּערגעגעבּן קאָכערן.

און איצט — צו אונזערע ענינים. איר שרייבּט, אַז אויגוסט וועט איר זיין אין בּערלין. ווען? אָנהויבּ, צי סוף חודש? מיר רעכענען אַרויס־צופאָרן פון דאַנען דעם 11 אויגוסט. מיר האָבּן בּילעטן אַדורכצופאָרן ציריך, מינכען און ווין — און מיר וועלן זיך פאַרהאַלטן אין יעדער שטאָט.

א סברא, אַז דער דאָקטאָר וועט אונז נישט דערלויבן שוין צו פאָרן דעם 11טן — דאַן וואָלטן מיר געמוזט אַביסל איבעררוקן דעם טערמין).

אפשר וואָלטן מיר זיך ערגעץ־ווו באַגעגנט? ס׳וועט אייך זיכער אויסקומען צו פאָרן דורך בערן, ציריך אָדער מינכען?...

איך דריק אייך שטאַרק די האַנט און ווינטש אייך כּל־טוב, אַפריער פון אַלעמען — געזונט אין דער רייזע. כ׳בעט אַ גיכע תשובה.

אייער לענין

30 סעפטעמבער 1913

טייערער א. מ.!

...איך בין שטאַרק אומרויק איבער דעם, וואָס איר שרייבט מיר וועגן אייער קראַנקייט. צי טוט איר גוט, וואָס איר בלייבט אויף קאַפּרי אָן שום מעדיציניזשער השגחה? פאַראַן דאָך אין דייטשלאַנד גלענצנדע סאַנאַטאָריעס (צ. ב. אין סט. בלאַזיען, נישט ווייט פון דער שווייץ). דאָרט קאָן מען זיך פולקום אויסהיילן פון לונגענקראַנקייטן. דאָרט שטאָפּט מען די פּאַציענטן און מען געוווינט זיי ביסלעכווייז צו קעלט. מען קומט אַרויס פון דאָרט פאַרהאַרט, געזונט און אַרבעטפעיק.

און איצט, ווינטער, קלויבט איר זיך פון קאַפּרי קיין רוסלאַנד? כ׳בין שטאַרק אומרויק: עס קאָן אייך פאַרשאַטן צום געזונט און אָפּשוואַכן אייערע פעיקייטן צו שאַפונג. צי זענען אין איטאַליע דאָ גוטע דאָקטוירים?

פאָרט זשע גלייך אין דער שווייץ, צו עפּעס אַן ערשטקלאַסיקן דאָקטאָר (כ׳קאָן זיך אייך באַמיען וועגן נעמען, אַדרעסן), אָדער גאָר קיין דייטשלאַנד. זאָל מען אייך ענערגיש היילן אַ פּאָר חדשים אין עפּעס אַ סאַנאַטאָריע. מען טאָר דאָך נישט קראַנק זיין, אָפּשוואַכן די אַרבעטפעיקייטן און אַזוי אַרום פאַרשווענדן דאָס מלוכהאייגנטום...

שרייבט־זשע אָן אייערע פּלענער און וואָס איר מאַכט! כ׳בעט אייך, נעמט זיך ערנסט צו היילן: ס׳איז באמת זייער מעגלעך, אַז איר זאָלט אינגאַנצן געזונט ווערן. און עס וואָלט געווען אַן אמתדיק פאַרברעכן צו פאַרנאַכלעסיקן אייער קראַנקייט.

אייער לענין

אָן אַ דאַטע

טייערער אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש!

...כ׳בין שטאַרק אומרויק, ויאָס איר האָט זיך איבערגעגעבן צו היילן מיט אַ נייעם מעטאָד „עפּעס אַ באָלשעוויק״, אַפילו אַ „געוועזענעם״. זאָל אונז גאָט אָפּהיטן פאַר דאָקטאָרשע חברים בכלל — און בפרט פאַר באָלשעוויסטישע דאָקטוירים! ניין און ניינציק אויף הונדערט פאַלן זענען די „חברים״ אַלס דאָקטוירים אמתדיקע אייזלען — אַזוי האָט מיר אַנומלט געזאָגט אַן אמת־גוטער דאָקטאָר. איך גאַראַנטיר אייך, אַז תּמיד דאַרף מען

אין ערנסטע פראַגן זיך ווענדן נאָר צו ערשטקלאַסיקע מעדיציניש‏ע כוחות. אָבער אויספּרובירן אויף זיך די נייע מעטאָדעס פון עפּעס אַ באָלשעוויק — דאָס איז שרעקלעך! סיידן איר זאָלט קאָנטראָלירן ביי נעאַפּאָלער פּראָפּעסאָרן... אויב אָט די פּראָפעסאָרן זענען בכלל עפּעס ווערט. כ׳וועל אייך עפּעס זאָגן: אויב איר וועט ווינטער אַרויספאָרן, זאָלט איר אויפן וועג אָפּטרעטן ביי אָנגעזעענע דאָקטוירים אין דער שווייץ און אין ווין. ס׳וואָלט געווען אַן אומדערהערטע עוולה, ווען איר וואָלט עס נישט טון! און וואָס מאַכט איר איצט?

אייער נ. לענין

אָן אַ דאַטע

טייערער א. מ.!

וואָס פּראַוועט איר ווידער פאַר אַ שטיק? ס׳איז דאָך שרעקלעך!

נעכטן האָב איך געלייענט אין „ריעטש״ אייער ענטפער די, וואָס „בילן״ אויף דאָסטאָיעווסקין און האָב זיך שוין געוואָלט פרייען; אָבער היינט האָב איך געלייענט די „ליקווידאַציע-צייטונג, ווו ס׳איז אָפּגעדרוקט איין אויסצוג פון אייער אַרטיקל, וואָס איז אין „ריעטש״ נישט געווען.

דער אויסצוג לייענט זיך אַזוי:

„דאָס זוכן גאָט״ מוזן מיר לעת-עתה (טאָקע נאָר לעת-עתה?) אָפּלייגן אויף שפּעטער. דאָס איז אַ ציללאָזע זאַך: ס׳האָט נישט קיין זינען צו זוכן עפּעס, וואָס מען האָט קיינעם נישט געגעבן. ווער עס קלייבט נישט, דער זייעט נישט. איר האָט נישט קיין שום גאָט, ווייל איר האָט איס נאָכנישט (נאָכנישט!) באַשאַפן. קיין געטער זוכט מען נישט—מען שאַפט זיי. דאָס לעבן טראַכט מען נישט אויס, נאָר מען שאַפט עס״.

דערפון דרינגט אַרויס, אַז נאָר לעת-עתה זענט איר קעגן דער „גאָט-זוכעניש״. אַז נאָר דערפאַר זענט איר קעגן זוכן גאָט, ווייל איר ווילט, מען זאָל „באַשאַפן״ גאָט!

זאָגט-זשע, צי איז עס נישט שרעקלעך — צו וואָס איר דערגייט אַלץ אויף אָט דעם וועג?

זוכן גאָט און שאַפן גאָט וכדומה — ס׳איז דערזעלבער חילוק, וואָס צווישן אַ געלן טייוול און אַ שוואַרצן. אַרויסטרעטן קעגן זוכן גאָט נישט דערפאַר, כדי זיך דערקלערן אַנטשלאָסן קעגן אַלע מינים טייוואָלים און געטער, קעגן אָט דער גאַנצער אידעאָלאָגישער פעסט, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס אַ געלער טייוול איז בעסער פאַר אַ שוואַרצן — דאָס איז טויזנט מאָל ערגער, ווי בכלל נישט רעדן וועגן דעם. דאָס באַציט זיך צו אַלע געטער גלייך: אַזוי צו די ריינסטע, אידעאַלסטע, אַזוי צו די „געזוכטע״ ווי צו די „געשאַפענע״.

אין די ליבעראַלסטע לענדער, ווו דער רוף „צו דער דעמאָקראַטיע, צום פאָלק, צו דער עפנטלעכער מיינונג און צו דער וויסנשאַפט״ וואָלט נישט געווען אויפן אָרט, אין אַזעלכע לענדער, ווי אַמעריקע, שווייץ און

א. וו. פאַרבלענדט מען טאַקע דאָס פּאַקק און די אַרבעטער מיט דער אידעע פון עפּעס אַ ריינעם, גייסטיקן גאָט, וואָס דאַרף ערשט באַשאַפן ווערן. די דעמאָקראַטישע בורזשואַזיע איז דערפאַר נוטה צו דער רעליגיע (און אָפטמאָל טוט זי עס זייער גערן), ווייל יעטוועדע גאָט-אידעע, אפילו דאָס בלויזע קעכלען זיך מיט אָט דער אידעע איז אומגעהייערע צביעות, געפערלעכ-סטע און געמיינסטע „אינפעקציע". מיליאָנען עבירות, געמיינקייטן און פי-זישע אַרויסטרעטונגען זענען פאַרן המון אַ סך מער פאַרשטענדלעך (און דערום ווייניקער געפערלעך), ווי יענע איידעלע, ריין גייסטיקע אידעע וועגן גאָט, פאַרשטעלט מיט אַן אידעאָלאָגישן מאַנטל. כּלי-קודש, וואָס פאַרגוואַל-דיקן מיידלעך (כ'האָב טאַקע נאָר-וואָס צופעליק געלייענט וועגן אַזאַ פאַל אין עפעס אַ דייטשער צייטונג), איז פאַר דער „דעמאָקראַטיע" הונדערט-מאָל ווייניקער געפערלעך, ווי אַ גייסטלעכער אָן די גלחישע מלבושים, אַ גלח אָן אַ באַשטימטער רעליגיע, אַזאַ אידעאַליסטיש און דעמאָקראַטיש „שטריימל", וואָס דרשנט דרשות וועגן שאַפן עפעס אַ נייעם גאָט. ווייל יענעם ערשטן גלח איז לייכט צו אַנטמאַסקירן, פאַרמישפּטן און אַרויסטרייבן. אָבער דעם צווייטן קאָן מען נישט אַזוי לייכט אַרויסוואַרפן, און אַנטמאַס-קירן אים איז טויזנט מאָל שווערער. קיין שום „וואַקלדיקער און אומ-אַנטשלאָסענער" בורזשוי וועט אים נישט וועלן פאַרורטיילן.

און דווקא איר, וואָס איר קענט אַזוי גוט די „וואַקלדיקייט און אומ-אַנטשלאָסנקייט" פון דער קליינבירגערלעכער נשמה — דווקא איר לאָקט די נשמה מיט סם, וואָס איז אָנגעצוקערט און באַפּוצט מיט פאַרשידנקאָלירנדיקער טאַנדייט!

דאָס איז דאָך באמת שרעקלעך!

לאָמיר שוין סוף-כּל-סוף מאַכן אַן ענד מיט דעם „זעלבסטבאַשפּייען, וואָס דאַרף ביי אונז פאַרטרעטן די זעלבסקריטיק".

ווייל שאַפן געטער — צי איז דאָס נישט די נידעריקסטע פאָרם אַליין באַשפּייען זיך? ווער עס פאַרנעמט זיך מיט דער שאַפונג פון עפּעס אַ גאָט, אָדער וואָס אפילו ער באַשטייט אויף אַזאַ מין שאַפן — דער שפּייט אויף זיך אַליין. ווייל אָנשטאָט זיך צו נעמען צו דער אַרבעט, שפּילט ער זיך מיטן אַריינקוקן אין אייגענעם „איך" — און דווקא אין די באַרישסטע, העסלעכסטע און שקלאַפערישסטע שטריכן פונם דאָזיקן „איך", וואָס ער וויל פאַרגעטערן מיט דער הילף פון שאַפן געטער.

פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, און נישט פון פערזענלעכן, איז יעדעס שאַפן געטער נישט עפּעס אַנדערש, ווי דווקא צוקוקן זיך צו זיך אַליין אין שפּיגל! דאָס פּאַסט פאַר דער געדאַנקלאָזער בורזשואַזיע, פאַר דעם שוואַכן פיליסטער, פאַר טרוימערישע קליינבירגער, וואָס זענען „אַנטוישט און מיד" (ווי איר האָט עס זייער טרעפלעך געזאָגט וועגן דער קליינבירגער-לעכער נשמה. איר האָט אָבער געדאַרפט רעדן נישט דווקא וועגן דער רוסישער, נאָר בכלל וועגן דער קליינבירגערלעכער נשמה. נישט די יידישע, נישט די אי-טאַליענישע, צי די ענגלישע איז בעסער אויף אַ האָר — אַלע זענען זיי גלייך

באַנאַל און טויגן אויפן פייער. די בורזשואַזיע איז אומעטום נידערטרעכ־טיק. דאָס „דעמאָקראַטישע בירגערטום", ווידער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פאַרשפּרייטן אָט די אידעאָלאָגישע פּעסט, איז טויזנטפאַך נידערטרעכטיקער).

איך לייען כסדר אייער אַרטיקל און באַמי זיך צו טרעפן, ווי אַזוי זענט איר געקומען צום דאָזיקן פעלער. און איך קאָן עס נישט פאַרשטיין. וואָס זאָל עס באַטייטן? און אפשר איז עס אַן איבערבלייבעכטס פון אייער „ווידוי", וואָס איר אַליין באַשטעטיקט אים שוין היינט נישט?

צו וואָס געבן די לעזער עפּעס דעמאָקראַטישע חלומות? גלייכער קלאָר אונטערצוציען די גרענעץ צווישן קליינבירגערטום און פּראָלעטאַריאַט. יענע זענען וואַקלדיק, אומאַנטשלאָסן, מיד, אַנטוישט, פאַרקוקט אין זיך, פאַרקוקט אין גאָט. זיי שאַפן געטער און גלויבן אין זייער עקזיסטענץ, זיי זענען נאַריש־אַנאַרכיסטיש (אַ גלענצנד וואָרט!) און אַזוי ווייטער — די זענען מוטיק נישט נאָר אין ווערטער, זיי קאָנען אָפּזונדערן די בורזשואַזיע „ווייסנשאַפט און געזעלשאַפטלעכע מיינונג" פון זייער אייגענער, די בורזשואַזיע דעמאָקראַטיע פון דער פּראָלעטאַרישער!

צו וואָס טוט איר דאָס? ס'קאָן דאָך יעדן אַרויסברענגען פון געדולד!

אייער וו. אוליאַנאָוו

## צו סמילגאַן

וויבאָרג, 27 סעפּטעמבער 1917

טייערער חבר סמילגא!

כ'נוץ אויס די געלעגנהייט און וויל זיך מיט אייך געניטער אַדורכשמועסן:

1. כ'בין אומרויק וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע: די באָל־שעוויקעס האָבן דערקלערט מלחמה דער רעגירונג, אָבער זי האָט דאָס מי־ליטער אין אירע הענט און זי גרייט זיך נאָכאַנאַנד צו אַ צוזאַמענשטויס. און וואָס טוען מיר? מיר רופן קאָנגרעסן, נעמען־אָן רעזאָלוציעס — מיט איין וואָרט, מיר פאַטערן אומזיסט די צייט. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי פירט נישט איצט קיין צילבאַוווסטע אַקציע, כדי צוצוגרייטן דאָס מי־ליטער אומצוואַרפן קערענסקין.

די לעצטע געשעענישן האָבן נאָר באַשטעטיקט מיין מיינונג: מיר מוזן זיך גרייטן צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. דאָס פּאָליטיש פּראָבלעם האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטעריש. און איך האָב מורא, אַז די באָל־שעוויקעס האָבן דאָס פאַרגעסן און מאַכן זיך די אילוזיע, אַז איין בונט וועט אומוואַרפן קערענסקין. דאָס איז אַ זייער נאַרישע האָפענונג. מיר טאָרן נישט אויסרעכענען אויף אַ צופאַל. איך האַלט, אַז עס וואָלט זיין אַ פאַרברעכן, ווען דער פּראָלעטאַריאַט, אַנשטאָט זיך צו גרייטן צו אַ באַ־וואָפנטן אויפשטאַנד, וואָלט זיין גאַנצע האָפענונג געלייגט אויף אַ מזלדיקן צופאַל. אפשר וואָלט איר געקאָנט אָט דעם בריוו מייַנעם אָפּקאָפּירן אויף

אַ שרייבמאַשין און פונאַנדערשיקן צו די חברים אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג.

2. איצט, וואָס שייך אייער ראָל. די איינציקע טייל מיליטער, וואָס מיר האַלטן פעסט אין אונזערע הענט, זענען די פינלענדישע פּאָלקן און דער באַלטישער פלאָט. איך האַלט, אַז איר דאַרפט אויסנוצן אייער הויכן אַמט. די קלענערע אַרבעטן איבערגעבן אייערע סעקרעטאַרן, און אַליין זיך גלייך ווידמען מיליטעריש צוזגרייטן די פינלענדישע פּאָלקן און דעם באַלטישן פלאָט. מיר מוזן אָרגאַניזירן די זיכערסטע זעלנער אין אַ קאָנספּראַטיוון קאָמיטעט, אַרומרעדן אַלץ מיט זיי גענוי, פּערזענלעך קאָנטראָלירן די גאַנצע אַרבעט, צענויפקלייבן די גענויסטע ידיעות וועגן די מיליטערישע כוחות אַרום פּעטערבורג און אין שטאָט גופא, וועגן די פּלאַטמאַנעוורן. איר דאַרפט אויך אַ קוק טון, ווי האַלט עס מיטן איבערטראַנספּאָרטירן די פינלענדישע פּאָלקן קיין פּעטערבורג.

עס וואָלט דאָך געווען באמת קאָמיש, ווען נישט געקוקט אויף אַלע אונזערע רעזאָלוציעס און ראַטן זאָלן מיר נישט האָבן קיין באַוואָפנטן כוח. ס'וועט אויך נישט שווער זיין צונויפצוקלויבן געניטע און זיכערע זעלנער, צופאָרן צום פּאָרט ווי ב אָ רג אויף דער פינלענדישער גרענעץ און גענוי אויס- פאָרשן די סטראַטעגישע לאַגע. מיר טאָרן באין-אופן נישט מסכים זיין אויף דער פאָדערונג פון דער רעגירונג, אַז מען זאָל איבערפירן דאָס רעוואָלו- ציאָנערע מיליטער פון פינלאַנד. ס'וועט זיין אַ סך גלייכער, אַז מיר וועלן די פּאָלקן באַנוצן צום אויפשטאַנד, כדי שפּעטער, אַז מיר וועלן שוין האָבן די מאַכט אין די הענט, איינפירן די ראַטנרעגירונג. ווי איך דערוויס זיך פון די צייטונגען, איז נישטאָ קיין שום סכנה, אַז די דייטשן זאָלן פאַר- נעמען פינלאַנד. זיי האָבן נישט אַזויפיל קוילן, אַז זיי זאָלן קאָנען אַדורכ- פירן עפּעס אַ גרעסערע אַקציע אויפן ים און ברענגען אין באַוועגונג די נייטיקע איבערפירשיפן.

3. די פינלענדישע רעגירונג מוז אָנפירן אַ ברייטע אַגיטאַציע צווישן די קאָזאַקן, וואָס שטייען-איין אין לאַנד. קערענסקי האָט דאָך איבערגעפירט אַ טייל קאָזאַקן פון וויבאָרג און זיי באַשטאַט צווישן וויבאָרג און טעריאָקי. אַזוי-אַרום וויל ער זיי אָפּזונדערן פון די באָלשעוויקעס. מען מוז אומבאַ- דינקט שאַפן אַגיטאַציעאָפּטיילן פון די בעסטע מאַטראָסן און פינלענדישע זעלנער און זיי פונאַנדערשיקן צווישן די קאָזאַקן.

4. מיר מוזן אויסנוצן צו דער אַגיטאַציע די מאַטראָסן און זעלנער, וואָס פאָרן אויף אורלויב אַהיים. זיי דאַרפן אויך פירן אַ באַלעבעטע אַגיטאַ- ציע אין די דערפער. אייער פּערזענלעכע לאַגע איז היינט-צו-טאָג אַ גלענצנדע: איר וועט קאָנען דערפירן צו מיטאַרבעט מיט די לינקע סאָציאַל- רעוואָלוציאָנערן. אַדאַנק אַזאַ בלאָק וועלן מיר קאָנען איבערנעמען די מאַכט איבער רוסלאַנד און באַקומען אַ מערהייט אין דער קאָנסטיטואַנטע. בעמט-זשע זיך גלייך דערצו, אָרגאַניזירט צו פאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע

אויפרופן, גרינדעט אַגיטאַציעגרופּעס פון צוויי מענטשן: אַ באָלשעוויק מיט אַן ס. ר. — צעשיקט דידאַזיקע גרופּעס איבער די דערפער, ווו די ס. ר.ן האָבן אַ גרויסן איינפלוס. גוט, וואָס מיט זייער הילף וועט איר קאָנען רעוואָלוציאָניזירן דעם פויערשן עולם.

5. איך האַלט, אַז אונזער לאָזונג דאַרף זיין ביים היינטיקן טאָג: „די מאַכט — דעם פּעטראָגראַדער ראַט". און דער פּעטראָגראַדער ראַט וועט שוין איבערגעבן די מאַכט דעם אַלגעמיינעם ראַטנצוזאַמענפאָר. צו וואָס זאָלן מיר פאַטערן דריי וואָכן און וואַרטן ביז קאָרנילאָוו מיט קערענסקין וועלן זיך מיליטעריש צוגרייטן? אַט דער לאָזונג קאָן פינלאַנד ברענגען אַ סך נוצן.

6. וויבאַלד איר וועט שוין האָבן די מאַכט איבער פינלאַנד, וואַרט אויף נאָך אַ זאַך: איר מוזט אָרגאַניזירן דאָס איבערפירן ליטעראַטור פון שוועדן. אַן דעם זענען אַלע רייד וועגן אינטערנאַציאָנאַל הוילע פראַזן. צומגלייכסטן וואָלט געווען צו שאַפן אויפן גרענעץ אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל באַשטיין פון בלויז זעלנער. אויב דאָס וואָלט געווען נישט מעגלעך, טאָ זאָל כאָטש לכל הפחות אַ זיכערער מענטש פאָרן אין יענע מקומות — די רעשט נעם איך אויף זיך. אפשר וועט זיך פאַר געלט לאָזן עפּעס מאַכן. אַלנפאַלס מוז מען עס אומבאַדינגט אַדורכפירן.

7. איך האַלט, אַז מיר מוזן זיך אַמאָל באַגעגענען, כדי דאָס אַלץ גענוי אַדורכצושמועסן. איר קאָנט אַריינפאָלן צו מיר און נישט פאַטרן קיין איין טאָג צייט. אויב איר וואָלט געהאַלטן ביי קומען, טאָ באַמיט זיך וואָס שנעלער, אַז ראָוויאָ זאָל אָנפרעגן טעלעפאָניש הוטונענען, אַ פינלענדישע דעפּוטאַט, צי מען קאָן קומען צו זיין פּרויס שוועסטער. אָן אַזאַ מין פרי-ערדיקער פאַרשטענדיקונג איז גאַנץ מעגלעך, כ'זאָל זיין אונטערוועגס. אַלענפאַלס בעט איך אייך מיר באַשטעטיקן דאָס מקבל זיין דעמדאָזיקן בריוו און מיר צוויסן-טון דורך דעם חבר, וועלכן בריוו ער זאָל געבן ראָוויאָן. איך וועל דאָ בלייבן אַזוי לאַנג, ביז די פּאָסט מיט די טראַנס-פּאָרטן וועלן ווערן אָרגאַניזירט. איר וואָלט אונז געקאָנט העלפן — געבן די אייזנבאַנער קאָנווערטן, אַדרעסירט צום וויבאָרגער ראַט. אין דידאָזיקע קאָנווערטן וואָלטן זיך געפונען ידיעות פאַר הוטונענען.

8. דורך דעמזעלביקן חבר שיקט מיר אַ באַשטעטיקונג, אויף אַ בלאַנק פונם אָרטיקן קאָמיטעט, מיט מאַשינשריפט, געהעריק אונטערגעשריבן — אַז דער פּאָרזיצער נעמט-איבער די אחריות פאַרן געגעבענעם חבר און אַז ער בעט אַלע ראַטן, אַז מען זאָל זיך צו דעם מענטשן באַציען מיטן פולסטן צוטרוי און אים העלפן, מיט וואָס מען קאָן. דידאָזיקע באַשטע-טיקונג דאַרף ווערן אויסגעשטעלט אויפן נאָמען פון קאָנסטאַנטין א י-וואַנאָוו. איך דאַרף עס האָבן אויף יעדן פאַל. מאַלע, וואָס עס קאָן זיך מיר טרעפן.

9. אפשר האָט איר גראָד „מאַטעריאַלן צו איבערקוקן דעם פּאַרטיי-פּראָגראַם", מאָסקווער אויסגאַבע? זוכט אויס דידאָזיקע בראָשור אין העל-זינגפאָרס און שיקט זי מיר דורכן זעלביקן חבר.

10. נעמט אין אַכט, אַז ראָוויאָ איז אַ גלענצנדער מענטש, נאָר אַ ברדיסער פּוילאַק. מען מוז כסדר שטיין איבער אים און צוויי מאָל אין טאָג אים אַלץ דערמאַנען – אַנישט וועט ער גאָרנישט טון.

האַרציקע גרוסן

אייער ק. איוואַנאָוו

לעבינס פסיידאָנים

ג  אָ  נ  ד  ח

# גאנדי צו ראבינדראנאט טאגארען

„...דער דיכטער, אין זיין פאעטישער התרוממות-הנפש, לעבט מיטן מארגן און פארלאנגט פון אונז, מיר זאלן אויך דאס זעלביקע טון. ער וויל, אז מיר זאלן פריידיק פארנעמען דאס געזאנג פון די פייגעלעך, וואס זינגען שירה יעדן באגינען און פליען צום הימל. אבער דידאזיקע פייגל האבן יעדן טאג זייער שפייז און ויגן זיך אויף די פליגל, אויסגערוט און פארשטארקט מיטן צופלוס פון פרישן בלוט, וואס האט אין זיי געריזלט איבערנאכט. אבער אויף מיין גורל איז אויסגעפאלן די פיינלעכע עובדא, אז איך מוז אויפפאסן יענע פייגל, וואס זענען אן כוחות און קאנען אפילו נישט באוועגן מיט די פליגלען. דער מענטשלעכער פויגל אונטער אינדיעס הימל גייט-אויס, נאך מערער ווי דעמאלט, ווען ער האט זיך איבערגעגעבן קלאמפערשטן אפרו. פאר מיליאנען מענטשן איז דערדאזיקער אפרו גלייך צו אן אייביקן וואך-זיין, צו אייביקער פינסטערניש. דאס איז אזא פיינלעכער צושטאנד, וואס עס קאן אים באגרייפן נאר דער, וואס האט עס אליין איבערגעלעבט. ערשט איצט האב איך פארשטאנען, אז אפשמאל קאן מען נישט איינוויגן לעבעדיקע מענטשן מיט געזאנג. די דאזיקע מיליאנען הונגעריקע לעכצן נאך איין געזאנג: עסן...“

I

יעדעס מאָל, ווען גאַנדי פֿאָרט מיט דער באַן אין דעם אָרעמסטן אַפּטייל; אָדער ווען ער גייט צופֿוס, באָרוועס, מיטן שטעקן אין האַנט, אין בעטלערישע מלבושים און וואַנדערט פֿון שטאָט צו שטאָט, פֿון דאָרף צו דאָרף — קלויבן זיך אַרום אים צענויף המונים מענטשן, וואָס דערגייען אָפּטמאָל אין די צענדליקער טויזנטער. די מאַסן גייען אים נאָך, וואַרטן נעדולדיק אויף אַ וואָרט פֿון זיין מויל, אויף דער מינוט, זיי וועלן קאָנען אַ קוק טון אויף זיין פּנים, אָדער, ווי מען זאָגט אין אינדיע — אויפֿן „דהארסאן". מאַסנווייז שטופּן זיי זיך אינם באַנוואַגאָן אָדער אין דעם הייזל, וווּ גאַנדי געפֿינט זיך. זיי זינגען מזמורים לכּבֿוד אים, זיי באַגריסן אים מיטן נאַציאָנאַלן ניצחון-געשריי: „מאַהאַטמאַ גאַנדי-קי-אי-אַי!". — אַז ער לייגט זיך בייַנאַכט שלאָפֿן אין עפּעס אַ דערפֿל אָדער אונטערן פֿרייען הימל, ציִען צו אים פּילגרימען, ווי צו עפּעס אַ הייליקן. די כּהנים פֿון פֿאַרשי טוען תּפֿילה אין זייערע הייליקטימער פֿון פֿייער, אַז ער זאָל מצליח זיין. אַ סך אינדער זעען אין אים דעם גילגול פֿון אירי-קרישנאַ און אַכפּערן אים, ווי אַ גאָט. אינדיע איז פֿול נאַיווע פֿאָלקבילדלעך, אויף וועלכע גאַנדי איז פֿאָרגעשטעלט, ווי אַן אירי-קרישנאַ.

אַז מ'האָט גאַנדין אַרעסטירט, האָט איינער פֿון גאַנדיס פֿאַרביסנסטע שונאים, דער ענגלישער געריכטבאַאַמטער לאָיד געזאָגט, אַז סיידן מען וואָלט אים געמוזט לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין תּפֿיסה און קיינעם נישט צולאָזן צו אים — אַנדערש וועט גאַנדיס תּפֿיסהקעמערל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מעקאַ פֿון דער גאַנצער וועלט. אַז דאָס איז נישט געווען סתּם קיין פּראַזע, באַווייזט פֿאָלגנדיקע באַשרייבונג אין עפּעס אַן אינדישן בלאַט פֿון יענער צייט: „אינאָוונט — דערציילט די צייטונג — האָבן זיך פֿאַרזאַמלט פֿאַר די טויערן פֿון סאַבאַרמאַטי (די תּפֿיסה, וווּ גאַנדי איז געזעסן), מאַסן מענטשן, כּדי אָפּצוגעבן כּבֿוד דעם באַליבטן פֿירער. די מאַסן זענען געשטאַנען פֿאַר דער תּפֿיסה, ווי פֿאַר עפּעס אַ בית-מקדש. אַז דער גלאָק האָט געקלונגען, אַ סימן, אַז מען מעג אַריינגיין, איז דער המון געוואָרן דול פֿון באַגייסטערונג און פֿרייד. די מאַסן עולי-רגל האָבן געזעגנט צו זייער פֿאַרגעטערטן מאַהאַטמאַ. אַ טייל איז אים געפֿאַלן צו די פֿיס, אַ טייל האָבן אים באַרירט מיט כּבֿוד און דרך-ארץ, אַנדערע האָבן אים אַרויסגעוויזן זייער יראת-הכּבֿוד מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך פֿאַר אים געבוקט. מאַמעס האָבן אים געלייגט אויף די הענט זייערע קינדער, אַלטע פֿרויען האָבן פֿאַר אים אָנגערירט די ערד מיט די הענט, כּדי דערמיט אים אַרויסווייזן זייער פֿולשטענדיקע איבערגעגעבנקייט".

דאָס פאָלק זעט אין גאַנדין אַ הייליקן, גיט אים אָפּ אַזאַ כּבוד, וואָס קיינעם נישט. און כּדאַי צו באַמערקן, אַז זיין אָפּשטאַמונג באַרעכטיקט אים נישט צו אויסערגעוויינלעכער באַדייטונג. ער שטאַמט נישט פון דער בראַמאַנישער קאַסטע, נישט פון די קשאַטריער, נאָר פון דער קאַסטע ב אַ-נ י אַ, און פונדעסטוועגן בוקן זיך פאַר אים אַפילו די בראַמאַנער מיט פולשטענדיקן דרך-ארץ. — „דאָס גאַנצע פאָלק — זאָגט ראַבינדראַנאַט טאַ-ג אָ ר ע — הערט אים בלינד, ווייל עס האַלט אים פאַר אַ הייליקן. אַזאַ נס קאָן געשען נאָר אין אינדיע: דאָס פאָלק, וואָס באַשטייט פון פאַרשידענע ראַסן, פון פאַרשידענעם געמיט און אידעען, דאָס גאַנצע פאָלק פאַראייניקט זיך אין הכנעה פאַרן הייליקן... געגנוג צו זאָגן עטלעכע ווערטער: „מאַהאַטמאַ גאַנדי פאַרוועט...", אַז מען זאָל איינצוימען די ערגסטע און איינגעוואָרצל-טסטע ליידנשאַפטן... הגם איך בין נישט אין איין פּרט מיט אים נישט מסכּים, בין איך פול פאַר אים מיט דרך-ארץ און באַוווּנדערונג. דאָס איז נישט נאָר דער גרעסטער מענטש צווישן די אינדער — ניין, דאָס איז בכלל דער גרעסטער מענטש, וואָס לעבט צווישן אונז".

אָבער גאַנדי האָט נישט נאָר אַן אומבאַגרענעצטע שליטה איבער די פאָלקסמאַסן. אויך די אינטעליגענטע אינדער רעדן וועגן אים, ווי וועגן אַ „מאַהאַטמאַ". און ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע דערקלערט אונז אויך, וואָס באַטייט פאַר אַן אינדער דאָס וואָרט „מאַהאַטמאַ", „גרויסער גייסט": „דאָס וואָרט מ אַ ה אַ ט מ אַ באַטייט אויסגעלייזטער א י ך, וואָס געפינט זיך צוריק אין די נשמות פון אַלע אַנדערע מענטשן. יעגץ לעבן, וואָס איז שוין נישט איינגעשלאָסן אינם גוף פון איין מענטשן, יענע נשמה וואָס נעמט אַרום אַלעמען, די נשמה פונם אָטמאַ. די נשמה ווערט „מאַהאַטמאַ" אויף דעם אופן, וואָס זי זייגט אין זיך איין אַלע נשמות, יעטוועדן גייסט".

ווילן מיר זיך אָפּגעבן אַ דין-וחשבון פון גאַנדיס ריזיקער באַדייטונג און איינפלוסן, אַזוי מוזן מיר זיך באַקענען מיט די באַדינגונגען, וואָס הערשן אין אינדיע. די באַפעלקערונג פונם דאָזיקן לאַנד באַשטייט פון אַ גרויסער צאָל שבטים, ראַסן און גרופּעס, וואָס זענען אין עטנאָגראַפישן זינען זיך פולשטענדיק פרעמד. זיי רעדן אויף עלף שפּראַכן און געהערן צו פאַרשידענע סעקטעס און רעליגיעס. פאַראַן צווישן זיי זיבעציק מיליאָן מאָכמעדאַנער, וואָס לעבן זינט דורות אין אומאויפהערלעכן קאַמף מיט די אינדער.

די אינדער, ווידער — אַ דאַנק דעם סיסטעם, וואָס עקזיסטירט שוין דורות לאַנג — זענען אויך צעבראָכן אויף אַ וואַסערע פיר און אַכציק קאַסטעס, וואָס יעדע טיילט זיך אויף עטלעכע הונדערט קלענערע. איין קאַסטע גרענעצט זיך אַזוי שטאַרק אָפּ פון דער אַנדערער, אַז זייערע מיט-גלידער טאָרן נישט עסן צוזאַמען, טאָרן זיך נישט משדך זיין מיט אַן אַנדער קאַסטע. אַזוי, למשל, די טעפּער, וואָס דרייען זייערע רעדלעך זיצנדיק און אַרבעטן אויס קליינע טעפּלעך, זענען זיך נישט משדך מיט די טעפּער, וואָס אַרבעטן שטייענדיקערהייט און אַרבעטן-אויס גרויסע טעפּ.

אַ פינפטל באַפעלקערונג געהערט צו דער קאַסטע פון די פאַריער, פון די „מצורעים", די אומבאַרירלעכע. מען האַלט זיי פאַר אויסוווּרפן, וואָס אויב זיי רירן־אָן אַ רעכטפאַרטיקן אינדער, אָדער אויב אַפילו זיי קוקן אויף אים, ווערט ער אומריין. אַפילו זייער שאָטן טאָר נישט פאַלן אויף קיין פרומען אינדער. דאָסדאָזיקע קאַסטעסיסטעם איז אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצלט אין דער אינדישער באַפעלקערונג, אַז אַפילו דער פאַבריקפּראָלעטאַריאַט איז דערפון נישט פריי: אַ מיטגליד פון דער העכערער קאַסטע וועט קיינמאָל נישט אַרבעטן ביי איין מאַשין אָדער ביי איין טיש מיט אַן אינדער, וואָס געהערט צו אַ נידעריקערער קאַסטע.

ערשט גאַנדי, מיט זיין ריזיקן פערזענלעכן איינפלוס, האָט באַוויזן צו פאַראייניקן אין איין לאַגער אָט די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס איז צע־ברעקלט אויף טויזנטער קאַסטעס און סעקטעס, וואָס איז זענען צווישן זיך אַזוי שטאַרק אָפּגעטיילט. גאַנדי האָט פאַרמילדערט די אַלע קעגנזאַצן, וואָס האָבן אויסגעזען צו זיין אומבאַקעמפּבאַר. אַזוי־אַרום האָט ער דערפירט צו רעוואָלוציאָניזירן די טויזנטדורותדיקע טראַדיציעס, צו אַן איבערבראָך, וואָס עס קען נישט די מענטשלעכע געשיכטע.

ער האָט געוווּנען די הערצער פון די פאַרשער, די רייכע סוחרים פון קאַלקוטאַ, און אויך באַוויזן אַריבערציען אין זיין לאַגער דאָס אַרבעטערפאָלק און אַפילו די אַרבעטערפאַראיינען מיט אַ בולטער סאָציאַליסטישער באַפאַר־בונג. דאָס גאַנצע פאָלק, פון די רייכסטע און מעכטיקסטע ביז צו די עלנטסטע אָרעמעלייט און בעטלער — געפינען זיך אונטערן כּישוף פון זיינע ווערטער. אַז גאַנדי רעדט, פאַרשווינדן אַלע סאָציאַלע און רעליגיעזע קעגנ־זאַצן, דאַן (לכל הפחות, אויף אַ מינוט) — ווערן ברידער די בראַמאַנער און פאַריער, די אינדער און די מאַכמעדאַנער, די רייכע פאַרשער און די אָרעמע אַרבעטער.

איינמאָל, נאָך אַ קאָנפערענץ פונם אַלאינדישן קאָנגרעס אין אַהמעדאַ־באַד, ווו גאַנדי איז געווען פאָרזיצער, איז פאָרגעקומען אַ גרויסאַרטיק מאָל־צייט. עס האָבן דאָרט אָנטיילגענומען איבער פופציק טויזנט מענטשן, וואָס געהערן צו פאַרשידענע קאַסטעס און אָנהענגער פון פאַרשידענע אמונות. מען האָט פאַרגעסן אָן די איינגעוואָרצלטע אַבערגלויבנס. אינדער און מאַכ־מעדאַנער, בראַמאַנער און פאַרשער האָבן געגעסן צוזאַמען מיט די פאַריער ביי איין טיש, אָפט אַפילו פונם זעלבן טעלער. דידאָזיקע סעודה האָט גע־האַט פאַר אינדיע אַ טיפע רעוואָלוציאָנער־סימבאָלישע באַדייטונג: זי האָט באַטייט, אַז מען צערייסט ענדגילטיק מיט דער פאַרגאַנגנהייט און מען הייבט אָן אַ פרישע היסטאָרישע עפּאָכע אין דער געשיכטע פונם לאַנד און זיין לעבן. קורץ דערנאָך האָבן די אויסגעוויילטע פאָרשטייער פונם פאָלק פּראָקלאַמירט גאַנדין פאַר זייער דיקטאַטאָר מיט אומבאַגרענעצטער מאַכט.

אַז גאַנדי איז קראַנק געוואָרן, האָט דאָס גאַנצע לאַנד געלעבט אין שרעק פאַר זיין געזונט. מ'האָט אים געשיקט געהייליקטן אַש פון די ווייטס־

טע געגנטן, הייליק וואַסער פון די ברעגן גאַנגעס. אין די געבעטהייזער האָבן די בראַמאַנער אָפּגעריכט ספּעציעלע תּפילות פאַר דעם מאַהאַטמאַס גענעזונג.

שפּעטער, אַז ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז מ׳האָט גאַנדין באַפרייט פון תּפיסה, זענען אין גאַנץ אינדיע פאָרגעקומען לכבוד דעם גראַנדיעזע פרייד־מאַניפעסטאַציעס. אין די שטעט און דערפער האָט מען וועגן דעם מכריז געווען דערמיט, וואָס מ׳האָט געפּויקט אין גרויסע פּויקן. סיי אין די אינדישע טעמפּלען, ווי אין די מאַכמעדאַנישע מעטשעטן, האָט מען אָפּגעהאַלטן דאַנקתּפילות. די גאַסן זענען געווען באַפּוצט. איבער זיי האָבן געצויגן דעמאָנסטראַציעס, אין וועלכע ס׳האָבן אָנטיילגענומען די אָנהענגער פון אַלע אמונות, די מיטגלידער פון אַלע קאַסטעס און פעלקע־רייען. טויזנטער רעדנער האָבן גערעדט צום פאָלק, אויפגעוויזן, אַז גאַנדי איז גאָטס משולח, אַז גאָט האָט אים אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד, כּדי אויסצוראָטן אַל׳דאָס בייז. אַלע מערק האָט מען פאַרמאַכט יענעם טאָג, די אַרבעטער האָבן געוואָרפן די אַרבעט, אין די דערפער האָבן רייכע פאַר־שער געפּראַוועט סעודות פאַר די פּאַריער. אין גאַנצן לאַנד האָט מען בפּהרסיא געשפּייזט און באַקליידט טויזנטער אָרעמעלייט. בלינדע, טויבע, בעלי־מומים — אַלע האָבן אָנטיילגענומען אין די דעמאָנסטראַציעס, און די רייכערע האָבן זיי געגעבן עסן, געלט און מלבושים.

נישטאָ קיין גוזמא אין דעם, וואָס מ׳האָט געזאָגט, אַז גאַנדי איז דער אמתדיקער און פּאַקטישער מושל איבער אינדיע. אמת, די מאַהאַראַ־דזשאַס און די ענגלישע רעגירונג פירן אין דעלהי אַ גראַנדיעזע, פּאָמפּעזע צערעמאָניע־אַרבעט. זיי אָרדענען איין פייערלעכע אויפנאַמעס און מאָלצייטן. אָבער דער אמת איז, אַז די אָפיציעלע רעגירונג האָט ווייניקער כּוח און איינפלוס אויפן פאָלק, ווי יענץ נישטיק, קרענקלעך און דאַר מענטשעלע, וואָס גייט אָנגעטון ווי אַ פּאַריער, וואָס האָט זיך געבלאָנקעט איבער די הקדשים און תּפיסות און איז אַלעמאָל געווען דער געדרודפטער און פאַר־פאָלגטער. דאָס הוילע תּפיסהקעמערל, דאָס שטיבל אין שפּיטאָל, דער באַ־שיידענער אשראַם (מאַהאַטמאַס וווינונג אין אַהמעדאַבאַד), אַ באַנוואַגאָן, צי ערגעץ אַן אָרעם הייזל אין אַ פאַרוואָרפענעם ישוב — אָט דאָס אַלץ איז דער אמתדיקער פּאָליטישער צענטער אינדיעס, איר רעזידענץ. ביזן היינטיקן טאָג ווערן אין גאַנדיס דירעקטער מסובה אָנטשידן זאַכן, וואָס קאָ־נען דעצידירן וועגן דעם אמתדיקן גורל פונם גאַנצן לאַנד.

אַזוי געשעעט נאָך אַפילו היינט, ווען אויבערפלעכלעך איז די באַווע־גונג קעגן „מיטאַרבעט״ איינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן און ווען ס׳ווייזט זיך אויס, אַז אינדיעס פּאָליטיש לעבן איז באַהערשט געוואָרן פון דער מיט־אַרבעט־אידעע. נאָך היינט, ווען גאַנדי האָט זיך אָפּגערוקט פון דעם די־רעקטן אָנטייל אין די טאָגטעגלעכע פּאָליטישע קאַמפּן, כּדי זיך אינגאַנצן צו ווידמען דעם אָרגאַניזירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן — אַפילו הייגט קאָן נישט געמאַכט זיין קיין שום וויכטיקער באַשלוס אָן זיין אָנטייל. אין

די קריטישע מינוטן פרעגט מען אים אַלעמאָל אַן עצה, זיין שטים האָט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג, און נאָך היינט ווערט אָנטקעגן אים בלאָס יעדע מאַכט, אומאָפּהענגיק דערפון, ווער עס האָט זי צייטווייליק אין דער האַנט. אינדיעס אויפלעבונג און באַפרייונג איז אויף אייביק פאַרבונדן מיט גאַנדיס נאָמען.

אַז גאַנדי איז געלעגן קראַנק אין שפּיטאָל אין פּיונאַ, האָט זיין פריינד, דער ענגלענדער טש. פ. ע נ ד ר י ו, וועגן אים אַזוי געשריבן: „דאָ ליגט אינדיעס הערשער, וואָס האָט אַ גרעסערן איינפלוס און באַטייט, ווי די קענעגלעכע מאַכט. אַז מען וועט שוין לאַנג פאַרגעסן אָן די נעמען פון די גובערנאַטאָרס, וואָס זיצן היינט אין די פּאַלאַצן אין דעלהי — וועט נאָך דאָס פאָלק ליבן און אַכפּערן גאַנדיס נאָמען. אַלע מאַמעס וועלן איבערגעבן זייערע קינדער דעם אָנדענק פון מאַהאַטמאַ גאַנדי, ווי איינעם פון די גרעסטע מענטשן, ווי וועגן אַ הייליקן און אַ גואל".

אַפילו זיינע פאַרביסנסטע שונאים האָבן נישט געקאָנט בייקומען דעם כּוח פון זיין פּערזענלעכקייט. מלוכהמענער, זיינע שאַרפע קעגנער, רעדן מיט התפּעלות וועגן זיין פּערזאָן. און אַ סך פון זיי, ווי למשל, דער באַערנגענעראַל ס מ י ו ט ס, די וויצעקעניגן לאָרד ר י ד י נ ג און לאָרד ה אַ רט י נ ג, זענען אים געוואָרן נאָענטע פריינד.

— גאַנדי איז עפּעס מער, ווי אַן אַפּאָסטאָל און אַ הייליקער—שרייבט וועגן אים פּערסי לאַנדאָן, אַן ענגלישער פּובליציסט. — ער איז אַ מאַהאַטמאַ, וואָס מען שרייבט אים צו געטלעכע אייגנשאַפטן. נישטאָ צו אים קיין גלייכער אויף דער גאַנצער וועלט.

אַפילו דעמאָלט, ווען גאַנדי איז געשטאַנען פאַרן געריכט אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער העצט צו אַנטקעגנשטעלן זיך דער מאַכט, איז דער גאַנצער געריכטזאַל געווען אונטערן איינדריק פון זיין פּערזאָן. די אינדישע דיכטערין ס אַ ר אָ י נ י נ אַ י ד ו, גאַנדיס אַ געטרייע אָנהענגערין, שילדערט אין די פאָלגנדיקע ווערטער די שטימונג אויפן זאַל בשעת דעם פּראָצעס: „יאָ, לגבי דעם געזעץ איז גאַנדי געווען אַן אַרעסטאַנט, אַ פאַרברעכער. אָבער פונדעסטוועגן, אַז ער איז אַריין אין זאַל, האָט זיך דער גאַנצער ריכטערטריבונאַל אינסטינקטיוו אויפגעהויבן פון אָרט — אַזוי האָט מען אים באַגריסט. דער ריכטער האָט אים באַהאַנדלט מיטן גרעסטן יראתהכּבוד. נאָכן אַרויסגעבן דעם אורטייל האָט ער געזאָגט: „איך געדענק יעדע רגע, אַז איר געהערט צו גאָר אַן אַנדערן מין מענטשן, וואָס איך האָב ביז אַהער געמישפּט און וועלכע איך וועל נאָך מישפּטן".

ווי יעדער גרויסער פּאָליטישער פירער, האָט אויך, פאַרשטייט זיך, גאַנדי זיינע פאַרביסענע שונאים. אָבער דווקא דידאָזיקע העפטיקייט אין דעם אופן, וואָס זיי באַקעמפן אים, איז דער בעסטער באַראָמעטער פאַר זיין גרויסקייט, גלייך ווי די איבערגעגעבנקייט פון זיינע אָנהענגער. איינער, אַן ענגלענדער, האָט בשעת זיין זיין אין אינדיע, געזאַמלט פון מענטשן פון פאַרשידענע קאַסטעס און געזעלשאַפטלעכע שיכטן זייערע מיינונגען

וועגן גאַנדין. „גאַנדי — דאָס איז גאָט!", האָט אים דערקלערט אַ בענגאַלישער בּאַנאַינספּעקטאָר. „דער מענטש דערמאָנט מיך אָן דעם הייליקן פּעטער, דעם אַפּאָסטאָל!", האָט געזאָגט אַן ענגלישער מלוכהבאַאַמטער. אַנדערע האָבּן אים באַצייכנט פאַר אַ געפערלעכן רעוואָלוציאָנער, פאַר אַ העלזעער, פאַר אַ דורכגעטריבּענעם פּאָליטיקער, פאַר אַ דעמאַגאָג. און יענער ענגלענדער גיט צו: „זאָל ער זיך זיין וואָס ער וויל. אָבער על-כּל-פּנים איז דאָס נישט קיין געוויינלעכער מענטש. צי ער פירט צו גליק, צי צו אומגליק — אַלנפאַלס פאַרכאַפּט ער אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און צווינגט אונז, מיר זאָל אים הערן".

די ידיעה וועגן גאַנדיס געטלעכע אייגנשאַפטן איז דערגאַנגען צו די ווייטסטע דערפלעך. פאַרשידענע לעגענדעס האָבּן אָנגעהויבּן זיך צו וועבּן אַרום זיין פּערזאָן. ה' י. טש. באָז האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו שמועסן מיט די האַלבווילדע איינוווינער פון דער באַרגיקער געגנט בּילאַ. ווי האָבּן אים דערציילט, אַז זיי האָבּן אָװעקגעוואָרפן די יאַגד און זיך גענומען צו ערדאַרבּעט און ווילן דערמיט זיך מפרנס זיין. זיי האָבּן עס אים דערקלערט אין עטלעכע ווערטער: דער מאַהאַטמאַ האָט געזאָגט: „לאָזט בשלום דעם וואַלד!" און דאָס איז אַלץ.

קיינער פון זיי האָט קיינמאָל גאַנדין אַפילו נישט אָנגעזען פאַר די אויגן. עס איז נאָר צו זיי דערגאַנגען די מסורה פון זיין גוטסקייט און חכמה, וועגן זיין געבּאָט „אַהימשאַ" — זאָלסט נישט הרגענען. דאָס איז געווען גענוג, אַז זיי זאָלן זיך געהאָרכזאַם צופּאַסן צום דאָזיקן געבּאָט. נישט נאָר וואָס זיי האָבּן פאַרוואָרפן די יאַגד, נאָר זיי האָבּן באַשלאָסן פון היינטיקס מאָל אָן מער נישט צו דערהרגענען אַפילו די שטוביקע בהמות. לכתחילה האָבּן זיי געפּרוּווט אויספאַרקויפן זייער ביסל בהמות. אָבער אַז זיי האָבּן נישט געקריגן קיין קונה, האָבּן זיי פּשוט געלאָזט די בהמות פריי. אַזוי־אַרום האָבּן זיי זיך גערנווייליק אָפּגעזאָגט פון זייער גאַנצן פאַרמעג.

פּראָפעסער בענאַרעלי, אַ מיטאַרבּעטער פון „וואָרלד-מאַגאַזין" אין ניו-יאָרק, גיט איבּער אַ שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ געוויסן אינדער: אויף זיין פראַגע, צי ער קען פּערזענלעך גאַנדין, האָט דער אינדער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף ניין און אָנגעהויבּן צו רעדן מיט אַזאַ ניגון, וואָס מען רעדט וועגן הייליקע ענינים: „איך קען נישט אַמתדיק גאַנדין. קיינער קען נישט ריכטיק גאַנדין. ער איז צו גרויס, צו דערהויבּן". — דער דאָזיקער געדאַנק — גיט-צו בענאַרעלי — האָט זיך כּסדר איבּערגעחזרט אין זיין שמועס. עפּעס אַ ליידנשאַפטלעכער, מיסטישער יראת-הכבוד. און איך האָב זיך אויך איבּערצייגט, אַז אַזוי דענקען מיליאָנען אינדער — אַזוי די געמיינסטע טאָגאַרבּעטער אויף די רייזפעלדער, ווי געבּילדעטע מענטשן מיט דיפּלאָמען פון ענגלישע אוניווערזיטעטן. אין זייערע אַלעמענס אויגן איז גאַנדי נישט קיין פּשוטער מענטש, נאָר עפּעס אַ

הייליקער, אַ קדוש, וואָס לעבט אין תשובה און רעכטפאַרטיקייט, און וואָס נאָך אים גייען טויזנטער זיינע אָנהענגער און פאַרערער".

אויך דזש. פּאָלאָק, גאַנדיס פריינד פון דרום-אַפריקע, קאָן נישט בא. שרייבן מיט ווערטער דעם איינדריק פון דעם מאַהאַטמאַס מערקווערטיקער געשטאַלט: „מען קאָן נישט זאָגן, אַז ער איז אַזוינער צי אַן אַנדערער. איינס ווייס איך זיכער: ער איז דאָ, צווישן אונז, און אומעטום פילן מיר זיין כוח. דער גלאַנץ פון זיין הייליקייט דרינגט אַלץ אַדורך. אַזוי דאַרף טאַקע זיין, מחמת דער סימן מובהק פון אַלע גרויסע מענטשן איז דאָס, וואָס מען פאַרשטייט זי נישט, מען קאָן זיי נישט באַגרייפן. זיי זענען אַ טייל פון דער סופלאָזער אייביקייט. פון איר שטאַמען זיי און מיט איר זענען זיי באַהעפט".

## 2

גאַנדי, דער מאַן, וואָס ווערט פאַרגעטערט ווי אַ הייליקער, איז אַ מאַנספּאַרשוין אַ דאַרער און אַ נידעריקער, פון אַ יאָר זעכציק. אַ קליינינקער, אַ דאַרער, ווי אַ שייטל האָלץ – מיט דידאַזיקע ווערטער באַצייכנט אים דער ענגלישער באַאַמטער לאָיד, וואָס האָט באַפוילן אים צו אַרעסטירן. דאָס פנים – נישט קיין שיינס, אַ קרענקלעך אויסזעען. דער שאַרבן האָט עפּעס אַן אויסטערלישע פאָרם. די אויערן שטייען שאַרף אָפּ, די האָר קורץ-אָפּגעשוירן, די שליפן – לייכט באַזילבערט מיט גרויקייט. דער שטערן איז פאַרזייט מיט טיפע קנייטשן, די אויגן זענען גרויסע, ברוינע. אויף דער דינער אויבערשטער ליפּ אַ קליינע וואָנסע, וואָס באַוואַקסט זי ביז צו דער העלפט. דער קערפּער – דאַר, איידל. לאַנגע יאָרן קראַנקייט און עגמת-נפש האָבן אים אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ווען גאַנדי וויל רעדן צום פאָלק, מוז מען אים אַרויפזעצן אויף אַ העכער טישל, צווישן די מאַסן מענטשן, וואָס שטופּן זיך צו אים. און אַזוי זיצנדיק רעדט ער, ווי אַ קרענקלעכער זקן, און שמועסט מיט זיינע אָנהענגער.

ער רעדט רויק, באַזאַכט, ער רעגט זיך נישט אויף. דערדאָזיקער מענטש, וואָס האָט רעוואָלוציאָניזירט גאַנץ אינדיע, האָט נישט קיין רעד-נערטאַלאַנט און קאָן נישט באַנוצן קיין גרויסע זשעסטן – אַזוי ווי לעבין, דער צווייטער גרויסער פאָלקספירער. ער רעדט מיט אַן איינטאָניק קול, פּשוט און קלאָר, באַנוצט נישט קיין שיינע פראַזעס און היט זיך פון גוזמא. „ער רעדט, פריער פון אַלץ, צום שכל פון זיינע הערער – זאָגט וועגן אים דזש. דאָק. – און ער'ט זיינע אויספירונגען נישט פירן ווייטער, ביז ער וועט נישט זיין זיכער, אַז אַלע האָבן אים גענוי פאַר-שטאַנען".

גאַנדי האָט אַליין דערקלערט, אַז ער וויל גאַרנישט אַריבערציען עמעצן אויף זיין זייט, כל זמן ער וועט אים נישט פולשטענדיק איבער-צייגן אין זיין אמת. אַלץ, וואָס שמעקט מיט פראַזע אָדער איז נישט קלאָר,

איז אים פרעמד. ער איז טיף רעליגיעז, אָבער אויב אַפילו די עלטסטע אינדישע הייליקע ספרים וועלן אים נישט איבערצייגן אין זייער אמת, וועט ער זיך קיין רגע נישט וואַקלען זיי צו פסלען. „מיין גלויבן זאָגט כּלל נישט — שרייבט ער — אַז איך זאָל האַלטן, אַז אַלע פּסוקים פון די הייליקע כּתבים זענען גאָטס שאַפונג... איך קאָן נישט אָננעמען קיין שום, אַפילו די וויסנשאַפטלעכסטע זאַכן, אויב מיין שכל און מיין געוויסן וועלן זיין דערקעגן".

זייער ריכטיק ווייזט אָן ראָמען ראָלאַן אין זיין אויסגעצייכנטער שריפט וועגן גאַנדין, אַז דער מאַהאַטמאַ איז אפשר דער איינציקער צווישן אַלע נביאים פון דער וועלט, וואָס האָט קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט עפּעס זעונגען, חזיונות. „זיין הארץ איז פריי פון לערקייט, זיין קאָפּ — פון גרויסקייט. ער איז אַזאַ מענטש, ווי יעדער איינציקער". גאַנדי אַליין איז אַ סך מאָל ענערגיש אַרויסגעטרעטן קעגן דעם, וואָס מען האַלט אים פאַר אַ הייליקן: „כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין ספּעציעלע אַנטפּלעקונגען פון גאָט. איך גלייב שטאַרק, אַז גאָט אַנטפּלעקט זיך יעדן מענטשלעכן באַשעפעניש. אָבער אין כּלל הערן מיר זיך נישט צו צום דאָזיקן שטילן אינערלעכן קול. איך וויל נישט זיין מערער, ווי אַ פּשוטער אַרבעטער, אַ באַשיידענער דינער אינדיעס און דער וועלטס. איך וויל נישט שאַפן עפּעס אַ סעקטע. איך פּרוּוו נאָר צו דערקענען דעם אמת און אַזוי גיין נאָך אים, ווי איך האָב אים דערקענט". ער האָט זיך אויך קיינמאָל נישט געוואָקלט זיך מודה צו זיין אין די באַגאַנגענע פעלערס: „איך וועל בשום-אופן נישט זאָגן, אַז איך פאַרמאָג עפּעס איבערמענטשלעכע פעיקייטן. איך קאָן אַזוי גוט זיך טועה זיין, ווי יעדער שוואַכסטער מענטש. דאָס, וואָס איך קאָן טון, האָט אויך אַ באַשטימטע גרענעץ — כּאָטש גאָט, טראָץ מיין נישט-שלימות, האָט געבענטשט מיין אַרבעט..."

איידער מ'האָט אים אַרעסטירט, האָט ער געשריבן, אַז ווען ער'ט זיין אין תּפיסה, וועט עס זיין אַן אמתדיקע ברכה פאַרן אינדישן פאָלק: „קודם כּל וועט מען אַזויאַרום אַרונטעררייסן די איינרעדעניש, אַז איך בין באַזעלט מיט עפּעס אַן איבערנאַטירלעכן כּוח און אַז איך זאָל קלאָמפּערשט מיט מיין פּערזענלעכן איינפלוס גורם זיין, אַז די אום-מיטאַרבעט-באַוועגונג זאָל זיך איינגעבן. ערשט אַז מען וועט מיך אַרעסטירן, וועט זיך קלאָר אַרויסווייזן, אַז אינדיע וועט אָן מיר אויך קאָנען זיגרייך דערפירן ביזן סוף די אָנגעהויבענע אַקציע".

אַזוי האָט גאַנדי זיין אמתדיקע גרויסקייט און הצלחה צו פאַרדאַנקען אַ סך אויך דעם, וואָס ער איז לגמרי פריי פון יעטוועדן גפּיל פון שטאָלצקייט, פון אויסטיילן זיך און גרויסהאַלטונג. „אַ דאַנק דעם, וואָס דער מאַהאַטמאַ פאַרלייקנט זיך כּמעט אָפּ — שרייבט וועגן אים טש. פ. ענדריו — קאָן ער געניער און בעסער זען אַלץ, ווי יעדער מענטש. צוליב דעמזעלבן קאָן ער אויך מיט אומפאַרגלייכלעכער אַנטשלאָסנקייט זיין קלאָרן שטאַנדפּונקט איינפירן אין לעבן"

גאַנדיס אויסערלעכער אויסזען און זיין הלבשה אַנטשפּרעכט טאַקע פֿולשטענדיק דער דאָזיקער באַשיידנקייט זיינער. געוויינלעך פֿאַרדעקט ער זיין לייב נאָר מיט אַ גאַרטל פֿון גראָבער לייוונט, וואָס ער האָט אַליין אויסגעוועבט. דערדאָזיקער מלבוש פֿאַרדעקט זיין דאַר, ברוין לייב פֿונם בויך ביז צו די קני. נאָר טיילמאָל, בשעת אַ רעגן אָדער ווען ס׳איז קאַלט, פֿאַרלייגט ער אויף די אַקסלען אַ „קאַמבאַל", אַ דיקגעוועבטן שאַל. ס׳רוב גייט ער אין בלויזן קאָפּ און כּמעט שטענדיק — באָרוועס. אינם דאָזיקן פּאַריער-מלבוש איז ער טאַקע געשטאַנען פֿאַרן ענגלישן ריכטער און אַפֿילו פֿאַרן וויצעקעניג.

אַלע דערקלערן איינשטימיק, אַז גאַנדיס דאַר פֿיגורל אין בעטלערישער אָנטועכטס רופֿט אַרויס אַ מעכטיקן, סוגעסטיוון איינדריק. אויפֿן פּנים, וואָס איז אויסגעדאַרט פֿון זאָרג, גלאַנצן צוויי קלאָרע אויגן, אין יעדער באַוועגונג זיינער, אין יעדן טריט פֿילט זיך אַ דערהויבנקייט און נשמהאיידלקייט, וואָס האָט נישט איר גלייכן.

ער איז אַ שלעכטער רעדנער, און דאָך האָרכט דאָס פֿאָלק בלינדערהייט זיינע ווערטער. אַפֿילו דאָס פּעבל, וואָס איז אַלעמאָל און אומעטום אַזוי אומרויִק און שטורמיש, באַרויִקט זיך נאָך איין וואָרט זיינס, נאָך איין שאָקל מיטן קאָפּ. ס׳האָט שוין אָפֿט געטראָפֿן, אַז גאַנדי איז אַרויסגעטרעטן פֿאַר אַ המון, וואָס איז שוין געווען פֿולשטענדיק רעוואָלוציאָניזירט און מיט עטלעכע ווערטער אים פֿולשטענדיק באַרויִקט און באַהערשט.

— דאָס דאָזיקע ייִנגל, דאָס דאַרע, ווי אַ שפּענדל — האָט וועגן אים לאָ י ד אָן איבעריקן חשק געשריבן — פֿירט נאָך זיך דרייהונדערט און צוואָנציק מיליאָן מענטשן. יעדעס וואָרט זיינס, יעדער ווונק איז פֿאַר זיי אַ באַפֿעל. דאָס איז זייער גאָט.

— ער איז געקנאָטן פֿון יענעם טייג — שרייבט וועגן גאַנדין זיין לערער און פֿאָרגייער, גאָקהעל — פֿון וועלכן ס׳ווערן באַשאַפֿן העלדן און קדושים. און נישט בלויז דאָס. ער איז געבענטשט מיט יענעם וווּנדערלעכן גייסטיקן כּוח, אַז אונטער זיין איינפֿלוס ווערן פּשוטע מענטשן פֿאַרוואַנדלט אין העלדן און מאַרטירער...

אַז גאַנדי ענדיקט רעדן, שטופּט זיך צו אים דער המון, כּדי אַ קוש צו טון דעם זוים פֿון זיין קלייד אָדער אָנצורירן זיינע פֿוסטריט. אויף יענער היסטאָרישער קאָנפֿערענץ פֿון דעם מאַכמעדאַנישן פֿאַרבאַנד אין קאַלקוטאַ, ווען מ׳האָט געמאָלדן, אַז מ׳האָט אַרעסטירט די ברידער אַלי — איז מיטן מאָמענט, וואָס גאַנדי האָט זיך אויפֿגעהויבן, כּדי צו נעמען אַ וואָרט, האָבן אַלע אָנוועזנדיקע אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין.

אין זיינע רעדעס איז נישטאָ קיין שום גוזמאדיקעס, קיין שום התפּעלות. ער רעדט פֿולשטענדיק ניכטער, גיט דעם פֿאָלק זאַכלעכע אָנווייזן אין די פּשוטסטע ווערטער. אַזוי ווי לענין, אַזוי ווידמעט ער אויך

ווין אויפמערקזאַמקייט די קלענסטע פּראַקטישע פּרטים. אַזוי, למשל, ווען ער רעדט וועגן שפּינראַד, גיט ער אַ גאַנצע ריי פּראַקטישע אָנווייזן, ווי אַזוי דאַרף מען שפּינען, ווי אַזוי איז צומבעסטן אויסצונוצן דעם פאָדעם און ווי אַזוי לאָזט זיך צומבעסטן פאַרקויפן די פאַרטיקע סחורות.

און דווקא יענער פולשטענדיק-ניכטערער רוף גאַנדיס האָט געבראַנגט צו רעזולטאַטן, וואָס אַ סך דערהויבענע, פּאַטעטישע רעדעס דערגרייכן נישט: הונדערטער טויזנטער מאַנסלייט און פרויען פון אַלע קאַסטעס און שיכטן האָבן געפאָלגט גאַנדיס רוף. פון דעמאָלט אָן איז ביי זיי געוואָרן זייער הייליקסטער חוב — צו פאַרברענגען יעדן טאָג עטלעכע שעה ביים שפּינראַד אָדער ביים וועב-ווערקשטעל. ריזיקע המונים מענטשן האָבן זינט דעמאָלט אָנגעהויבן צו האַלטן, אַז דאָס שפּינען און וועבן איז עפּעס אַ מין עבודה צו גאָט. די אָנגעזעענסטע געפּוצטע פרויען, וואָס האָבן ביזאַהער נישט געטראָגן קיין אַנדערע קליידער, ווי „שאַריס" פון דינסטן יאַפּאַנישן זייד אָדער פון מאָסלין, האָבן אַוועקגעוואָרפן אַלע קליידער פון אויסלענדערשער אויסאַרבעטונג און זיך אָנגעהויבן אָנצוטאָן אין גראָבע, אייגנהענטיק געהאָפטענע „קהאַדאַר". אַזוי ווי אין די צייטן פונם גרויסן קיסר ק אַ ב י ר, האָט מען אַריינגעצויגן אַלטע שפּינרעדער אַזוי אין די פּראַכטפולע פּאַלאַצן פון די אינדישע שרים און פירשטן, אין די וווינונגען פון די בראַמאַנער, ווי אין די אָרעמסטע שטיבלעך פון די פּאַריער, פון די מצורעים. פירשטן פון קעניגלעכן שטאַם האָבן זיך, גלייך ווי די נידעריקסטע פּאָלקסמענטשן, געזעצט צו די שפּינרעדער און האַנטוועבער-ווערקשטעלן, כדי צו באַזאָרגן אינדיע מיט נייטיקע סחורות און מאַכן זי אומאָפּהענגיק פון אויסלענדערשן עקספּאָרט.

אָבער גאַנדיס רוף איז אַפילו דערגאַנגען צו די געגנטן פון גרעסטער נויט און יאוש: הונדערטער מיידלעך פון די אויסגעלאָסענע געגנטן אין לוקנאָוו און באַריסאַל האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער ביזאַהעריקע פּרנסה און זיך גענומען צו וועבעריי. נאָך מער, אַפילו אַרעסטאַנטן, וואָס זענען אָפּגעזעסן זייער שטראָף, האָבן זיך גענומען צו שפּינען און צו וועבן. נאָך קיינמאָל האָט זיך נאָך אינדיע נישט אַזוי סאָלידאַריש באַגייסטערט מיט איין אידעע: דאָס שפּינרעדל איז פּלוצלינג געוואָרן אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער סימבאָל, וואָס פאַרייניקט אַלע אמונות, ראַסעס און קאַסטעס.

און אַז גאַנדי האָט דערנאָך געזאָגט, אַז טראָגן סחורות פון פרעמדער אויסאַרבעטונג איז אַ זינד, אַז ער האָט זיך געווענדעט צום פאָלק מיט דער פאָדערונג, אַז מען זאָל אַלע אויסלענדישע טעקסטילאויסאַרבעטונגען נישט באַר אויסטון, נאָר אַפילו פאַרברענען — דאַן האָט דאָס גאַנצע פאָלק, אין זינען פון זיינע ווערטער, אָנגעהויבן צו בויען אויף די עפנטלעכע פּלעצער אין די גרויסע שטעט ריזיקע שייטערהויפנס, אויף וועלכע מ׳האָט פייערלעך פאַרברענט קאָלאָסאַלע באַלן ענגלישן טוך. רייכע און באַהעביקע סוחרים האָבן אַרויסגענומען פון די לאַגערס די טייערסטע סחורות, פרויען

פון פאַלק האָבן אַרויסגענומען פון די שענק דעם אויסשטייער פון זייערע טעכטער און געוואָרפן עס אין פייער. בלויז אין באָמביי האָט מען במשך איין טאָג עפנטלעך פאַרברענט אַרום הונדערט און פופציק טויזנט פאַרשידענע טייערע געוועבן.

ווו ליגט דער סוד פון גאַנדיס דאָזיקן ריזיקן כּוח און מאַכט? פּערסיוואַל לאַנדאָן האַלט זיך ביי זיינס: גאַנדי פאַרמאָגט אין זיך עפּעס געטלעכעס, זיין קול קלינגט עפּעס אָפּגעריסן, ווייט, איבערערדיש — און דאָסדאָזיקע גיט צו זיינע ווערטער אַזאַ אומגעוויינלעכע קראַפט און אַ כּישוף, וואָס קיינער קאָן אים נישט ביישטיין. דזשילבערט מערי, ווידער, דערציילט, אַז גאַנדיס גאַנצע האַלטונג איז פול מיט פּראַכטפולער האַרמאָניע, אַז ער פאַרשפּרייט אַרום זיך דעם „אָרעאָל פון קדושה”...

## 3

אַזוי ווי לענין, אַזוי איז אויך גאַנדי נישט קיין פאַרשטיינערטער פאַנאַטיקער, קיין קנאי. זיין בליק, דער אויסדריק פון זיין פּנים, זיין גאַנצע אויפפירונג איז אַדורכגעוועבט מיט אַ וווּנדערלעכער רויקייט, מיט שטראַלנדיקער פרייד פון אַ מענטשן, וואָס ס׳גייט אים לחלוטין נישט אָן, וואָס טוט זיך מחוץ זיין נשמה. גאַנדיס וויכטיקסטער שטריך, איז באַזאַכטיקייט און פרייד. אַלע ביאָגראַפן גאַנדיס שטרייכן טאַקע אונטער זיין כּישופדיקן, קינדערישן שמייכעלע.

— דאָסדאָזיקע דערהויבענע נשמהגעמיט — זאָגט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע — איז זיין שטענדיקע אייגנשאַפט. עס פאַרלאָזט אים נישט, אַפילו אין די שווערסטע מאָמענטן פון קאַמף. — אַז ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מ׳דאַרף גאַנדין אַרעסטירן און די צאָלרייכע פריינד און חסידים זענען צו אים געלאָפן זיך געזעגענען — האָט זיי גאַנדי צוגעגעבן מוט דווקא מיט יענער „לעבעדיקער און ברויזנדיקער פרייד”. פאַר יעדן האָט ער געפונען אַ גוט-וואָרט אָדער אַ וויץ. ביז דער לעצטער מינוט, וואָס ס׳איז צו אים צוגעקומען דער פּאָליציימאַן, האָט ער זיך געשפּילט מיט קליינע קינדער, גלייך ער וואָלט אַליין געווען אַ קינד. ער האָט פּשוט „אָנגעשטעקט די מסיבה מיט זיין פריילעכקייט, מיט זיין גליק”.

אַ געוויסע אינדישע טאָגצייטונג גיט-איבער אינם באַריכט פון גאַנדיס פּראָצעס, ווי אַזוי ער איז אַריין אין געריכטזאַל: „דער מאַהאַטמאַ איז אַריין אין זאַל מיט גיכן טראָט. זיין שמייכל האָט באַשטראַלט אַלע פאַרזאַמלטע. ער האָט אַרויסגעוויזן דערהויבענע פריילעכקייט, אַפילו עפּעס אַ פייערלעכע פרייד, גלייך עס וואָלט זיך דאָ געהאַנדלט נישט וועגן פאַרמישפּטן אים, נאָר עפּעס אַ חתונה-צערעמאָניע”.

איינמאָל זענען צו אים אין תּפיסה סאַבאַרמאַטי געקומען זיינע פריינד. אַז זיי זענען אַריינגעקומען, איז גאַנדי געשלאָפן אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט

דעם קאָפּ אָן אַ בינטל „קהאַדאַר‟. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אויף זיין פּנים ווידער אויפגעשטראַלט יענער וווּנדערלעכער שמייכל ביי אַ פּאַרמאַכט מויל. דעמדאָזיקן שמייכל קען וואָלט יעדער, וואָס האָט מיט אים פּאַרקערט‟. ער האָט געלאַכט און פריי זיך אויסגעשמועסט מיט זיינע געסט, פול מיט „יענער זאָרגלאָזער פריילעכקייט פון אַ יונגלינג, סוף שול-יאָר‟. אין די בריוו פון תּפיסה באַנוצט ער אָפט: „איך פיל זיך גליקלעך, ווי אַ פייגעלע‟.

מיט יעדן פאַרהאַלט ער זיך גלייך העפלעך און קאָרעקט. אַפילו זיינע פאַרביסענע שונאים האָבן אים געמוזט באַהאַנדלען מיט דער גרעסטער אַכטונג. כּדאַי צו דערמאָנען, אַז נאָך דער געריכטזיצונג, ווען גאַנדי איז פאַרמישפּט געוואָרן צו זעקס יאָר תּפיסה — האָט דער ריכטער געזעגנט דעם מאַהאַטמאַ מיט אַ האַרציקן שאָקל מיטן קאָפּ. גאַנדי האָט זיך אים פאַרנייגט מיט אַ ליבהאַרציק שמייכעלע, זיך פאַרדעקט דערביי דאָס פּנים מיט די הענט.

זיין לעבנשטייגער איז ביז-גאָר באַשיידן. ער שיידט זיך מיט גאָרנישט אונטער פון אָרעמסטן פּאַריער. עסן עסט ער בעיקר ערדניס, באַנאַנען, ציטרינען, געטריקנטע ווייַנטרויבן, רייז און ציגנמילך. קיינמאָל עסט ער נישט מער, ווי צוויי מאָל אַ טאָג, פאַרן זונאויפגאַנג און פאַר שקיעה. ער טרינקט נישט קיין אַלקאָהאָל, נישט קיין טיי און קאַווע. ער שלאָפט אויף אַ שטיקל גראָב-געוועבטן געוואַנט, אויף אַ ציגלנעם דיל. אונטערן קאָפּ לייגט ער זיך אונטער אַ בינטל קהאַדאַר אָדער עטלעכע ביכלעך. ווי ווייט מעגלעך, שלאָפט ער אויף פרישער לופט, אויף דער הוילער ערד, איינגעהילט אין אַ קאָלדרע.

ווען ער איז געווען אין ענגלאַנד אויף שטודיעס, האָט ער זיך נאָך געפּרוּווט צופּאַסן צו די אייראָפּעישע זיטן. גאַנדי אַליין דערציילט, ווי שווער ס'איז אים אָנגעקומען אויסצובינדן אַ קראַוואַט, ווי ער האָט נישט געקאָנט דערהאַלטן דעם טאַקט בשעת דער טאַנצלעקציע, ווי טעמפּ ער האָט זיך געלערנט פידל-שפּילן. גאָר גיך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס אַלץ איז אַ ברכה לבטלה. האָט ער גלייך פאַרקויפט די פידל, אויפגעהערט צו לערנען זיך טאַנצן און די פראַנצויזישע שפּראַך. אין אַ געזעלשאַפט פלעגט ער זיך אויפפירן ניכטער און רויק: צווישן אַ גרעסערן געזעמל מענטשן פלעגט ער אַלעמאָל זיך פילן שלעכט. אַז מ'האָט אים אַמאָל, אויף אַ געזעלשאַפטלעכן צונויפקום, מכבד געווען מיט פלייש, האָט ער זיך דערמאנט דעם נדר פון פולשטענדיקן וועגעטאַריאַניזם, האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַוועק. פון זינט דעמאָלט אָן האָט ער זיך ענדגילטיק אָפּגעזאָגט צו ווערן אַן ענגלישער דזשענטלמען.

עטלעכע יאָר איז ער געווען אין דרום-אַפריקע. דאָרט האָט ער געקעמפט פאַר באַפרייען זיינע פאָלקברידער, וואָס האָבן געקרעכצט אונטערן שווערן יאָך פון דער אומגערעכטיקייט. דאָרט האָט ער געפירט

אַן אַסקעטיש לעבן. אונטערן איינפלוס פון רעסקינס און טאָלסטאָיס ווערק האָט ער געפּרוּווט גרינדן קאָלאָניעס פון מענטשן, וואָס לעבן אין פולשטענדיקער פּשטות. ער האָט געקויפט ערד, געבויט הייזער און אויף אַזאַ אופן געלייגט די גרונטשטיינער פאַר אַ ישוב, ווו די אינדישע אימי־גראַנטן וואָלטן געקאָנט רויק לעבן, ווי אַן ענגע געמיינדע. אַלע איינוווינער פון יענעם ישוב פעניקס (ער האָט אים דעמאָלט געוואָלט אַ נאָמען געבן „אַשראַם" — דאָס הויז פון פרידן), האָבן געזאָלט לעבן אין אַ מין גייסטיקער ברידערשאַפט, אָן שום אונטערשיידן. יעדער האָט געמוזט אַליין אַרבעטן אין פעלד. גאַנדי אַליין האָט טאַקע זייער גערן בעת פרייער צייט זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז שאַפן און אויפשטעלן אַזאַ קאָלאָניע האָט אָפּגעקאָסט אַ הון געלט. איז טאַקע גאַנדי, וואָס איז ביז יענער צייט געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, געוואָרן בדיל־הדל.

אזאַ מין אַשראַם האָט גאַנדי געגרינדעט אויך אין אינדיע — פאַר זיין משפּחה און פאַר זיינע נאָענטסטע תּלמידים. דאָס איז זיין סאַטי־אַגראַהאַ־אַשראַם, אויפן ברעג סאַבאַרמאַטי, עטלעכע מייל פון דער שטאָט אַהמעדאַבאַד. דאָרט וווינט דער מאַהאַטמאַ אין דער מסיבה פון זיינע נאָענטסטע און עטלעכע תּלמידים: אַלע האָבן, אַזוי ווי ער, געטון אַ נדר פון אָרעמקייט, און אַלע פירן אַ שטרענג, אַסקעטיש לעבן.

— מיר זענען אַן עדה מענטשן אונטערטעניקע, אומפּולקומענע, וואָס לערנען זיך — זאָגט גאַנדי ווען זיך מיט זיין איינגעבוירענער עניוות — מיר ווייסן — אונזערע טעותן און באַמיען זיך זיי נאָך בעסער צו דער־קענען, אַדורכגענומען מיט הייליקן באַגער צו לעבן פאַרן אמת און צו שטאַרבן פאַר אים.

דערדאָזיקער אַשראַם באַשטייט פון עטלעכע איינשטאָקיקע בנינים, אינעווייניק איז אַלץ איינגעאָרדנט זייער פּשוט. מחמת די איינוווינער פונם דאָזיקן ישוב האָבן געטון אַ נדר, אַז זיי וועלן נישט געברויכן קיין נוצן פון זייער פאַרמעג, אויב עס איז נישט נייטיק פאַר זייער לעבן. פילן זיך דערום אַלע מחויב זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע איבעריקע זאַכן.

— איך האַלט — זאָגט גאַנדי — אַז וויבאַלד עמעצער פון אונז נעמט צו זאַכן, וואָס ער מוז נישט האָבן צום דירעקטן געברויך, באַגייט ער אַ גנבה. ס'איז אַ פּשוט געזעץ פון דער נאַטור: די נאַטור אַליין שאַפט גענוג, אַז זי זאָל קאָנען פאַרענטפערן אונזער געברויך. ווען קיינער וואָלט נישט גענומען מערער, וויפל עס קומט אויף אים אויס, וואָלט נישט געווען קיין נויט אויף דער וועלט, וואָלט קיינער נישט געשטאָרבן פון הונגער... איך וויל נישט צונעמען ביי אַן אַנדערן זיין פאַרמעג, אָבער וואָס שייך מיר פערזענלעך, וואָלט איך נישט געהאַט די העזה צו פאַרמאָגן עפּעס מערער דערפון, וואָס איך מוז נייטיק האָבן. כּל־זמן מיליאָנען מענטשן מוזן זיך באַנוגענען מיט איין מאָלצייט אַ טאָג, האָבן מיר נישט קיין רעכט צו עסן מער. להיפוך, מיר זענען מחויב פריוויליק פאַסטן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מען וועט קאָנען אַלע אָרעמעלייט אָנשפּייזן און אָנטון...*

איז טאַקע גאַנדיס לעבנשטייגער און פון זיין משפחה פולשטענדיק צוגעפאַסט צו יענעם נדר פון אָרעמקייט. די ווענט פון דער וווינונג זענען הויל, אָן שום באַפוץ. דעם מאַהאַטמאַס צימער, ווו ער אַרבעט און נעמט אָן געסט, האָט פאַר מעבל אַ פּאָליצע מיט ביכער און אַ קליין נידעריק טישל. ביים דאָזיקן טישל אַרבעט גאַנדי. געוויינלעך זיצט ער אויף אַ קאָלדרע, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, מיט אונטערגעלייגטע פיס. אַ חוץ אַ פשוטן גראָב-געוועבטן טוך קהאַדאַר, וואָס מיט אים דעקט ער זיך צו, און צוויי אַזעלכע טיכער אין קאַסטן, — וויל ער מער נישט האָבן. און ער מיט זיין פרוי האָבן טאַקע צעטיילט צווישן אָרעמעלייט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט.

גאַנדיס פרוי, קאַסטורבאַי, וואָס האָט מיט אים חתונה געהאַט צו צוועלף יאָר, טיילט מיט אים געטריי זיין גאַנץ אַרבעטזאַם לעבן, פול מיט מסירת-נפש און זעלבסטאָפּפערונג. זי איז אַ נידעריקע, אַ געשטאַלט האָט זי אַ שוואַכס, כמעט א קינדערש. דאָס פנים האָט אַן ערנסטן און אביסל א שטרענגן אויסדריק — עס ווייזט אויף א העלדישער, אָבער צניעותדיקער נשמה. אזוי ווי גאנדי, טראָגט זי נאָר מלבושים, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אויסגע-וועבט: אַ פשוטן קהאַדאַר מיט אַ רויטן קענטל. אַזוי ווי איר מאַן, וואַנ-דערט זי אויך איבער אינדיעס דערפער און שטעט, כדי צוזאַמען מיט אי-רע אַנצאָליקע תּלמידות אַגיטירן פאַר איינפירן וועבערשטולן אָדער פאַר דער באַפרייונג פון די פּאַריער.

שוין אין דרום-אפריקע איז זי געוואָרן גאַנדיס העלדישע און דרייס-טע מיטקעמפערין: ווען גאַנדי האָט גערופן די דאָרטיקע אינדער זיך פריי-וויליק איבערצוגעבן אין תפיסה, איז זי געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך געלאָזט אייגזעצן, און זי איז אָפּגעזעסן אין טורמע דריי חדשים. אַז אירע זין זענען פאַר נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע געוואָרן אַרעסטירט און פון גאַנצן לאַנד זענען צו איר אָנגעקומען מיטליידבריוו, האָט זי אין אַן עפנטלעכן בריוו אַזוי געדאַנקט: „פון מיינע זין זענען נאָר צוויי אין תפיסה, אָבער עס זיצן דאָרט טויזנטער זין פון אונזער מאַמע אינדיע. איך האָב נישט קיין רעכט זיך מצער צו זיין, ווען אַזוי פיל יינגע מענטשן האָט מען אַרויסגעריסן פון זייער טייערער מוטער".

גאַנדיס זין זענען אויך געטרייע אָנהענגער פון זייער גרויסן פאָטער. אַז דער יונגער דעוואַדאַס גאַנדי האָט געערדט פאַרן געריכט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קול איז — דעם מאַהאַטמאַס. ווען מען האָט אים פאַר-געלייענט דעם באַשולדיקאַקט, אַז ער האָט אָנטיילגענומען אין דער באַ-וועגונג קעגן דער ענגלישער ממשלה, — האָט ער אויסגערופן: „יאָ, איך בין זיך מודה צו דער באַשולדיקונג, — אַלץ וואָס כ'האָב געזאָגט און גע-טון, איז געווען נאָך אַ גרויסן ישוב-הדעת. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ פולן רעכענונג פון דער אחריות, וואָס ליגט אויף מיר. איך בעט די העכסטע דערלאָזבאַרע שטראָף!".



לענין — פאראליזירט



אויפן טויטנבעט



לענינס מאוזאליי



נ. קרופסקאַיאַ, לעני׳נס פרוי



קאַסטורבאַי גאַנדי —
דעם מאַהאַטמאַס פרוי

גאַנדי וווינט אין זיין אשראם צוזאַמען מיט זיין משפחה און די נאָנטסטע תּלמידים. אין יענעם הויז ווערט געגעסן נאָר דאָס, וואָס איז נויטווענדיק, כּדי צו דערהאַלטן דאָס לעבן — אַזאַ נדר האָבן זיי אָפּגעגעבן. גאַנדי האַלט, אַז ווער עס קאָן באַהערשן זיין גומען, דער קאָן אויך געוועלטיקן איבער אַלע יצר־הרעס. און אַחוץ דעם: כּדי זיך צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרשידענע מאכלים, מוזן דערויף אַרבעטן אַנדערע מענטשן: „ווען מיר וואָלטן געקאָנט זען מיט די אייגענע אויגן, ווי שענדלעך מען באַהאַנדלט די אַרבעטער פֿון די טיי־פּלאַנטאַציעס, פֿון קאַווע, פֿון קאַקאַאָ — אַזוי וואָלטן מיר גערן זיך אָפּגעזאָגט פֿון צו באַנוצן דידאָזיקע געטראַנקען. בכלל, וואָלטן מיר זיך פֿאַרינטערעסירט מיט דעם, אויף וואָסער אופֿן און אין וואָסערע באַדינגונגען מ׳שאַפֿט די פֿאַרשידענע עסנוואַרגן, אַזוי וואָלטן מיר ביין־צענטל פֿון זיי גענומען אין מויל אַריין מיט עקל״.

אין זינען פֿון גאַנדיס תּורה וועגן אַסקעטיזם, זענען אַלע איינוווינער פֿון אַשראם מחויב צו פֿולשטענדיקער ריינקייט, ריינקייט אפֿילו במחשבה. פֿאַרפֿעלקער ווערן אַנגענומען אין אַשראם נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלן טון אַ נדר, אַז זיי רייסן איבער זייערע ביזאַהעריקע באַציונגען און וועלן לעבן, ווי שוועסטער־ברידער. גאַנדי האַלט, אַז מען קאָן דערגיין צו גייסטיקער שלימות נאָר דעמאָלט, ווען מען איז פֿולשטענדיק איינגעהאַלטן אין געדאַנק, אין וואָרט און אין טאַט. די חתונה דאַרף די פֿרוי און דעם מאַנספֿערשוין דערנענטערן בלויז גייסטיק. זי דאַרף פֿון זיי שאַפֿן צוויי גוטע פֿריינד, און געשלעכטלעכע באַציונגען טאָרן נישט שטערן דערדאָזיקער גייסטיקער האַרמאָניע. ווער עס קאָן זיך פֿולשטענדיק אָפּזאָגן פֿון תּאווה, יענער האָט נישט קיין מורא פֿאַרן טויט און גייט אַוועק פֿון דער וועלט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ווער עס לעבט און שטאַרבט אויף אַזאַ אופֿן — דער איז דער אמתדיקער מענטש. אויף אַזוינעם קאָן מען ערשט זאָגן, אַז ער האָט אויסגעפֿולט זיין לעבן.

דערדאָזיקער שטאַנדפּונקט גאַנדיס דערמאַנט שטאַרק אָן דער תּורה פֿון ל ע וו ט אָ ל ס ט אָ י. ס׳איז אויך באַוווּסט, אַז טאָלסטאָיס ווערק האָבן געהאַט אויף גאַנדין אַ שטאַרקע ווירקונג. אָט דערקלערט, צ.ב.ש, דער גרויסער רוסישער קינסטלער אין דער צושריפֿט צו „קרייצער סאָנאַטאַ: „נישטאָ נאָך קיין אַנדערע זינד, וואָס זאָל גורם זיין צו אַזויפֿיל צרות, ווי קערפּערלעכע ליבע״. ער האָט געוואָלט אינעם דאָזיקן ראָמאַן דערווייזן, אַז „דאָס גאַנצע שלעכטס נעמט זיך דערפֿון, וואָס די פֿרויען און מאַנסלייט באַהאַנדלען זיך קעגנזייטיק, ווי זאַכן אויף צו באַפֿרידיקן זייערע תּאוות. דערפֿאַר זענען זיך טאָקע מאַן און פֿרוי אייביקע שונאים״. טאָלסטאָי האָט שאַרף געטאַדלט קערפּערלעכע ליבע, און אַפֿילו נישט געקאַרגט דעם חתונה־האָבן: „חתונה, וואָס באַשטייט אויך פֿון קערפּערלעכער ליבע, איז אויך אַ זינד״. ער פֿאַרוואַרפֿט דעם געדאַנק, אַז דאָס חתונה־האָבן איז אַ קריסטלעכע

ינסטיטוציע. „דאָס אמתע אומגעפעלשטע קריסטנטום גיט נישט קיין שום יסוד פאַר חתונה-האָבן". טאָלסטאָי רופט-אָן דאָס חתונה-האָבן, ווי היימישע פּראָסטיטוציע. ער האַלט, אַז אַזוי ווי אַלע פאָרמען פון קערפּערלעכע ליבע, איז עס אויך אַ סימן פון מענטשלעכער דעגענעריטקייט.

טאָלסטאָי פאָדערט דערום, אַז די באַציונג פון מאַן פרוי מוז ווערן פאַרוואַנדלט אין ברידערלעכער ליבשאַפט. טאָלסטאָי האַלט אומערלעכקייט פאַר זייער אַ גרויסע זינד: „דאָס צעברעכן דאָס וואָרט מוז לכל-הפחות ווערן אַזוי באַשטראָפט, ווי אַ פאַלשקייט אין האַנדלס-באַציונגען!". מיט כּעס רעדט ער וועגן דער קירך, וואָס „האָט פאַלש אויסגעטייטשט דעמדאָזיקן ענין. לויט איר איז דאָס חתונה האָבן אַ מצווה. אַזוי אַרום האָט דאָס שלעכטס אין לעבן געפונען אַ רעכטפאַרטיקונג". ער באַשולדיקט אויך דיענִיקע אַרטיסטן, וואָס „אידעאַליזירן די זינד". פאַרקערט, די קונסט דאַרף פאַרהיטן די מענטשהייט פאַר אַלע נסיונות פון תאווה: „די היים, די געזעלשאַפט דאַרף אַזוי דערציען מאַן און פרוי, אַז זיי זאָלן — אַזוי פאַר דער חתונה, ווי נאָך איר – האַלטן די ליבע נישט ווי עפּעס דערהויבנס און דיכטעריש, נייערט ווי אַ דערנידערונג, אַ חיהשקייט".

גאַנדי זאָגט פאַר זיין פאָלק בּ ר אַ ה מ אַ נ כּ אַ ר י אַ. דאָסדאָזיקע וואָרט באַטייט, אַז מען מוז זיך איינהאַלטן פון אַלע קערפּערלעכע גלוסטונגען. „יענעם געהיימנישפולן כּוח, וואָס גאָט האָט אונז געגעבן, מוזן מיר האַלטן פאַר דער צוים און פאַרוואַנדלען אים נישט נאָר אין בלויז קערפּערלעכע, נייערט אויך גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן"... מיר מוזן כּסדר האָבן פאַר די אויגן די בּראַהמאַנכאַריאַ, ווי אונזער וועגווייזער. מיר מוזן שטרעבן צו אים מיט אַלע אונזערע כּוחות. ווען מיר לערנען קליינע קינדער לייענען, ווייזן מיר זיי די שיינע צורות פון די אותיות, וואָס זיי באַמיען זיך דערנאָך, לויט די כּוחות, נאָכצושרייבן. אַזוי-אַרום, מיט דער פולער אָנשטרענגונג, וועלן מיר זיך ביסלעכווייז דערנענטערן צום אידעאַל פון בראַהמאַנכאַריאַ". גאַנדי איז זיך מודה, אַז ער האָט שוין אַ סך מאָל עובר געווען אויף דעם געבאָט. יעדעס מאָל האָט ער זיך געשעמט און עס באַדויערט. ער האָט אויך, ווי ס'איז דער שטייגער אין אינדיע, חתונה געהאַט צו צוועלף יאָר. ער איז שוין דערום אַדורך די אַלע פיזישע און מאָראַלישע סכּנות, וואָס שאַפן זיך, ווען די געבליטער צייטיקן צו פרי.

גאַנדי דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן דערדאָזיקער חתונה פון צוויי קינדער: פון דידאָזיקע נאָטיצן קאָנען מיר זיך שאַפן אַ בילד אַזוי פון דער אייגנאַרטיקער אינדישער אינסטיטוציע, ווי אויך פון גאַנדיס קוק דערויף. ער דערציילט, אַז דער צוזאָג חתונה צו האָבן האָט אים, דאָס קינד, דערפרייט נישט מער, ווי דער צוזאָג פון עפּעס אַ נייעם מלבוש, צי אַ גוטן מאָלצייט. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער'ט „באַקומען אַ פרעמד מיידעלע זיך צו שפּילן". דער יונגער גאַנדי האָט זיך תחילת געוואָרפן מיט אַ ברען צו פּאָפּולערע בראָשורן, ווו ס'איז אויפגעקלערט, וואָסערע רעכט און התחייבותן ער האָט, אַלס מאַן פון אַ פרוי. אָבער היות ווי דאָרט איז

ווייער אָפט געווען אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז אַ פּאָרפאָלק מוז זיך בלייבן געטריי דאָס גאַנצע לעבן — האָט זיך ביי אים אין האַרצן דערוועקט אַ גוואַלטיקע אייפערזוכט, וואָס איז געווען לחלוטין גרונטלאָז. „כ'האָב נישט געהאַט קיין שום גרונט צו צווייפלען, אַז מיין ווייב איז מיר געטריי. אָבער אייפערזוכט איז בלינד. איך האָב געמיינט, אַז איך מוז וויסן וועגן יעדן טריט אירן. כ'האָב איר פאַרווערט אַרויסצוגיין ווו-נישט-איז אָן מיין דערלויבעניש. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט גורם געווען צו מיספאַרשטייענישן און מחלוקתן. מיין ווייב האָט זיך דערפילט, ווי אין אַ תפיסה. קאַסטורבאַי האָט גאָר נישט געהאַט בדעה זיך שטום אונטערוואַרפן מיינע תקנות. פאַרקערט, זי האָט זיך דווקא איינגעעקשנט, אַז זי מעג אַרויסגיין, ווו און ווען זי וויל. וואָס מערער איך האָב זי באַגרענעצט אין איר פרייהייט, אַלץ ווינציקער האָט זי מיך געהערט — און דאָס האָט מיך אַרויסגעברענגט פון געדולד. ס'איז סוף כל סוף דערגאַנגען דערצו, אַז מיר ביידע, צוויי חתונה-געהאַטע קינדער, זענען צווישן זיך ברוגז געוואָרן. היינט האַלט איך, אַז קאַסטורבאַי איז גערעכט געווען: איך האָב נישט געטאָרט פאַרלאַנגען פון אַ קליין מיידעלע, אַז זי זאָל נישט גיין אין קלויסטער, נישט צו אירע חברטעס. היינט פאַרשטיי איך שוין אַלצדינג — אָבער דעמאָלט בין איך געקראָכן אויף אַלע פיר, כדי איר אַרויסצווייזן מיין אויטאָריטעט, אַלס מאַן".

דאָס צוועלפיעריק יינגל איז נאָך דער חתונה, פאַרשטייט זיך, ווייטער געגאַנגען אין שול. אָבער בעת די לימודים האָט ער געמוזט כסדר טראַכטן וועגן זיין יונג ווייב, און דער פיזישער באַגער האָט אים ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פייניקן. אָבער אַ דאַנק דעם שטאַרקן אחריותגעפיל, וואָס איז שוין ביי אים דעמאָלט געווען אַנטוויקלט, האָט ער נישט איבערגעריסן זיינע שטודיעס. גאַנדי האַלט, אַז טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געצווונגען צו דער אַרבעט, איז ער בייגעקומען אַ סך געפאַרן, פיזישע און גייסטיקע.

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך באַמיט אויסצולערנען קאַסטורבאַין דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעלערנט. אָבער זי האָט זיך עקשנותדיק אַנטקעגנגעשטעלט. ער האָט איר דערצו געצווונגען. גאַנדי פאַרענטפערט זיך, אַז דידאָזיקע שטרענגקייט זיינע איז געווען מחמת ליבע. ער האָט געוואָלט מאַכן פון קאַסטורבאַין אַ פולקום ווייב, וואָס איר לעבן זאָל זיך פולשטענדיק צונויפגיסן מיט זיינעם. מחמת דער ליבע צו דער פרוי האָט ער זי נישט פאַרראַטן, הגם עטלעכע חברים זיינע האָבן זיך ספּעציעל פאַרנומען, אַז ער זאָל איר ווערן אומגעטריי.

ווי דער מנהג איז אין אינדיע, האָט גאַנדיס פרוי פאַרברענגט אַ האַלב יאָר ביי אירע עלטערן, ווייט פון אים. דערדאָזיקער מנהג, האַלט גאַנדי, האָט די מעלה, אַז עס מילדערט אין אַ געוויסער מאָס דידאָזיקע אַלע שעדלעכע קאָנסעקווענצן פון אַ חתונה פון אַזעלכע צוויי קינדער. גאַנדין האָט עס אויך געברענגט אַ נוצן, ווייל עס האָט אים פאַרהיטן פון פריצייטיקן צעברעכן זיך.

אויך אין ענגלאַנד האָט ער זיך נישט אויסגעהיילט פון אייפערזוכט. ער האָט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט אָנצוואַרפן קאַסטורבאַין זיינע איבערצייגונגען. אינגיכן נאָך זיין אומקערן אַהיים זענען ווידער אויסגעבראָכן ערנסטע מחלוקתן צווישן מאַן און ווייב. דער סוף איז געווען, אַז גאַנדי האָט אוועקגעשיקט זיין פרוי צו איר פאָטער. „כ'האָב זי צוריקגענומען — דערציילט ער — ווען זי איז שוין געווען אינגאַנצן צעבראָכן. ערשט שפּעטער האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, ווי נאַריש כ'האָב דעמאָלט געהאַנדלט. איך האָב עס אויפריכטיק באַדויערט". די מחלוקתן האָבן אויפגעהערט, ווען דאָס פאָרפאָלק האָט באַשלאָסן צו לעבן ווי שוועסטער און ברודער.

אינגיכן האָט גאַנדי אָנגענומען די פאַרטיידיקונג פון אַ געוויסער אינדישער אונטערנעמונג פאַרן געריכט. צוליב דעם איז ער גלייך אַרויסגעפאָרן קיין דרום-אַפריקע. דאָרט איז ער גלייך אַריין אין שטראָם פון די פּאָליטישע געשעענישן. מ'האָט אים אַריינגעצויגן אין קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון די אונטערגעדריקטע אינדער אין דרום-אַפריקע. אַז ער האָט געזען, אַז ס'וועט אים אויסקומען צו פאַרברענגען אין אַפריקע לענגער, ווי ער האָט תחילת גערעכנט, האָט ער זיך אומגעקערט קיין אינדיע און געבראַכט פון דאָרט זיין גאַנצע משפחה. פון יענעם מאָמענט אָן איז פרוי קאַסטורבאַי גאַנדי געוואָרן זיין נאָנטסטע מיטאַרבעטערין אין אַלע זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. זיי זענען געוואָרן אַ פּאָר אמתע חברים, וואָס קעמפן האַנט-ביי-האַנט, מיט דעם באַוווסטזיין פון זייערע ריזיקע רעפאָרמאַטאָרישע אידעען.

גאַנדי דערמאָנט זיינע אייגענע איבערלעבענישן און באַמערקט, אַז אַדאַנק דידאַקטיקע פּעלערס אין דער יוגנט האָט ער זיך אויסגעלערנט נאָך העכער צו שאַצן די מעלות פון בראַמאַכאַריאַ און ווידמען זיין גאַנצע מי צו פירן אַ לעבן אין פולקומענער ריינקייט. אַ סך מענטשן האָבן מיר שוין געזאָגט, אַז איך בין פול ענערגיע און טעמפּעראַמענט, אַז מיין געדאַנק איז תמיד פריש און ניי. מען וואַרפט מיר אָפּטמאָל פאַר גוואַלטזאַמקייט. אמת, אַז נישט מיין גוף, נישט מיין געדאַנק זענען נישט פריי פון קראַנקייטן — אָבער אין פאַרגלייך מיט מיינע פריינד בין איך געזונט און פריש, הגם צוואַנציק יאָר האָב איך געלעבט אין אויסגעלאַסנקייט. ווי געזינטער וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט משך יענע צוואַנציק יאָר אויך געלעבט אין ריינקייט! איך בין טיף איבערצייגט, אַז איך וואָלט געהאַט הונדערטפאַכיק מער ענערגיע און טעמפּעראַמענט, פאַר מיין וויל און פאַר דעם וויל פון מיין לאַנד. מיר זענען געקומען אויף דער וועלט צוליב דעם, אַז מיר זאָלן קעמפן מיט אירע נסיונות און שוועריקייטן, אַז מיר זאָלן זיי לסוף באַזיגן. ווער עס האָט נישט אין זיך גענוג שטאַרקן ווילן דערויף, כדי אַזוי צו טון — יענער וועט קיינמאָל נישט זיין אויף אַן אמת געזונט".

מיט דעם גרינדן דעם „סאַטי-אַגראַהאַ-אַשראַם" איז גאַנדי אויסן-געווען

צו ווייזן דעם אינדישן פאָלק אַ מוסטער פון אַ געזונטן לעבנשטייגער, וואָס איז אין הסכּם מיט די פּרינציפּן פון זיטלעכקייט. ווילן מיר נענוי פאַרשטיין יענע שטרענגע כּללים, וואָס גאַנדי שרייבט-פאָר די איינוווינער פון זיין אַשראַם — מוזן מיר געדענקען, אַז דאָס אינדישע פאָלק איז גוטה צו באַקוועמער נאַפה און האָט אַ שוואַכקייט צו פאַרשידענע געשלעכטלעכע טאַטן. דאָס רופט זיך זייער שלעכט אָפּ אויפן פאָלקסגעזונט. דערום האָט גאַנדי געהאַלטן, אַז דאָס נויטווענדיקסטע איז צו געבן די מענטשן אַ לעבעדיקן ביישפּיל פון פולשטענדיקן איינהאַלטן זיך. דאָס האָט געזאָלט באַווייזן דער אַסקעטישער לעבנשטייגער פון דער גאַנצער געמיינדע. שוין ג אָ ק ה ע ל, גאַנדיס פאָרגייער, האָט געפּלאַנט אַזאַ זאַך. נאָכמער — ער האָט עס אַפילו טיילווייז פאַרווירקלעכט: ער האָט געשאַפן די געזעלשאַפט Servants of India (די דינער פון אינדיע), וואָס זי האָט געזאָלט בילדן דעם כאַראַקטער פונם פאָלק און פאַרגייסטיקן זיין פּאָליטישן און פיזישן לעבן. דערום איז גאַנדיס סאַטיאַגראַהאַ-אַשראַם אַ המשך פון יענער אַרבעט, וואָס גאָקהעל האָט אָנגעהויבן. אָבער דערביי איז גאַנדי מער ראַדיקאַל.

אין הסכּם מיט די דידאָזיקע אַסקעטישע פּרינציפּן פירן סיי גאַנדי, סיי זיין משפּחה און תּלמידים אינם סאַטיאַגראַהאַ-אַשראַם אַ שטרענג-רעליגיעז לעבן, וואָס מאַכט אויף יעדן, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט עס צו באַטראַכטן, אַן אומגעהייערן איינדרוק. פאַרטאָג, נאָך פאַר זונאויפגאַנג, גייט אַרויס דער מאַהאַטמאַ אויף אַ טעראַסע איבערן ברעג סאַבאַרמאַטי. דאָרט טוט ער מאָרגנתּפילה צוזאַמען מיט זיין משפּחה און תּלמידים, אין דער באַגלייטונג פון רעליגיעז געזאַנג. אָט די צערעמאָניע, דאָס זאָגן די הייליקע פּרשות פון די ספרים „גיטא” און „אופּאַנישאַדן” — איז אַזוי ווי אַ יום-טובדיקער אָנהייב פון יעדן טאָג, וואָס מען פאַרברענגט אויף שווערער אַרבעט און סיגופים. דידאָזיקע תּפילות און די אייביקע הימנען מאַכן נאָך מער פייערלעך דאָסדאָזיקע ריינע, אַסקעטישע לעבן.

דער מאַהאַטמאַ האָט בעיקר ליב יענע הימנען, וואָס שטאַמען פון זיין היימלאַנד ג ו ד ז ש ע ר אַ ט. דאָס באַשטייט אין דעם, וואָס מען חזרט איבער זייער לאַנג עטלעכע סטראָפעס. דאָס דערמאָנט נישט אַזוי ווייט מוזיק אין אייראָפּעישן זינען, ווי אַן אומאויפהערלעך איבערחזרן דעם זעלביקן זאַץ אין בודאַס רעדעס, אַ מין פּזמונים.

טש. פ. ענדריו האָט זיך אַראָפּגעשריבן די טעקסטן פון עטלעכע הימנען אַזעלכע. איין ליד, וואָס מען זינגט אינדערפרי, לייענט זיך אַזוי:

דער וועג צו גאָט איז אָפן נאָר פאַרן העלד, פאַרשלאָסן — פאַרן פחדן. גיב אַוועק דיין
לעבן און דיין גאַנצן פאַרמעג, און דאַן וועסטו קאָנען אָננעמען גאָטס נאָמען.

נאָר יענער וועט טרינקען פון גאָטס לאָגל, ווער עס וועט פאַרלאָזן זיין זון, זיין ווייב, זיין
רייכקייט און זיין לעבן.

און זע: ווער עס וויל פאַנגען פערל, דער מוז אַראָפּגיידערן צום אָפּגרונט פון ים און זיין
לעבן שטעלן אין סכּנה.

דער טויט שרעקט אים נישט אָפּ. ער פאַרגעסט אָן דער גאַנצער נויט פון גוף און נשמה.

ווער סע שטייט אויפֿן ברעג אַ וואַקלדיקער, האָט נישט דעם מוט אַרייַנצושפּרינגען אין דער טיפֿע,
ביז—יענער וועט גאָרנישט געניסן.

דער שטעג פֿון ליבע איז אַ פֿייערפּראָבע. פּחדנים ציִען זיך צוריק.

ווער עס וואַגט צו שפּרינגען אין פֿייער אַרייַן, — דעם בענטשט גאָט.

און אַנדער הימן, ווידער, לייענט זיך אַזוי:

האַר מייַנער, לאָז מיך נישט קוקן אויף זאַכן, וואָס דערוועקן שלעכטע געדאַנקען
גלייַכער וואָלט איך בלינד געוואָרן.

האַר מייַנער, לאָז מיך נישט לעסטיקן מייַנע ליפּן מיט אומווערטיקע רייד.
גלייַכער וואָלט איך שטום געוואָרן.

האַר מייַנער, לאָז מיך נישט הערן קיין זידלוואָרט אָדער אַ פֿאַלשקייט.
גלייַכער וואָלט איך טויב געוואָרן.

האַר מייַנער, לאָז מיך נישט באַגערנדיק קוקן אויף די, וואָס דאַרפֿן זייַן מייַנע שוועסטערס
גלייַכער וואָלט איך געשטאָרבן.

גאַנדיס באַליבטער הימן לויבט דאָס לעבן פֿונם „אמתדיקן וואַישנאַוואַ“. דעמדאָזיקן הימן האָט מען אויך געזונגען יענעם אָוונט, ווען גאַנדי האָט זיך געזעגנט מיט זייַנע פֿרייַנד, איידער ער איז געגאַנגען אין תּפֿיסה אַרייַן.

„נאָר יענער איז אַן אמתדיקער וואַישנאַוואַ — זאָגט זיך דאָרט — ווער עס פֿילט דעם אַנדערנס יסורים, אַזוי ווי זייַנע אייגענע. דער, וואָס איז תּמיד גרייט צו דינען דעם אַנדערן, באַרימט זיך נישט קיינמאָל. דער, וואָס נידערט צו יעדערן, גרייסט זיך נישט פֿאַר קיינעם, איז ריין אין געדאַנק, אין וואָרט און אין טאַט. ווויל דער מוטער, וואָס האָט אַזאַ זון: אין יעדער פֿרוי לויבט ער זייַן מוטער. ער איז תּמיד אין גוטן געמיט, פֿאַרומרייניקט נישט קיינמאָל זייַנע ליפּן מיט פֿאַלשקייט און היט-אָפּ די אוצרות פֿון אַנדערע מענטשן. עס בינדן אים נישט קיין בונדן פֿון פֿרייַנדשאַפֿט אָדער פֿון ליבשאַפֿט. תּמיד בשלום מיט דער ראַמאַנאַמאַ, פֿאַרמאָגט ער אַליין אין אייגענעם גוף אַלע אָפּשטעלערטער פֿון די פֿרומע עליות. פֿרעמד איז אים תּאווה און יאוש, אומבאַקאַנט ליידנשאַפֿט און כּעס...“

דער אייביקער טעקסט פֿון דידאָזיקע הייליקע געזאַנגען כאַראַקטעריזירט דעם גייסט פֿון גאַנדיס תּורה אין לעבן. דאָ ווערט פֿאַרקערפּערט דאָס אַלץ, וואָס די אינדער האָבן אין זייערע אַלטע שירים פֿאַרגעשטעלט, ווי דעם העכסטן שטאַפּל פֿון מאָראַלישער שלימות.

דאָס לעבן אין אַשראַם איז אַזוי אייַנגעשטעלט, אַז יעדער מוז אויספֿירן אַפֿילו די נידעריקסטע אַרבעטן. דעם מאַהאַטמאַס תּלמידים, וואָס שטאַמען אָפּטמאָל פֿון די העכסטע קאַסטעס, מוזן דאָרט אויך אויספֿירן די „אומרייניקע“ אַרבעטן, היינו: זיי רוימען צו און מאַכן-ריין די שטובן. לויט די אינדישע באַגריפֿן געהערט דידאָזיקע אַרבעט צו די פּאַריער. דעם גרעסטן טייל טאָג פֿאַרברענגט מען אין די שפּייכלערס „האַרקאַ“, וואָס דאָס גייט אויך אַרייַן אינעם בויקאָמפּלעקס פֿונם אַשראַם. דאָרט זעצט זיך דער מאַהאַטמאַ

צוזאַמען מיט אַנדערע צום שפּינראַד אָדער צו דער וועבשטול. אַלע נעמען זיך דאַן צו דער אַרבעט פון יענע וויסע אינדישע „קהאַדאַרן". אין דעם האַפּט גאַנדי, ליגט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אויסלייזונג פון זיין פאַטערלאַנד.

לערך אַ מייל ווייט פון אַשראַם ליגט סאַבאַרמאַטי־יאַיל (פון אַשראַם קאָן מען עס זעען מיטן הוילן אויג) — יענע תפיסה, ווו מ'האָט גאַנדין איינגעזעצט ד. 10 מערץ 1922. ער האָט דאַן, מיט פולשטענדיקן רעכט, געמעגט זאָגן: „פאַרוואָס זאָל דאָס לעבן און די שפּייז אין תפיסה זיין פאַר מיר אַ פּיין — עס קאָן דאָך נישט זיין פשוטער פון דעם לעבן און עסן, צו וועלכן איך בין געווינט!". און באמת האָט זיין איבערציען זיך אין תפיסה אַריין נישט באַטייט פאַר אים קיין אויסערלעכן שינוי. ער האָט גע־פירט דאָסזעלבע לעבן, ווי אויף דער פריי, מיט דעם אונטערשיד, וואָס הינטער די קראַטן איז ער געווען אָן ערך רויקער, ווי אויף דער פריי. דאָרט האָט מען אים כסדר פאַרפאָלגט.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, ווי אַזוי גאַנדי האָט אויסגענוצט זיינע אָפטע אַרעסטן, ווי אַזוי ער האָט פאַרפולקומט זיינע ליטעראַרישע קענטעניש. ער האָט כסדר געלייענט ביכער. אין זיי האָט ער געפונען אַ רפואה אויף אַלע פורעניות פון תפיסהלעבן. גאַנדי אַליין דערציילט, אַז די ווערק פון קאַרלייל, דזשאָנסאָן, סקאָט, בעקאָן, טאָלסטאָי, עמערסאָן, טאָראָ און רעסקין, ווי אויך די הייליקע אינדישע ספרים — בעיקר באַגאַוואַד גיטאַ — האָבן אים פאַרטראָטן די געזעלשאַפט פון פריינד, האָבן פאַרקירצט די שעהן ליידיק־זיין, וואָס האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף. „אַ סך פון די ביכער האָב איך געלייענט אין תפיסה צום ערשטן מאָל. געוויינלעך פלעג איך אָנהייבן אינדערפרי ביי דער גיטאַ, נאָכמיטאָג האָב איך געלייענט דעם קאָראַן, און אינאָוונט די ביבל—צוזאַמען מיט נאָך אַן אַרעסטאַנט, אַ כינעזישן קאַטאָליקער".

נאָך פון דער יוגנט אָן האָט זיך גאַנדי באַצויגן מיטן גרעסטן דרך־ארץ צו דער כריסטלעכער רעליגיע. ישו הנוצרי האָט ער געהאַלטן פאַר איי־נעם פון די גרעסטע פירער פון דער מענטשהייט. אָבער מער פון אַלץ האָט ער זיך אינטערעסירט מיט די אַלט־אינדישע כתבים. ווען ער איז געזעסן אין דער יעראַד־תפיסה, האָט ער פאַרברענגט די צייט בעיקר אויף שטודירן די מאַהאַבראַהאַטאַ. דער אוראַלטער טעקסט פון די־דאָזיקע כתבים האָט אויף אים געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם. אַחוץ דעם האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט מאַכמעדאַנישע ספרים, דערהויפּט מיט די מסורות וועגן מחמדס לעבן און פון זיינע חברים. צומאָל פלעגט ער אויך לייענען עפּעס אַ ווערק פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, צווישן אַנדערע אויך די ווערק פונם דייטשן מיסטיקער יאַקאָב בעהמע. גאַנדי האָט זיך אויף אים אָפטמאָל פאַרופן, אַמאָל אַפילו ציטירט אין זיינער אַ בראָשור ברעמעס געוויסע אויסדריקן.

ער דערציילט, אַז ער האָט מיט גרויס פלייסיקייט שטודירט אין דער

ועלבער תפיסה יערואַד דעם טאָמיל און די אורדן, כדי זיך צו פאַר־פולקומענען אין די אינדישע לשונות. ער פלעגט אויך אָפּט לייענען דעם סאַנסקריט, כדי ווייטער צו גיין אין זיינע שטודיעס. ער האָט זיך געמאַכט אַ פּלאַן צו לערנען אויף די גאַנצע זעקס יאָר, וואָס ער האָט זיך געריכט צו זיצן. משך יענער צייט האָט ער ספּעציעל זיך באַמיט צו דעריאָגן דאָס אַלץ, וואָס ער איז געווען היגטערשטעליק אין ליטעראַרישער הינזיכט — דאָס שטורמישע און אַרבעטזאַמע לעבן האָט אים דערויף נישט דערלויבט. „איך האָב זיך גענומען צו די ביכער — דערציילט ער — מיטן ברען פון אַ 24־יעריקן יונגנמאַן. כ׳האָב איינגעזשלט פאַרגעסן אַן מיין שוואַכן געזונט און אַן מיינע 54 יאָר“. וואָס אַן אמת, האָט ער באַוויזן אויסצופירן נאָר אַ טייל פון זיין פּראָגראַם, ווייל איינגיכן איז ער קראַנק געוואָרן און צוליב דער גרויסער סכנה פון דער קאַטאַסטראָפע האָט מען אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי. פון יענעם מאָמענט אָן האָט ער זיך ווידער געשטעלט בראש פון אַלע געשעענישן און ער האָט שוין נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט ליטעראַטור.

## 5

אין אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט, אין אַלע אמונות, וואָס ער האָט שטודירט, האָט ער געזוכט נאָר די יסודות פון מאָראַלישקייט און אמת. דאָס איז איינער פון די טיפסטע שטריכן פון זיין כאַראַקטער. און דאָס איז נישט קיין צופאַל. דערצו האָט גורם געווען הן די סיסטעם פון גאַנדיס דערציונג, הן די טראַדיציע פון זיין משפחה. מאָהאַנדאַס קאַראַמשאַנד גאַנדי, געבוירן דאָס יאָר 1869 אין פּאָרבאַנדער, אין דער פּראָווינץ גודשעראַט, איז דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון שטרענגן ווישנויזם. אַלע זיינע אָבות האָבן געהערט צו דער סעקטע דזשאַינאַס, און אַלע האָבן זיך אויסגעצייכנט סיי מיט זייערער טיפער רעליגיעזישקייט, סיי מיט זייער ליבשאַפט צום אמת. שוין גאַנדיס זיידע, אַ הויכער פינאַנסבאַאַמטער ביי זיך אין לאַנד, האָט אָנגעווירן דעם חן אין די אויגן פון זיין פירשט און האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ אין פּאָרבאַנדער. ער איז אַנטלאָפן קיין יאָנאַגדאַ. דער דאָרטיקער מושל האָט אים זייער פריינדלעך אויפגענומען. אָבער גאַנדי האָט באַגריסט זיין נייעם הערשער — נישט ווי דער מנהג — מיט דער לינקער האַנט. די רעכטע האַנט, האָט ער אָפן און פּייערלעך דערקלערט, געהערט נאָך ווייטער דעם פירשט פון פּאָרבאַנדער.

גאַנדיס פאָטער האָט געהאַט כמעט דעמזעלבן גורל. ער איז אויך געווען פינאַנצמיניסטער, „דעוואַן“, און אויך אָנגעווירן די לייטזעליקייט אין די אויגן פון זיין פירשט. ער איז אַוועק קיין ראַיקאָט. גאָר גיך האָט ער שטאַרק נושא חן געווען ביי זיין נייעם מושל, וואָס האָט אים פאַרשאָטן מיט מתנות. אַז איינמאָל האָט אַן ענגלישער קאָנסולאַראַגענט זיך שלעכט

אויסגעדריקט וועגן דעם הערשער, האָט אים דער אַלטער גאַנדי שאַרף געטאַדלט. דער אַלמאַכטיקער אַגענט האָט געפאָדערט, ער זאָל אים אי-בערבעטן. גאַנדיס פאָטער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און מ'האָט אים אַרעסטירט. אָבער גאָר גיך האָט זיך דער ענגלישער דזשענטלמען געמוזט אָפּזאָגן פון זיין פאַרלאַנג און באַפוילן אים צו באַפרייען.

איינער פון די וויכטיקסטע געבאָטן פון דער דזשאַינאַ איז: „אַ-הימשאַ" — זאָלסט נישט הרגענען! — דערום זענען אַלע מיטגלידער פון דער סעקטע וועגעטאַריאַנער. אָבער דער יונגער גאַנדי איז אַ געוויסע צייט געווען אונטערן איינפלוס פון זיינע פריידענקערישע שולחברים. ער האָט אָנגעהויבן צו גרינגשאַצן די געבאָטן פון זיינע אָבות, געהאַלטן עס פאַר פאַרעלטערט און זינלאָז. די יינגע בחורימלעך האָבן זיך געוואָלט באַ-ווייזן איינער פאַרן אַנדערן, אַז זיי לאַכן פון די רעליגיעזע אָבערגלויבנס, האָבן זיי בשתיקה געקויפט פלייש און געגעסן. גאַנדי דערציילט, אַז ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אויפגעגעסן אַ שטיקל פלייש, האָבן אים אַ גאַנצע נאַכט געפּייניקט גרויזאַמע חלומות. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אין זיינע איינגעווייד אַ לעבעדיקע ציג אין בלוט. אָבער פונ-דעסטוועגן האָט ער געהאַלטן, אַז ער דאַרף ווייטער אָנגיין מיט זיין פריי-דענקעריי. אָבער אַז ער האָט געזען, אַז ווען די עלטערן וועלן אים פרעגן, פאַרוואָס ער איז נישט הונגעריק, וועט ער מוזן זיך באַנוצן מיט כלערליי תירוצים און ליגנס, — האָט ער דערפילט אַזאַ עקל צו דעם, אַז ער האָט אויפגעהערט צו עסן פלייש און האָט איבערגעריסן מיט זיינע חברים, אַבי ער זאָל נישט דערפון זאָגן מער קיין ליגן.

עטלעכע מאָל האָט ער, אַלס יונג יינגל, געקויפט פּאַפּיראָסן. ער איז אַריינגעפאַלן אין חובות. קיין אַנדער עצה האָט ער נישט געפונען, און ער האָט צוגעגנבעט אַ שטיק גאָלד זיין עלטערן ברודער. אָבער גלייך איז אים באַפאַלן אַ טיפע חרטה און אַ שאַנד. ער האָט לענגער נישט געקאָנט לעבן אין ליגן און פאַלשקייט, און ער האָט זיך מתוודה געווען אין אַלעמען אויף פּאַפּיר. דער פאָטער איז דעמאָלט געווען קראַנק, האָט ער עס אים דערלאַנגט אין בעט.

דער פאָטער האָט איבערגעלייענט דאָס צעטעלע און ער האָט אַ ציטער געטון. אין די אויגן האָבן זיך אים געשטעלט טרערן. דעמאָלט האָט גאַנדי ביי זיך פעסט באַשלאָסן מער נישט זאָגן ליגן און נישט גנבענען. ערשט שפּע-טער — דערציילט ער — האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דידאָזיקע פּשוטע פאָרם מחילה, וואָס דער פאָטער, זייער אַ שטרענגער מענטש, האָט אים געגעבן — איז די ריינסטע „אַהימשאַ".

גאַנדי דערציילט אויך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וועגן די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מיטלשול. ער האָט געהאַט גרויסע צרות מיט זיין מיאוסן כתב; אַפילו אין ענגלאַנד האָט ער זיך נאָך דערמיט געשעמט. ער האָט זיך שטאַרק געמיט, אָבער דער מיאוסער כתב איז שוין ביי אים פאַרבליבן.

[illegible] שווער איז אים אָנגעקומען דאָס לערנען. צוליב דער חתונה האָט ער פֿאַרלוירן אַ גאַנץ יאָר לערע. איצט האָט ער עס געמוזט אָניאָגן, איבערהיפּערן אַ גאַנצע קלאַס. דערהויפּט איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין געאָמעטריע. ערשט מיטאַמאָל, ביי אייקלידעס'ס דרייצנטע אויפֿגאַבע, האָט ער נעכאַפּט דעם מהות פֿון דערדאָזיקער וויסנשאַפֿט און פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיך דערביי ריכטן מיטן פּשוטן פֿאַרשטאַנד. פֿון דאַן אָן איז אים געאָמעטריע אָנגעקומען זייער לייכט און אינטערעסאַנט.

אויך מיט דעם סאַנסקריט האָט ער געהאַט אַ שווערע אַרבעט. מען דאַרף געדענקען, אַז דידאָזיקע לערע באַשטייט אין דעם, וואָס מען מוז זיך אויסלערנען פֿון אויסנווייניק פֿאַרשידענע כּללים און ווערטער. די לערע איז אים געגאַנגען אַזוי שלאַבעריק, אַז ער האָט שוין אַפֿילו געהאַט בדעה אינגאַנצן אַוועקצוואַרפֿן דעם סאַנסקריט און זיך איבערוואַרפֿן צו פּערסיש, וואָס איז נישט אַן ערך לייכטער. אָבער דער לערער האָט אים באַמערקט, אַז אַלס זון פֿון די „ווישנאַוואַס" מוז ער קענען די שפּראַך פֿון זיינע אָבות. דאַן האָט זיך גאַנדי געוואָרפֿן מיטן גאַנצן ברען צו דער אַרבעט — און סוף כּל סוף האָט ער זיך אויסגעלערנט געוויסע כּללים פֿון דערדאָזיקער שפּראַך.

דאָס יאָר 1887 האָט ער געענדיקט די מיטלשול. אַ געוויסע צייט איז ער געגאַנגען אין אַן אינדישער הויכשול, אָבער עס האָט אים נישט געפֿאַנגען. דאַן האָט ער זיך באַראָטן מיט אַ געוויסן אַלטן בראַמאַנער, אַ פֿאַמיליע־פֿריינד, און ער איז אַרויסגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן צו שטודירן יוריספּרודענץ. גאַנדיס מוטער, זייער אַ גאָטספֿאָרכטיקע פֿרוי, האָט אים נישט געוואָלט דערלויבן צו פֿאָרן, סיידן ער'ט פֿאַר אַ גייסטלעכן אָפּגעבן אַ שבועה, אַז ער וועט אויך ווייטער, אין דער פֿרעמד, נישט זינדיקן מיט ווײַן, פֿלייש און ניבול־פּה. ער האט אַזוי געטון.

גאַנדי האָט אַפֿילו געהאַט חשק צו מעדיצין. אָבער דער עלטערער ברודער האָט אים איבערגעגעבן, אַז דער פֿאָטער זייערער (ער איז שוין דעמאָלט געווען געשטאָרבן) האָט נישט געהאַלטן פֿון דער מעדיצין. ער האָט געזאָגט, אַז אַ ווישנאַוואַ" טאָר קיינמאָל נישט שניידן קיין מתים.

האָט ער דערום איבערגעלאָזט זיין פֿרוי און זייער נייגעבוירן זינדל און איז אַרויסגעפֿאָרן קיין באָמביי. דערנאָך האָט ער זיך אַרויפֿגעזעצט אויף אַ שיף און איז אַוועק קיין ענגלאַנד. שוין אויפֿן דעק האָט ער געזען, ווי שווער ס'איז אים צו פֿאַרקערן מיט אייראָפּעער: אַ נישט־דרייסטער און שרעקעוודיקער, האָט ער זיך באַמיט אויסצומיידן אַנדערע פּאַסאַזשירן. אַפֿילו מיטאָג פֿלעגט ער עסן נאָר ביי זיך אין קאַיוטע. בפֿרט, אַז — ער האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין מיט גאָפּל־מעסער.

אין לאָנדאָן האָט ער אַ סך נעכט פֿאַרברענגט אין טרערן. די בענקשאַפֿט נאָכן היימלאַנד האָט אים פֿאַרצערט. ער איז געווען פֿולשטענדיק הילפֿלאָז און אָנמעכטיק אין דערדאָזיקער ריזיקער שטאָט, ווו ער האָט

נישט געהאַט קיין שום פריינד, האָט נישט געקענט די מנהגים פונם דאָזיקן לאַנד. קריגן גוטע פליישלאָזע שפייז איז אים אָנגעקומען זייער שווער. אָבער פונדעסטוועגן, האָט ער זיך שוין איינמאָל אַנטשלאָסן צו פאָרן קיין ענגלאַנד, האָט ער באַשלאָסן בלייבן אין ענגלאַנד די דריי יאָר און דאָרט ענדיקן די שטודיע. נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט ער סוף כל סוף געפונען עפּעס אַן אכסניה מיט אַ פליישלאָזער קיך. ער איז שוין כמעט געווען געשטאָרבן פאַר הונגער. דאָס האָט ער זיך אויסגעטייטשט, ווי אַן אַנטפּלעקונג פון גאָטס חסד.

אַ שטיקל צייט שפּעטער איז ער אַריינגעטרעטן אין אַ וועגעטאַריאַנישער געזעלשאַפט און אָנגעהויבן צו שפּילן דאָרט אַ געוויסע ראָל. ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס גאַנדי, דערדאָזיקער שפּעטערדיקער גרויסער פּאָליטיקער און פאָלקסרעדנער, האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע קאַריערע מיט אַ רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון וועגעטאַריאַנער אין לאָנדאָן — און דאָס מיט זייער אַ שוואַכן דערפאָלג.

גלייכצייטיק מיט דעם יורידישן שטודירן, האָט גאַנדי אָנגעהויבן צו לעזן רעליגיעזע ווערק. דאָס האָט ער געטון אונטערן איינפלוס פון עטלעכע טעאָזאָפן, וואָס האָבן זיך מיט אים באַפריינדט. דעמאָלט האָט ער עס איבערגעלייענט צום ערשטן מאָל די באַגאַוואַד גיטאַ און זיך פּערזענלעך באַקענט מיט די טעאָזאָפינס בלאַוואַצקי און עני בעזאַנט. אויך זייערע ווערק האָט ער גרינדלעך אַדורכגעשטודירט. אַדאַנק זיינעם אַן ענגלישן פריינד האָט ער זיך אויך באַקענט מיט דער קריסטלעכער אמונה און זיך גענומען שטודירן די ביבל.

דעם 10 יוני 1891 האָט גאַנדי באַלייגט דעם אַדוואָקאַטישן עקזאַמען, און מיט צוויי טעג שפּעטער איז ער שוין געזעסן אויף דער שיף — צוריקוועגס אַהיים. נאָכן אומקערן זיך קיין אינדיע, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די מוטער איז אים אָפּגעשטאָרבן — מען האָט אים פריער וועגן דעם בכיוון נישט געשריבן.

אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין באָמביי. דאָרט האָט ער זיך באַפריינדט מיטן דיכטער ראַיאַהאַנדראַ. דידאָזיקע פריינדשאַפט האָט געהאַט פאַר גאַנדין אַ גרויסן באַטייט. ראַיאַהאַנדראַ, פון פאַך אַ גאָלדשמיד, וואָס האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דיכטונג און מיסטיק, האָט געהאַט אַ ריזיקע השפּעה אויפן יונגן גאַנדי. דער מאַהאַטמאַ האָט זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז אין די שעהן פון גייסטיקער שפלות האָט אים קיינער נישט געקאָנט אַזויפיל העלפן, ווי ראַיאַהאַנדראַ. אָבער פונדעסטוועגן — גיט ער צו — האָט ער קיינמאָל נישט געהאַלטן זיין פריינד פאַר זיין גייסטיקן פירער, פאַר זיין „גורו". בכלל האָט ער דאָס גאַנצע לעבן געזוכט זיין „גורו".

— איך גלייב באמונה שלמה — שרייבט גאַנדי — אין דער אינדישער לערע וועגן גורוס, וועגן זייער באַטייט פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון יעדן מענטשן. איך האַלט, אַז פאַראַן אַ סך אמת אין דער מסקנה,

אַז אָן דעם גורו קאָן מען נישט געפינען די אמתדיקע קענטעניש. וואָס שייך וועלטלעכע ענינים, קאָן מען, אויפן ערגסטן פאַל, זיך באַנוגענען מיט אַ געוויינלעכן לערער. אָבער פאַר דער נשמה מוזן מיר האָבן אַ פולשטענדיק פולקומענעם גייסטיקן פירער. ווילן מיר געפינען אַזעלכן, אַזוי מוזן מיר כסדר זיך באַמיען צו זיין פולקום, מחמת יעדער מענטש געפינט אַזאַ גורו, וועלכן ער איז ווערט. די שטרעבונג צו שלימות איז דער חוב פון יעדן מענטשן און ברענגט אים מיט זיך אַליין זיין שכר. דאָס איבעריקע ליגט ביי גאָט אין האַנט.

גאַנדי דערציילט, אַז פון די הײנטצייטיקע מענטשן האָבן נאָר דריי געמאַכט אויף אים אַ טיפן רושם און באַהערשט זיין גייסט: ר אַ י אַ ה אַ נ ־ ד ר אַ מיט זיין פערזענלעכער דירעקטאַר ווירקונג, ט אָ ל ס ט אָ י מיט זיין ביכל „דאָס מלכות פון הימל איז אין אונז גופא” און ר ע ס ק י ן מיט זיין בוך „Unto this Last” (צווישן דעם לעצטן).

אין באָמביי האָט גאַנדי אַפילו געפּרוווט פירן אַן אַדוואָקאַטישע קאַנצע־לאַריע. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך דעמדאָזיקן באַרוף געווידמעט מיט לייב און לעבן. שוין דעמאָלט האָט מען וועגן דעם געוווּסט — אַזוי, אַז וואָס גאַנדי האָט געזאָגט, האָט קיינער זיך נישט דערוועגט צו באַ־צווייפלען. אַפילו זיינע שונאים האָבן זיך פולשטענדיק פאַרלאָזן אויף זיין וואָרט. אָפט פלעגט זיך אים טרעפן בעת זיין אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק, אַז ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט אים פאַלש איבערגעגעבן די פאַקטן, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער פאַרטיידיקונג. יעדן פּראָצעס האָט ער אָנגענומען נאָר בתנאי, אַז אויב ער׳ט זיך דערוויסן, אַז דער קליענט האָט אים דערציילט אַ ליגן, האָט ער דאָס רעכט זיך צוריקצוציען. קיינמאָל אין לעבן האָט ער נישט אָנגעקלאָגט קיין בעל־חוב. ער איז געווען זיכער, אַז אויב דער בעל־חוב איז אַן ערנהאַפטער מענטש, וועט ער סיי־ווי באַצאָלן, ווען ער וועט זיין בכוח.

אַז סוף 1908 איז אַ געוויסער מאַכמעדאַנישער פאַנאַטיקער אָנגע־פאַלן אויף גאַנדין און שיער אים נישט דערהרגעט,האָט גאַנדי נישט געוואָלט אים אָנקלאָגן אין געריכט. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט אַרויסטרעטן אַלס עדות. דעמזעלביקן טאָג נאָך, אַ שווער פאַרוווּנדעטער און פאַרבלוטיקטער, האָט ער אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו זיינע אָנהענגער, אַז זיי זאָלן נישט גאָרנישט טון דעם אַטענטעטער. „דער מענטש, וואָס איז אויף מיר אָנגעפאַלן — האָט ער געשריבן — האָט געהאַט אַ טעות. ער איז גע־ווען זיכער, אַז מיין האַנדלונג איז אַן אומגערעכטיקע און דערום געזוכט צו נעמען נקמה אויפן דאָזיקן וועג, וואָס איז פאַר אים איינציק מעגלעך. איך בעט דערום, אַז קיינער זאָל נישט אָננעמען קיין שום שריט קעגן אים — מחמת איך גלויב אינעם דאָזיקן מענטשן, כ׳וויל אים ליב האָבן און אים געווינען מיט ליבשאַפט”.

און באמת איז געשען אַ וווּנדער: אַ יאָר נאָכדעם האָט דער אַטענ־טעטער געשריבן גאַנדין אַ בריוו מיט די אויסדריקן פון טיפסטן

דרך־ארץ און פאַרערונג. ער אַליין וועט טון אַלצדינג, וואָס איז אין זיינע מעגלעכקייטן, כדי צוהעלפן צום נצחון פון גאַנדיס אידעעס.

אַלעמאָל האָט ער געהאַלטן, אַז ליבשאַפט איז דאָס איינציקע געווער קעגן שלעכטס. דריי מאָל איז אים באַפאַלן דאָס פעבל, געשלאָגן אים און באַשפיגן. איינמאָל האָט מען אים איבערגעלאָזט אַ צעמאַזיקטן אויף דער גאַס אין אַ האָפענונגסלאָזן צושטאַנד. אָבער קיינמאָל האָט ער נישט געפילט קיין האַס צו זיינע פאַרפאָלגער. פיר מאָל איז ער געזעסן אין תפיסה. אויך דאָרט האָט ער זיך באַצויגן צו די וועכטער מיט דער פולסטער אַכטונג. צי אין דער פעסטונג אין יאָהאַנעסבורג, צי הינטער די קראַטן פון דער פינסטערער תפיסה אין יעראַוודאַ — אומעטום האָט ער אָן תרעומות און אָן איין וואָרט זיך אונטערגעגעבן אַלע כללים פון תפיסה. אַלעמאָל האָט ער זיך רויק צוגעפאַסט צו די כלערליי ראַפינירטע פאַראָרדענונגען. ער האָט אויך געטענהט מיט זיינע מיטאַרעסטאַנטן, אַז זיי זאָלן די תפיסה־וועכטער האַלטן נישט פאַר שונאים, נאָר פאַר ברידער: „מיט אונזער רויקער אויפפירונג וועלן מיר דערפירן דערצו, אַז זיי וועלן זיך צו אונז באַציען מיט פולשטענדיקן צוטרוי. אונזער כבודגעפיל דיקטירט אונז זיך פרייוויליק אונטערצוואַרפן אַלע כללים אין טורמע".

אַזוי ווי אויף דער פריי, אַזוי האָט ער אויך אין תפיסה נישט געוואָלט געניסן פון קיין שום הנחות, אויב די אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן דערפון נישט גענאָסן. ער האָט געבעטן זיינע פריינד און פאַרערער, אַז זיי זאָלן נישט קומען צו אים אין תפיסה, ווייל דאָס וואָלט באַטייט אַן אויסנעמלעכע הנחה, מיט וועלכער ער וויל זיך נישט באַנוצן. זיין זיצן אין תפיסה האַלט ער פאַר אַ מין קרבן אויפן מזבח פון זיין אידעע. און וועלכע איז נישט קיין הנחות אָדער קאָמפראָמיסן וועלן נישט מער, ווי דערנידעריקן דעם קרבן.

אַפילו גאַנדיס שונאים זענען מודה, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געטון און וואָס ער טוט ביזן היינטיקן טאָג, איז פריי פון פערזענלעכן נוצן און ווערט דיקטירט אויסשליסלעך מחמת ליבשאַפט צום אמת. דער לאָרד בישאָף פון מעדרעס שטעלט פעסט עפנטלעך, אַז גאַנדי שטייט אין מאָראַלישער הינזיכט אָן אָן ערך העכער פון זיינע נוגשים: „איך מוז עפנטלעך, הגם נישט זייער גערן דערקלערן, אַז גאַנדי, וואָס ליידט פאַר זיין גערעכטיקער זאַך, איז גיכער אַ ריכטיק בילד פונם געקרייצטן כריסטוס, ווי די, וואָס זעצן אים איין אין דער תפיסה און רופן זיך אַליין אָן קריסטן".

— זיין גאַנץ לעבן — שרייבט וועגן גאַנדין ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע — קאָן מען אָנרופן — איין קרבן.—טאַגאָרע לויבט גאַנדין, באַמערקנדיק, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט געווינען קיין מאַכט, קיין רייכטום און קיין כבוד. אַלעמאָל האָט ער נאָר געוואָלט געבן דער מענטשהייט, אַפילו נישט פאַרלאַנגט דערפאַר קיין דאַנק. די האַרטקייט פון זיין נשמה האָט קיינמאָל נישט געקאָנט צעברעכן נישט תפיסה, נישט די געפאַר פון טויט.

## 6

ניִשט נאָר אינדער — אַפילו די אייראָפּעער פאַרגלייכן אָפטמאָל גאַנדיס לעבן מיטן דאָרנדיקן וועג פון ישו הנוצרי. מ׳האָט זיך באַמיט אַדורכצופירן פאַראַלעלן צווישן דעם זון פון נצרת און דעם „וועבער פון סאַבאַרמאַטי". מ׳האָט אָפט פאַרגליכן דעם ענגלישן ריכטער ברונפילד, וואָס האָט קעגן זיין אייגענעם ווילן געמוזט פאַרמשפּטן גאַנדין, צו פּאָנטי-פּילאַט, גאַנדיס אַרעסט — מיט דער קרייציקונג פון גאָטס זון. סאַראָיני באַידו דערציילט, אַז ווען זי האָט געהערט גאַנדין רעדן אין געריכט, איז איר געקומען אויפן געדאַנק יעזוס כריסטוס. „און ווידער בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ישו פון נצרת איז די איינציקע געשטאַלט, צו וועלכער מען קאָן פאַרגלייכן דעמדאָזיקן אַפּאָסטאָל פון אינדיע". אויך די ענגלישע צייטונגען האָבן איבערגעגעבן, אַז גאַנדיס פאַרהאַלטן זיך פאַרן געריכט קאָן נאָר געגליכן ווערן צו דער געשיכטע פון כריסטוסן.

„דער מענטש, וואָס וועט אין דער געשיכטע און אין הימל אייביק לעבן — לעבן בודאַן, סאָקראַטעסן און יעזוסן" — אַזוי כאַראַקטעריזירן גאַנדין ניִשט נאָר זיינע אָנהענגער, נייערט אויך יענע מענטשן, וואָס באַקעמפן גאַנדיס פּאָליטישע סיסטעם. דעסהאַבאַנדו היטאַ עריאַניאַן דאַש, דער צווייטער גרויסער אינדישער פירער, וואָס האָט איבערגענומען נאָך גאַנדין זיין פּאָליטישע ירושה, הגם שוין אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט — ער פאַרגלייכט אויך דעם מאַהאַטמאַ צו קריסטוסן. „ווילן מיר זוכן אַ פאַרגלייך צו דעם, ווי אַזוי גאַנדי האָט זיך געהאַלטן פאַרן געריכט, אַזוי מוזן מיר זיך אומקערן צו יענער צייט פון פאַר צוויי טויזנט יאָר — צו יענעם טאָג, ווען ישו דער נוצרי איז געשטאַנען פאַר פּילאַטן דעם פרעמדן שופט, כדי צו הערן דעם פּסק-דין איבער זיך. גאַנדי געהערט אָן שום ספק צו די גרעסטע מענטשן, וואָס די ערד האָט געבוירן. די וועלט דאַרף אים. זאָלן זיך די פרושים און די מאָדערנע געלערנטע אָפּשפּעטן פון אים און אים אויסלאַכן — אינדיע וועט אים אַלעמאָל דערמאָנען מיט כבוד..."

פון וויטן ניו-יאָרק רופט זיך אָפּ אַ קריסטלעכער גייסטלעכער, פאַרגלייכט פון בעלעמער גאַנדי צו קריסטוסן: „ווען איך וואָלט געגלייבט אין גילגול פון די נשמות — זאָגט דזש. ה. האָלמס, דער פירער פון אַן אַמעריקאַנישער סעקטע — וואָלט איך געהאַלטן (מיטן פולסטן יראת-הכבוד) גאַנדין פאַר אַ גילגול פון קריסטוסן, וואָס האָט זיך אומגעקערט אויף דער ערד. איך מיין דאָ ניִשט דעם איינפלוס, וואָס גאַנדי אַליין גיט איבער, וואָס יעזוס האָט אויף אים געהאַט. איך האָב פאַר די אויגן גאַנדיס גאַנצע פּסיכיק: איך זע זיין וווּנדערפול לעבן. דעם מאַהאַטמאַס נשמה איז די נשמה פון ישו הנוצרי. — דידאָזיקע אינערלעכע ריינקייט זיינע און דאָס פּשטות, דער דאָזיקער מיסטישער גלויבן אין אייביקן אמת, דער דאָזיקער מערקווערטיקער געמיש פון הכנעה מיט דערהויבנקייט, דידאָזיקע גרענעצלאָזע פאַרשטענדעניש און די באַרעמהאַרציקייט, דידאָזיקע גרייטקייט

צו אַלערליי קרבנות, דערדאָזיקער אומדערשיטערטער אידעאַליזם, די ליבשאַפט און צוטרוי צו מענטשן און צו גאָט — דאָס אַלץ צוזאַמען באַווייזט אַז קריסטוס׳ס גייסטיקער כוח האָט ווידער אַראָפּגענידערט צו דער ערד.״

איינער פון גאַנדיס מערקווערטיקסטע כאַראַקטערשטריכן — דאָס איז זיין גרענעצלאָזע באַרעמהאַרציקייט. באַגלייבטע עדות דערציילן, אַז דער מאַהאַטמאַ איז נישט איינמאָל אַריין צווישן די מצורעים אויף די הייליקע טרעפּ אָדער אין גאַסיקן שטויב און מיטן אייגענעם קלייד זיי אָפּגעווישט די קרעץ. אַז ער האָט מיט דער אייגענער האַנט פאַרבונדן די וווּנדן פון אַ ווילדן מענטשן, און דערמיט געבראָכן די איסורים פון זיין אייגענער קאַסטע. דידאָזיקע אמתע, גרויסע באַרעמהאַרציקייט זיינע לאָזט זיך דערקלערן מיט דעם, וואָס ער פאַרוואַרפט אַלע היינטצייטיקע ווערטן. זיין אַסקעטישקייט האָט נישט קיין שום שייכות מיט יענעם מין עגאָיסטישע עקספּערימענטן פון די יאָגן, וואָס טייטן זיך אַליין אָפּ. מחמת דער מאַהאַטמאַ, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַלע ווערטן און אָנגענעמלעכקייטן פון דער וועלט, אַרבעט נישט נאָר פאַר זיין אייגענער אויסלייזונג, נאָר ער וויל אויך געבן אַ ביישפּיל פון טיפן, אינערלעכן בונד מיט אַלע דערנידעריקטע און באַליידיקטע, מיט אַלע אויסגעשפּיגענע און אַרויסגעוואָרפענע מחוץ דער געזעלשאַפט.

זיין גאַנצע קליידונג באַשטייט נאָר פון אַ גאַרטל אויף די זייטן, געמאַכט פון גראָבן „קהאַדאַר״ — מחמת אַזוי גייען אָנגעטון אַלע אָרעמעלייט. ער טוט זיך אָן ווי אַ פּאַריער, כדי קיינער אין גאַנצן לאַנד זאָל זיך נישט שעמען פאַר אים, דעם מאַהאַטמאַ. אָן די קלענסטע וואַקלעניש נעמט ער אויף זיך דעם שווערן גורל פון די אַלע, וואָס מוזן לעבן אין גרעסטער נויט: ער פאַסט פון אייגענעם ווילן, כדי אויף אַזאַ אופן לייטערן זיין געוויסן פון שולד, צו וואָס ער פילט זיך דערפאַר, וואָס די אָרעמעלייט מוזן הונגערן. אַזוי ווי בודאַ, אַזוי האָט ער אויך געזען די גרעסטע נויט אויף דער וועלט. און מיטן מאָמענט, וואָס ער האָט עס געזען, האָט ער עס שוין קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן, נישט טראַכטן ערנסט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן די וועגן צו העלפן די ליידנדיקע.

אין דער יוגנט האָט ער איבערגעלעבט שוידערלעכע איינדריקן, וואָס האָבן דעצידירט אויף זיין אופן דענקען און שאַפן. דידאָזיקע איבערלעבענישן באַשרייבט גאַנדי בזה הלשון: „איך בין נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע צוועלף יאָר, ווען צו אונדז אין שטוב איז געקומען אַ געוויסער קאַנאַלאַרבעטער, אוקאַ, אַ „קרעציקער״, כדי צו רייניקן דעם אָפּטריט. אַ סך מאָל האָב איך שוין געוואָלט פרעגן מיין מוטער, פאַרוואָס טאָר איך אים נישט אָנרירן — און וואָס איז דאָס פאַר אַן עבירה. אויב איך האָב צופעליק אָנגערירט אוקאַן, האָט מען מיר גלייך געהייסן זיך אָפּוואַשן. איך האָב דאָס, פאַרשטייט זיך, געטון, אָבער איך האָב באַמערקט מיט אַ געלעכטער, אַז אונזער אמונה דערלויבט נישט מסתמא אויף אַזאַ מין „אומבאַרירלעכקייט״. איך בין געווען זייער אַ געהאָרכזאַם קינד, אָבער איך פלעג אָפט

פירן מיט די עלטערן דיספוטן אויף דער טעמע — פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דערביי אָפּגעהיטן דעם כבוד פון מיינע עלטערן. איך האָב געזאָגט מיין מוטער, אַז אויב זי האַלט אָנרירן דעמדאָזיקן מענטש פאַר אַן עבירה, איז זי נישט גערעכט".

דאַן האָט זיך גאַנדי אָפּגעגעבן צום ערשטן מאָל אַ רעכענונג דערפון וואָסער עוולה עס ווערט געטון די פּאַריער אין אינדיע. ער האָט שווער געקעמפּט מיט זיך אַליין. ער האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער אמונה פון זיינע עלטערן, וויבאַלד זי פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיך אַזוי אוממענטשלעך אויפפירן. ער האָט געשטודירט אויך אַנדערע רעליגיעס. ער דערציילט, אַז אַ געוויסע צייט האָט ער זיך געוואַקלט צווישן הינדואיזם און קריסטנטום. אָבער גיך איז ער געקומען צו זיך און זיך איבערצייגט, אַז זיין אמתדיקע אויסלעזונג קאָן ער געפינען נאָר אין הינדואיזם. אָבער אויך שפּעטער האָט ער געהאַלטן, אַז דער כּלל פון „אומבאַרירלעכקייט" איז אַ „פינסטערער פלעק פון הינדואיזם" און ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט מסכּים זיין, מען זאָל אַזאַ מאַסע מענטשן אַרויסוואַרפן מחוץ דער געזעלשאַפט. ער איז געקומען צו דער מסקנא, אַז יענע „אומבאַרירלעכקייט" איז נישט קייןווירקלעכע טייל פונם אמתדיקן הינדואיזם. „איך קאָן נישט אָנערקענען קיין שום ריכטיקע סיבה פאַרן דערהאַלטן די „אומבאַרירלעכקייט — האָט ער געשריבן — און איך וואָלט קיין רגע זיך נישט געוואַקלט צו באַצווייפלען דעם אויטאָריטעט פון יענע אינדישע כּתבים, וואָס בויען אויף דעמדאָזיקן זינדיקן כּלל. נאָך מער, איך בין גרייט אָפּצוּוואַרפן יעדן אויטאָריטעט, אויב ער וואָלט געווען אין סתירה צום געזונטן פאַרשטאַנד און צום רוף פון האַרצן. דער אויטאָריטעט, אויב ער ציט זיין יניקה אינם געזונטן פאַרשטאַנד, דערשטאַרקט און דערמוטיקט דעם שוואַכן. אָבער אויב ער וויל פאַרנעמען דאָס אָרט פונם פאַרשטאַנד, וואָס דערשטיקט דאָס אינערלעכע שטילע קול—דערנידעריקט ער אים"

מיט דער דרייסטקייט פון אַן אמתן רעפאָרמאַטאָר האָט ער דערקלערט, אַז אויב עמעצער וועט אים קאָנען דערווייזן, אַז דער פּרינציפּ פון „אומבאַרירלעכקייט" איז באמת אַ פּרינציפּיעלער געדאַנק פון הינדואיזם — וואָלט ער אַליין אַגיטירט זיין פאָלק פאַר אָננעמען די קריסטלעכע אָדער די מאַכמעדאַנישע רעליגיע. אָבער ער איז טיף איבערצייגט, אַז דאָס דערווייטערן זיך פון די פּאַריער איז נישט קיין רעליגיעזער געבאָט פון זיין אמונה, נייערט אַ שפּעטערדיקע פעלשונג, אַן „אויסטראַכטעניש פון שטן". „דער שטן ציטירט אָפט די הייליקע כּתבים. אָבער די הייליקע כּתבים זענען תמיד אין איינקלאַנג מיטן אמת און שכל, מחמת זיי זענען טאַקע דערויף באַשאַפן געוואָרן — צו אויפקלערן דעם אמת און דערקלערן דעם שכל". ער גלייבט אויך, אַז די ספרים וועדאַ שטאַמען פון גאָט, אָבער ער האַלט, אַז דאָס טויטע וואָרט דערהרגעט, נאָר דער גייסט גיט-צו לעבן. די ספרים וועדאַ, וואָס דאַרפן זיין די לערע וועגן דער געטלעכער ריינקייט, די זאַמ-

לונג פון אַלעמען, וואָס איז איידל און לייטזעליק — די דאָזיקע ספרים קאָנען נישט פאַרזאָגן צו דערדריקן און אָפּשטויסן די פּאַריער.

מען מוז פאַרשטיין, ווי ווייט גאַנדי האָט זיך מיטן געזאָגטן דערווייטערט פון די ביזאַהעריקע אינדישע באַגריפן. געגנוג צו פאַרגלייכן מיטן בוך „מאַנו" — אַ זאַמלונג אוראַלטע רעליגיעזע מנהגים. אינם ערשטן בוך פון „מאַנו" לייענען מיר: „און נון האָט בראַמאַ מחמת ראַטעווען די וועלט באַשאַפן פון זיין אייגענעם גוף פיר קאַסטעס מענטשן: פון זיין מויל האָט ער באַשאַפן די בראַמאַנער, פון זיינע אַקסלען די קשאַטריער (די מלחמה-האַלטער), פון זיינע הענט די וואַיטשאַס (סוחרים) און לסוף פון זיינע פיס — די שודראַס (די פּאַריער"). אין אַנדערן בוך „מאַנו" געפינען מיר, ווידער, אַזאַ פסוק: „זאָל דער נאָמען פונם בראַמאַ ברענגען לדור-דורות גליק, דער נאָמען פון קשאַטריער אַלמעכטיקן כוח, דער נאָמען פון וואַיטשי — רייכטום. דער נאָמען פון שודראַ זאָל זיין פאַרשאָלטן! דערום וועט דער נאָמען פונם בראַמאַנער זיין פאַרבונדן מיט הצלחה, דער נאָמען פון קשאַטריער מיט שוץ, פונם וואַיטשאַ מיט רייכטום, און פון שודרא — מיט פאַרשקלאַפונג!" און אין צוועלפטן ספר „מאַנו" ווערט געגוי אויסגערעכנט, אַז די ערשטע דריי קאַסטעס זענען כנגד די דריי „גונאַס", די וויכטיקסטע עלעמענטן פון יעדן לעבן. און דערום: בעת די בראַמאַנער זענען אַ שאַפונג פון „סאַטוואַגונאַ" — פון ליכטיקייט, געהערן די פּאַריער, אַזוי גוט ווי די העלפאַנטן, טיגערס און עקדישן צו דער ממשלה פון פינסטערניש, „טאַמאַס".

און גאַנדי, אַדורכגענומען מיטן געפיל פון גרענעצלאָזן רחמנות, קומט צום אויספיר, אַז טאַקע מחמת דער „אומבאַרירלעכקייט" האָט אינדיע אַזאַ ביטער מזל. דער הינדואיזם, טאָלערירנדיק דידאָזיקע זינד, האָט דערפירט אינדיע צו מאָראַלישער דעגענעראַציע. אַ דאַנק דעם טאַקע איז זי נישט ראוי צו זעלבשטענדיקייט. „אויב מען באַהאַנדלט אונז כמעט אויף דער גאַנצער וועלט ווי קרעציקע — איז עס דערפאַר, וואָס מיר אַליין באַהאַנדלען אַ פינפטע טייל אונזער פאָלק אויפן זעלבן אופן... מיר האָבן פאַרטריבן פון צווישן זיך די פּאַריער, און צוליב דעם זענען מיר אַליין געוואָרן פּאַריער אין בריטישן קעניגרייך".

דער מאַהאַטמאַ דערווייזט זיין פאָלק, אַז די אַלע מעלות און באַליידיקונגען, וואָס עס ליידט פון ענגלאַנד, איז אַ גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער עוולה, וואָס אינדיע טוט די פּאַריער: שוין דער בלויזער אָטעם, און אַפילו דער שאָטן פון אַזאַ „אומבאַרירבאַרן" פאַרומרייניקייט די מענטשן, וואָס געהערן צו די העכערע קאַסטעס. מען צווינגט זיי, אַז זיי זאָלן וווינען מחוץ די שטעט און דערפער, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע מענטשן. זיי טאָרן זיך נישט באַנוצן מיט די דאָרפישע ברונעמער. זייערע קינדער נעמט מען נישט אָן די שולן — זיי זענען פאַרשאָלטן און פאַרמישפּט. „אַלע — זאָגט גאַנדי — זענען מיר שולדיק אין דעם, וואָס אונזערע ברידער ווערן געדריקט! מיר בייטן זיי, זיי זאָלן קריכן פאַר אונז אויפן בויך, זיי זאָלן טולען די פנימער

צו דער ערד. מיט גרויס כעס וואַרפן מיר זיי אַרויס פון די באַנען. צי איז די ענגלישע רעגירונג זיך מיט אונז ערגער באַגאַנגען? אויב מיר קאָנען באַשולדיקן די ענגלענדער און פאַרוואַרפן זיי פאַרשידענע מעשים-תעתועים— וועגן מיר אָבער נישט בעסער אַנטקעגן דעם פּאַריער״.

גאַנדי האָט אָפט דערקלערט, אַז כל זמן דאָס אינדיש פאָלק וועט נישט אויסגלייכן אַלע קאַסטעס, וועט מען נישט קאָנען באַפרייען אינדיע פון פרעמדער הערשאַפט. „אַן עבירה צו רעדן וועגן באַפרייען אינדיע, וועגן סוואַראַדזש, כל זמן מיר אַליין וועלן זיך נישט פאַרנעמען מיט די שוואַכע און הילפלאָזע, כל זמן אַפילו איין סוואַראַדיסט איז פעיק צו באַליידיקן די געפילן פון אַן אַנדער מענטשן. ווי לאַנג מיר וועלן זיך אַליין נישט אָפּרייניקן פון די זינד, וואָס מיר באַגייען לגבי אונזערע שוואַכערע ברידער — אַזוי לאַנג וועלן מיר נישט זיין בעסער פון ווילדע חיות!״.

דערדאָזיקער געדאַנק, צו באַפרייען די „אומבאַרירבאַרע״ פון זייער שרעקלעכן גורל, האָט גאַנדין כסדר פאַרפאָלגט און איז געוואָרן דער לייט-פאָדעם פון זיינע פּאָליטישע שריט. דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים אַזוי שטאַרק באַהערשט, אַז איינמאָל האָט ער אַפילו אויסגערופן: ווען עס זאָל אים אויסקומען נאָכאַמאָל געבוירן צו ווערן נאָכן טויט, וואָלט ער געוואָלט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פּאַריער, כדי צו טיילן מיט דידאָזיקע מענטשן אַלע ייסורים און צרות און צוזאַמען מיט זיי קעמפן פאַר באַפרייונג און גלייכבאַרעכטונג.

אין זיין אַשראַם דערציט ער אַ יתומהלע לאַקשמי, אַ פּאַריערס אַ קינד. דידאָזיקע קליינע „אומבאַרירבאַרע״ לעבט אַזוי, ווי זי וואָלט געהערן צו זיין משפּחה. איינער פון גאַנדיס נאָנטסטע פריינד שרייבט: „לאַקשמי איז נישט נאָר אַ פּאַריערש טעכטערל, וואָס וווינט ביים מאַהאַטמאַ אין אַשראַם, נייערט זי איז אויך אַ סימבאָל, אין נאָמען פון אירע זיבן מאָל הונדערט טויזנט שוועסטערלעך און ברידערלעך, וואָס מען האַלט נאָך עד-היום אין אינדיע פאַר אומריינע און אומבאַרירבאַרע״.

אויך אין תּפיסה האָט ער כסדר געטראַכט וועגן דידאָזיקע אָפּגע-שטויסענע. ער האָט זיך ביי יעדער געלעגנהייט נאָכגעפרעגט, וואָס מאַכט די קליינע לאַקשמי. אין זיין רוף צום אינדישן פאָלק האָט ער בפירוש פאַרלאַנגט (מיט דער פאַרמיטלונג פון זיין פרוי), אַז עס זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל צערייסן מיט די פּרינציפּן פון „אומבאַרירבאַרקייט״ און זיך באַציען מיט ליבשאַפט אַפילו צו די פּאַריער. „לאָזט זיי שעפּן וואַסער פון אייערע ברונעמער — האָט ער געשריבן פון תּפיסה אַרויס — נעמט אַן זייערע קינדער אין אייערע שולן! וואַרפט זיי נישט די שיריים פון אייער עסן, זידלט זיי נישט! באַהאַנדלט זיי ווי פרייע מענטשן! נאָר אויף דעם אופן וועט איר אַליין אויך קאָנען געווינען אייער פרייהייט... לייטערט זיך אויס פון אַלע אייערע זינד. און צי איז דען פאַראַן אַ גרעסערע זינד, ווי נישט וועלן אָנרירן אַן אייגענעם ברודער?״

דערדאָזיקער גראַנדיעזער, רירנדיקער קאַמף קעגן דער „אומבאַרי־

באַרקייט" פאַרנעמט אין גאַנדיס טעטיקייט דעם חשובסטן אָרט. ער גייט אַליין צווישן די פּאַריער, ווערט זייער בעל־יועץ און פריינד. ער שטעלט זיך בראש פון זייער באַוועגונג. ער ציט זיי אויך אַריין אין זיין באַרימטן פּאָליטישן פּראָיעקט פון „אום־מיטאַרבעט", ווי גלייכבאַרעכטיקע ברידער — אין געמיינזאַמען קאַמף אַנטקעגן דער פרעמדער הערשאַפט. — גאַנדי רופט עפנטלעך די „אומבאַרירבאַרע", אַז זיי זאָלן זיך פּאַרייניקן צו דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אונטער זיין פירונג. „איך פאַרבעט די אונטערגע־דריקטע קלאַסן, זיי זאָלן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַוועגונג פון אום־מיטאַרבעט. אויף אַזאַ אופן וועלן זיי ערשט זיך קאָנען אָפּגעבן אַ רעכענונג פון זייער אייגענעם כוח!". און צו די אינדער זאָגט ער, אַז באַפרייען אינדיע וועט מען קאָנען ערשט דעמאָלט, ווען מ'וועט צעברעכן די פּרינציפּן פון „אומבאַרירבאַרקייט". „יעדער אינדער מוז געדענקען, אַז אויב ער וויל זיכער אַדורכפירן די לאָזונג פון אום־מיטאַרבעט קעגן די פרעמדע רעגירונגען — מוז ער גיין האַנט ביי האַנט מיט די אומבאַרירבאַרע. מחמת אום־מיטאַרבעט לגבי דעם פרעמדן אָקופּאַנט פאַרלאַנגט שטרענגע מיטאַרבעט פון אַלע טיילן אונזער פאָלק".

## 7

אַזוי ווי פאַר די פּאַריער, אַזוי קעמפט אויך גאַנדי פאַר דער גלייכ־באַרעכטונג פון די אינדישע פּראָסטיטוטקעס, דידאַזיקע זיינע „געפאַלענע שוועסטער". אויך דאָ האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט פערזענלעך איבערצו־לעבן דעם ים פון יסורים פון דידאָזיקע געפאַלענע פרויען — וואָס אַדאַנק דעם איז ער געוואָרן זייער בעל־יועץ און פאַרטיידיקער. אין קאָקאַנדאַ, דער אַנדהרער פּראָווינץ, איז צו אים איינמאָל געקומען אַ דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט מיידלעך פון די שאַנדהייזער אין באַריסאַל. זיי זענען געקומען זיך פאַר אים צו באַקלאָגן און צו בעטן אַן עצה. גאַנ־די שרייבט וועגן דעם שפּעטער: „יענע צוויי שעה, וואָס איך האָב פאַר־בראַכט מיט זיי צוזאַמען, זענען פאַר מיר אַ טייערע דערינערונג". דאָס ערשטע מאָל האָט ער געקאָנט זען דעם מוראדיקן תהום פון דער אינדי־שער פּראָסטיטוציע, הגם דידאָזיקע פרויען האָבן נאָר געקאָנט אים געבן אויבנאויפיק צו פאַרשטיין, אין וואָס איז אייגנטלעך זייער לעבן. אָבער גאַנדי, דערציילט ער אַליין, האָט געקאָנט לייענען אין זייערע אויגן און פאַרשטאַנען אַ סך מער, ווי זיי האָבן זיך אַנטשלאָסן אים צו זאָגן: „אין טיפער שאַנד האָב איך געבויגן דעם קאָפּ פאַר דידאָזיקע הונדערט שוועס־טער אין זייער געפאַלנקייט".

עקל און שרעק האָבן אים אַרומגענומען פאַר אָט דעם „שענדלעכן פאַרברעך". יעדער מאַנספּאַרשוין „קוקט נואפדיק אויף זיינע שוועסטערס און נוצט זיי אויס צו באַפרידיקן זיין תאווה"... „מיר, מאַנסלייט — זאָגט גאַנדי — דאַרפן זיך שעמען, ווילאַנג ס'איז פאַראַן אַפילו איין פרוי, וואָס

דאַרף באַפרידיקן פּרעמדע תאוות! איך וואָלט זיך גלייכער געוווּנטשן, אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל אויסשטאַרבן, איידער מיר זאָלן ווערן ערגער פון חיות און מאַכן פון גאָטס שענסטער שאַפונג אַ געצייג פון אונזער אויסגעלאַסנקייט. קיין שום שלעכטס, וואָס דער מאַנספּאַרשוין איז פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך, איז נישט אַזוי דערנידערנדיק, עקלהאַפט און געמיין, ווי דאָס פאַרברעכן — אויסצונוצן די בעסערע העלפט פון דער מענטשהייט. דער פרויענמין איז די בעסערע העלפט מענטשהייט. מחמת זי פאַר־קערפּערט אין זיך מסירת־נפש, גרייטקייט צו קרבנות, הכנעה, גלויבן און ויסן".

אונטער דעם איינדריק פון יענעם פיינלעכן פאַקט, וואָס גאַנדי האָט דערפילט צוליב דעם, וואָס מען דערנידעריקט די פרוי מחמת קערפּערלע־כער גלוסטונג, האָט ער איינגעפירט יענע מאָדנע כּללים פון זיטלעכקייט, וואָס װעלן אַן אייראָפּעער אויסקומען ווילד. אַפריער האָט ער עס אָנגע־ווענדט לגבי זיך און די תושבים פון זיין „אַשראַם", דערנאָך האָט ער עס פאָרמולירט פאַרן גאַנצן פאָלק, ווי אַ פּרינציפּיעלן כּלל. ער טרעט אָנט־שידן אַרויס קעגן דעם „ליגן", אַז דאָסדאָזיקע „שפּילן זיך מיט דער זינד" פאַרנעמט אַ וויכטיק און נויטווענדיק אָרט אין לעבן פון דער מענטשהייט. ער וואַרפט אויך אָפּ קאַטעגאָריש דעם אַרגומענט, אַז די פּראָסטיטוציע האָט עקזיסטירט אין אינדיע פון לאַנגע צייטן: „מיר זענען די יורשים פון אַלעם דעם, וואָס איז דאָס בעסטע און איידלסטע אין אונזער עבר. אָבער מיר ווילן נישט פאַרומרייניקן דידאָזיקע ירושה מיט נאָכמאַכן די פעלערס, וואָס אונזערע אבות האָבן געמאַכט".

ער פאַרלאַנגט דעריבער, אַז יעדער מאַנספּאַרשוין אין אינדיע זאָל היטן די צניעות פון יעדער פרוי, גלייך עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן דעם כּבוד פון זיין אייגענער שוועסטער. „סוואַראַדזש איז טייטש: די פעיקייט צו זעען אין יעדן איינוווינער פון אינדיע אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער".

ער טרעט אויך אָנטשידן אַרויס קעגן יענע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דעם געשלעכטלעכן לעבן און וואָס זענען שוין קאַנאָניזירט. בפרט טאַדלט ער די פריציייטיקע חתונות: „איך פאַרטראַג נישט קיין חתונות צווישן קינדער. אַז איך דערמאַן זיך וועגן די קינדער, וואָס זענען שוין געוואָרן פאַראַלמנט, נעמט מיך אַרום אַ גרויל".

און ער באַקעמפט אַלע אַרגומענטן צו דער רעכטפאַרטיקונג פון דער־דאָזיקער אינסטיטוציע. ער האַלט אויך פאַר פאַלש די מיינונג, אַז די פריי־צייטיקע חתונות זענען מחמת דעם, וואָס דער אינדישער קלימאַט איז גורם צו אַ פריערער געשלעכטלעכער רייפקייט: „נישטאָ קיין גרעסערער אַבסורד! איך דערלויב מיר צו זאָגן, אַז דער קלימאַט האָט נישט קיין שייכות מיט געשלעכטלעכער רייפקייט. ניין, דידאָזיקע רייפקייט קומט ביי אונז אַדאַנק דער גייסטיקער אַטמאָספער אין זיטלעכער און אונזער פאַמיליע־לעבן... מען פאַרקנסט ביי אונז קינדער אין דער פריסטער קינדהייט, אַפילו

שוין אין וויגל... אויך די מלבושים און שפייז פון די קינדער ברענגען צו אַ פריצייטיקער רייפקייט פון די געבליטער"...

מיטן זעלבן ברען וואַרפט ער זיך אויך קעגן שיכּרות, קעגן די טיי-הייזער און שפּילהייזער, קעגן די אָפּיום-היילן. דאָס אַלץ, אַזוי ווי די פּראָסטיטוציע, ברענגען נאָר דערצו, וואָס דאָס לאַנד ווערט נאָך מער פאַריאַכט און ס'פאַרגרעסערט זיך די נויט.

און אַז די נויט איז אַ מוראדיקע — וועגן דעם האָט דער מאַהאַטמאַ זיך איבערגעצייגט אומצאָליקע מאָל. ער האָט אָפט באַזוכט די געגנטן, וווּ ס'האָט געהערשט הונגער. ער האָט געמוזט מודה זיין: „די נויט און די צרות נעמען נישט אָן אין קיין שום לאַנד אַזאַ מוראדיקער פאָרם, ווי אין אינדיע". ער דערציילט וועגן איין פאַקט, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדריק און ער האָט אים נישט געקאָנט פאַרגעסן. געווען איז דאָס אין פורי. דער שעף פון דער פּאָליציי האָט אים צוועקגעפירט אויפן פּלאַץ פאַר דער קירך. דאָרט זענען געלעגן הונדערטער מענטשן, פאַרפייניקט פון הונגער. „דאָס לעבן האָט אין זיי געצאַנקט — דערציילט גאַנדי — עס איז געווען אַ מוראדיק בילד פון יאוש. מ'האָט געקאָנט איבערציילן יעדע ריפּ, יעדעס אָדערל אויף זייער קערפּער האָט מען געזען. קיין זכר פון מוסקעלן, פון גוף. שטאַרצנדיקע שטערנביינער, איבערגעצויגן מיט פאַרדאַרטער, פאַרקנייטשטער הויט און אויגן אָן שום גלאַנץ. ס'האָט אויסגעזען, אַז זייער איינציקער פאַרלאַנג איז — שטאַרבן וואָס גיכער... זיי האָבן אַפילו נישט געלייגט די מינדסטע אויפמערקזאַמקייט אויפן רייז, וואָס מ'האָט זיי דערלאַנגט... אַז מ'האָט זיי געגעבן צו עסן, האָט מען געהאַט דעם איינדריק, אַז קוים וואָס זיי קאָנען עסן און אַזוי-אַרום דערהאַלטן דאָס חיות... דידאָזיקע גסיסה און יסורים פון מענער און פרויען, ברידער און שוועסטער, איז געווען די ערגסטע טראַגעדיע וואָס איך האָב ווען עס-איז איבערגעלעבט! זייער גורל איז אייביק הונגערן! און אַז זיי רייסן עס אַמאָל איבער און נעמען אין מויל אַריין אַ הויפן רייז, דאַכט זיך אונז, אַז זיי ווילן דערמיט אָפּשפּאָטן פון אונזער שטייגער לעבן". —

בעת זיינע וואַנדערונגען איבער אינדישע דערפער האָט ער געזען אויף יעדן טריט, ווי זיין פאָלק גייט אונטער אָן שום הילף, ווי די דזשומע און די כאָלערע מאַכן אַ תּל פון אים. מינדסטנז העלפט באַפעלקערונג — האָט ער אַמאָל געשריבן — איז אויסגעהונגערט, און כמעט אַלע עסן נישט צו דער זעט. אַפילו צווישן דעם מיטלשטאַנד איז הונגער אַ טאָגדערשיינונג. אַפילו זויגקינדער באַקומען נישט גענוג מילך. „בעת מיינע וואַנדערונגען איז מיר זעלטן אויסגעקומען צו זען אַ פריילעך, אויסגעלייטערט פּנים".

דידאָזיקע געשפּענסטער פאַרפאָלגן אים כּסדר. דער איינציקער געדאַנק זיינער איז — צו העלפן זיי. ער זאָגט, אַז ער וואָלט נישט ווערט געווען צו טראָגן דעם נאָמען מענטש, ווען ער וואָלט נישט מקריב געווען זיינע

אַלע כּוחות זיי צו ראַטעווען. „אינדיע — האָט ער אַמאָל געזאָגט — מוז נישט נאָר איבערטראָגן קראַנקייטן, הונגער און נויט. זי ליידט נאָך אויך פון דער דרייפאַכיקער צרה: פון עקאָנאָמישער, גייסטיקער און זיטלעכער פאַרשקלאַפונג".

די מוראדיקע נויט אין אינדיע האָט אים געגעבן אַ שטויס צום געדאַנק, וואָס האָט נישט, דאַכט זיך, קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. היינו: צוליב דער נויט ראָט ער דעם פאָלק זיך אינגאַנצן אָפּצוהאַלטן פון געשלעכטלעכע באַציונגען: „צי וואָלט דאָס געווען ריכטיק פון אונזער זייט — פרעגט ער — ווען מיר וואָלטן ביי דערדאָזיקער שרעקלעכער לאַגע ווייטער געווידמעט קינדער? צי פאַרגרעסערן מיר נישט אויף אַזאַ אופן די אַרמיי פון שקלאַפן און לא-יוצלחס, בעת מיר ווענען אַזוינע און וועלן ווייטער אַזוי בלייבן?". און ער שרייבט ווייטער אין דעמדאָזיקן פינסטערן רוף צום אינדישן פאָלק: „מיר האָבן נישט קיין רעכט צו געבוירן קינדער פריער, איידער אינדיע וועט ווערן אַ פריי פאָלק און וועט קאָנען בעת הונגערנויט זיך אַליין אַן עצה געבן און באַקעמפן די עפּידעמיעס מיט אייגענע כּוחות". גאַנדי דערציילט, אַז יעדע ידיעה, אַז ס'איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, פאַרומערט אים. ווייל אינדיע קאָן נישט פאַרזיכערן אין איצטיקער צייט קיין שפּייז אַפילו פאַר דער באַפעלקערונג, וואָס לעבט היינט". ער פאַרלאַנגט דעריבער פונם פאָלק, אַז דערווייל זאָלן אַלע זיך אָפּזאָגן פון געבוירן קינדער. ער ראָט דערביי נישט צו באַנוצן זיך מיט קיין קינסטלעכע מיטלען, נייערט אָנטשלאָסן צו באַהערשן די געבלוטער. ער פאָדערט, מען זאָל באַגרענעצן די צאָל חתונות. פון אַלע חתונה-געהאַטע פאַרלאַנגט ער, זיי זאָלן נישט האָבן קיין געשלעכטלעכע באַציונגען. הייסט עס, אַז זיין פּראָגראַם זאָגט-פאַר, פרייווילליק און באַוואוסטזיניק מאַכן אַ תּל פונם פאָלק: „איך האַלט, אַז מיר האָבן ביי די איצטיקע באַדינגונגען דעם חוב זיך אָפּצוזאָגן פון צו שאַפן די יורשים פון אונזער פאַרשקלאַפונג... איך בין זיכער, אַז אַלע אינדישע פאָרפעלקער, וואָס זענען פרייַנד פון זייער פאָטערלאַנד און וואָס ווילן דערלעבן זי צו זען אַ באַווינטע פון שיינע און גליקלעכע מענטשן, וועלן אָפּהיטן די פולשטענדיקע איינגעהאַלטנקייט און וועלן נישט געבוירן קיין קינדער אין די איצטיקע באַדינגונגען..."

זינט בודאַן אָן איז אפשר נישט געווען קיין האָרץ, וואָס זאָל אַזוי געריירט ווערן פון מענטשלעכער נויט. דאָסדאָזיקע טיפע מיטגעפיל מיט מענטשלעכער נויט האָט אויך געהאַט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף גאַנדיס געדאַנקענגאַנג. אונטער זיין איינפלוס האָט ער זיך אַנטשלאָסן אַרויסצוטרעטן אין פּאָליטישן לעבן. ווי אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט געפירט אַ פּראָצעס אין נאָמען פון אַן אינדישער פירמע, איז גאַנדי אַרויסגעפאָרן קיין פּרעטאָריע. אָבער מיטן מאָמענט, ווען ער האָט זיך דירעקט צענויפגעטראָפן מיט דער נויט און דערנידערונג פון די אינדישע אַרבעטער אין

דרום-אַפריקע, האָט ער באַשלאָסן מקריב צו זיין זיין לעבן — פאַר די ינדישע אויסגענוצטע און אונטערגעדריקטע ברידער.

ווייל אין דרום-אפריקע האָט גאַנדי געפונען הונדערטער טויזנטער אינדער. זייער לאַגע איז געווען זייער אַ טרויעריקע, און אַט פאַרוואָס: אַנהויב נײַנצנטער יאָרהונדערט האָבן די דרום-אַפריקאַנישע קאָלאָניסטן, וואָכנדיק ביליקע אַרבעטסהענט, באַשלאָסן צו ווערבירן אַרבעטער פון אינדיע. אַ מחנה אַגענטן, וואָס האָבן צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, האָבן צוגערעדט אינדישע אַרבעטער דערצו, אַז זיי זאָלן אונטערגעשריבן לאַנגיעריקע קאָנטראַקטן, און האָבן זיך פאַרפליכטעט לאַנגע יאָרן צו אַרבעטן אין דרום-אפריקע. דערווייל האָבן די ווייסע קאָלאָניסטן, דערעיקר אין טראַנסוואַל און אין דער פרייער שטאַט אָראַניאַ, באַהאַנדלט די אינדישע עמיגראַנטן, ווי שקלאַפן אָן שום רעכט. מ'האָט זיי אומפאַרשעמט עקספּלואַטירט, געגעבן זיי מינימאַלן אויפהאַלט. און אַז דער קאָנטראַקט איז אויסגעגאַנגען, האָט מען געטון כּלערליי תחבולות, זיי צו צווינגען, אַז זיי זאָלן ווידער בלייבן אויף דיזעלביקע באַדינגונגען. דערצו האָט זיי צוגעהאָלפן אַ גאַנצער קאָמפּלעקס געזעצן. לויט זיי האָבן די אינדער אין דרום-אַפריקע נישט געהאַט קיין שום ציווילע רעכט. דער גאַנצער שטאָלץ פון דער ווייסער ראַסע און זייער עקל און גרינגשעצונג פאַר די געררודפטע „נעגער" איז בולט געקומען צום אויסדריק אין יענער געזעצגעבונג. און באַנדעס טעראָריסטן האָבן געטון אַלץ, כּדי נאָך צו פאַרמערן די צרות און לייד פון די אינדישע אַרבעטער.

מיט גרויס איבערראַשונג האָט זיך גאַנדי איבערצייגט, אַז אין בריטישן קעניגרייך איז פאַראַן איין לאַנד, ווו די אינדער ווערן באַהאַנדלט ווי אַ ראַסע, וואָס איז נידעריקער פון אַלע אַנדערע און איז מחוץ דער געזעלשאַפט. האָט ער דערום באַשלאָסן זיין גאַנצע ענערגיע אַוועקצוגעבן אין דינסט פון די דרום-אַפריקאַנישע ברידער. און זיין פּאָליטישע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן אונטערן איינדריק פון זייערע רדיפות און לייד.

דעראָזיקער מיטלייד פאַר די אונטערגעדריקטע האָט אים סוף-כּל-סוף דערפירט דערצו, אַז ער זאָל דערקלערן אַ קאַמף דער ע נ ג ל י ש ע ר מ אַ כ ט. „די גאַנצע באַשולדיקונג, וואָס גאַנדי טראָגט אַריין קעגן דער ענגלישער רעגירונג — שרייבט טש. פ. ע נ ד ר י ו — לאָזט זיך פאַרמולירן אין איין זאַץ: גאַנדי באַשולדיקט ענגלאַנד, אַז זי דריקט אונטער די אָרעמעלייט. דער אָנבליק פון די הונגעריקע מענטשן, פון די לעבעדיקע מתים, וואָס גאַנדי האָט געזען כּמעט אויף יעדן טריט, האָט אים אַזוי דערשיטערט, אַז פון יענעם טאָג האָט אים נישט פאַרלאָזן דער געדאַנק, ווי אַזוי זיי צו העלפן!"

ענדריו גיט אויך איבער פאָלגנדיקן פאַקט: ווען די באַוועגונג פון „אום-מיטאַרבעט" וואָס גאַנדי איז געווען איר איניציאַטאָר, איז געווען אין פולן ברען, האָט ער זיך געווענדעט צו דער ענגלישער רעגירונג מיטן פאָרשלאַג, אַז ער איז גרייט איבערצורייסן די גאַנצע אַקציע און ווייל

אָנקניפּן באַציונגען מיט דער מאַכט, אויב זי וועט מסכּים זיין אָנצוהויבן און ענערגישע קאַמפּאַניע קעגן דעם הונגער אין אינדיע.

זעען מיר דעריבער, אַז גאַנדיס אַלע פּרינציפּיעלע כּללים, וואָס בילדן זיין פּאָליטישע סיסטעם, שטאַמען פון זיינע מענטשלעכע געפילן, פון זיינע אייגענע טראַגישע איבערלעבענישן. ער איז זיך טיף צענויפגעוואָקסן מיט דער נויט פון זיין פאָלק. „איך אַליין — דערציילט ענדריו — האָב געזען אָנצאָליקע מאָל מאַהאַטמאַ גאַנדין אין סאַמע צענטער פון דער גרויסער דרום-אַפריקאַנישער שטאָט דורבאַן — ווי ער איז געגאַנגען אין פּערטל פון די אָרעמעלייט, כּדי זיך אויסצומישן מיט די אונטערגעדריקטע אינדער... איך האָב געוווינט צוזאַמען מיט גאַנדין אין פּרעטאָריאַ, אין אַן אינדישן ישוב און אין פאַרשידענע אַנדערע ערטער, וווּ דאָס אָרעמע אינדישע פאָלק, די אַרבעטער, פּרוכטהענדלער, וועשינס זענען באַהאַנדלט געוואָרן ווי פּאַריער, בשעת אַרום האָבן זיך די רייכע געבויט פּאַלאַצן. אַלע ווייסן מיר אויך, אַז דער מאַהאַטמאַ האָט שפּעטער, ווי אַ גלייכער, געאַרבעט צוזאַמען מיט די אַרבעטער ביי דער מיל אין אַהמעדאַבאַד, אַז ער האָט געטיילט דאָס שווערע לעבן מיט די אַרבעטער אין קאַירא. ער האָט זיך איבערצייגט אין זייער ביטערן גורל אויף דעם איינציק-מעגלעכן וועג — ער האָט געלעבט צווישן זיי און זיך אויסגעהאַלטן פון אייגענער האַרצוואַניע... מאַהאַטמאַ גאַנדי שטייט פולשטענדיק אויף דער זייט פון די אָרעמע. און זיי האָבן טאַקע אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ער איז זייער אמתדיקער פריינד און באַשיצער".

דידאַקטיקע אויפריכטיקע זאָרג זיינע פאַר דעם גורל פון די ברייטסטע מאַסן ווייזט זיך צומבעסטן אַרויס אין זיין גרינטלעכער פאַרינטערעסירונג מיט די טאָגטעגלעכע נויטן פון די נידעריקסטע קלאַסן. קיין שום מינדסטער פּרט איז ביי אים נישט ווייניקער וויכטיק, אַז ער זאָל אים נישט ווידמען די פולסטע אויפמערקזאַמקייט. אין גרעסטן ווירוואַר פון דער גרויסער פּאָליטישער אַקציע האָט ער זיך אַזוי פאַרנומען סיי מיטן איינפירן שפּינרעדער און באַפרייען די פּאַריער, ווי מיט די טאָגטעגלעכסטע אינטערעסן פון זיינע לאַנדסלייט.

ער האָט געהאַלטן אַ גאַנצע ריי רעפעראַטן וועגן דעם שמוץ אין בענאַרעס, וועגן די ברודיקע געסלעך אויפן וועג צום קלויסטער, וועגן דער ברודיקער אויפפירונג פון די מענטשן. ער האָט אָנגעוויזן, ווי געפערלעך ס'זענען די מגיפות, וואָס פאַרמערן זיך אין אינדיע מיט יעדן טאָג. ער האָט געמאַכט דער ענגלישער מאַכט שווערע באַשולדיקונגען, פאַרוואָס זי פאַרהיט נישט דערפון. באַזונדער אָפט און העפטיק — און דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין סאָציאַלער פּסיכיק — האָט ער גערעדט וועגן די סקאַנדאַליעזע באַציונגען אין דער דריטער קלאַס אויף די אינדישע באַנען. קיינמאָל איז ער נישט געפאָרן מיט ערשטער קלאַס, ווי עס וואָלט פאַרלאַנגט זיין געזעלשאַפטלעכע שטעלונג, נאָר אַלעמאָל מיט דער דריטער. און במשך זיינע פילע נסיעות האָט ער אַליין אויף זיין אייגענער

האָט געפילט אַלע אומדערטרעגלעכע היגיענישע באַדינגונגען, וואָס הערשן דאָרט. ער שטרייכט אונטער, אַז מען מוז גלייך אָפּשאַפן די מוראדיקע באַדינגונגען, אַז מען מוז אויסבעסערן די טעכנישע איינאָרדענונג אויף דער באַן, אַז מען מוז דורך בראָשורן און פּאָפּולערע פאַרלעזונגען אויפקלערן דעם עולם פּאָרער, ווי זיך האַלטן ריין. ער דערציילט, אַז אין די וואַגאָנען, צווישן די אָנגעפּאַקטע מענטשן, זינקט מען פּשוט אין בלאָטע און שמוץ, אַז מען רייניקט נישט די קלאָזעטן, אַז די מאכלים אויף די סטאַציעס ווערט מען אין ברודיקע וואַגשאַלן און מען דערלאַנגט זיי מיט ברודיקע הענט.

אויך אין זיין Guide of Health (וועגווייזער פון געזונט) דער־ציילט ער, וואָסער וויכטיקע זאַך ס'איז צו האַלטן ריין די קלאָזעטן און איינשטעלן דאָרט טעפּלעך מיט אַש. ער לערנט וואָס פּשוטע פאָלק, ווי מען דאַרף עטעמען — נישט מיטן מויל, נאָר מיט דער נאָז, כדי זיך נישט צו פאַרקילן; אַז שמוץ ברענגט צו עפּידעמיעס; אַז דאָס וואָסער דאַרף נאָר אין אויבערשטן לויף דינען צו טרינקען, און אין אונטערשטן — צו באָדן און וואַשן; אַז ס'איז פאַראַן ווייך און האַרט וואַסער און אַז האַרט וואַסער ווירקט שלעכט אויפן פאַרדייען.

אין אַלע אָנווייזונגען און כללים פאַררופט ער זיך אויף זיך אַליין: ער דערציילט, אַז ער אַליין דערנערט זיך נאָר מיט פּירות, מיט באַנאַנען און בוימל, און פונדעסטוועגן פילט ער זיך אינגאַנצן געזונט. ער דער־ציילט, אַז פון אייגענער דערפאַרונג איז ער געקומען צום אויספיר, אַז דאָס בעסטע ברויט מאַכט מען פון מעל, וואָס איז געמאַלן אויף אַ האַנט־מילעכל. ער דערציילט, אַז פון גראָב־צעמאָלענעם ווייץ מיט אַ צומיש פון מילך און צוקער קאָן מען מאַכן אַ געשמאַקן און נאַרהאַפטיקן מאכל. ער באַמערקט, אַז יעדע שפּייז מוז מען גוט צעקייען און פאַרדייען. אַז נאָר דער, וואָס אַרבעט כסדר, קאָן זיין אויף אַן אמת געזונט.

ער לערנט אויך די פּשוטע מאַסע, וואָס מען דאַרף טון ביי אַן אומגליקפאַל: ווי אַזוי מען דאַרף אָנווענדן קינסטלעכע עטעמונג ביי דער־טרונקענע, ווי אַזוי מען דאַרף אויסשמירן מיט בוימל אָפּגעבריט לייב, ווי אַזוי מען דאַרף אַרומבינדן און צפּענען די ווונד, אויב אַ שלאַנג אָדער אַן עקדיש גיט אַ ביס. ביי דידאַזיקע אַלע עצות גייט ער אַרויס פונעם קוקווינקל, אַז דאָס מענטשלעכע לייב איז גאָטס משכּון. מוז דער מענטש עס דעריבער האַלטן אינעווייניק און אויסנווייניק אין פולשטענדיקער ריינ־קייט, כדי ער זאָל עס קאָנען אָפּגעבן דעם באַשעפער — אינם זעלביקן צושטאַנד, וואָס ער האָט עס באַקומען. עס גייט אים נישט אַזוי אין היילן, ווי דווקא אין דעם פאַרהיטן פון קראַנקייטן. אַזוי איז אויך דער וועגווייזער פון געזונט אויסגערעכנט נישט פאַר געבילדעטע אייראָפּעער, נאָר אויף דעם פאָלק, וואָס איז פולשטענדיק פינסטער. פון אָט דעם ביכל קאָן עס שעפּן ידיעות וועגן די איינפאַכסטע כללים פון אַ ריין לעבן.

גאַנדיס אומגעהייערער איינפלוס אויף די מאַסן דערקלערט זיך טאַקע מיט דעם, וואָס ער פאַרשטייט אַזוי אויפריכטיק און לעבט זיך איין

אין די אַלע ליידן פון די אָרעמעלייט און באַעוולעטע, אין אַלע זייערע קלענסטע און נידעריקסטע נויטן. נאָר אין אים זעען זיי זייער פאָטער, זייער „באַפּו". ער אַליין האָט אַראָפּגעגנידערט צו זיי, ווו די מענטשן ראַנגלען זיך מיט דער שרעקלעכסטער נויט. און אין זיין קול קלינגט דער לעבעדיקער אָפּשפּיגל פון אַלע זייערע ליידן.

„ער איז געקומען אין די הייזלעך, ווו ס'ווינען טויזנטער אויסגעשפּיגענע, אָנגעטון אַזוי ווי זיי — דערציילט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע. — ער האָט גערעדט צו זיי אויף זייער אייגענעם לשון. און דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, איז געווען וואָרער אמת, נישט סתם געלייענט פון אַ ביכל אַרויס. דערום איז דאָס וואָרט מאַהאַטמאַ זיין ריכטיקער נאָמען. ווייל ווער נאָך, אַ חוץ אים, קאָן אַזוי פילן, אַז אַלע אינדער זענען זיינע ברידער פון בלוט און פלייש? אין דירעקטן באַריר מיטן אמת האָבן זיך אויפגעכאַפּט די דערשטיקטע כוחות פון דער נשמה: ליבשאַפט האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר אין אינדיע און זי האָט ברייט געעפנט די טויערן... מיט גאַנדיס קומען האָט זיך אינדיע אויפגעוועקט צו בליונג פון איר כוח. אַזוי איז געשען זייער לאַנג צוריק: דעמאָלט, ווען בודאַ האָט פאָרגעזאָגט רחמנות צו יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש".

## 8

מען האָט גאַנדין אָפּט פאָרגעוואָרפן, אַז אין זיינע פלענער פון אינדיעס ווידערגעבוירן האָט ער נישט איבערגעלאָזן קיין אָרט פאַר דער קונסט. אַפילו אַ סך פון זיינע נענטערע מיטשטימער האַלטן, אַז ער האָט נישט קיין אמתדיקע פאַרשטענדעניש פאַר קונסטווערק. אַז מען האָט אים אַמאָל נעפרעגט, פאַרוואָס דערלויבט ער נישט מיט גאָרנישט צו באַצירן די הוילע ווענט פון אַשראַם — האָט ער געענטפערט, אַז די ווענט פון הויז דאַרפן דינען ריין-פּראַקטישע צילן און מען דאַרף זיי נישט דערום באַצירן. „איך בין פולשטענדיק צופרידן פון מיינע פיר הוילע ווענט — האָט ער אַמאָל געזאָגט צו טאַגאָרעס אַ תלמיד, ראַמאַהאַנדראַן — איך דאַרף אַפילו נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ. אַז איך קוק אין אַנטציקונג אויפן הימל, וואָס איז פאַרזייט מיט שטערן, אין זיין גאַנצער סופלאָזער פּראַכט — אַזוי זאָגט עס מיר אַ סך מערער, ווי דאָס וואָס עס קאָן מיר געבן די גאַנצע מענטשלעכע קונסט. עס הייסט נישט, אַז איך שאַץ-אונטער די באַדייטונג פון אַרטיסטישע ווערק. אָבער איך פערזענלעך, ווען איך פאַרגלייך זיי מיט דער אייביקער שיינקייט פון דער נאַטור — פיל באמת, ווי נישטיק זיי זענען".

אין אַ שמועס מיטן אינדישן מוזיקער פיליפּ קעמאַר ראָי האָט גאַנדי אויך דערקלערט, אַז די מענטשלעכע קונסט וועט קיינמאָל נישט קאָנען אָניאָגן די שיינקייט פון דער נאַטור, די פּראַכט פון באַשטערנטן הימל: „איך בין זיך מודה — האָט ער געזאָגט — אַז איך קאָן זיך

נישט פאַרשטעלן קיין בילד, וואָס זאָל אויף מיר מאַכן אַזאַ מעכטיקן, פּישופדיקן איינדרוק, ווי דאָס געוועלב פון הימל, פאַרזייט מיט שטערן, צי האַלט איר דען נישט, אַז אַנטקעגן דעמדאָזיקן מעכטיקן און געהיימ־נישפולן געטלעכן קונסטווערק, ווערן די מענטשלעכע ווערק קליין און מינ־דערווערטיק?"

גאַנדי שאַצט נישט אונטער, וואָס אַן אמת, דעם באַטייט פון קונסט, ווי אַ מיטל צו באַצייכענען די גייסטיקע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען. אָבער ער האַלט, אַז ער דאַרף נישט אָנקומען צו אַזאַ מיטל: „וואָס שייך מיר קאָן איך זאָגן, אַז צו שטאַרקן מיינע כּוחות דאַרף איך נישט האָבן קיין שום אויסערלעכע פאָרמען".

אָבער מער ליבשאַפט פילט ער צו מוזיק. אויף די טעראַסן פון זיין „אַשראַם" ליגן אינדישע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. דער טאָג הייבט זיך אָן כאור מיט מוזיק. אין אָוונט זינגט מען רעליגיעזע שירים. גאַנדיס פריינד דערציילן, אַז בעת זיין לאַנגן תּענית אין דעלהי האָט ער זיך אויסשליסלעך געשפייזט מיט הימנען צו קרישנאַן און ווישנו. יעדן אָוונט האָט ער זיך נישט געלייגט שלאָפן פריער, איידער ער האָט אָפּגעזונגען פרומע שירים.

אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז גאַנדיס ליבע צו מוזיק איז נישט מחמת דעם, וואָס ער פאַרשטייט איר קונסטווערט און פילט זי. פאַר גאַנדין איז געזאַנג און מוזיק אַ פאָרם תּפילה, אַ מיטל צו התבודדות. ביי דעם באַגלייט פון די הייליקע סטרונע־אינסטרומענטן ווענאַ, טאַמבורין, סאַראַנדזשי זינגט מען אין אינדיע די ראַגאַס, וואָס גייען איבער פון מויל צו מויל, פון דור צו דור. די אינדישע פאָרם מוזיק און אירע כּללים זענען לחלוטין אַנדערש, ווי אין אייראָפּע. אין דער אינדישער מו־זיק עקזיסטירט נישט קיין האַרמאָניע און נישט קיין האַרמאָנישע באַגלייטונג. איר מהות באַשטייט אין דעם, וואָס זי חזרט איבער אָן אַ שיער עפּעס אַ רעליגיעזן מאָטיוו. דערביי ווערט דער ניגון וואַריאירט אויף כּלערליי מינים. די אַלטע אינדישע קלאַסישע מוזיק האָט געהאַט אומגעפער אַ פיר הונדערט דידאָזיקע ראַגאַס. אָבער אין לויף פון דער צייט איז אַ סך פאַרגעסן געוואָרן.

דידאָזיקע ראַגאַס זינגט מען אויף כּלערליי וואַריאַנטן, וואָס זענען מעגלעך נאָר אין די 22 מוזיקאַלישע טאַקטן, וואָס אינדיע פאַרמאָגט. דער־פאַר פאַרמאָגן זיי פאַר אונדזער אויער אַן אייגנאַרטיקן, פרעמדן און אומ־געוויינטלעכן חן. ווילן מיר זיך שאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן דעמדאָזיקן מין מוזיק, אַזוי מוזן מיר געדענקען, אַז דער טעקסט פון די מינים ראַ־גאַס באַשטייט פון אַ פּאָר ווערטער, דהיינו: „קרישנאַ האָט מיך באַצוווּנגען". דידאָזיקע ווערטער חזרט מען איבער אָן אַ סוף משך אַ האַלבער שעה. יעדער וואַריאַנט שיידט זיך מיט עפּעס אונטער פון פריערדיקן.

דער מאָטיוו פון דידאָזיקע ראַגאַס איז ס'רוב פרומע ליבעלידער, וואָס אין זיי ווערט באַזונגען דאָס באַהעפטן זיך מיט דער קרישנאַ. זיי

דערמאָנען אויך די פּאָפּולערע אויסדריקן אין די רעדעס פון גאָטאַמאַ בּודאַ. אָפטמאָל — רעליגיעזע איבּונגען פון די אינדישע יאָגן, וואָס חזרן אויך איבּער נאָכאַנאַנד עפּעס אַ קורצן זאַץ אָדער אַפּילו איין וואָרט.

ווי מיר זעען, איז גאַנדיס גינסטיקע באַציונג צו מוזיק פאַרבּונדן מיט זיין שאַרף־אַנטוויקלטן רעליגיעזן געפיל. „ווי וואָלט איך געקאָנט פאַרוואָרפן די מוזיק — האָט ער איינמאָל געזאָגט צום מוזיקער פיליפּ קעמאָר ראַי — ווען איך שטעל זיך נישט פאָר אינדיעס רעליגיעזע אַנט־וויקלונג אָן מוזיק!". און מחמת אין זיין היימלאַנד איז רעליגיע דער פּרינציפּיעלער פּאַן, אויף וועלכן ס'אַנטוויקלען זיך אַלע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבּנספאָרמען — האַלט ער, אַז זי איז דאָס ווירקזאַמסטע מיטל, וואָס מיט איר קאָן מען האָבּן אַ ווירקונג אויף די מאַסן. מער: ער פאַרלאַנגט, אַז די מוזיק זאָל ווערן ווי ווייט מעגלעכסט פאַרשפּרייט און פּאָפּולאַריזירט: „מען דאַרף זיך איבּן גרופּעסווייז ביים זינגען די תּפילות. דערצו דאַרפן די בעסטע מוזיקער פון אונזער לאַנד שענקען זייער אַרבּעט און באַשאַפן אַזעלכע פאָרמען מוזיק, וואָס זענען צומבעסטן צוגעפּאַסט צו די ברייטסטע מאַסן".

הייסט עס, אַז גאַנדי וויל איינשפּאַנען די מוזיק אין דינסט פון רעליגיע און נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ער וויל אָבּער נישט אָנערקענען איר אַבּסטראַקטע ווערט, ווייל זי גיט אַ ריין־קערפּערלעכן תּענוג: „איך האָבּ ליבּ מוזיק, ווי אַלע קונסט־געבּיטן, אָבּער איך גיבּ זיי נישט צו אַזאַ גרויסע חשיבות, ווי מען טוט עס היינט. איך האָבּ אויך געוויסע באַוואָ־רעניש קעגן נישט איין זאַך, וואָס גייט אָן פאַר קונסט. אַזוי, למשל, וועל איך נישט אָנערקענען די וויכטיקייט פון די אַלע ווערק, וואָס אז מען זאָל זיי פאַרשטיין, מוז מען האָבּן אַ ספּעציעלע ידיעה אין טעכניק".

גאַנדי באַהאַנדלט דערום אויך די קונסט פונם קוקווינקל פון איר ווערט, ווי אַ זיטלעך־געזעזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר. „דאָס לעבּן איז און מוז זיין וויכטיקער ווי וועלכע־ס'איז קונסט. איך גיי נאָך ווייטער. איך האַלט, אַז דער גרעסטער קינסטלער איז דער מענטש, וואָס זיין לעבּן איז צום־באַנטסטן צו שלימות. מחמת וואָס איז דען קונסט, אָן א פעסטן יסוד אין די ראַמען פון אַ ריין לעבּן?".

ער האַלט, אַז די עסטעטישע ווערט פון דער קונסט, ווי אויך איר שיינקייט, ליגט נאָר און אויסשליסלעך אין איר מאָראַלישן אינהאַלט. לויט זיין מיינונג, איז די שטרעמונג צו אמת די ערשטע און וויכטיקסטע אויפ־גאָבּ פון אַלע אַרטיסטישע אויפטוען. אויף דער טענה, אַז אָט זענען דאָך, צבּש, פאַראַן זאַכן, וואָס זענען נישט מאָראַליש, נישט אוממאָראַליש, נאָר זיי מאַכן אַן עסטעטישן איינדרוק, ווי למשל די נאַטור, ענטפערט ער: „אדרבא, אין דער שיינקייט פון דער נאַטור דערקען איך דעם אמת און די פּראַכט פונם באַשעפער. צי וואָלט די זון און אַן אויסגעשטערנטער הימל געווען שיין, ווען זיי זאָלן נישט וועקן אין אונז די דערקענטעניש פון גאָטס אמת? וויפל מאָל איך באַוווּנדער די פּראַכט פון זונשקיעה

אָדער דעם מילדן שיין פון דער לבנה — בייגט זיך מיין קאָפּ אין טיפער הכנעה פאַרן באַשעפער פון דער וועלט. מחמת אין זיינע ווערק דערקען איך אים אַליין און זיין גנאַד. אָן דידאַזיקע געדאַנקען וועגן גאָט וואָלט אויפגאַנג און אונטערגאַנג פון דער זון נאָר אַוועקגעפירט דעם מענטש פון זיין טאָגטעגלעכער אַרבעט, און אַזויאַרום אים נאָר געשטערט. אַלץ, וואָס איז וואָר, איז שוין אומענדלעך. נישט נאָר אמתדיקע אידעען, נייערט אויך אַן אמתדיק פנים, אמתע בילדער און אמתע לידער". און גאַנדי ברענגט באַווייזן, אַז אמת און שיינקייט — איז איינס. ער ברענגט פאַר אַ משל סאָקראַטעסן. זיין אויסערלעכקייט איז געווען מיאוס. אָבער זיין אינערלעכע שלימות האָט אים אַזוי באַשטראַלט, אַז אַפילו פידיאַס אַליין, וואָס האָט זיך געקעכלט מיט אויסערלעכער שיינקייט, האָט מודה געווען אין סאָקראַטעס׳ס פולשטענדיקער שלימות, כאָטש ער איז אויסערלעך געווען זייער מיאוס.

גאַנדי זאָגט, אַז ווייל אַ קינסטלער שאַפן ווערכעס איז שיין ווערק, מוז ער ליב האָבן דעם אמת. און ער פירט ווייטער דעמדאָזיקן געדאַנק: יעדער מענטש, וואָס איז באמת ריין, איז גלייכצייטיק אַ קינסטלער. ישו הנוצרי, וואָס האָט דערקענט דעם אמת און אים פאַרווירקלעכט, איז אַ קינסטלער פון דער העכסטער מדרגה. דעסגלייכן איז אויך מחמד. דער קאָראַן — דאָס איז דאָס פּאָלקומסטע ווערק אין דער גאַנצער אַראַבישער ליטעראַטור. און מחמת זייביידע, ישו און מחמד, האָבן קודם כל געשטרעבט צו אמת — דערפאַר ווייט אַזאַ פראַכט און חן פון יעדן אויסדריק זייערן. און קיינער פון זיי ביידע איז דאָך באַוווסטזיניק נישט אויסן-געווען צו שאַפן קיין קונסטווערק".

אויב גאַנדי גיט-צו פונדעסטוועגן דער קונסט אַ געוויסן באַטייט, איז עס נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי איז גורם צו דער מאָראַלישער שלימות פון דער מענטשהייט. די קונסט, וואָס גיט נאָר אַ ריין-עסטעטישן געניס, האָט נישט, לויט גאַנדין, קיין רעכט אויף עקזיסטענץ. ווייל די אויסערלעכע פאָרם האָט נאָר דעמאָלט אַ באַטייט, ווען זי איז אַן אויסדריק פון דעם גייסט, וואָס איז אין איר באַהאַלטן. גאַנדי ברענגט אַ ביישפיל פון אַזאַ מין פּרוכטלאָזער און נוצלאָזער קונסט: אָסקאַר ווײַלדס ווערק. ער טרעט אַנטשידן אַרויס קעגן זיי. ער באַאומרויקט זיך אַפילו, ווי שלעכט דידאָזיקע ווערק קאָנען ווירקן אויפן לעזערעולם. ער איז ווייט, זאָגט ער, צו וועלן אָנגיין פאַר אַ קריטיקער. ער ווייסט וויל, וואָס ער קאָן פאַרשטיין. אָבער פונדעסטוועגן האַלט ער, אַז ער האָט דאָס רעכט זיך אַרויס-צוזאָגן וועגן אָסקאַר ווײַלד. ווען ער איז געווען אין לאָנדאָן, האָט ער געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי שעדלעך דערדאָזיקער דיכטער ווירקט אויפן לעזנדיקן עולם. „ווײַלד — זאָגט גאַנדי — האָט געהאַלטן די פאַרפולקומונג פון דער קונסט פאַר דער העכסטער קונסט. דערום האָט ער אַפילו באַצירט זאַכן, וואָס זענען קעגן דער מאָראַל".

אַז מען ענטפערט אים, אַז שיינע קונסטווערק האָבן אָפטמאָל באַשאַפ

מענטשן, וואָס זענען ווייט נישט פולקום, זאָגט ער: „דאָס באַווייזט נאָר, אַז אמת און שקר, גוטס און שלעכטס קאָנען אָפּטמאָל זיין שכנים צווישן זיך. אַ קינסטלער קאָן אויך אַמאָל דערגיין צו דער דערקענטעניש פון אמת און אַן אַנדערש מאָל אַריינפאַלן אין די נעצן פון שקר. אָבער אַן אומענדלעך שיינע זאַך אַנטשטייט נאָר דאַן, ווען איר באַשאַפער איז אַדורכגעדרונגען מיט דער ריינסטער דערקענטעניש פון אמת".

דעמדאָזיקן סיסטעם — באַהאַנדלען די קונסט פונם קוקווינקל פון עטישער און געזעלשאַפטלעכער ווערט, טרעפן מיר אויך ביי ט אָ ל ס ט אָ י ע ן, בעיקר אין זיין אַרבעט: „וואָס איז קונסט?". — אָבער ביי גאַנדין דרינגט נישט אַרויס דערדאָזיקער שטאַנדפונקט לגבי קונסט (וואָס וווּנדערט געוויס זייער אַ סך פון אונז) פון עפּעס אַ מאָראַלישער ספּעקולאַציע. ניין, גאַנדי האָט פון פאָרויס באַשטימט די גרענעצן פאַר פאַרשטיין די קונסט. בעסער געזאָגט, דידאָזיקע גרענעצן האָט באַשטימט די גרויסע אויפגאַב, וואָס דאָס טאָגטעגלעכע לעבן האָט דיקטירט. דאָרט איז נישטאָ קיין אָרט אויף עפּעס אַנדערש — מען מוז אַריינלייגן דעם גאַנצן כוח און ענערגיע אין דערדאָזיקער אויפגאַבע.

אַזוי ווי ל ע נ י ן, אַזוי האָט גאַנדי נישט קיין שום פאַרשטענדעניש פאַר די פאָרמען לעבן און קולטור, וואָס דינען נישט דירעקט זיינע סאָציאַלע צילן. ביידע זענען זיי קינדער פון דער עפּאָכע, ווען נויט און לייד האָבן שטאַרקער ווי ווען-נישט-איז געקלאַפּט אין טיר פון מענטשלעכן געוויסן. ווער עס האָט, אַזוי ווי זיי, זיך געפילט טיף צענויפגעבונדן מיטן גורל פון די ריזיקע פאָלקסמאַסן, — יענער האָט נישט געקאָנט פילן קיין איבעריקע ליבשאַפט צו די זאַכן, וואָס דינען נישט דירעקט צו העלפן די ליידנדיקע, די זאַכן וואָס דינען גיכער נאָר צו אויספּוצן און באַשיינען. „איך האָב פאַרשטאַנען — שרייבט גאַנדי — אַז מען קאָן נישט העלפן מענטשן מיט לידער. פאַראַן איין ליד, נאָך וועלכן עס גאַרן מיליאָנען: נאָך אַ שטיקל ברויט".

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע האָט אַמאָל געהאַט פּאַריבל אויפן דאָזיקן פינסטערן, צו-ניכטערן שטריך אין גאַנדיס פּאָליטיק. ער האָט צוגעגעבן, אַז אַליין האָט ער נישט געקאָנט זיך אַנדערש אַן עצה געבן, ווי מיט „אויסטראַכטן פרישע ריימען" אין דעם פייער פון דעם גרויסן פּאָליטישן קאַמף. „דאָס זענען טייערע קלייניקייטן — האָט ער געזאָגט — וואָס מאַכן מיך פריידיק אויפהייבן אין קאַראַהאָד פון שעהן, כדי צו טאַנצן אין זונענשיין, כדי צו לאַכן, ווען מען נידערט צוריק אַראָפּ. אָבער ווען איך שפּיל זיך אויף דעמדאָזיקן אופן, טאַנצט מיט מיר די גאַנצע נאַטור. מחמת צי זענען דען בלעטער און בלומען נישט דער סימבאָל פון ענדלאָזן ריטם? און צי איז דען גאָט נישט דער אייביקער פאַרשווענדער פון בלומען? ער וואַרפט פלאַנעטן און שטערן אינם ווירוואַר פון דער ענדערונג, ער לאָזט-אַרויס פאַפירענע שיפן פון דורות, אָנגעפילט מיט זיין פאַנטאַזיע, אויפן שטראָם פון די דערשיינונגען. אַז איך בעט אים, אַז ער זאָל מיר דערלויבן ווייטער

אַז זיין זיין תּלמיד און אַז ער זאָל צו דער משא פֿון זיין שיף צונעמען עטלעכע קליינינקייטן, וואָס איך שאַף, שמייכלט ער... און איך שפּאַן נאָך אים און האַלט זיך אָנם זוים פֿון זיין קלייד... אָבער ווּ בין איך פּלוצלינג פֿאַרקראָכן? ווּ האָב איך זיך געפֿונען? צווישן אַ המון מענטשן, אונטערגעשטופּט פֿון אונטן, געקוועטשט פֿון אַלע זייטן. וואָסער גערויש רינגלט מיך אַרום? איז דאָס אַ ליד, דאַן קאָן מיין „סיטאַר" אויפֿכאַפּן די מעלאָדיע. דאַן קאָן איך אַליין זיך אויך פֿאַריינינקן צום כאָר, מחמת איך בין אויך אַ זינגער. אָבער אויב דאָס איז נאָר גערויש און בהלה, דאַן ווערט מיין שטים פֿאַרלוירן, און איך אַליין פֿיל זיך פֿאַרטויבט. איך האָב זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט יעדן טאָג, האָב געפּרוווט געפֿינען אינם דאָזיקן טומל עפּעס אַ מעלאָדיע. אָבער די אידעע פֿון אומווידערשטאַנד מיט איר מעכטיקער שטים, מיט איר געשריי פֿון פֿאַרוואָרפֿן אַלץ, האָט מיר נישט אויסגעזונגען קיין שום ליד... דאָס פֿייגעלע, וואָס וואַכט־אויף אינם זונאויפֿגאַנג, וויל נישט קיין שפּייז: זיינע פֿליגעלעך ביטן גוט־מאָרגן דעם הימל, פֿון זיין העלזל פֿליסט פֿריידיק געזאַנג, יעדן טאָג פֿרישערס. די מענטשהייט האָט אונז געוואָרפֿן איר רוף. זאָל איר אונזער נשמה ענטפֿערן אויף איר אמתער שפּראַך".

און גאַנדי ענטפֿערט דעם דיכטער אין אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „ד ע ר ג ר ו י ס ע ר פ אַ ר פ אָ ס ט ן". ער ענטפֿערט ווירדיק און באַשיידן, אַז זיין אָרט איז צווישן די אָרעמע און ליידנדיקע ברידער. פֿון זיינע ווערטער פֿילט זיך אויפֿס'ניי טיף באַ־עמהאַרציקייט און מיטלייד מיט יעדער נויט. אָבער זיין ענטפֿער איז גלייכצייטיק די שטים פֿון אונזער צייט, דער ניכטערער עפּאָכע, וואָס איז אַדורכגעזאַפּט מיטן מאַטעריאַליסטישן גייסט: „ווען אַרום מיר שטאַרבט דאָס פֿאָלק פֿון הונגער, דאַן מוז איך טון איין זאַך: געבן עסן די הונגעריקע. דאָס פֿאָלק, וואָס האָט נישט קיין אַרבעט און וואָס ליידט שרעקלעכסטע נויט, דאַרף זעען גאָט נאָר אין איין געשטאַלט: עסן און אַרבעט! בעת דער דיכטער האָט די ה.חה צו אָנווייזן אויף די פֿייגעלעך, וואָס זינגען שירה צו דער זון — אין דערזעלבער צייט ליג.. אויף אנדערע מענטשן דער חוב צו דערהאַלטן די פֿייגל, וואָס פֿאַלן אָן כּוח. ווען מיליאָנען הונגעריקע מענטשן ווילן איין זאַך — ע ס ן, איז נישט דער פּאַסיקער מאָמענט אָנצוּווייזן אויף דער קונסט, ווי די איינציקע רעטונג פֿון דער מענטשהייט".

ווי אַלץ אין גאַנדיס לעבן, אַזוי איז אויך זיין מיינונג וועגן קונסט און איר באַטייט דער אויסדריק פֿון זיין זאָרג פֿאַר דער פֿאָלקסנויט. גאַנדי, וואָס האָט, ווי אַמאָל בודאַ, אַריינגעקוקט אין די טיפֿסטע תּהומען פֿון מענטשלעכער נויט, האָט נישט געקאָנט אויסבייטן זיינע געפֿילן און זיין ענערגיע אויף עפּעס אַן אַנדער אַרבעט, וואָס וואָלט נישט דירעקט געפֿירט צו זיין ציל. און דער ציל איז: „באַשפּייזן די הונגעריקע, באַקליידן די נאַקעטע און טרייסטן די פֿאַרצווייפֿלטע".

דידאָזיקע זאָרג זיינע, וואָס גיכער צו העלפן זיינע הונגעריקע ברידער, האָט אויך אַרויפגעלייגט איר סטעמפּל אויף גאַנדיס פּאָליטישער און עפנטלעכער טעטיקייט. אמת, עס איז אים געגאַנגען בעיקר אין אַ ריין עקאָנאָמישער פּראָבלעם. אָבער האָט ער עס געוואָלט לייזן, האָט מען געמוזט זיך קלאָר מאַכן די אמתדיקע סיבות, וואָס האָבן דערפירט דערצו, אַז גאַנץ אינדיע איז פאַראָרעמט געוואָרן. און גאַנדי האַלט, אַז איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון דערדאָזיקער עקאָנאָמישער נויט איז דער חורבן פון דער הויזפּראָדוקציע, וואָס האָט אַמאָל אין אינדיע געבליט.

אינדיע, וואָס אַרבעט אויס גענוג בוימוואָל פאַר איר אייגענעם געברויך, מוז זינט דער ענגלישער אָקופּאַציע אַרויסשיקן דעמדאָזיקן בוימוואָל קיין ענגלאַנד אָדער יאַפּאַן, אַנשטאָט אים איבערצואַרבעטן אויפן אָרט. אויף אַזאַ אופן מוז דאָס אינדישע פאָלק ברענגען יעדעס יאָר פון אויסלאַנד סחורה פאַר אַן ערך זעקס הונדערט מיליאָן רופּיעס, בעת דער ווערט פון אַרויסגעפירטן רוישטאָף איז אָן אַן ערך קלענער. — „אַ לאַנד — זאָגט גאַנדי — וואָס פירט אַרויס רוישטאָף, כּדי אים שפּעטער אַריינצופירן אַ באַאַרבעטן; אַ לאַנד, וואָס פּראָדוצירט בוימוואָל און איז טראָץ דעם אָפּהענגיק אין פאַרברויך פון טעקסטילסחורות פון אייראָפּע — אַזאַ לאַנד מוז פאַראָרעמט ווערן און אונטערגיין".

גאַנדי זעט דעריבער, אַז אינדיע ווערט פאַראָרעמט דורך דער „רויבפּאָליטיק פונם נאַציאָנאַלן אייגנטום", וואָס קומט אַדאַנק דעם, וואָס מען מאַכט אַ קינסטלעכן אַרויספיר פון רוישטאָף און מען ברענגט פאַרטיקע סחורה. אויף אַזאַ אופן פאַרלירט דאָס לאַנד די גאַנצע הכנסה, וואָס קומט אַרויס פון די פאַראיידעלנדיקע פונקציעס. מיט אַנדערע ווערטער — דער אונטערשיד צווישן דעם ווערט פון רויען בוימוואָל און די פאַרטיקע סחורות, וואָס מען פירט-אַריין.

אין אַזוינע באַדינגונגען, האַלט גאַנדי, איז דער איינציקער אויסוועג פון דערדאָזיקער פאַרצווייפלטער לאַגע — אומצוקערן זיך צו דער הויזפּראָדוקציע, צו דעם שפּינרעדל, וואָס האָט פריער פולשטענדיק געדעקט אינדיען אירע באַדערפענישן פון טעקסטילסחורות. „דער הונגער — דאָס איז יענער ארגומענט, וואָס טרייבט אינדיע צו דער שפּינראָד! מיר מוזן טראַכטן וועגן יענע מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען אָרעמער ווי חיות, און וואָס פאַר זיי שטייט די געפאַר פון הונגערטויט..."

אָבער גאַנדי האָט אין דער רואין פון דער הויזפּראָדוקציע געזען נאָך אַ געפאַר פאַר אינדיע, אַ געפאַר, וואָס איז נאָך גרעסער, ווי דער עקאָנאָמישער חורבן. דאָס אינדיש פאָלק האָט פאַרוואָרפן זיין אייגענע באַשעפטיקונג, האָט זיך צוגעוווינט צו טראָגן אויסלענדישע סחורות און גיט זיך אָפּ דער פוילקייט. איידער די פרעמדע באַדריקער זענען געקומען,

האָבן מיליאָנען מענטשן געאַרבעט אין זייערע שטובן בײַ די שפּינרעדער און וועבשטולן. אַזוי־אַרום האָבן זיי דערצויגן די חיונה, וואָס האָט זיי צוגעפּעלט צו זייער אַרבעט אויפן פעלד. ווײַל דער אינדישער פּויער קאָן נישט לעבן בלויז דערפון, וואָס די ערד גיט אים. ער מוז האָבן אין האַנט נאָך עפּעס אַ זײַטיקע פּרנסה.

— נאָך מיט הונדערט פופציק יאָר צוריק — האָט גאַנדי געזאָגט, ווען ער איז געשטאַנען פאַרן געריכט — האָבן אונזערע פרויען געשפּונען אין די שטובן איידעלן געשפּין און אַזוי־אַרום געהאָלפן זייערע מענער אין פּרנסה. אין די דערפער האָבן וועבער איבערגעאַרבעט דאָסדאָזיקע געשפּין און אויף אַזאַ אופן פאַרדינט אויף זייער חיונה. דאָס אַלץ איז געווען אַ נויטווענדיקע טייל פון אונזער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. די פרייע צייט האָט מען דערום געקאָנט ווידמען וויסנשאַפטלעכע און קולטורעלע ענינים. אָבער היינט קאָנען שוין נישט אונזערע פרויען באַשאַפן עפּעס ווערטפולס. און דידאָזיקע געצווונגענע פוסטעפּאַסנעקייט פון מיליאָנען מענטשן האָט דערפירט דערצו, אַז דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַראָרעמט געוואָרן.

בײַ אַן אַנדער געלעגנהייט האָט גאַנדי דערציילט וועגן דער עמיגראַציע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג אין שטאָט. אַ סך פון די אַמאָליקע וועבער האָבן זיך אָנגעדונגען פאַר גאַסנקערער און משך אַ קורצער צייט האָט זיי די נויט פולשטענדיק מאָראַליש און פיזיש צעריבן. אַ סך פון זיי האָבן געמוזט מאַכטלאָז קוקן אויף דעם, ווי זיין טאָכטער און אַפילו זיין ווייב האָבן זיך געוואָרפן אין תהום פון שאַנד. אַמאָליקע שטאָלצע וועבער פון פענדזשאַפּ האָבן זיך אָנגעדונגען פאַר זעלנער און האָבן געמוזט קעמפן מיט גאָט־די־נשמה־שולדיקע אַראַבער. דאָס האָבן זיי געטון נישט צוליב איבערצייגונג, נאָר צוליב נויט".

אַפילו די קאָלאָסאַלע סומעס, וואָס מען וואַרפט אַרויס אויף מיליטער, האָט נישט גענוג, האַלט גאַנדי, דעם פאָלקפאַרמעגן אַזאַ גרויסן שאָדן, ווי דאָס, וואָס מ'האָט צעשטערט די היימישע טעקסטיל־פּראָדוקציע. „איך בין אַרומגעפאָרן גאַנץ אינדיע און אומעטום האָב איך געהערט דאָס יאָמערלעכע געשריי, וואָס עקבערט דעם מוח. דאָס גאַנצע פאָלק ליידט נויט, אומעטום באַקלאָגט מען זיך, אַז ס'איז נישטאָ אַפילו אויף די נויטווענדיקסטע הצטרכותן..."

ער באַמערקט גאַנץ ריכטיק, אַז דעם אמתן דלות אינדיעס קאָן מען ערשט זען אין דאָרף. די שטעט לעבן פונם דאָרף און שעפּן זייער רייכטום נישט פון פרעמדע פעלקער, נייערט זיי לעבן פון דער רויב, וואָס די פרעמדע אינדוסטריע באַגנלט אינדיעס פאַרמעג זינט צוויי יאָרהונדערטער. „פון די געלטער, וואָס מען צאָלט פאַר אויסלענדישער סחורה — האָט ער אַמאָל דערוויזן אין אַ שמועס — קומט־אויס אויף אַן אַרבעטער נאָר צוויי אננאַס, און דעם קאַפּיטאַליסט — זעקס־זיבן אַננאַס. ווער, ווידער, עס קויפט די סחורות, וואָס ווערן געוועבט אויף דער האַנט בײַ אונז אין לאַנד —

יענער צאָלט דירעקט אונזערע אָרעמע וועבער. קיין פּעני פונם דאָזיקן געלט פאַלט נישט אַריין צו די קאַפּיטאַליסטן".

אַזוי־אַרום איז גאַנדי אַרויסגעטרעטן מיט זיין גרויסן פּראָגראַם צו באָיקאָטירן די אויסלענדישע סחורות און זיך אומקערן צום שפּינראָד. „איך שטעל פעסט, אַז מיט דעם, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון שפּינראָד, האָבן מיר פּשוט אָנגעוווירן אַ לונג. דערום זענען מיר געפּערלעך קראַנק אויף שווינדזוכט. ווילן מיר אָפּהאַלטן דידאָזיקע שרעקלעכע קראַנקייט, אַזוי מוזן מיר זיך אומקערן צו דער שפּינראָד". און ער ווייזט אויף, אַז אויב מען זאָל אומעטום באַנוצן בלויז אינדישע סחורה, געוועבט אויף דער האַנט, און גלייכצייטיק באָיקאָטירן פולשטענדיק די אַריינגעפירטע טעקסטיל-אויסאַרבע-טונגען — וואָלט עס געהייסן צעטיילט יאָר־יערלעך זעקס הונדערט מיליאָן רופּיעס צווישן דער אינדישער באַפעלקערונג. אויף אַזאַ אופן וועט זי קאָנען צוריק געווינען אירע כּוחות און אָנהייבן צו בליען. נאָר אַ דאַנק דער שפּינראָד קאָן אינדיע דערוויזן דער וועלט, אַז זי איז אַנטשלאָסן זיך אויסצוקעמפן פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט. נאָר אַדאַנק דעם דיקן „קהאַדאַר", וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אינדערהיים, קאָן אינדיע זיך באַ-פרייען פון איר פאַרשקלאַפונג. די שפּינראָד איז די איינציקע ווירקזאַמע רפואה קעגן דער פאַראָרעמונג.

דערום האָט גאַנדי אָנגעפירט אַן אומגעהייערע פּראָפּאַגאַנדע פאַרן היימישן טוך, און קעגן די אַריינגעפירטע שטאָפן. ער האָט גערופן דאָס גאַנצע פאָלק, אַז פון היינט אָן זאָלן אַלע איינקויפן זייערע באַדערפעניש נאָר אויפן אינערלעכן מאַרק. אמת, אַז דערדאָזיקער „קהאַדאַר" איז לעת-עתּה גראָב. אָבער די אינדישע וועבער וועלן כּסדר זיך איבן און וועלן אויסאַרבעטן בעסערע מינים, וואָס זאָלן קאָנען באַפרידיקן דעם גאַנצן נאָכפרעג. ער האָט פאַרלאַנגט פון אַלע זיינע מיטשטימער, אַז זיי זאָלן שווערן (די דאָזיקע שבועה האָט ער אַליין צעגויפגעשטעלט), אַז זיי וועלן זיך באַנוצן נאָר מיט אינדישן טוך און אינדישן זייד. זיי זאָגן זיך פולשטענדיק אָפּ צו באַנוצן אויסלענדישע סחורות. זיי פאַרניכטן די פרעמדע סחורות, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט פריער איינגעקויפט. ער האָט גערופן די סוחרים, אַז זיי זאָלן פאַרלאַנגען געוועבן נאָר פון אינדישן בייוול און אַז מען זאָל געברויכן אויסשליסלעך אינדישן פאַדעם. ווען ער וואָלט געקאָנט האָבן די דעה — זאָגט ער — וואָלט יעדער אינדער געמוזט זיך אויסלערנען שפּינעריי און וועבעריי. יעדער וואָלט געמוזט טאָגטעגלעך ווידמען אַ שטיקל צייט דערדאָזיקער אַרבעט. „כ'וואָלט אָנגעהויבן פון די שולן, וואָס מחמת זייער גוטער אָרגאַניזירונג זענען זיי צומבעסטן צוגעפּאַסט איינ-צופירן דאָס שפּינראָד און אָנצופירן די געהעריקע אַגיטאַציע". אויף אַזאַ אופן — האָט ער געהאַלטן — קאָן מען יעדן טאָג אויסאַרבעטן צוויי מיליאָן מעטער קהאַדאַר־טוך.

ער רעכנט אויס, אַז ווען אַלע וואָלטן זיך אָפּגעזאָגט צו באַנוצן אויסלענדישע טעקסטילסחורות, וואָלט דער אָפּזאַצמאַרק פאַר די האַנט-

וועבערייען אין אינדיע זיך אָן אַן ערך פאַרברייטערט. און מהאי־טעמא דורך איינפירן צוויי מיליאָן שפינרעדער, קאָן מען מיטאַמאָל געווינען די סוואַדעשי, די עקאָנאָמישע אומאָפהענגיקייט. און די עקאָנאָמישע אומאָפהענגיקייט איז דער ערשטער פרינציפיעלער תנאי פאַר דער פּאָליטישער אומאָפהענגיקייט, פאַר דער אויטאָנאָמיע — פאַרן „סוואראדזש". „קיין שום פראָיעקט פון ענדערן די מלוכהאָרדענונג, אַפילו דער ליבעראַלסטער, קאָן נישט לייזן די פראַגע פון אינדיעס פרייהייט אין דער נאָנטסטער צוקונפט. דאָס קאָן מאַכן, און טאַקע שוין — דער סוואַדעשי, די עקאָנאָמישע פרייהייט, געוווּנען דורכן שפינראָד".

דעמדאָזיקןווירטשאַפטלעכן פראָגראַם גאַנדיס האָט מען פון פאַרשידענע זייטן פאָרגעוואָרפן, מער־ווייניקער אַזוי: היינט, אין דער עפּאָכע פון דער אַנטוויקלטער טעכניק, איז דערדאָזיקער פרווו צו באַלעבן די האַנטמלאכה, די שטובפראָדוקציע — אַ פולשטענדיק רעאַקציאָנערער אויפטו, וואָס האָט, אגב, נישט קיין שום אויסזיכטן אויף הצלחה. דערויף ענטפערט גאַנדי: „מען גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז אין יאָרהונדערט פון מעכאַנישע שפינערייען, פון מאַשינען צו נייען און שרייבמאַשינען, דאַרף מען זיין אַ חסר־דעה, אויב מען שטעלט זיך פאָר אַ וועלכע־ס׳איז רפואה אין דער פויערישער שפינראָד. אָבער מיינע קעגנער פאַרגעסן אָן דעם, אַז נישט די ניימאַשינען האָבן אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן די נאָדל, נישט די מענטשלעכע האַנט איז אַנטווערט געוואָרן צוליב דעם, וואָס מ׳האָט דערפונדן די שרייבמאַשין. איך האַלט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מניעה, אַז דאָס שפינראָד זאָל עקזיסטירן לעבן די גרויסע וועבמאַשינען. אָט, למשל, עקזיסטירט די הויזקיך ווייטער לעבן די האָטעלקיכן. די ניי־ און שרייב־מאַשינען קאָנען אונטערגיין — אָבער די נאָדל און די פעדער וועלן אייביק בלייבן".

ער ווייזט אויף, אַז ס׳איז נישט מעגלעך איינצופירן אין אינדיע במשך אַ קורצער צייט אַ מאַשינפראָדוקציע. דידאָזיקע ריזיקע וועלט־טייל מיט אירע פויערישע ווירטשאַפטן וועט זיך נישט לאָזן אינדוסטריאַליזירן אַזוי כלאחר־יד, פון איין טאָג ביזן אַנדערן. מען קאָן דערום נישט זוכן די לעזונג פון די דירעקטע און דרינגנדע פראָבלעמען אין בויען, למשל, אין אינדיע טעקסטיל־פאַבריקן. נאָך גענוג צענדליקער יאָרן וועלן פאַרביי, ביזוואַנען די מאַשינפראָדוקציע אין אינדיע וואָלט געקאָנט באַפרידיקן דעם גאַנצן אינערלעכן געברויך.

אָבער אַחוץ די אַלע פראַקטישע סיבות, האָט גאַנדי געהאַלטן, אַז מחמת אַנדערע מאָטיוון דאַרף מען שטרעבן צו באַלעבן די שטובפראָדוקציע, און נישט צו גרינדן קיין גרויסע פאַבריקן: „אויב מיר זאָלן קויפן פאַבריקסחורה, אַזוי נעמען מיר צו ביי די אָרעמעלייט די באַשעפטיקונג, וואָס זיי דאַרפן, און גלייכצייטיק זענען מיר אַליין גורם צו אַ יקרות. די שפינרייען אַרבעטן ביי אַן אומגעהייערער עקספּלואַטאַציע. מיטן מאָמענט, וואָס די מאַשינשפינערײ ווערט געמאַכט, וועט מען נישט קאָנען צעטיילן גלייך יענע זעקס הונדערט מיליאָן רופּיעס צווישן די באַזונדערע שטובווירט־

שאַפטן. גראַד פאַרקערט: אויף אַזאַ אופן וואָלט עס געבראַנגט צו קאָנ-צענטראַציע פון קאַפּיטאַל און אַרבעטהענט. דאָס וואָלט נאָך גרעסער-גע-מאַכט דעם כאַאָס, בעת די האַנטשפּינערייען זענען גורם דערצו, אַז די פּראָדוקציע זאָל זיך פאַרשטאַרקן און די פּרייזן זאָלן פאַלן".

דערום האַלט גאַנדי, אַז די פאַבריקן איז אַ גרויס געזעלשאַפטלעך געפאַר. ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן דערצו, אַז די באַפעלקערונג זאָל פּראָלעטאַריזירט ווערן. „די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין באָמבייער וועבערייען, זענען פאַר-וואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן. די לאַגע פון די פרויען, וואָס אַרבעטן דאָרט, איז פּשוט אַ געפערלעכע... אפשר וועט עמעץ האַלטן מיינע ווערטער פאַר אפּיקורסות, אָבער איך בין מודה, אַז איך וואָלט שוין גלייכער וועלן, מען זאָל ווייטער נוצן טוך פון מאַנטשעסטער, איידער עס זאָל פאַרגרע-סערט ווערן די צאָל וועבערייען אין אינדיע. אויב מיר טראָגן ענגלישן טוך, פאַרשווענדן מיר נאָר דאָס געלט פון אונזער פאָלק. אָבער אויב מיר קאָפּירן-נאָך דאָס טוך פון מאַנטשעסטער אין אינדיע, מאַכן מיר אַ תל פונם געזונט און פון דער זיטלעכקייט פון אונזער פאָלק. דערום האָבן מיר נישט קיין שום סיבה, זיך צו פרייען מיטן דערפאָלג פון די וועבערייען אין אינדיע".

אַז מ'האָט גאַנדין געפרעגט, צי ער וואָלט געהייסן שליסן די פאַבריקן אין אינדיע, האָט ער געענטפערט: „ס'איז נישט אַזוי לייכט צו באַשליסן. ווייל ס'איז שווער אָפּצושאַפן אַ זאַך, וואָס איז שוין איינגעפירט. מיר קאָ-נען נישט אַרויסגעבן קיין אורטיילן אויף די פאַבריק-באַלעבאַטעם. מיר קאָנען נאָר מיט זיי מיטפילן. עס וואָלט געווען צופיל צו רעכענען, אַז זיי וועלן פאַרמאַכן די פאַבריקן. אָבער מיר קאָנען זיי בעטן, אַז זיי זאָלן לכל-הפּחות נישט פאַרגרעסערן די צאָל זייערע פאַבריקן..."

אויף די פאַרוואורפן פון זיינע קעגנער, ווייזט ער אָן אויף דער אמת-דיקער לאַגע: „יעדן, וואָס האָט נאָך געוויסע ספיקות, וואָלט איך גע-ראָטן, ער זאָל אַריינקוקן אין די שטובן פון די אַלע אָרעמעלייט, וואָס האָבן געצויגן פּרנסה בלויז פון די שפּינרעדער. דידאָזיקע אַלע מענטשן וועלן אים זאָגן, אַז צוזאַמען מיטן שפּינראַד איז געקומען אין זייערע שטיבער פרייד און ליכטיקייט!"

גאַנדי האָט צוגעגעבן גרויס חשיבות דער הויזאינדוסטרי, בעיקר צוליב דעם, וואָס ער האָט גערעכנט אויף דעמדאָזיקן וועג צו געבן באַשעפ-טיקונג די מאַסן מענטשן, וואָס גייען אויס אין פּוסטעפּאַסנעקייט. „פּאָלי-טישע פרייהייט האָט נישט קיין שום באַטייט פאַר יענע מיליאָנען מענטשן, וואָס ווייסן נישט, וואָס זאָלן זיי טון אין זייער געצוווּנגענעם ליידיק-גייַן... אַכציק פּראָצענט אינדישע באַפעלקערונג איז געצוווּנגען אַ האַלב יאָר אַרומצוגיין פּוסט-און-פּאַס: מען קאָן זיי העלפן נאָר אויף דעם אופן, וואָס מען וועט פונדאַס'ניי באַלעבן די היימישע אינדוסטרי, וואָס מ'האָט ביז-אַהער פאַרלאָזט. דאָס וועט ברענגען פּרנסה אין שטוב אַריין. כּל-זמן מיר

וועלן נישט געבן אינדיע קיין אַרבעט, אַז זי זאָל קאָנען זיך מפרנס זיין, און זי שטאַרבן פון הונגער!״

בעת זיינע וואַנדערונגען איבערן לאַנד, האָט ער אַ סך מאָל פעסטגעשטעלט, אַז אַדאַנק דער נויט און דעם געצוווּנגענעם ליידיק-גיין שאַפט זיך אין פאָלק ביסלעכווייז אַן אומחשק צו דער אַרבעט. ער דערציילט, ווי מענטשן, שוין האַלב פאַרהונגערטע, האָבן אַפּאַטיש זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער אַרבעט. זיי האָבן ליבערשט געוואָלט, מען זאָל זיי דערשיסן, איידער זיי זאָלן עפּעס טון. — דערדאָזיקער עקל פאַר אַרבעט — רופט אויס גאַנדי — איז פאַר אינדיע נאָך אַ גרעסערע צרה, ווי דאָס שיכּרות! אַפילו אַ שיכּור, וואָס וויל נישט גיין צו דער אַרבעט, פאַרמאָגט ער נאָך אָבער שכל און געפיל. אָבער די דאָזיקע מענטשן, וואָס שטאַרבן אויס, זענען געגליכן צו חיות! נאָר דאָס שפּינראָד איז עלול צו ראַטעווען דאָס פאָלק פון פולשטענדיקער אָפּהענגיקייט און פון פולשטענדיקער גייסטיקער דעגענעראַציע!״

## 10

גאַנדי האַלט, אַז דאָס שפּינראָד האָט נאָך אַ סימבאָלישע באַדייטונג — דעם סימבאָל פון דער חשיבות פון דער אַרבעט, פאַר אַ מין אויסלייזונג פון די גבירים לגבי דער אָרעמקייט. אין זיינע אויגן האָט דאָס שפּינען און דאָס וועבן אויסגעזען, ווי אַ מין עפנטלעך מודה זיין אין דער לעבעדיקער קרובהשאַפט מיט די מאַסן הונגעריקע אָרעמעלייט. ער ווענדט זיך אויפגערעגט צו יענע אינדישע פרויען, וואָס האָבן אַליין גאָרנישט געטון, געהייסן אָפּאַרבעטן אַנדערע מענטשן דעם חלק אַרבעט, וואָס פאַלט אויס אויף זיי. ער האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו די פּראָסטיטוטקעס: זאָלן זיי יעדן טאָג אַרבעטן אַכט שעה ביי שפּינעריי, וועלן זיי קאָנען האָבן פּרנסה אויף אַן ערלעכן אופן. ער האָט געהאַלטן דאָס שפּינראָד פאַר דעם שליסל צו אינדיעס באַפרייונג, פאַר דאָס איינציקע מיטל, וואָס קאָן ברענגען צו דער באַנייונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד. דערום האָט ער נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז עמעצער, אַ זייטיקער, וואָס איז פאַרינטערעסירט אינעם דאָזיקן ענין, זאָל זיך אַריינמישן. אַלע פאָרוואורפן מצד די אויסלענדישע פאַבריקאַנטן און אינדישע אימפּאָרטערן האָט ער אָפּגעוואָרפן מיט עקל.

אין דער ווידערבאַלעבונג פונעם שפּינראָד האָט גאַנדי געזען דעם בעסטן וועג צו פאַרייניקן דאָס פאָלק, וואָס איז צעברעקלט און צעשפּאָלטן אויף פילערליי קאַסטעס און גלויבנס. — קיין שום זאַך — האַלט ער — האָט נישט געקאָנט אַזוי גיך פאַרייניקן אינדיע און אויסגלייכן אַלע רעליגיעזע און סאָציאַלע קעגנזאַצן, ווי דאָס אָנערקענען, אַז דאָס שפּינראָד און דער „קהאַדאַר״ זענען דער זכות און גלייכצייטיק דער חוב פון יעדן אינדער. „ביי מיר אין די אויגן איז דאָס שפּינראָד און דער קהאַדאַר

דער סימבאָל פֿון דער אַלאײנדישער אײניקײט. דערום האַלט איך זײ פֿאַר דעם הײליקטום פֿון פֿאָלק".

אָבער דאָסדאָזיקע שפּינען און װעבן קריגט בײ גאַנדין אין די אױגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער אױך אַ דאַנק דעם, װאָס עס פֿאַרײניקט דעם גביר מיטן אָרעמאַן. יעדער, װאָס גיט זיך אָפּ דערדאָזיקער באַשעפֿטיקונג פֿון אָרעמעלײט, װערט שױן דערמיט אַלײן אױסגעגלײכט מיט זײ, און במילא מיט דער גאַנצער מענטשהײט: „איך קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן קײן שום העכערע פֿאָרם לױבן גאָט, װי דאָס אױספֿירן פֿאַר די אָרעמעלײט דידאָזיקע אַרבעט, װאָס זײ אַלײן פֿירן־אױס נאָרמאַל". אין רעליגיעזער התלהבות זאָגט ער, אַז פֿאַר אים האָט דער גראָבער קהאַדאַר אַ גרעסערע װערט, װי דאָס אײדלסטע יאַפּאַנישע זײד. מחמת צוליב דעם קהאַדאַר פֿילט ער זיך פֿאַרײניקט מיט די מיליאָנען זײנע אונטערטעניקע, לײדנדיקע ברידער. — אויב מיר פֿילן באמת מיט די הונגערנדיקע אָרעמעלײט, אַזױ מוזן מיר אין יעדן הײזל אײנפֿירן שפּינרעדער, און דאָס שפּינען האַלטן פֿאַר אונזער טעגלעכער לױב צו גאָט. װער עס פֿאַרשטײט אײנמאָל דעם סוד פֿונם שפּינראָד, װער עס זעט אין אים דעם סימבאָל פֿון ליבשאַפֿט צום חבר און צו דער גאַנצער מענטשהײט — יענער װעט זיך שױן נישט נעמען צו קײן אַנדער אַרבעט. מחמת דער קהאַדאַר גיט צו עסן יענע, װאָס האָבן נעכטן געהאַלטן פֿאַרן הונגערטױט; ער גיט באַשעפֿטיקונג די פֿרױען, נעפּױלט אין לײדיק־גײן, װײל זײ האָבן נישט געהאַט אינדערהײם קײן שום אַרבעט". דערום קומט בײ אים אױס דער קהאַדאַר, װי אַן אמתדיקע הײליקײט. דערפֿאַר האַלט ער שיער, אַז דערדאָזיקער גראָבער געװאַנט פֿאַרמאָגט כמעט אַן אײגענע נשמה. אײנמאָל איז צו גאַנדין געקומען אַ געװיסער ענגלענדער. צװישן אַנדערס האָט אים דאַן גאַנדי געזאָגט, אַז װען עס זאָל אים געראָטן יעדעס הײזל אין אינדיע צו באַזאָרגן מיט אַ שפּינראָד, װאָלט ער זיך געפֿילט פֿולשטענדיק צופֿרידן פֿון זײן לעבן. די װײטערדיקע פּלענער װאָלט ער שױן געקאָנט, מיט גאָטס װילן, אַדורכפֿירן אין אַן אַנדערן גילגול זײנעם.

אױך שפּעטער האָט גאַנדי געשאָנקען דעם שפּינראָד די גרעסטע אױפֿמערקזאַמקײט. — איך װיל נישט — האָט ער געשריבן פֿון תפֿיסה — אַז באָמבײ זאָל טרױערן צוליב מײן אַרעסט. זאָל באָמבײ לענקען זײנע כּוחות אױפֿן שפּינראָד... אַלע פֿרױען פֿון שטאָט, אויב זײ װילן אָנטײלנעמען אין דערדאָזיקער אַרבעט, מוזן יעדן טאָג װידמען עטלעכע שעה לטובת דעם לאַנד און װעבן קהאַדאַר... אױך דעם מאַהאַטמאָס פֿרױ, קאַסטורבאַי גאַנדי, האָט אין איר רוף צום אינדישן פֿאָלק דערקלערט, אַז איר מאַנס לעצטע װערטער פֿאַרן גײן אין תּפֿיסה זענען געװען געװידמעט דעם קהאַדאַר; אַז דער מאַהאַטמאַ האָט פֿון אַלע פּונקטן פֿון זײן פּראָגראַם די גרעסטע אױפֿמערקזאַמקײט געשענקט דעם קהאַדאַר אין דעם שפּינראָד. אָן זײ װענדט זיך נישט בלױז די לײזונג פֿונם עקאָנאָמישן פּראָבלעם, נאָר אױך דאָס באַפֿרײען דאָס גאַנצע לאַנד פֿון די פּאָליטישע קײטן. גאַנדי האָט

אָפּט געשריבן פון תפיסה צו זיינע פריינד און זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן זייער גאַנצע ענערגיע קאָנצענטרירן אַרום דער פראַגע פון שפינען און וועבן: „מיר מוזן אויפשטיין תחית-המתים אינם גלויבן אין דעם שפינראָד!”.

אין דערדאָזיקער איבערצייגונג, אַז אינדיעס אויסלייזונג ליגט נאָר אין די אַליינגעוועבטע קהאַדאַרס. איז ער געקומען צום אויספיר, אַז יעדער, וואָס טראָגט אויסלענדישע סחורה, באַגייט אַ פאַרברעך לגבי דעם פאָלקספאַרמעג. ווייל טאַקע אַדאַנק דערדאָזיקער מאָדע פון פרעמדע טעקסטילסחורות זענען אונטערגעגאַנגען די אינדישע שפינרעדער. „ס'איז אַ פאַרברעך צו עסן אַמעריקאַנער ווייץ, ווען אונזער שכן, דער תבואהסוחר, באַנקראָטירט צוליב דעם, וואָס מען קויפט נישט ביי אים. — דאָסגלייכן איז אויך אַ פאַרברעך צו טראָגן די לעצטע מאָדע פון רידזשענט-סטריט, ווען מיר ווייסן, אַז די אויסאַרבעטונגען פון אונזערעברידער-וועבער קאָנען גענוגן פאַר אונז און זיי נאָך געבן פרנסה... ווער ס'פירט אַריין אַפילו אַן אייל אויסלענדישע סחורה קיין אינדיע, דער נעמט דערמיט צו דעם ביסן פון מויל פון אַ הונגערנדיקן”.

גאַנדי האָט אויך אויפגעוויזן, אַז אַריינפירן פאַבריקאויסאַרבעטונגען איז אַ זינד נאָך מיט דעם, וואָס די אַרבעטער, וואָס פאַרטיקן-אויס די דאָזיקע סחורה, באַקומען דערפאַר הונגערלוינען. אַלע גאַנדיס מיטשטימער מוזן, צווישן אַנדערע, טון אַ נדר, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט באַנוצן אַ זאַך, וואָס איז אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן פאַרבונדן מיט אויסנוצעריי, מיט שווינדל. און דעריבער, האַלט גאַנדי, קאָן מען נישט באַנוצן קיין אויסלענדישע סחורה, ווייל דידאָזיקע סחורה איז אַ פראָדוקט פון עקספּלואַטאַציע, וואָס די פאַבריקאַנטן באַגייען איבערן אייראָפּעישן אַרבעטערקלאַס.

דערום האָט אויך גאַנדי געפאָדערט, אַז נישט נאָר מען זאָל נישט צונעמען די אויסלענדישע סחורה, נאָר מען זאָל זי אויך פאַרטיליקן, פאַרברענען. דאָס פאַרברענען מלבושים האָט געזאָלט סימבאָליזירן, אַז מען ברענגט-אום די זינד, וואָס דידאָזיקע סחורות אַנטהאַלטן אין זיך. „וויבאַלד מיר זענען שוין איבערגעצייגט, אַז מיר האָבן שלעכט-געטון, וואָס מיר האָבן באַנוצט די אויסלענדישע סחורה אָנשטאָט די אייגענע און דערמיט רויִנירט אונזער אינדוסטרי — דאַן מוז מען פאַרברענען דאָס טוך, וואָס איז באַפלעקט מיט דערדאָזיקער זינד”.

גאַנדי האָט געהאַלטן, אַז דאָס פאַרטיליקן די אויסלענדישע סחורות איז דאָס בעסטע און גיכסטע מיטל, אַז די פראָדוקציע פון היימישן קהאַדאַר זאָל זיך הייבן. אַז אַזעלכע חשובע מענטשן, ווי ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע און איינער פון זיינע בעסטע פריינד טש. פ. ענדריו האָבן אים דאָס פאָרגעוואָרפן און גאַנץ אָפן געזאָגט, אַז זיי פאַרשטייען נישט, פאַרוואָס רופט גאַנדי דאָס פאָלק צו פאַרברענען די טייערע סחורות — האָט דאַן גאַנדי, צוליב זיין אייגענער התנצלות, דערקלערט פאַר זיי די עטיק

פון צעשטערן. דידאָזיקע דערקלערונג דערלויבט אונז בעסער ווי אַלע אַריינדרינגען אין גאַנדיס אָרגינעלער און טיפער פּסיכיק. קודם-כּל פּראָטעס-טירט ער קעגן דער מיינונג, אַז פאַרברענען אויסלענדישע סחורות זאָל באַ-טייטן, אַז מ'איז פיינדלעך געשטימט לגבי ענגלאַנד: „דער געדאַנק צו פאַר-ברענען אויסלענדישע סחורות איז געשאַפן געוואָרן נישט אין כעס, נאָר אין חרטה אויף די זינד, וואָס מיר זענען באַגאַנגען. אויב מיר פאַרברע-נען אויסלענדישע סחורה, פאַרברענען מיר גלייכצייטיק אונזער גלוסטונג צו זיי. מיר זענען אויסן דערמיט נישט צו באַשטראָפן די ענגלענדער, נאָר זיך אַליין. דערמיט האָט נישט אונזער באָיקאָטירן פרעמדע סחורות און דאָס פאַרברענען זיי קיין שום שייכות מיט עפּעס אַ ראַסן-שנאה צו ענג-לאַנד. אינדיע ווייסט נישט און קען נישט דאָסדאָזיקע געפיל".

ווייטער פּאָלעמיזירט גאַנדי מיט דער מיינונג, אַז ער וויל באָיקאָטירן אַלע אויסלענדישע סחורות בכּלל: „אינדיע האָט נישט בדעה זיך צו פאַר-שליסן פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל. מיר וועלן גערן אָננעמען אַלע אויסאַרבעטונגען, וואָס אויסלאַנד מאַכט בעסער פון אונז. איך וואָלט נאָר וועלן אויסשליסן דיעניקע אויסלענדישע סחורות, וואָס דאָס אַריינפירן זיי ברענגט אַ גרויסן שאָדן דעם פאָלקספאַרמעג. דאָס איז אַ באַוואָרעניש און אַ באַגרענעצונג פון גרויס חשיבות. דער שטן פאַרלייגט זיינע נעצן זייער קונציק, בפרט דעמאָלט, ווען די גרענעץ צווישן דעם, וואָס איז גערעכט און וואָס איז אומגערעכט, איז אַזוי דין, אַז מען קאָן זי קוים זעען. אָבער טראָץ אַלעמען עקזיסטירן אַזעלכע גרענעצן — פעסט און אייביק".

דעריבער איז פאַראַן אַ גרויסער פּרינציפּיעלער אונטערשיד צווישן גאַנדיס „סוואַדעשי", ד. ה. אינדיעס עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט, און אַ באָיקאָט — אַ ווירטשאַפטלעך געווער, וואָס ווערט באַנוצט אויך ביי אונז, אין אייראָפּע. „סוואַדעשי" איז אַ כּמעט-רעליגיעזער באַגריף. דאָס באַטייט נישט נקמה, נאָר עס וויל פּשוט דערפירן דאָס לאַנד צו וווּל-שטאַנד. ווען גאַנצע בערג טייערע אויסלענדישע סחורות און מלבושים האָבן געפלאַקערט אויף די שייטערהויפנס און אַרום האָט דאָס פאָלק גע-יובלט אין באַגייסטערונג — האָט גאַנדי באַטאָנט, אַז דאָס איז נישט גע-ווען קיין סימבאָל פון האַס לגבי די אויסלענדער, נאָר אַ סימבאָל פון חרטה אויף די עבירות, וואָס דאָס פאָלק איז באַגאַנגען.

אַז ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע און אַנדערע האָבן גאַנדין אויפגעוואָרפן, אַז גלייכער וואָלט ער דידאָזיקע טייערע סחורות צעטיילט צווישן די אָרע-מעלייט — האָט ער געענטפערט אויף דערדאָזיקער, אין פלוג הומאַניטאַרער עצה, מיט אַזעלכע ווערטער, פון וועלכע עס ווייט זיין טיף געזעלשאַפט-לעך און רעליגיעז געפיל: „ניין, איך בין נישט מסכּים צו באַקליידן די אָרעמע און נאַקעטע מיט קליידער, וואָס וועלן זיי נישט נוצן — אָנשטאָט זיי געבן אַרבעט, וואָס זיי דאַרפן זייער נייטיק האָבן. דידאָזיקע אַלע, שלעכט-אָנגעטוענע אָדער נאַקעטע מענטשן — זיי ווילן נישט קיין חסדים,

זיי ווילן אַרבעט! צי פאַרמאָגן דען נישט אָרעמעלייט קיין פערזענלעכע ווירדע און קיין ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד? צי איז די תּורה פון סוואַ-דעשי באַשאַפן בלויז פאַר די גבירים?".

און אַן אַנדער מאָל זאָגט ער:

— ס'וואָלט פשוט געווען אַ פאַרברעך, ווען מען צעטיילט די אויסלענ-דישע סחורות צווישן די אָרעמעלייט... דידאָזיקע טייערע קליידער האָבן נישט קיין שום געמיינזאַמס מיטן לעבנשטייגער פון די אָרעמע מענטשן. דער אופן פון אָנטון זיך ביי דעם מיטלשטאַנד איז געוואָרן אַזוי פאַרענ-דערט, אַז יענע קליידער וואָלטן גאָרנישט געטויגט פאַר די אָרעמעלייט. ווען מיר וואָלטן אַ הונגעריקן מענטשן געשענקט אַ פראַכטפול בורשטינען ציינבערשטעלע — וואָלט דאָס אויסגעזען ווי אַ ביטערער חוזק און עס וואָלט נישט געהאַט קיין שום זינען. און דערום גלייב איך, אַז אין גאַנץ אינדיע וועט מען נישט אויפהערן צו פאַרברענען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דאָס לעצטע שטיקל אויסלענדישער מלבוש וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַש".

ווי מיר האָבן שוין דערמאַנט, האָט גאַנדיס אַרויסטרעטונג פאַרן שפינרעדל, און בפרט זיין איניציאַטיוו צו פאַרברענען די אויסלענדישע סחורות, אַרויסגערופן כּמעט ביי אַלעמען אַ ווידערווילן. אַפילו אַזעלכע מענטשן, ווי ראָמען ראָלאַן, וואָס רעדן מיט ליבע און באַוואונדערונג וועגן גאַנדין אַלס מענטש און וועגן זיין טעטיקייט — האָבן ביי דערדאָזיקער פראַגע זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געוויסער, כאָטש איידעלער קריטיק. לאָמיר אָבער פרוון פאַרגלייכן גאַנדיס האַנדלונג מיט לענינס פרווו איבער-צובויען מיט איין מאָל אַן אגראַרלאַנד, וואָס האָט נישט כּמעט קיין אינ-דוסטרי, אין דער פּראָגרעסיווסטער, אינדוסטריעלער מדינה — דאַן וועלן אונז גאַנדיס איינפאַלן אויסקומען אין אַן אַנדער ליכט. הגם גאַנדי אַליין האָט נאָך קיינמאָל נישט קאָנקרעט פאָרמולירט דעמדאָזיקן געדאַנק, ווייזט זיך אָבער אויס, אַז די עקאָנאָמישע פּרינציפּן פונם מאַרקסיזם האָט ער דערפילט און פאַרשטאַנען גרינטלעכער פון לענינען, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז ס'איז אוממעגלעך קינסטלעך צו אינדוסטריאַליזירן אינדיע. לענין האָט געוואָלט איבערהיפּערן אַ גאַנצע עפּאָכע אין דער ווירטשאַפטלעכער אַנט-וויקלונג פון זיין לאַנד — גאַנדי וויל, פאַרקערט, ווידערבאַלעבן די מיטל-אַלטערלעכע בעלי־מלאכהשאַפט, דעם האַנטווערק. און דאָך איז ער רעאַל און ניכטער, הגם זיין פלאַן ווייזט זיך, אין פלוג, אויס צו שמעקן מיט ראָמאַנטישקייט.

דעריבער וואָלט עס געווען דורכויס פאַלש, ווען מיר זאָלן צו גאַנדיס באַוועגונג צוגיין מיט דער מאָס פון דער מערבדיקער קאַפּיטאַליסטישער קולטור. אויב גאַנדי האָט געוואָלט עקאָנאָמיש העלפן זיין פאָלק, וואָס ליידט נויט, האָט ער נישט געקאָנט ווענדן זיינע בליקן צו דער מאַשינ-אינדוסטרי, ווייל זי געפינט זיך נאָך אין די ווינקעלעך און זי וועט נאָך אויף לאַנגע יאָרן זיין פאַר אינדיע אַ פרעמדע זאַך, אַן גרעסערן באַטייט.

צר האָט דעריבער געמוזט זיך ווענדן צו דער באַלעבונג פון דער פרימיטיווסטער פאָרם אינדוסטרי, וואָס איז פריצײַטיק רויִנירט געוואָרן — צום שאַפן אַזאַ פאָרם הויזאינדוסטרי, וואָס קומט — לויט די פרינציפּן פון עקאָנאָמישער עוואָלוציע — נאָך דער אגראַרווירטשאַפט אין איר ריינער פאָרם. און דעריבער, בשעת לענין האָט אָנגעוואָרפן רוסלאַנד די אינדוסטריאַליזאַציע, האָט ער געוואָלט קינסטלעך אויסמיידן דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פונם דאָזיקן לאַנד, האָט גאַנדי אין אינדיע אָנגעהויבן אַן אַקציע פאַרן קהאַדאַר, וואָס האָט גענוי געפּאַסט צו דער יענערצײַטיקער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד.

ערשט פונם דאָזיקן קוקווינקל ווערט פאַר יעדן אייראָפּעער פאַרשטענדלעך גאַנדיס אויפטו, וואָס קומט אויס, אין פלוג, ווי אַ זינלאָזע זאַך; זיין פאַרביסענער קאַמף קעגן דעם אָנוואַרפן די גרויסאינדוסטרי אין אינדיע, און בכלל קעגן דער אינדוסטריאַליזאַציע פונם לאַנד. אמת, אין דעמדאָזיקן קאַמף קעגן מאַשינען באַנוצט ער זיך בעיקר מיט עטישע און רעליגיעזע אַרגומענטן, אָבער ס'שטעקט אין אים אַ געזונטער קערן פונם היסטאָרישן און נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט: ווייל אין יענעם מאָמענט וואָלט אינדיעס אינדוסטריאַליזירונג געבראַכט מער עוולות און אומגליקן, ווי נוצן.

לאָמיר אגב ביי דער געלעגנהייט זיך צוקוקן צום קאָלאָסאַלן אונטערשיד צווישן די מעטאָדעס פון די דאָזיקע צוויי מענער: גאַנדי און לענין. ביידע האָבן געשטרעבט צו איין ציל. איז לענין דערגאַנגען צו אַ כמעט-רעליגיעזער איבערשאַצונג פון דער מאַשין. גאַנדי, להיפוך, האָט גראָד אין דערזעלבער צייט פאָרגעזאָגט אַ מין אייגנאַרטיקע „מלחמה קעגן דער מאַשין". אין ביידע פאַלן, אַזוי אין רוסלאַנד, ווי אין אינדיע, האָט דער מזרח רעאַגירט אויף די איינפלוסן פון מערב. די דאָזיקע ביידע גרויסע פירער פון זייערע פעלקער האָבן אַנטקעגן דער מערבדיקער ציוויליזאַציע פאַרנומען צוויי שטאַנדפּונקטן, וואָס זענען זיך קעגנזעצלעך ביז גאָר.

וואָס שייך יענער מלחמה קעגן דער מאַשין, וואַרפן אויף דער דאָזיקער פראַגע אַ ניי ליכט די זייער אינטערעסאַנטע באַמערקונגען פונם עסטרייכישן סאָציאַליסט יוליוס בראַונטאַל אין זיין אַרבעט וועגן גאַנדין און דער אינדישער רעוואָלוציע. בראַונטאַל ווייזט-אָן דער ערשטער אויף דער אייגנאַרטיקער ענלעכקייט צווישן גאַנדין און דעם ענגלישן פאַבריקאַרבעטער נעד לוד. און ווירקלעך קאָן מען געפונען אַ גאַנצע רייע ענלעכע פונקטן צווישן גאַנדיס אַקציע און דער אַרבעט פון די לודיסטן. אָבער בעת לודס דעמאָלטיקער אַקציע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין 1811 אין נאָטינגהעם, האָט געבראַכט צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן און צאָלרייכע טויטשטראָפן און סוף כל סוף נישט געבראַכט צו קיין שום פראַקטישן נוצן — האָט, אָבער, גאַנדיס בלוטלאָזער קאַמף געמאַכט אַ טיפן קענצייכן אויף די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען אין אינדיע. ס'איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אַז לאָרד בייראָן אַליין האָט זיך אָפן געשטעלט אויף לודס זייט. בייראָנס

ערשטע עפנטלעכע רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לאָרדנהויז, איז געווען געווענדעט קעגן די אַכזריותדיקע אויסנאַהמגעזעצן, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרגעלייגט צום קאַמף קעגן די לודיסטן.

## 11

גאַנדי האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיטן קאַמף קעגן די טעקסטיל-מאַשינען. ער האָט געקעמפט בכלל קעגן דער גאַנצער אינדוסטרי, קעגן יעטוועדער טעכניק. און אויך אינם דאָזיקן פאַל זענען זיינע אָנשויונגען צוגעפּאַסט צו דער אייגנאַרטיקער לאַגע פונם לאַנד מערער, ווי דאָס וואָלט זיך געקאָנט אויסדוכטן. פון דער אַנדערער זייט איז נישט קיין ווונדער, וואָס אין דעמדאָזיקן קאַמף מיט דער טעכניק האָט ער באַגעגנט אָפטמאָל אַ זייער שאַרפן ווידערשטאַנד, ענערגישע פּראָטעסטן מצד אַ סך זיינע לאַנדס-לייט. אַזוי,, צבש, וואַרפט אים פאַר ס אַ נ ק אַ ר אַ נ אַ י ר, אַז ער פאַרשטייט נישט, ווי נייטיק ס'איז אונטערצושטיצן די אינדוסטרי אין אינדיע — נישט נאָר כדי צו באַפרידיקן דעם געברויך פון דער באַפעלקערונג, נאָר אויך דערפאַר, אַז אינדיע זאָל קאָנען זיין קאָנקורענצפעיק לגבי ענגלאַנד. און דאָס איז דאָך דער ערשטער תנאי פאַרווירטשאַפטלעכער אומאָפּהענגיקייט.— ווען גאַנדי — שרייבט סאַנקאַראַ נאַיר — וואָלט כאָטש אַ העלפט פון זיין ענערגיע געווידמעט צו פאַרבעסערן די לאַגע פונם פאַבריקפּראָלעטאַריאַט אין אינדיע, דאַן וואָלט ער געקאָנט באַקעמפן נישט ווייניק שלעכטס, וואָס ער וויל באַקעמפן אויף זיין אופן — דורך צעברעכן אַלע מאַשינען און בכלל די גאַנצע אינדוסטרי. בלויז מחמת געפיל-מאָטיוון האָט ער באַ-שלאָסן צו אַגיטירן פאַרן שפּינראַד, וואָס קאָן אָן-און-פאַר-זיך זיין אַ גאַנץ נוצלעכע זאַך, אָבער וואָס קאָן באין-אופן נישט פולשטענדיק פאַרטרעטן די מאַשינפּראָדוקציע".

אַז דידאָזיקע פאַרווורפן זענען אין תוך אומגערעכט, באַווייזט שוין אַפילו דער אויבנדערמאָנטער יוליוס בראַונטאַל. אין זיין עטיוד איבער גאַנדין האָט ער זייער טרעפלעך און פלינק כאַראַקטעריזירט זיין ריזיקן באַטייט פאַר אינדיעס געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. בראַונטאַל גייט אַרויס פון דער — גערעכטער — הנחה, אַז וויל מען געהעריק פאַרשטיין און אָפּשאַצן גאַנדיס אַקציע, אַזוי מוז מען זוכן אַ פאַרגלייך צווישן אים מיט דער ערשטער סטאַדיע פונם אייראָפּעישן סאָציאַליזם. דווקא דאָס אַלץ אין גאַנדיס געדאַנקענוועלט, וואָס קומט אונדז אויס פאַר קאָנסערוואַטיוו און רע-אַקציאָנער — דאָס איז נאָר די א י נ צ י ק - מ ע ג ל ע כ ע צוגרייטונג צו דער רעוואָלוציע — פאַרשטייט זיך, אין די אינדישע באַדינגונגען.

אָט וואָס בראַונטאַל שרייבט:

— דער מערבמענטש קאָן האַלטן דעמדאָזיקן אויפטו גאַנדיס פאַר קליינשטעטלדיקייט און רעאַקציע. איך בין מודה, אַז אָביעקטיוו, פונם היס-טאָרישן שטאַנדפּונקט קומט ווירקלעך אַזוי אויס. אויב אָבער מיר וועלן עס

נאָטראַכטן פונם קוקווינקל פון דער איינגאַרטיקער היסטאָרישער אַנטוויק-לונג און די געזעלשאַפטלעך-עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין אינדיע — דאַן באַקומט דערדאָזיקער בונט קעגן קאַפּיטאַליזם אַ מער-רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג, ווי צב.ש. דער בונט פון די לודיסטן קעגן די מאַשינען. ס'איז אָן שום ספק, אַז דערדאָזיקער לעצטער בונט איז געווען אַ פעלערהאַפטער עפּיזאָד אינם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף. אָבער דאָך איז עס געווען אַן עפּיזאָד, וואָס איז אומפאַרמיידלעך און ביז אַ געוויסער מאָס אַפילו נייטיק. ערשט נאָכן דערקענען דעם ווירקלעכן מהות פונם קאַפּיטאַליזם און נאָך דעם, ווי ער האָט וואָס מערער איינגעשלונגען די אַרבעטהענט — ערשט דאָס האָט באַקעמפט דעם לודיזם... מען דאַרף פאַטערן אַ סך צייט און דערפאַרונג, ביז וואַנען דער אַרבעטער וועט קאָנען פאַרשטיין דעם אונטערשיד צווישן דער מאַשין גופא און איר קאַפּיטאַליסטישער אופן געברויכן; ביז וואַנען ער וועט זיין קאַמף איבערטראָגן פון די טויטע מאַשינען אויף דעם סיסטעם, ווי אַזוי די געזעלשאַפט נוצט זיי אויס".

ס'איז זייער וויכטיק בראַונטאַלס באַמערקונג, אַז ער ענגלישער קאַפּיטאַליזם, וואָס פירט קאָנסעקווענט אַדורך זיינע אייגענע אינטערעסן, האָט, וואָס אַן אמת, טאַקע באַוווסטזיניק חרוב געמאַכט די לאַנג-איינגעוואָרצלטע הויז-אינדוסטרי אין אינדיע. אָבער ער האָט דער באַפעלקערונג דערפאַר גאָרנישט געגעבן. ער האָט זי געלאָזט אויסגיין פון הונגער. ער האָט נישט באַשאַפן קיין גוט אָרגאַניזירטע מעכאַנישע מאַסן-פּראָדוקציע.

און היות ס'איז געלעגן אין די אינטערעסן פונם ענגלישן קאַפּיטאַליזם, אַז אינדיע זאָל ווערן אַ קוואַל פון רוישטאָף און אַן אָפּזאַץ-מאַרק פאַר פאַרטיקע אויסגעאַרבעטונגען — דערום האָט מען סיסטעמאַטיש רויִנירט די הויז-אינדוסטריע, מ'האָט איינגעפירט בוימוואָל-פּלאַנטאַציעס אויפן אָרט פון די ריזיקע רייזפעלדער. מ'האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך צוגעוווינען צו געברויכן ענגלישע טעקסטיל-אויס-אַרבעטונגען און אויף אַזאַ אופן ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן די הויז-אינ-דוסטרי. אַזויאַרום האָט די אייראָפּעישע אינדוסטרי רויִנירט אין אינדיע מיליאָנען בעלי-מלאכהס, פאַראָרעמט פיל מיליאָנען פויערן און קליינע ערענדאַרן, וואָס האָבן פריער געשעפּט זייער חיונה דערפון, וואָס זיי זע-נען זעקס חדשים אין יאָר געזעסן ביי זייערע שפּינרעדלעך, און איצט האָבן זיי שוין נישט געקאָנט באַקומען קיין אַנדער פּרנסה.

— יענער האַס צו מאַשינען — שרייבט בראַונטאַל — יענע שנאה צום קאַפּיטאַליזם, וואָס פלאַמט אַזוי מעכטיק אין גאַנדין — דאָס איז נאָר אַ געטרייער אָפּשפּיגל פון יענער שנאה פון מיליאָנען אינדישע פויערן און בעלי-מלאכהס. דער קאַפּיטאַליזם האָט פולשטענדיק רויִנירט זייער עקזיס-טענץ, און דערביי זיי נישט געגעבן די מעגלעכקייט זיך אויפס'ניי איינצו-אָרדנען אויף די נייע, קאַפּיטאַליסטישע יסודות. ווען גאַנדי באַקעמפט דעם קאַפּיטאַליזם, די היינטיקע צייטן קאַפּיטאַליסטישע ממשלה, די מאָדערנע

ציוויליזאַציע, ווען ער האַלט דאָס פאַר אַ צרה, פאַר דער עפּאָכע פון פינס-טערער הערשאַפט–דאַן הער איך דאָס געשריי פון די לודיסטן..."

אַז דידאַקטיק מיינונג איז אַ ריכטיקע, קאָן מען זען סיי פון גאַנדיס אייגענעם שטאַנדפּונקט אין דער פראַגע וועגן אינדוסטריאַליזם און מאַשינען, סיי ווען מיר וועלן זיך צוקוקן צו די באַדינגונגען, ביי וועלכע ס'איז ביי גאַנדין אַנטשטאַנען דער האַס צו דער מאָדערנער טעכניק. ווען גאַנדי איז דאָס יאָר 1908 געווען אין ענגלאַנד, האָט זיך דאַן טאַקע אָפּגעשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע קאַמפּאַניע פון די ליבעראַלן און דער אַרבעטערפּאַרטיי קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. לאָיד דזשאָרדזש האָט טאַקע אָנגעהויבן דעם גרויסן קאַמף, אומברחמנותדיק געטאַדלט אַלע פּורענויות פון דער גרויס-אינדוסטרי. דערפון האָט זיך גאַנדי געקאָנט שאַפן אַ מוראדיק בילד וועגן דער לאַגע פון די טאָגאַרבעטער, וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון די ענג-לישע פאַבריקאַנטן. אַז ער האָט זיך דערנאָך אומגעקערט קיין אינדיע, האָט ער דאָרט, אין די אינדוסטריעלע צענטערס, אויך געטראָפן דאָס-זעלבע בילד. ער האָט געזען, אַז אין די גרויסע פאַבריקן האָט מען אומפאַרשעמט אויסגענוצט די אַרבעטסכּוחות פון זיין לאַנד. ער האָט דערום געמוזט קומען צום אויספיר, אַז דאָס איינפירן מאַשינען האָט נישט נאָר נישט פאַרבעסערט די לאַגע פון די אינדישע אַרבעטער, נאָר פאַרקערט — זי נאָך פאַרערגערט, אַז אַפילו פרויען און קינדער מוזן אַרבעטן אין פאַב-ריק. און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז דעמאָלט, דאָס הייסט מיט אַן ערך צוואָנציק יאָר צוריק, איז די לאַגע פון דעם אַרבעטערקלאַס אין ענגלאַנד געווען אַ סך ערגער, ווי היינט. אַ פשיטא שוין — אינדיע, וווּ ס'איז נישט געווען קיין שום פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס צו באַשיצן דעם אַרבע-טערקלאַס.

גאַנדי האָט געזען, אַז די מאַשינען האָבן געבראַנגט בלויז עקס-פּלואַטאַציע און מיסבריוכן, אַז צוליב דעם פּראָגרעס פון דער טעכניק זע-נען די פאָלקסמאַסן געוואָרן פאַרשקלאַפט צו ווינציקע, גרויסע אינדוסטריע-לער. האָט דעריבער זיין אָנגריף קעגן די מאַשינען, זיין „לודיזם" — ווי בכלל אַלע זיינע שיטות און אידעען — געצויגן די יניקה פון זיינע, גאַנדיס פאַרזענלעכע איבערלעבענישן, פון טיפן געזעלשאַפטלעכקייט-געפיל, פון רחמנות צו די אונטערגעדריקטע. אויב גאַנדי טרעט-אַרויס קעגן די מאַשינען, איז עס גיכער אַ פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס מען מיסברויכט מיט זיי. ווייל נאָר אין דערדאָזיקער געשטאַלט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט דער מערב-אייראָפּעישער אינדוסטריאַליזם.

אַז ראַבינדראַנאַט טאַגאָרעס אַ תלמיד, ראַמאַהאַנדראַן, האָט אַמאָל גאַנדין געפרעגט, צי ער איז אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון אַלע מאַשינען, האָט אים גאַנדי געענטפערט: „ווי פאַלט עס דיר איין? איך ווייס דאָך, אַז מיין גוף איז אויך נישט מער, ווי אַ מאַשין, וואָס איז זייער קינסטלע-ריש באַשאַפן. אַפילו דער שפּינראַד איז דאָך אויך אַ מאַשין, אַפילו דאָס מינדסטע נעדעלע. איך קעמף נישט קעגן דער מאַשין, נאָר קעגן דער

איינרעדעניש, אַז די מאַשין שפּאָרט-איין אַרבעט. שפּאָרן טאָקע מענטשן איין אַרבעט אַזוי ווייט, אַז טויזנטער ווערן אַרבעטסלאָז און שטאַרבן אין די גאַסן. איך וויל, אַז יעדער, אָן אויסנאַם, נישט נאָר אַ קליינע טייל מענטשן, זאָלן האָבן פאַרזיכערטע אַרבעט און אַ מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. איך באַשטיי נישט, אַז אַ הייפל מענטשן זאָל זיך פּאַשען אויפן חשבון פון אַלע. איצט, אַדאַנק די מאַשינען, לעבט אַ נישטיקע מינדערהייט מענטשן פונם בלוט פון די ברייטסטע מאַסן. דער לאַזונג פון דערדאָזיקער מינדערהייט איז נישט ליבע צו מענטשן און הומאַניטאַרישקייט, נאָר גיריקייט און קארגשאַפט. אַט קעגן דעם טרעט איך אַרויס מיט מיין גאַנצער ענערגיע".

פאַר גאַנדין איז נאָר און ווירקלעך וועזנטלעך — דער מענטש: „די מאַשין טאָר נישט גורם זיין דערצו, אַז מענטשן זאָלן ווערן קאַליקעס אָן טיילן פון זייער קערפּער. דאַן וועט מען נישט פאַרלאַנגען פונם אַרבעטער קיין שווערע אַרבעט, דאַן וועט די מאַשין נישט זיין קיין געפאַר פאַר אים, נאָר אַן אמתדיקע ברכה... איך שטרעב צו ענדערן די אַרבעט-באַדינגונגען אויף אַזאַ אופן, אַז סוף-כל-סוף זאָל שוין אויפהערן דאָס וואַנזיניקע געיעג נאָך געלט, אַז דער אַרבעטער זאָל באַקומען לוין, וואָס זאָל אים קלעקן, אַז זיין אַרבעט זאָל נישט זיין פאַר אים — ווי ביזאַהער — אַ שקלאַפעריי. נאָר ביי דידאָזיקע באַדינגונגען קאָן די מאַשין ברענגען נוצן סיי די מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי איר, סיי דער מלוכה, וואָס זי געהערט צו איר. ווען עס וועט אויפהערן יענץ משוגן געיעג, דאַן וועט אויך דער אַרבעטער קאָנען פירן אַ רויק לעבן, ביי אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען".

ס'איז ביז גאָר אינטערעסאַנט, וויפל ענלעכקייט ס'ליגט אין דידאָזיקע רייד גאַנדיס, וואָס מען פאַרשרייט אים פאַר אַ רעאַקציאָנער, מיט קאַרל מאַרקס'ס אַ זאַץ, וואָס באַשרייבט אויך דעם קאַפּיטאַליסטישן אופן אַרבעט:

— די מאַשין אַן-און-פאַר-זיך — שרייבט מאַרקס — פאַרקירצט די אַרבעטצייט, בעת דער קאַפּיטאַליזם פאַרלענגערט זי. די מאַשין, ווי אַזעלכע, פאַרלייכטערט די אַרבעט — אָבער אָנגעפירט פונם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, פאַדערט זי נאָך אַ גרעסערע אָנשטרענגונג. אַן-און-פאַר-זיך באַטייט די מאַשין דעם ניצחון פונם מענטש איבער דער נאַטור — געפירט פונם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, באַרייכערט זי די פאַבריקאַנטן, פאַראָרעמט די, וואָס ארבעטן ביי איר".

גאַנדי באַקעמפט, הייסט עס, די מאַשין דערפאַר, וואָס אָנשטאָט איינצושפּאָרן אַרבעט פאַרן מענטשן און שאַפן לייכטערע עקזיסטענצמעגלעכקייטן פאַרן כלל — דינט זי נאָר איצט אַ רייכער מינדערהייט, און זי אַרבעטנדיקע מאַסן ברענגט זי גרויס שאָדן. אָבער היות ווי ביי גאַנדין איז די איינציקע מאָס פאַר יעדער געזעלשאַפטלעכער איינאָרדנונג דאָס, צי זי ברענגט שאָדן אָדער נוצן פאַרן כלל, פאַר די הונגעריקע און נויט-

באַדערפטיקע — דערום באַקעמפט ער אויך די מאַשין, ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז די טעכנישע אינדוסטריע ברענגט שאָדן פאַרן פאָלק.

ער באַקעמפט פרינציפּיעל אַלע פּראָדוקטן פון אייראָפּעישער אינדוסטריע. אָבער ער מאַכט געוויסע אויסנאַמען. בעיקר באַפרייט ער פונם דאָזיקן חרם די נייִמאַשין. ער זאָגט, אַז דאָס דערפינדן זי איז געווען דיקטירט פונם ווילן צו העלפן דער מענטשהייט. אָבער אפשר שטעקט אין דידאָזיקע ווערטער דער פאַרהוילענער באַוווּסטזיין, אַז די נייִמאַשין דינט פאַר דער שטובאינדוסטריע, אַז זי קאָן ברענגען אַ וויכטיקן נוצן אין דעם ריזיקן ווירטשאַפטפּלאַן, וואָס גאַנדי האָט באַאַרבעט. אַלע אַנדערע מאַשינען, וואָס דינען נישט דערצו, אַז זיי זאָלן דירעקט העלפן די אינדישע אָרעמעלייט און געבן זיי אַ געוויסן שטיץ אין זייער קאַמף פאַר עקזיסטענץ — דידאָזיקע אַלע מאַשינען האַלט גאַנדי פאַר אַ מעשה-שטן און וואָלט זיי גערן אַרויסגעוואָרפן פון אינדיע. כמעט אַלע מאַשינאויסאַרבעטונגען, האַלט גאַנדי, זענען איבעריק, נאָכמער — אַפילו שעדלעך. אַז מען וואַרפט אים פאָר, אַז אינדיע, ווען זי זאָל נישט האָבן אַפילו קיין איין פאַבריק, וואָלט זי דאָך געמוזט אַריינפירן פאַרשידענע סחורות, ענטפערט ער, אַז ס'איז פאַלש. אינדיע האָט זיך אויך פריער געקאָנט באַגיין אָן די פאַבריקסחורות, וועט זי אויך ווייטער זיך קאָנען אָן זיי באַגיין. „ווילאַנג מיר וועלן זיך נישט אויסלערנען צו מאַכן טשוועקעס אָן מאַשינען, אַזוי לאַנג מוזן מיר זיך באַגיין אָן טשוועקעס. מיר בענקען נישט לחלוטין נאָכן פאַלשן גלאַנץ פון גלאָזאויסאַרבעטונגען — מיר וועלן אַזוי, ווי פאַרצייטנס, מאַכן קנויטן פון אונזער אייגענעם היימישן בוימוואָל. פאַר לאָמפּן וועלן מיר נוצן ליימענע כלים, וואָס מיר האָבן געמאַכט מיט די אייגענע הענט".

אויס דיזעלביקע מאָטיוון איז גאַנדי קעגן די באַנען, די עלעקטרישע טראַמוואַיען און אַלע הייגטמאָדישע פאַרקערמיטלען. ער האַלט, אַז זיי באַפרידיקן נישט דעם אמתדיקן געברויך: „צו וואָס זאָלן מיר אַזוי גיך אַדורכגיין די גרויסע שטחים? — פרעגט ער. — דאָס אַלץ איז נויטיק פאַרן אייראָפּעער, ווייל ער האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט אין דער נעץ פון דער הייגטיקער ציוויליזאַציע... די טעכניק איז געגליכן צו אַ הייל, וואָס מען ווייסט נישט, צי איין שלאַנג, צי גאַנצע הונדערטער שלאַנגען לויערן דאָרט, ווו ס'זענען פאַראַן מאַשינען, דאָרט ווערן געשאַפן גרויסע שטעט, און ווו ס'זענען דאָ גרויסע שטעט, דאָרט וועלן אויך זיין באַנען, טראַמוואַיען און עלעקטרישע באַלייכטונג".

און דידאָזיקע אַלע הייגטצייטיקע פאַרקערמיטלען זענען, לויט גאַנדין, אַ סתירה צו דער אורשפּרינגלעכער שליחות פונם מענטשלעכן שטאַם: „דעם מענטשנס איינגעבוירענע און נאַטירלעכע באַשעפטיקונגען זענען איינגעאָרדנט אויף אַזאַ אופן, אַז דער טעטיקייטקרייז פון זיינע אייגענע הענט און פיס זאָלן זיין פאַר אים פולשטענדיק גענוג. ווען עס וואָלט אונז נישט איינגעפאַלן צו יאָגן מיט דער באַן פון איין אָרט אויפן אַנדערן, וואָלטן מיר

אויסגעמיטן אַ סך פֿון די צרות און אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס קומען דער־פֿון אַרויס... מיר באַשאַפֿן זיך אַליין זאָרג און שוועריקייטן... גאָט האָט באַשאָנקען דעם מענטשן מיט שכל צוליב דעם, אַז ער זאָל קאָנען דערקע־נען זיין באַשעפֿער. אָבער דער מענטש מיסברויכט מיטן דאָזיקן גאָב דערויף, כּדי צו פֿאַרגעסן וועגן דעם באַשעפֿער. דעם מענטשנס גאַנצע נאַטור איז אַזאַ, אַז ער קאָן דינען נאָר זיין נאָנטסטע סביבה. ווען ער וויל דינען דער גאַנצער וועלט, אַזוי ווי עס איז ער דערגיין צו פֿולשטענדיקן כאַאָס. די באַן איז זייער אַ געפֿערלעכער אויפֿטו — עס דערווייטערט דעם מענטשן וואָס־אַמאָל מערער פֿון גאָט".

צוגלייך מיט דעם, וואָס ער פּראָטעסטירט קעגן די נייע מאָדעס פֿון מערב, דערמאַנט ער אויך יענע גליקלעכע צייט, וואָס האָט פּאַרצייטנס געהערשט אין אינדיע. ער דערמאָנט מיט צער, אַז אַמאָל איז אינדיע געווען דאָס ווינאָרט פֿון די געטער. און איצט איז שווער זיך פֿאָרצו־שטעלן, אַז די געטער זאָלן נאָך וועלן ווינען אין אַ אַ עקלהאַפֿט לאַנד, צווישן רויך און גערויש, ווו ס'יאָגן איבער די וועגן פֿאַרשידענע מאַשינען.

סיי זיינע קעגנער, ווי די מיטשטימער האָבן אים שוין אַ סך מאָל נעפּרוּווט אויפֿווייזן אויף די אינערלעכע סתירות אין זיין קאַמף מיט מאַ־שינען. גאַנדי ענטפֿערט אויף דידאָזיקע אַלע פֿאָרוואורפֿן אין זיין בראָשור „אינדיען האָמרול" (אינדישע אַליינפֿאַרוואַלטונג). דאָס ביכל איז געשריבן אין דער פֿאָרם פֿון פֿיקטיווע דיאַלאָגן, אַ מין שאלות־ותשובות. דער פֿיק־טיווער לעזער פֿרעגט גאַנדין, וואָס זאָגט ער דערצו, וואָס זיין אייגענע שיטה ווערט געדרוקט אויף אַ מאַשין און ווערט אויף אַ מאַשין פֿאַנאַנדער־געפּירט. דער אַרויסגעבער, ד. ה. גאַנדי, ענטפֿערט דערויף: „דאָס איז אַ באַווייז, אַז מען דאַרף אָפּטמאָל זיך באַנוצן מיט איין סם, כּדי צו באַקעמפֿן אַן אַנדער סם. דערום ווייזט עס גאָרנישט, אַז די מאַשין איז גוט. די מאַשין, וואָס גייט־אויס, זאָגט צו אונז: היט זיך פֿאַר מיר אוןווייכט פֿון מיר, ווייל איר'ט נישט האָבן פֿון מיר קיין נחת!".

אין דעם אויבנציטירטן שמועס גאַנדיס מיט ראַמאַהאַנדראַנען האָבן מיר אַנטפּלעקט די רעליגיעזע און גייסטיקע זייט פֿון אָט דערדאָזיקער פֿיינדלעכער באַציונג צו דער מאַשין. אַז דער מיטשמועסער האָט גאַנדין געפֿרעגט, וויפֿל אויסנאַמען האָט ער נאָך בדעה צו ברענגען, צי וועט ער אַחוץ דעם שפּינראָד און דער ניימאַשין, אויך אַרויסנעמען פֿונם חרם דעם וועלאָסיפּעד און דעם אויטאָמאָביל — ענטפֿערט גאַנדי: „ניין, ווייל דער וועלאָסיפּעד און אויטאָמאָביל נוצן נישט צו באַפֿרידיקן דעם מענטשנס אורשפּרינגלעכע באַדערפֿענישן. יאָ, איך וואָלט אייגנטלעך דאַרפֿן אויסשליסן אַלע מאַשינען, גלייך ווי איך וואָלט וועלן אָפּוואַרפֿן דעמדאָזיקן גוף מיינעם וואָס שטערט מיין נשמה צו באַפֿרייען זיך. פֿון דעמדאָזיקן קוקווינקל באַ־קעמף איך אַלע מאַשינען. אָבער די מאַשינען וועלן אַלעמאָל עקזיסטירן. זיי זענען אַזוי נייטיק, ווי דער מענטשלעכער קערפּער. ווי איך האָב שוין



ג א נ ד י —
אַלס סטודענט אין לאָנדאָן



אַלס אַדוואָקאַט אין באָמביי



גאַנדי מיט זיינע פריינד
אין דרום-אפריקע:
פּירסאָן און ענדריו







*מ. דזשינאה*

דער פירער פונם באָיקאָט
עגן דער סיימאָן-קאָמיסיע

(רעכטס אויבן)

*פאַנדיט מאָטילאָל*
*נעהרו*

(רעכטס אונטן)

*מחמד אלי*

דערמאָנט, איז דער מענטשלעכער קערפּער די בעסטע מאַשין. אָבער אויך אים מוז מען אָפּוואַרפן, ווייל ער שטערט דער נשמה צו פרייען שווונג".

—

דער קאַמף קעגן דער מאַשין איז נאָר אַ טייל פון דער גרויסער קאַמפּאַניע, וואָס גאַנדי האָט אָנגעהויבן קעגן דער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע פון מערב בכלל. צ.גלייך מיט דער מאַשין, וואַרפט ער אָפּ די גאַנצע וועלט, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן, וואָס האָט זיך אים אַנטפּלעקט אין אַלע פאָרמען פון אייראָפּעישן לעבן. בשעת אין אינדיע האָבן אַ סך מענטשן אויסגערעכנט, אַז זאָל נאָר אַריינדרינגען די מערבדיקע ציוויליזאַציע, וועט דיווירטשאַפט זיך צעבליען, דאָס לאַנד וועט רייך ווערן — אין דער זעלבער צייט האָט גאַנדי צומענערגישסטן באַקעמפט דעמדאָזיקן מין עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד, וואָס פירט צו קאַפּיטאַליזם. זיין שטרעבונג איז געווען צו שאַפן אַרבעט און ברויט פאַר די ברייטסטע מאַסן, און נישט באַרייכערן אַ הייפל געקליבענע מענטשן.

אַלס מאָס פאַר אַ גוט-אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט האָט ער געהאַלטן נישט דאָס רייכטום, וואָס איז קאָנצענטרירט אין די הענט פון איינצעלנע מענטשן, נאָר עקזיסטענץ-מעגלעכקייט פאַר אַלעמען אָן אויסנאַם. „אַ רייך לאַנד איז נישט דאָס, וואָס עס וווינען דאָרט אַ סך מיליאָנערן, נאָר וווּ ס'איז דאָ צומווייניקסטן אָרעמעלייט".

ער באַמיט זיך אויך צו דערווייזן, ווי זינלאָז ס'זענען די אַלע אַזויגערופענע „טעכנישע דערגרייכונגען" און וואָסער שוואַכן ווערט ס'האָט די אַזוי-רעקלאַמירטע אייראָפּעישע ציוויליזאַציע: „די מענטשן אין אייראָפּע לעבן אין געמויערטע הייזער באַקוועמער, ווי פאַר הונדערט יאָר. בעת פאַרצייטנס האָבן זיי זיך אָנגעטון אין פעל און זייער געווער איז געווען דער פייל‍נבויגן, טראָגן זיי היינט שווערע הויזן און פאַרשידנאַרטיקע מלבושים, און אָנשטאָט אַ פייל‍נבויגן זעקסקויל‍נדיקע רעוואָלווערן. פאַרצייטנס האָבן זיי פאַראַקערט דאָס פעלד מיט די אייגענע הענט — היינט קאָן איין מענטש מיט אַ מעכאַנישן אַקעראייזן באַאַרבעטן אַ ריזיק שטיק פעלד און אויף אַזאַ אופן אָנקלויבן אַ היפּשן פאַרמעגן. אַמאָל פלעגן נאָר געציילטע מענטשן שרייבן ווערטפולע ווערק. היינט קאָן יעדער שרייבן און דרוקן, וואָס זיין האַרץ גלוסט און אַזויאַרום פאַרסמען די נשמות פון זיינע ברידער... אַמאָל פלעגן מענטשן קעמפן מיט די הענט, איינער קעגן דעם אַנדערן. היינט קאָן איין מענטש מיט אַ קוילנוואַרפער טייטן טויזנטער מענטשן. דאָס אַלץ הייסט ציוויליזאַציע. פאַרצייטנס פלעגן די מענטשן אַרבעטן אויף דער פרישער לופט. יעדער האָט נאָר געאַרבעט אַזוי פיל, וויפל ער האָט געוואָלט. היינט פיניקן זיך טויזנטער מענטשן אין די פאַבריקן און קוילנגרובן. זיי טוען די שווערסטע, געפערלעכסטע אַרבעט פאַר די מיליאָנערן... פאַרצייטנס פלעגן מענטשן עסן צוויי-דריי מאָל אין טאָג גרינס און ברויט,

וואָס איז געבאַקן געוואָרן אינדערהיים. היינט מוז מען עסן יעדע צוויי שטה, אַזוי, אַז ס'בלייבט זיי שוין כמעט נישט קיין צייט אויף עפּעס אַנדערש..."

ער האַלט, אַז די פעלקער פון מערב קרעכצן אונטער דער לאַסט פון אַ נייעם גאָט: מאַטעריאַליזם. אונטער זיין איינפלוס ווערן זיי דעגענע־רירט אין זייער מאָראַלישער אַנטוויקלונג. אייראָפּע טוט היינט תּפילה צו דער גאָלדענער קאַלב. איר אַזויגערופענעם „פּראָגרעס" וועגט זי מיט דער מאָס פון פונטן שטערלינג, שילינגס און פּענס. אין זיין ברייט־פאַר־טראַכטן איבער־בליק איבער דער גאַנצער געשיכטע, האָט זיך גאַנדי באַמיט צו דערווייזן, ווי אַלעמאָל האָט די מאַטעריאַליסטישע קולטור געפירט צום אונטערגיין גאַנצע פעלקער. ער ווייזט־אָן אויף מצרים, אויף רוים, אויף די היינטיקע צייטן און דער וועלטמלחמה: „אין דער לעצטער מלחמה איז בולט געקומען צום אויסדריק דער טייוולאָנישער כאַראַקטער פון דער איי־ראָפּעישער ציוויליזאַציע. די זיגער האָבן געטראָטן מיט די פיס די שענסטע געבאָטן פון מענטשלעכער מאָראַל, און זענען נאָך דערביי אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון צניעות. נישט געווען קיין נידעריקער ליגן, קיין מיאוסטע געמיינקייט, וואָס מען זאָל זיך מיט איר נישט באַנוצן. און די סיבה פון דידאָזיקע אַלע פאַרברעכנס שטעקט טאַקע אינם גראָבן מאַטעריאַליזם".

אינדיע מוז — האַלט ער — טון אַלדאָס מעגלעכע, כדי אויסצומיידן, כדי צו אַנטלויפן פאַר די איינפלוסן פון דער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע: נישט נאָר וואָס זי דאַרף נישט העלפן, אַז דער קאַפּיטאַליזם לויטן מוסטער פון מערב זאָל זיך דאָרט שאַפן, נאָר פאַרקערט — זי מוז מיט אַלע כוחות פאַרהאַלטן זיין אַנטוויקלונג. ער באַמערקט, אַז מען קאָן נישט מאַכן קיין אַמעריקאַנער אוצרות, — נישט אָנווענדנדיק דערביי קיין אַמעריקאַנישע מעטאָדעס: „ס'איז נאַיוו צו גלייבן, אַז דער אינדישער ראָקפעלער וועט זיין בעסער פונם אַמעריקאַנער."

יענע פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט פון אייראָפּע, וואָס גאַנדי וויל אויסקעמפן פאַר אינדיע, באַשטייט דעריבער נישט נאָר אין פּאָליטישער אויטאָנאָמיע, נאָר אין פולשטענדיקן איבעררייס מיט דער גאַנצער וועלט באַגריפן און מיינונגען פונם מערב. גאַנדי האָט עס אָפט אונטערגעשטראָכן, אַז ער וואָלט אייגנטלעך נישט געזען קיין שום נוצלעכן אונטערשייד, ווען, צבש, אויפן אָרט פון דער איצטיקער ענגלישער רעגירונג זאָל קומען אַן א י נ ד י ש ע, וואָס ווענדט־אָן די ענגלישע פּרינציפּן און מעטאָדעס: ס'איז ווייניק אינדיעס פּ אָ ל י ט י ש ע זעלבשטענדיקייט. ער פאָדערט אַ פולשטענ־דיקן איבעררייס מיט דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע.

דערום באַקעמפט ער אַלע אינסטיטוציעס, שיכטן און באַרופן, וואָס זענען אין וועלכער־ס'איז מאָס אַ שטיצפּונקט פאַר אינדיעס אייראָפּעיזי־רונג. קודם כל טרעט ער אַרויס קעגן דעם אייראָפּעישן רעגירסיסטעם, קעגן פּאַרלאַמענטאַריזם: „ס'האָט נאָך קיינמאָל קיין שום פּאַרלאַמענט נישט אויפגעטון די מינדסטע זאַך אָן אויסערלעכן צוואַנג. דערום האָב איך פאַר־

גליכן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם צו אַן עקרה... דער פּאַרלאַמענט איז נישט מער, ווי זייער אַ טייער שפּילעכל פאַרן פאָלק״. אַרויסגייענדיק פון ד ע ר הנחה, האָט ער פאַרלאַנגט פון זיינע מיטשטימער, — געוועזן דערביי זייער פיל אַזעלכע, וואָס זענען מיט אים נישט מסכים געווען — אַז זיי זאָלן באָ י ק אָ ט י ר ן די אינדישע נאַציאָנאַלפאַרזאַמלונג. ער האָט נישט געקאָנט געפינען קיין איין זכות פאַר דערדאָזיקער אינסטיטוציע, וואָס די ענגלענדער האָבן געשאַפן.

אַן ענלעכע נעגאַטיווע באַציִונג צו דער דעמאָקראַטישער רעגירפאָרם, ווי ביי גאַנדין, געפינען מיר אויך ביי לעוו טאָלסטאָי. אָט וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט צו זיין תּלמיד, סעמיאָנאָוו: „פרעגן מיך וועגן מיין מיינונג איבער פאַרלאַמענטאַריזם, איז דאָס זעלבע, ווי עמעץ וואָלט גע-פרעגט אַן עצה ביים פּויפּסט אָדער ביי אַ נזיר, ווי אַזוי וואָלט מען דאַרפן נאָרמירן די פּראָסטיטוציע. גערעצן האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען די מענטשן וואָלטן וועלן פאַרבּרויכן אויף אויסצובעסערן זיך כאָטש אַ הונדערטסטחלק פון דער ענערגיע, וואָס זיי פאַרנוצן אויף פאַרשידענע מלוכהאיבערקערע-נישן, וואָלטן זיי דערגרייכט אַן אַן ערך בעסערע רעזולטאַטן. אַלץ קאָן ווערן דערפירט צו דער איינער פאָדערונג: זאָלן די מענטשן זיך נישט אָפּ-קערן פון גאָטס געבאָטן״.

דיזעלבע נעגאַטיווע שטעלונג האָט גאַנדי פאַרנומען לגבי דעם געריכט. אויך דידאָזיקע אינסטיטוציע האַלט ער פאַר אַ געוועזער אין די הענט פון די מעכטיקע הערשער, וואָס מ׳האָט אינדיע אָנגעוואָרפן בגוואַלד, פאַר אַ מיטל פון דער „טייוולאָנישער ציוויליזאַציע.״ דעסגלייכן איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אַדוואָקאַטישן באַגריף. די אַדוואָקאַטן ברענגען נאָר אַריין אַ כאַאָס אין דעם פאָלקס לעבן, זיי זענען גורם צו סיכסוכים און פאַרשווערן די געמיינזאַמע באַציִונגען פון מענטש צו מענטש.

באַזונדער צאָרנדיק איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן די דאָקטוירים און שפּיטעלער. דערדאָזיקער פראַגע האָט ער געווידמעט אַ גרויס ווערק. נישט איין איינראָפּעער וועט עס לייענען מיט גרויס פאַרוווּנדערונג. ער דער-קלערט, אַז די מעדיצינישע וויסנשאַפט איז די קווינטעסענץ פון „שוואַרצן כּישוף״, אַז די מינדסטע „באַבסקע״ רפואות זענען בעסער פון איר. די שפּיטעלער האַלט ער פאַר טייוולאָנישע אינסטיטוציעס. דאָס באַנוצן רעצעפּטן — פאַר דער גרעסטער זינד, וואָס דער מענטש קאָן באַגיין. אָט וואָס ער שרייבט וועגן דעם אין דעם בוך, דעם „וועגווייזער פון געזונט״:

— מיר לעבן אין דער שעדלעכער אילוזיע, אַז אָן רפואות וועט זיך נישט לאָזן אויסהיילן קיין שום קראַנקייט. דאָס איז אַן איינרעדעניש, וואָס האָט געבראַנגט די מענטשן מער שאָדן, ווי וואָס נישט איז. פאַר-שטייט זיך, אַז מען מוז היילן יעדע קראַנקייט, אָבער נישט מיט רפואות, וואָס נישט נאָר זיי העלפן גאָרנישט, נאָר זענען אויך אָפטמאָל זייער שעדלעך. דער קראַנקער, וואָס נוצט אַ רעצעפּט, באַגייט אַזאַ נאַרישקייט,

זוי דער, וואָס וויל רײַן מאַכן זײַן שטוב פון שמוץ און דערום פאַרדעקט ער אים... יעדע קראַנקייט איז אַ מין וואָרענונג פון דער נאַטור, אַז אין דעם אָדער אין אַן אַנדערן טייל קערפּער האָט זיך אָנגעקליבן שמוץ. ס'איז אָן שום ספק קליגער צו לאָזן, אַז די נאַטור זאָל עס אַליין באַזייטיקן, איידער עס פאַרדעקן מיט רפואות. ווער עס נעמט-איין אַ רפואה, דער באַשווערט נאָך טאָפּלט דער נאַטור איר אויפגאַב... —

אַחוץ די ספיקות אין דער פּראַקטישער ווערט און נוצן פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, — וואָס דאָס לאָזט זיך דערקלערן מיט דעם, וואָס ער קען נישט גענוג דאָס ווען און די מעטאָדעס פון דער מאָדער־נער מעדיצין — האָט אָבער גאַנדי פּרינציפּיעלע מאָראַלישע ספיקות וועגן היילן קראַנקייטן בכלל. ער האַלט, אַז די מענטשן פאַלן כסדר אַריין אין פרישע זינד און פאַרברעכן טאַקע צוליב דעם, וואָס זיי האָפן, אַז די מע־דיצין וועט אויסהיילן אַלע שרעקלעכע רעזולטאַטן פון זייערע זינד און שלעכטן לעבנשטייגער: „די שפּיטעלער — דאָס זענען אַנשטאַלטן, וואָס נוצן דער פאַרשפּרייטונג פון די זינד: זיי דערפירן עס דעם מענטשן צו דעם, אַז ער גיט נישט געהעריק אַכטונג אויף דער וואָרנונג פון זײַן אייגענעם גוף און ער גיט זיך אָפּ וואָסאַמאָל מערער אַן אויסגעלאַסן לעבן".

גאַנדי וויל היילן אַלע קראַנקייטן אויפן גייסטיקן וועג. דער גרעסטער פאָרוואורף דער מערבדיקער מעדיצין באַשטייט אין דעם, וואָס זי זאָרגט זיך בלויז וועגן קערפּער, און פאַרנאַכלעסיקט פולשטענדיק די נשמה. „איך וואָלט באַפוילן די פּראָפעסאָרן און די סטודענטן — האָט ער איינמאָל געזאָגט — אַז זיי זאָלן זיך נעמער פאַרנעמען אויסצופאָרשן די כללים פון דער נשמה. דאָס וואָלט זיי זיכער דערפירט צו פּראַכטפולע רעזולטאַטן. דער מענטש, וואָס לעבט אין דעם ריכטיקן גייסט, דער ווערט קיינמאָל נישט קראַנק. אָבער די מאָדערנע מעדיצינישע וויסנשאַפט איגנאָרירט פול־שטענדיק דעמדאָזיקן מאָראַלישן קערן. דעריבער איז זי אין איר אַרבעט צופיל באַגרענעצט, אַז זי זאָל קאָנען דערגרייכן דויערהאַפטיקע רעזולטאַטן".

אויך אין ד ע ם פּרט דעקן זיך גאַנדיס אָנשויונגען מיט טאָלסטאָיס. אין טאָלסטאָיס זכרונות, וואָס זענען נאָך עד־היום נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, געפינען זיך אויך „געדאַנקען וועגן דאָקטוירים און דער מעדיצינישער קונסט". דאָס איז אַ פולשטענדיקע באַשטעטיקונג פון גאַנדיס אָנשויונגען אין ד ע ר הינזיכט.

— ס'איז אינטערעסאַנט — שרייבט טאָלסטאָי — אַז אַזעלכע נייטיקע און גוטע זאַכן, ווי ברויט, פּרוכט, גלאָז און אייזן קאָסטן אַזוי ביליק, בעת מענטשן וואַרפן־אַרויס שווערע טויזנטער אויף אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים, וואָס דאָס איז פולשטענדיק איבעריק און אַפילו שעדלעך... די מעדיצינישע קונסט, ווי מען פירט זי אויס ביים הײַנטיקן טאָג, ברענגט מער שאָדן ווי נוצן... דער קראַנקער ווייסט נישט, אַז זײַן לעבן הענגט־אָפּ פון די גייסטיקע באַדינגונגען, וואָס זענען פולשטענדיק אָפּגעזונדערט פון דער מאַטעריעס כללים. — אַנשטאָט צו זוכן הילף אין דעם גייסטיקן שורש פון דער וועלט

און דער נשמה, ווייל מען עס געפינען אין עפעס א לעבעדיקן מענטש, אין עפעס א נביא, א בעל-מופת צי א דאָקטאָר... ס׳איז זייער פּאָפּולער געוואָרן די מיינונג, אַז די מעדיצין דינט פאַרן מענטשלעכן לעבן, און דאָס אויס־פירן די מעדיצין איז, ווי אַזעלכעס, א גוטער אויפטו. נישטאָ קיין גוטע אויפטוען. פאַראַן נאָר גוטער ווילן און פּרווון. אויך אָ ן דער מעדיצין קאָן מען מיט טויזנטער מיטלען העלפן די מענטשלעכע צרות און דינען דעם לעבן...

אויך די אייראָפּעישע שול געהערט צו די זאַכן, וואָס גאַנדי באַ־קעמפט — אַלנפאַלס אין דער פאָרם, וואָס די ענגלענדער האָבן זי איינ־געפירט אין אינדיע. ווייל מען געהעריק פאַרשטיין גאַנדיס שטעלונג צו די בילדונג-פּראָבלעמען, אַזוי מוזן מיר זיך דערמאָנען, אַז די ענגלישע שולן אין אינדיע בילדן שוין פון יאָרן א פולשטענדיק-איבעריקן גייסטיקן פּראָלעטאַריאַט. דעררדאָזיקער פּראָלעטאַריאַט, אָפּגעריסן פון זיין מוטערשטאַם, געפינט זיך נאָר אין א לויזער פאַרבינדונג מיט זיין פאָלק. שטויסט ער זיך דעריבער צו די געצייילטע אינטעלעקטועלע בארופן. דאָס רופט אַרויס, פאַרשטייט זיך, קאַמפן, וואָס ברענגען קיין גוטס נישט אַרויס. ערשט אַז מיר׳ן זען דידאָזיקע געפערלעכע רעזולטאַטן פונם אייראָפּעישן דערציונג־סיסטעם, וועלן מיר פאַרשטיין, פאַרוואָס ווייל גאַנדי איינפירן, אַז לערנען זיך זאָלן האָבן דאָס רעכט בלויז די העכערע קאַסטעס, און די נידערי־קערע קלאַסן וואָלט ער בכלל נישט געוואָלט געבן קיין שום לערע. גאַנדי האַלט, אַז די לערע, ווי מען גיט זי היינט אין אינדיע, באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס מען לערנט-אויס דאָס קינד לייענען, שרייבן און חשבון. און דידאָזיקע אַלע ידיעות, האַלט ער, דינען נאָר דערצו, אַז זיי זאָלן אינם פּשוטן אינדישן פויער אַרויסרופן אומצופרידנקייט מיט זיין גורל. גאַנדיס פאַרביסנסטער שונא, סאַנקאַראַ נאיר, זעט אין דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט גאַנ־דיס א געפערלעכן רעאַקציאָנערן עלעמענט. „דעמדאָזיקן סיסטעם דער־ציונג — שרייבט סאַנקאַראַ נאיר אין איינעם פון זיינע פאַמפלעטן — וואָס גאַנדי ווייל איינפירן, האָבן מיר שוין לאַנג אין אינדיע פּראַקטיש אויסגע־פּרווווט. ער האָט דאָס טאַקע באַשאַפן צווישן די אינדער און די מאַכמע־דאַנער אַזעלכע אָנגעשטרענגטע באַציונגען, וואָס קאָנען דערפירן צו א פאַר־מעלער שפּאַלטונג צווישן דידאָזיקע ביידע אמונות. נאָך מער: דערדאָזיקער סיסטעם האָט אָפּגעזונדערט די בראַמאַנער פון אַנדערע רעליגיעס, און אַפילו די אינדער אַליין האָט ער צעטיילט אויף קאַסטעס. גאַנדי וואָלט וועלן צונעמען ביי די ברייטסטע מאַסן יעטוועדע בילדונג — מחמת ער ווייל, אַז יעדער קלאַס און פאָלק זאָל אונטערטעניק זיך אונטערגעבן זיין גורל, אַז די נידעריקערע קלאַסן זאָלן אויך ווייטער בלייבן די שקלאַפן פון די העכערע קלאַסן".

גאַנדי האָט זיך באַמיט רעכטצופאַרטיקן פאַר דידאָזיקע פאָרוואָרפן און דערווייזן, אַז די בילדונג, אין דער פאָרם, ווי מען גיט זי היינט אין אינדיע, האָט נישט פאַרן פאָלק קיין שום ווערט. נאָכמער — זי איז שעד,

לעך: אַ ייִנגל וועט זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען פון די שולביכער. וואָס אינם פּראַקטישן לעבן איז גוט אָדער שלעכט... „וואָס העכער ער שטייט אין בילדונג, אַלץ מער אָפּגעפרעמדט ווערט ער פון זיין אייגן הויז, פון זיין אייגן לאַנד. זיין אייגענע קולטור שטעלט מען אים פאַר, ווי אַ נאַ-רישע, נוצלאָזע זאַך... ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט אין דער האַנט, וואָלט איך פאַרברענט כּמעט אַלע לערנביכער, וואָס ווערן היינט באַנוצט. איך וואָלט געלאָזט מאַכן אַנדערע, אַזעלכע, וואָס זענען ענג פאַרבונדן מיטן לעבן אין אונזער פּאַטערלאַנד, אַזוי אַז דאָס פּאַטערלאַנד און די ווייסנשאַפט זאָלן זיך קעגנזייטיק העלפן אין דער דערציונג... מען טאָר נישט דערציען אונזערע קינדער אין דעם גייסט, אַז זיי זאָלן גרינגשעצן די אַרבעט. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס זאָל אַ פּויערישער זון, נאָכן ענ-דיקן די שול, נישט טויגן צו ערדאַרבעט, ווי דאָס געשעט... נאָך וועגן דער אויסבילדונג פונם געדאַנק: איך האַלט, אַז דאָס וועט זיך נישט לאָזן אויספירן מיט דער הילף פון ביכער, נאָר געהערט אויסשליסלעך צום לע-רער אַליין. און וואָסערע לערער פאַרמאָגן מיר דען אין די אינדישע פאָלק-שולן און העכערע לערנאַנשטאַלטן? צי זענען דאָס מענטשן מיט כאַראַקטער און גלויבן, וואָס זייער געדאַנק איז שוין געוואָרן פולשטענדיק אויסגעביל-דעט? צי דערוואַרט דען עמעצער פון זיי, אַז זיי וועלן זיך זאָרגן פאַרן געטלעכן פונק אין די קינדער, וואָס מען האָט זיי אָנגעטרויט צום דער-ציען? צי שוין בלויז דער אופן, ווי אַזוי מען נעמט אָן די לערער צו די נידעריקערע קלאַסן — צי שליסט ער שוין גלייך נישט אויס, אַז זיי זאָלן האָבן אַ גוטן כאַראַקטער? מיר ווייסן גוט, אַז אין די פאָלקשולן נעמט מען נישט אָן קיין לערער, וואָס זענען פּאַטריאָטן, אַז עס מעלדן זיך גלייך מענטשן, וואָס קענען נישט געפינען ערגעץ-אַנדערש קיין אַרבעט... דער-פאַר, וואָס איך בין אַ פאַרביסענער שונא פון דער ענגלישער אונטעריכט-שפּראַך אין דער אינדישער שול — דערפאַר מאַכט מען מיר דעם אומגע-רעכטן פאָרוואורף, אַז איך בין אַ שונא פון דער אויסלענדישער קולטור און אַז איך בין קעגן לערנען זיך ענגליש. פון אַלע מיינע אויספירן דרינגט אַרויס קלאָר און בולט, אַז איך האַלט ענגליש פאַר דער שפּראַך פון דער דיפּלאָמאַטיע און דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, און דעריבער איז פאַר אַ סך פון צווישן אונז זייער וויכטיק און נויטווענדיק זי צו קענען. און מחמת די ענגלישע שפּראַך פאַרמאָגט גרויסע אוצרות פּאָעזיע און וויסנ-שאַפטלעכע ווערק, וואָלט איך דעריבער געראָטן, אַז ס׳זאָלן זי שטודירן אַלע אונזערע מענטשן, וואָס האָבן אַ פעיקייט צו פרעמדע שפּראַכן, כּדי זיי זאָלן שפּעטער איבערזעצן די פּערלען פון דער ענגלישער ליטעראַטור אויף אונזער שפּראַך.

„איך בין ווייט דערפון, אַז איך זאָל פאַרמויערן מיין לאַנד פון דער גאַנצער וועלט, נישט אַריינלאָזן קיין שום זאַך וואָס איז פרעמד. אָבער איך וואָלט וועלן אויפמערקזאַם מאַכן דערויף, אַז ווער עס וויל געהעריק אָפּ-שאַצן די אויסלענדערשע קולטור, דער מוז קודם-כּל קענען זיין אייגענע...

און מיטן גאַנצן ברען ווייזט ער אויף די אַלע גוטע זייטן פון דער אַלטער, אינדישער קולטור. ער האַלט, אַז די פאַרצייטיקע מענטשן האָבן פאַרשטאַנען אַז גליק איז נישט קיין ריין-מאַטעריעלער אומשטאַנד, נאָר אַ גייסטיקער. ער לויבט די אַמאָליקע צייטן און דעם דעמאָלטיקן לעבנשטייגער: „ווילאַנג מ׳האָט נישט געקאָנט זיך באַנוצן מיט די מאָדערנע פאַרקערמיטלען, האָבן לערער און מגידים געוואַנדערט צופוס פון דאָרף צו דאָרף, זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום סכנה, פאַר דעם אייגענעם ווויל און גליק פון דער מענטשהייט. יעדער האָט זיך אָפּגעגעבן זיין אייגענעם באַרוף און פאַך און באַקומען דערפאַר אַן אַנטשפּרעכנדיקע באַלוינונג. און זאָל מען נישט מיינען, אַז מיר וואָלטן נישט געקאָנט אויסטראַכטן פאַרשידענע טעכנישע אויסבעסערונגען און געהילפמכשירים. אדרבא — אָבער אונזערע אָבות האָבן ווויל געוווּסט, אַז אויב מיר וואָלטן קערן אונזער געדאַנק צו אַזעלכע זאַכן, וואָלטן מיר געוואָרן שקלאַפן פון דער מאַשין. דערום האָבן זיי אין זייער חכמה באַשלאָסן, אַז מיר דאַרפן אויספירן נאָר אַזאַ אַרבעט, צו וועלכער מיר זענען פעיק בלויז מיט אונזערע הענט און פיס. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די גרויסע שטעט זענען אַ סכנה און זענען אַ פולשטענדיק־איבעריקע פורעניות. דערום זענען זיי געזעסן צופרידענע, אין זייערע קליינע דערפלעך”...

ווייטער ווייזט ער אויף, אַז בלויז אינדיע איז אין דער גאַנצער וועלט טריי געבליבן אירע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס, בעת אַלץ אַרום איז פאַרשוווּנדן, אָפּגעווישט געוואָרן. פון קדמונים אָן האָט מען זיך געלערנט אין אינדיע הערשן איבער זיך און פאַרשטיין דאָס וועזן פון גליק. „מיר דאַרפן זיך גאָרנישט אַראָפּלערנען פון אויסלאַנד. די ליבע, אַלטפרענקישע מכשירים, דאָס אַקעראייזן און דער שפּינראָד האָבן אונז געגעבן חכמה און הצלחה. מוזן מיר דערום פּאַמעלעך זיך אומקערן צו יענער אַלטער פשטות! און זאָל יעדער פון אונז גיין אין דערדאָזיקער ריכטונג!”.

## 13

אָבער נישט אַלע לאַנדסלייט גאַנדיס האָבן געניגט זייער אויער צו גאַנדיס רוף. פאַרקערט, אַ סך פון זיי האָבן אין דעמדאָזיקן קאַמף קעגן דער מערבקולטור געזען אַ געפערלעכע סכנה פאַר אינדיעס ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. מ׳האָט אים פאָרגעוואָרפן, אַז אַדאַנק זיין „עקשנותדיקן קאָנסערוואַטיזם” באַשווערט ער אַדורכצופירן די רעפאָרמען, וואָס כדי איינצופירן זיי, האָבן צענדליקער יאָרן געאַרבעט אינדיעס בעסטע זין צוזאַמען מיט דער ענגלישער מאַכט. — „גאַנדיס דערפאָלג — זאָגט סאַנקאַראַ נאַיר — וואָלט געווען דער דערפאָלג פון דידאָזיקע רעאַקציאָנערע כוחות, וואָס ווילן צוריק געווינען דאָס, וואָס זיי רופן אומאָפּהענגיקייט און וואָס איז אייגנטלעך זייער אַבסאָלוטע מאַכט!”

אויך אינדיעס גרעסטער דיכטער, ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע — וואַרפט

פאַר גאַנדין, אַז זיין פּרווו אָפּצוזונדערן אינדיע פון מערב איז גלייך ווי מאַראַלישער זעלבסמאָרד: „דער מערב האָט אויסצופילן אַ הייליקע שליחות לגבי דעם מענטשן און לגבי דער מענטשהייט. דערום איז אַ טעות, ווען מען וויל זיך פון אים קינסטלעך אָפּגרענעצן. קיין שום פאָלק קאָן נישט בויען זיין גאולה דערויף, וואָס עס שיידט זיך פולשטענדיק אָפּ פון אַלע אַנדערע פעלקער. ס'איז לחלוטין אוממעגלעך צו בויען אינדיעס פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט דורך אָפּוואַרפן אַלץ, וואָס איז פרעמד".

אָבער גאַנדי זאָגט זיך נישט אָפּ פון זיין קאָנסערוואַטיזם. ער חזרט איבער, אַז בלויז מיט דעם וואָס מען וועט געטריי אָפּהיטן די פּאַרציייטישע אינדישע דינים, קאָן מען ווידער אויסקעמפן פאַרן לאַנד גליק און פרייהייט. ער פאַרזיכערט טאַגאָרען, אַז ער האָט אויך ליב פרישע לופט און ער וואָלט כּלל נישט וועלן אַרוממויערן זיין הויז מיט אַ דיקער וואַנט, נישט פאַרקלאַפּן אַלע פענסטער. אָבער קיין שום פרעמדע קולטור איז נישט בכּוח אים אָפּצורייסן פון דער מוטערערד. „איך בין טיף איבערצייגט, אַז קיין שום פרעמדע קולטור קאָן זיך נישט באַוויזן מיט אַזוי פיל אוצרות, ווי אונזערע... מיר וועלן נישט און ווילן נישט ענדערן דאָס, וואָס מיר האָבן שוין אויסגעפּרוווט אין דעם לייטערפייער פון דערפאַרונג. אין דעם שטעקט טאַקע אונזער כּוח, דאָס איז דער רעטונג-אַקער פון אונזערע האָפענונגען".

אַ ספּעציעלן ווערט, אַ באַזונדערן חן האָט די אינדישע קולטור אין גאַנדיס אויגן דווקא אַדאַנק איר רעליגיעזן אונטערשלאַק. אין אינדיע איז פּאָליטיק און קולטור כּמעט גלייך מיט רעליגיע. וואָס אַן אמת, גאַנדי לויבט נישט אַזוי-פיל די בלויזע דינים פון דער אינדישער אמונה, ווי דאָס מאָראַלישע געפיל, „וואָס מען פילט אַרויס אינעם הינדואיזם, וואָס ענדערט לחלוטין אונזער נאַטור, פאַררייניקט אונז מיטן אמת און הייסט אונז אים צו דינען. דאָס איז די טרייבקראַפט פון מענטשלעכע מעשים, וואָס וויל פאַר יעדן פּרייז געהערט ווערן און מאַטערט אַזוי לאַנג די מענטשלעכע נשמה, ביז זי קומט צוריק צו זיך, דערקענט איר באַשעפער און דערגרייכט צו דער באַהעפטונג מיט אים".

גאַנדי באַקערט זיך שטאַלץ דערצו, אַז ער איז אַן אינדער, אַז ער גלייבט אין די ספרים וועדן און אופּאַנישאַדן און „אין דעם אַלעם, וואָס איז געזאַמלט אונטערן נאָמען פון די הייליקע ספרים". ער גלייבט אין גילגול-הנשמות, אין דער וואַרנאַשראַמאַ דהאַרמאַ, „אין געגויסטן זינען פון וואָרט". ער גלויבט אין דער השגחה פון דער קו איבער אינדיע — נאָך אין אַ ברייטערער מאָס, ווי דאָס ווערט ביזאַהער געטון.

מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז קיין שום פרעמדע רעליגיעס זענען גאַנדין נישט פרעמד. אדרבא, ער האָט זיך זייער געטריי באַקענט מיט דער קריסטלעכער און מאַכמעדאַנישער אמונה. מיר ווייסן, אַז דאָס לעבן און שאַפן פון ישו הנוצרי האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן רושם, באַזונדער —

י דרשה אויפן באַרג. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער אַלע פּרוּוון פון זיינע פריינד אים צו באַקערן צום קריסטנטום אײדל, אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. ער האָט דערביי באַמערקט: ער, פּערזענלעך, האַלט נישט, אַז דער הינדואיזם אַנטהאַלט אין זיך מער אמת ווי דאָס קריסטנטום – אָבער פאַר אים איז די אמונה פון זיינע אָבות דאָס בעסטע מיטל צו פאַרענטפערן זיינע אינערלעכע באַדערפענישן: „מיין גלויבן גיט מיר אַלץ, וואָס איך דאַרף פאַר מיין אינערלעכער אַנטוויקלונג, ווייל ער לערנט מיך גאָט־לויבן. אָבער איך בעט אויך גאָט, אַז יעדער מענטש זאָל אין זיין אייגענער אמונה דערגרייכן די פולקייט פון זיין וועזן, אַז דער כריסט זאָל ווערן אַ בעסערער כריסט, דער מאַכמעדאַנער – אַ בעסערער מאַכמעדאַנער. איך בין זיכער, אַז אַמאָל וועט אונז גאָט פרעגן, וואָס מיר זענען און וואָס מיר טוען, – נישט דעם נאָמען, וואָס מיר גיבן אונזער זיין און אונזערע מעשים".

אָבער גאַנדי איז נישט פאַנאַטיש אין זיינע רעליגיעזע אָנשויונגען. אַז ער רעדט וועגן די ספרים וועדאַ און אַנדערע הייליקע ביכער, מיידט ער שטענדיק אויס די פּאָפּולערע מיינונג, אַז זיי „שטאַמען פון גאָט". דאָס טוט ער דערפאַר, ווייל ער האַלט, אַז נישט בלויז די וועדאַ, נאָר אויך דער תּנך, דעם אַלקאָראַן און די זענדאַ־אַוועסטאַ זענען ספרים, וואָס גאָט האָט זיי באַהויכט. אַחוץ דעם דערקלערט ער, אַז ער מוז נישט דווקא יעדע שורה, יעדעס וואָרט האַלטן פאַר גאָטס שאַפונג. אין לויף פון דורות איז געוויס אײנס נישט אין דידאָזיקע ביכער, צוליב דער נישט־בּעהעריקער אויסטייטשונג, געוואָרן געענדערט און צעקאַלעטשעט.

כּדי באמת צו פאַרשטיין די רעליגיעזע ספרים, דאַרף מען האָבן – זאָגט גאַנדי, אין הסכם מיט דער אינדישער תּורה – דריי זאַכן: „שלימות אין דער אומשולדיקייט (אַהימסאַ), אין אמת (סאַטיאַ) און אין אַליינבאַהערשונג (בראַהמאַנכאַראַיאַ). אָבער פונדעסטוועגן דאַרף קיינער נישט צווייפלען, צי ער קאָן פאַרשטיין דעם מהות פון דער רעליגיע, ווייל די כּללים פון הינדואיזם זענען אייביק און לייכט־פאַרשטענדלעך".

אין פראַכטפולע, רירנדיקע ווערטער שילדערט גאַנדי, ווי טיף ער איז פאַרבונדן מיטן גלויבן פון זיינע אָבות, הגם ער גיט זיך אָפּ אַ קלאָרן דין־וחשבון פון אַלע זיינע חסרונות: „איך קאָן נישט באַשרייבן מיין ליבשאַפט צום הינדואיזם, אַזוי־ווי איך קאָן נישט שילדערן מיין ליבשאַפט צו מיין פרוי. איך ווייס ווויל, אַז מיין פרוי איז נישט פריי פון חסרונות, אַז זי פאַרמאָגט נאָך אפשר מערער פעלערן, ווי איך קאָן דערזעען. אָבער דאָך בין איך מיט איר פאַרבונדן מיט אומצעררייסבאַרע פעדעם, מער, ווי צו וועלכער ס'איז אַנדערער פרוי אויף דער וועלט. דיזעלביקע געפילן האָב איך אויך צום הינדואיזם: נישט געקוקט אויף אַלע זיינע פעלערן, גיט ער מיר אַ סך מערער, ווי וועלכער ס'איז אַנדערער גלויבן. קיין שום בוך אין דער וועלט רעדט צו מיר נישט אַזוי פיל, ווי די גיטאַ אָדער די ראַמאַיאַנאַ – יענע צוויי אינדישע ספרים, וואָס איך קאָן וועגן זיי זאָגן,

אַז איך קאָן זיי. אַז איך האָב איינמאָל געמיינט, אַז ס'האָט שוין געשלאָגן מיין לעצטע שעה — האָט מיר דאַן נאָר די איינע גיטאַ געקאָנט געבן אַ טרייסט און אַן אָנהאַלט. איך ווייס די אַלע זינד, וואָס ווערן אָפּגעטון אין די אינדישע הייליקטימער — אָבער פונדעסטוועגן האָב איך זיי ליב. איך בין אַן אָנטשיידענער רעפאָרמאַטאָר, אָבער איך וועל איך מיין היץ קיינמאָל נישט דערגיין אַזוי ווייט, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן אָדער פאַרוואַרפן אַפילו איינעם פון די פּרינציפּיעלע געבאָטן פון מיינע אבות...״

פול מיט גלויבן אין דער קלוגשאַפט פון די אוראַלטע איינריכטונגען, איז גאַנדי פאַרן דערהאַלטן דאָס קאַסטעסיסטעם. ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז דווקא דערדאָזיקער קאַסטעסיסטעם ווערט אומעטום געהאַלטן פאַר דער ערגסטער און געפערלעכסטער ירושה, וואָס די אַמאָליקע דורות האָבן איבערגעלאָזט אין אינדיע. אין דערזעלבער מיינונג איז אויך טאַגאָרע, וואָס האַלט, אַז דערדאָזיקער ספּעציפישער געזעלשאַפטלעכער סדר איז אינדיעס גרעסטע פּלאָג און אומגליק. דער דיכטער פון בענגאַליע האָט אַ סך מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דער ערשטער, פּרינציפּיעלער באַדינג פאַר אינדיעס אמתדיקער באַפרייונג איז דאָס אָפּשאַפן דאָס קאַסטעסיסטעם, ווייל אין אים שטעקט די סיבה פון אינדיעס אָנמאַכט און דאָס איז גורם צו אַלע סאָציאַלע קאַמפן. טאַגאָרע באַשולדיקט די אינדישע אינטעליגענץ, אַז זי האָט צו ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר די מוראדיקע רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער קאַסטעצעטיילונג, אַז קענענדיק דעם פאַקטישן צושטאַנד, גרייסט זי זיך נאָך מיט דער „האַרטקייט פון זייער סאָציאַלן רוקנביין״.

און גאַנדי אָנערקענט גאָר דאָס קאַסטעסיסטעם אין זיין גאַנצער ברייט! אַז מ'האָט פאַרגעלייגט אָפּצושאַפן די קאַסטעס און אויסצובילדן, אויפן אייראָפּעישן מוסטער, די קלאַסנגעזעלשאַפט, האָט גאַנדי געענטפערט, אַז ער האַלט דאָס רעכט פון ירושה פאַר אַן אייביק-באַשטייענדיקן אמת פון דער נאַטור. אויב מען וויל דעמדאָזיקן אמת ברעכן, וועט עס ברענגען צום גרעסטן כאַאָס. „איך האַלט פאַר זייער נוצלעך דאָס, וואָס דער בראַמאַנער וועט בלייבן אויף אייביק אַ בראַמאַנער. וואָסערע צרות וואָלטן געווען, ווען יעדער וואָלט געוואָלט זיצן אין געריכט, געבן שטראָפן און באַלוינונגען, באַליידיקונגען און דערהויבונגען! דער פרומער אינדער, וואָס גלייבט אין גילגול-הנפש און אין דער וואַנדערונג פון די נשמות, — ווייסט גוט וועגן דעם, אַז די נאַטור היט מיט גרויס גענויקייט דאָס גלייכגעוויכט. זי פאַרוואַנדלט דעם בראַמאַנער, וואָס האָט נישט גוט געהאַנדלט, אין עפּעס אַ נידעריקערער קאַסטע און זי רוקט-איבער שטופנוויז דעם פאַריער צו דער בראַמאַנער-קאַסטע״.

פון דער אַנדערער זייט האָט ער נישט פאַרלייקנט, אַז די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען דאַרפן געוויסערמאָס געענדערט ווערן. ער האָט געהאַלטן, אַז אייגנטלעך דאַרפן זיין פיר הויפּטקאַסטעס. איז ער טאַקע ענערגיש אַרויסגעטרעטן פאַר אָפּשאַפן די אַלע טויזנטער אונטערקאַסטעס

גווישן די פיר וויכטיקסטע. אָבער פונדעסטוועגן האַלט ער, אַז די חסרונות אין דעם גאַנצן סיסטעם באַרעכטיקן נאָכנישט, אַז מען זאָל אָפּשאַפן דאָס גאַנצע סיסטעם: „איך בין אַנטשלאָסן קעגן יעדן פּרווו אָפּצושאַפן די אור־שפּרינגלעכע צעטיילונג. די קאַסטעס זענען נישט געבויט אויף דער סיסטעם פון אומגלייכקייט. ס'האַנדלט זיך נישט וועגן עפּעס אַ ווערטפולער זאַך... די געזעלשאַפטלעכע מיינונג דאַרף זיך ערנסט פאַרינטערעסירן מיט דעם, ווי אַזוי צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון די צווייטראַנגיקע קאַסטעס...״

גאַנדי האַלט, אַז דווקא דערדאָזיקער סיסטעם פון קאַסטעס, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אייביקע רעליגיעזע און קולטורעלע געבאָטן, האָט אָפּגע־היטן דעם הינדואיזם פון אומקום און צעפאַלונג. דערום האַלט ער פאַר שונאים און שעדיקער פונם גאַנצן פאָלק די אַלע מענטשן, וואָס ווילן פּרינציפּיעל ענדערן די באַדינגונגען, וואָס הערשן אין אינדיע — מיט דעם, וואָס מען וויל איינפירן און פאַרשפּרייטן די מאָדערנע ציוויליזאַציע.

ער איז טיף איבערצייגט אין דעם „טייוולאָנישן מהות״ פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע און אַז די אינדישע קולטור איז אַ סך העכער פון אַלע אינסטיטוציעס פון מערב. ער האָט זיך נישט געוואַקלט צו זאָגן, אַז אַפילו די חסרונות און פעלערס פון דער אינדישער קולטור זענען מער שקול ווי די אויסלענדישע איינריכטונגען. מחמת דידאָזיקע פעלערס זענען, אין תוך, ווילדע געוויקסן פון אַ גייסט, וואָס איז ריכטיק און הייליק. און דער גייסט פון דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע איז אַן־און־פאַר־ זיך — אַ שלעכטס.

קיינער קען נישט אַזוי גוט די אינדישע פעלערס, קיינער איז נישט אַרויסגעטראָטן קעגן זיי אַזוי ענערגיש, ווי ער. אָבער פונדעסטוועגן — זאָגט ער — איז ער פעסט איבערצייגט, אַז די מערבדיקע ציוויליזאַציע איז אַן אַפּיקורסישע, און די אינדישע איז דורכגעדרונגען מיט גלויבן אין גאָט. „ווער עס האָט דאָס ריכטיק פאַרשטאַנען, און ווער עס האָט ליב אינדיע — דער מוז זיך האַלטן אָן זיין אייגענער קולטור, אַזוי ווי אַ קינד האַלט זיך אָן דער ברוסט פון זיין מאַמע״.

## 14

גאַנדיס גאַנצע פּסיכיק איז ענג פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פון זיין לאַנד. אָבער זיין צוגעבונדנקייט צו די לאַנגיאָריקע לערעס פון זיינע אָבות און צו דורות־אַלטע אָנשויונגען פון זיין פאָלק שטאַמט נישט ביי גאַנדין מחמת ענגן נאַציאָנאַליזם, נאָר גראַד פאַרקערט — מחמת זיין רחמנות און ליבשאַפט, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע וועלט, דעם גאַנצן וועלטאַל. גאַנדיס טיף מיטגעפיל מיט יעדער נויט און אומגליק, וואָס קומט בולט צום אויסדריק אין זיינע אַרויסטרעטונגען לטובת די הונגערנדיקע אָרעמעלייט, אין זיין קאַמף פאַר באַפרייען די פּאַריער, פאַר ראַטעווען די פּרויען, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון אויסגעלאַסנקייט, אין זיין קאַמפּאַניע

פאַרן שפּינראָד און פאַר דער פרייהייט פון אינדיע — אָט דער פילאָסאָפי־קער מיטגעפיל האָט זיין טיפע יניקה אין דער רעליגיע פון די אינדער. מחמת דער קערן פון דערדאָזיקער רעליגיע איז די תורה פון „אַהימשאַ"— „זאָלסט נישט הרגענען!" — די ליבשאַפט צו יעטוועדער גאָטס באַשעפעניש.

„אַהימשאַ" איז טייטש דער צושטאַנד פון ריינער דערקענטעניש, וואָס אַדאַנק איר געפינט יעדעס לעבעדיקע באַשעפעניש זיין העכסטע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אין ליבשאַפט. שנאה, שלעכטס און אַכזריות זענען נישט מער, ווי פאַרברעכנס פון די גרונט־יסודות פון דער נאַטור. ווער עס לאָזט זיך באַהערשן פון דידאָזיקע עבירות, דער קערט־אָפּ פונם געטלעכן וועג: ווער עס וויל מקיים זיין די „אַהימשאַ", דער דאַרף קיינמאָל קיינעם נישט דערצערענען אָדער עמעצן ווינטשן עפּעס שלעכטס, ווען אַפילו דאָס זאָל זיין שונא, אָדער אפילו אַ גזלן. ער דאַרף זיך באַציען צו יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש מיט גוטסקייט און באַרעמהאַרציקייט, נעמען פאַר־ליב יעדעס בייז, און אויף עוולות ענטפערן מיט ליבשאַפט.

אָבער די אמתדיקע „אַהימשאַ" איז אַזאַ צושטאַנד פון פולקומענקייט, וואָס ק יי נ ע ר קאָן נישט דערגרייכן. דאָס איז דער ענדגילטיקער ציל, צו וועלכן די מענטשהייט גייט פּאַמעלעך, אָבער בהדרגה. אין אונזער איצטיקן צושטאַנד — לויט גאַנדין — זענען מיר נאָר טיילווייז מענטשן, און טיילווייז זענען מיר חיות. ערשט אַז מיר וועלן באַקעמפן אַלע אונזערע נידעריקע אינסטינקטן, קאָנען מיר טייטן די חיה אין זיך. דערדאָזיקער געדאַנק איז אויך איבערגעגעבן אין אַ סימבאָלישער פאָרם אין דעם ערשטן שיר פון דער ב ה אַ ג אַ וו אַ ד ־ ג י ט אַ. די „אַהימשאַ", די ליבשאַפט צו יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש, נעמט אַרום נישט נאָר די גאַנצע מענטשהייט, נאָר אויך אַפילו די באַשעפענישן פון צווייטער מדרגה, אַפילו שלאַנגען און חיות־רעות. מחמת ווען דער מענטש וואָלט געוווסט גאָטס דעה, דאַן וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז די חיות זענען נישט באַשאַפן צוליב דעם, כדי צו זעטיקן אונזער תאווה צו פאַרטיליקן.

די אַלטע הייליקע אינדישע ספרים, די „ש אַ ט ר אַ ס", זאָגן, אַז ווער עס איז באמת מקיים די אַהימשאַ — דער האָט די גאַנצע וועלט צו זיינע פיס. מיטן מאָמענט, וואָס מיר וועלן באַווייזן זיך אַליין איבערצוענדערן — ענדערט זיך די גאַנצע וועלט צוזאַמען מיט אונז. ס'ווערן פאַרשוווּנדן אַלע סכנות, די שונאים פאַרוואַנדלען זיך אין פריינד, אַפילו די נאַטור אַליין ענדערט איר וועזן. דעריבער, פּאָזיטיוו גענומען, באַטייט די אַהימשאַ דאָס איינגעמען די גאַנצע וועלט מיט ליבשאַפט און באַרעמהאַרציקייט, אַנטוואָפענען אַל'דאָס שלעכטס דורך גוטסקייט.

דידאָזיקע תורה פון אַהימשאַ באַגעגענען מיר נישט נאָר אין די אינדישע, נאָר אויך אין די בודיסטישע כתבים. אויך דער בודיזם אַנטהאַלט אַן אומבאַדינקטן פאַרווער צו הרגענען און בכלל צו אָנטון אַן אַנדערן וועזן ווייטיק. ווי ס'האָט שוין בשעתו באַמערקט קאַרל פרידריך ק ע פּ ע ן, פאַרווערט דער בודיזם אומבאַדינקט צו הרגענען, נישט נאָר אַ מענטשן, נאָר

אויך אַ חיה. ער זעט נישט פאַר קיין שום אויסנאַם, ווען מען זאָל עס קאָנען טון, נישט באַגייענדיק דערביי אַ זינד. דעריבער שטייט געשריבן אין די בודישע ספרים: „נישטאָ אַזא סיבה, וואָס זאָל דיר דערלויבן צו־צונעמען דאָס לעבן ביי אַן אַנדער באַשעפעניש. נישט דערפאַר, צי זי איז דיר נוצלעך צי שעדלעך, נישט ווייל דיין אויבערשטער הייסט דיר, נישט פון הונגער צי פון אַליינפאַרטיידיקונג, הגם דידאָזיקע סיבות קאָנען טייל־ווייז מילדערן דיין זינד און דיין שולד. דאָס איינציקע בלוט, וואָס דו מעגסט פאַרגיסן, איז דיין אייגן בלוט — אויב דיין אָפּער קאָן גורם זיין צו ראַטעווען אָדער צו לייטזעליקן אַ לעבעדיק וועזן. ווייל ס׳זינדיקט נישט נאָר דער, וואָס הייבט אויף פערזענלעך אַ האַנט אויף עפּעס אַ לעבעדיקער באַשעפעניש, נאָר אויך דער, וואָס באַפעלט צו הרגענען, דער, וואָס קוקט זיך צו מיט תענוג דעם דערהרגענען, דער, וואָס איז בלויז דירעקט דער מיטשולדיקער אָדער ציט דערפון אַ נוצן". בודאַ האָט אויך געזאָלט שטרענג פאַרווערן זייגע תלמידים צו טראָגן זיידענע קליידער אָדער לעדערנע שטיוול און שיך, „ווייל אַזעלכע מלבושים און שיך באַקומט מען דורך דערהר־גענען לעבעדיקע ברואים". בודאַ אַליין האָט אויך געפּרעדיקט, אַז דער מענטש „דאַרף באַצווינגען דאָס שלעכטס מיט גוטס".

באַזונדער־שטרענג האַלטן זיך אָן די געבאָטן פון אַהימשאַ די מיט־גלידער פון דער סעקטע ד ז ש אַ י נ אַ, וואָס צו איר האָבן געהערט גאַנדיס עלטערן. גאַנדי אַליין איז אויך דערצויגן געוואָרן לויט די שטרענגע געבאָטן פון דער אמונה דזשאַינאַ. — און אַ דאַנק דעם — דערציילט ער — האָט מען אין אים נאָך פון קינדווייז־אויף איינגעאימפט דאָס געבאָט פון אַהימשאַ. אַז ער האָט זיך שפּעטער באַקענט מיט אַנדערע רעליגיעס, האָט ער אין זיי געזוכט און שטענדיק געפונען דעמזעלביקן געבאָט פון ליבשאַפט צו מענטש און חיה, דעם איסור צו הרגענען. — „אַ סך פון מיינע איבער־צייגונגען — דערציילט גאַנדי — האָב איך געשעפּט פון די רעליגיעזע כתבים פון אַנדערע רעליגיעס. דעמזעלביקן געבאָט פון ריינער ליבע האָב איך געפונען אַזוי גוט אין די אינדישע כתבים, ווי אין תנך און אינם קאָראַן. דערום זענען מיינע אָנשויונגען וועגן דער אַהימשאַ, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון מיינע שטודיעס איבער כמעט אַלע רעליגיעס פון דער וועלט, אונטערגעהאַלטן מיטן אויטאָריטעט נישט נאָר פון איין ווערק. דאָס איז אַ טייל פון מיין לעבן. ווען איך וואָלט אַפילו פּלוצלינג אויסגעפונען, אַז מען דאַרף די הייליקע ספרים אויסטייטשן אַנדערש, ווי מ׳האָט מיך געלערנט — וואָלט איך אויך קיינמאָל נישט אָפּגעטרעטן פון מיינע אָנשויונגען איבער דער אַהימשאַ".

געפירט פון דערדאָזיקער ליבשאַפט צו יעדער באַשעפעניש, האָט אויך גאַנדי אַריינגעפירט אין זיין תורה דעם ק ו ל ט פ אַ ר ד ע ר ק ו, וואָס איז אין אינדיע אַ שטיק פון איר רעליגיע. דערדאָזיקער פּונקט אין דערדאָזיקער רעליגיע, וואָס מאַכט אויפן אייראָפּעער אַ מאָדנעם איינדרוק, האָט פאַר גאַנדין אַ נייעם און טיפזיניקן באַטייט: דאָס „אמתע וועזן פון דער אינדי־

שער אמונה באַשטייט אין דעם קולט פאַר דער קו. פאַר מיר באַטייט עס איינעם פון די וואונדערלעכסטע געדאַנקען אין דער מענטשלעכער אַנט־וויקלונג. די קו סימבאַליזירט אין מיינע אויגן די גאַנצע וועלט, וואָס איז נידעריקער פונם מענטשן. אונטערהאַלטנדיק דעם קולט פון דער קו, אָנער־קענען מיר און באַשטעטיקן אונזער געמיינזאַמקייט און גלייכקייט מיט אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. און ס'איז פאַר מיר אויך פולשטענדיק קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס מיר האָבן פאַרן דאָזיקן סימבאָל אויסגעקליבן דווקא די קו. די קו איז אין אינדיע אַלעמאָל געווען דעם מענטשנס בעס־טער פריינד, דער קוואַל פון זיין וווילשטאַנד. נישט נאָר, וואָס זי גיט אונז מילך, נאָר זי העלפט אונז צו באַאַרבעטן די ערד. די קו — דאָס איז די פאָעמע פון מיטגעפיל. אינם דאָזיקן מילדן באַשעפעניש ווערט פאַר־קערפּערט אַל'דאָס, וואָס מיר ליבן און אַכטן אין די באַשעפענישן, וואָס זענען נידעריקער פון אונז. דאָס אָפּהיטן די קו איז גלייך צום אָפּהיטן אָט די אַלע שטומע באַשעפענישן, וואָס זייער געשריי איז דווקא יאָמערלעכער מיט דעם, וואָס ער איז אָן ווערטער. דער קולט און דעם כבוד, וואָס מיר גיבן אָפּ דער קו, דאָס איז אַ מתנה, וואָס דער הינדואיזם גיט דעם מענטשן. דער הינדואיזם וועט באַשטיין אַזוי לאַנג, ווילאַנג ס'וועלן זיין אינדער און זיי וועלן אָפּהיטן דעם קולט פון דער קו".

אין זיינע רעדעס און כתבים קערט ער זיך אָפטמאָל אום צו דער־דאָזיקער טעמע: ער האַלט, אַז מען קאָן נישט אָפּשאַצן דעם מאָראַלישן ווערט פונם אינדישן פאָלק וועדליק דער צאָל תפילות, צי די אָפּגעריכטע עליות, אַפילו נישט דאָס שטרענגע אָפּריכטן די דינים צווישן די קאַסטעס — נייערט דווקא אין דעם, צי און אויף וויפל דאָס פאָלק איז פעיק צו אָפּ־געבן דעם קולט דער קו.

די ליבשאַפט צו אַל'דאָס לעבעדיקע דערגייט ביי גאַנדין אַזוי וויט, אַז זי נעמט־אַרום אַלע נידעריקע באַשעפענישן, אַפילו די גיפטיקסטע שלאַנ־גען. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס יאָר־יערלעך פאַלן טויזנטער אינדער פון די גיפטיקע שלאַנגען, זאָגט־פאַר גאַנדי אָפּצוהיטן די „אַהימשאַ" אַפילו לגבי דידאָזיקע געפערלעכע חיות־רעות. „לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די שלאַנ־גען האָט באַשאַפן דערזעלביקער גאָט, וואָס האָט געשענקט דאָס לעבן אונז און אַלע אַנדערע ברואים. גאָטס וועגן זענען געהיימנישפול — אָבער איינס זענען מיר זיכער: אַז נישט דערויף האָט ער באַשאַפן לייבן און טיגריסן, שלאַנגען און עקדישן, אַז זיי זאָלן טיליקן דעם מענטשלעכן שטאַם... דער הייליקער פראַנציסקאָ פון אַסיזי, וואָס פלעגט וואַנדערן אי־בער די וועלדער, האָט געלעבט אין פולשטענדיקן פרידן און חברשאַפט מיט די שלאַנגען און ווילדע חיות, וואָס האָבן אים קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטון. און נאָך הײַנטיקן טאָג וואַנדערן פריי אַרום טויזנטער פאַקירן איבער די וועלדער פון אינדיע, און די לייבן און טיגריסן טשעפּען זיי נישט. איך בין טיף איבערצייגט, אַז קיין שום לעבעדיקע באַשעפעניש וועט נישט אָנפאַלן פריער אויף קיין מענטשן, אויב ער אַליין טוט נישט קיין

שלעכטס קיין לעבעדיקער באַשעפעניש. דעם מענטשנס זיכערסטע גאָב און מתּנה פון גאָט איז ליבשאַפט. אויב ער פאַרמאָגט נישט קיין ליבשאַפט, איז דער גאַנצער ליב דעם בורא־עולם הויל און נוצלאָז, מחמת די ליב־שאַפט איז דער יסוד פון יעטוועדן רעליגיעזן געפיל..."

אַהימסאַ, לויט גאַנדין, איז יענע גרויסע שליחות, וואָס אינדיע האָט אויסצופילן פאַר דער וועלט. „אַהימסאַ, געהעריק פאַרשטאַנען, איז אַ פּראַקט־פולע רפואה אויף אַל'דאָס בייז. נישט נאָר וואָס זי שטערט נישט צו טון אַנדערע גוטע מעשים, נייערט זי מאַכט עס נויטווענדיק".

ווען גאַנדי איז נאָך געווען אין לאָנדאָן, האָט ער זיך צעגויפגעטראָפן מיט מענטשן, וואָס געהערן צו פאַרשידענע ריכטונגען און אָנשויונגען. נישט איינער פון צווישן זיי איז אים געפעלן מיט זיין מוט און דרייסטקייט, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז די געוואַלט, אין וועלכער ס'איז־נישט פאָרם, קאָן נישט זיין קיין רפואה צו אינדיעס אָנמעכטיקייט, אַז צו דעם אָפּהיטן די קולטור פון זיין לאַנד איז נויטווענדיק אַן אַנדער, איידעלערער געווער. זיין אומדערשיטערלעכער גלויבן אין דער הייליקייט פון די „אַהימסאַ"־פּרינציפּן האָט אים דערפירט דערצו, אַז אין קאַמף מיט זיינע פּערזענלעכע און פּאָליטישע קעגנער האָט ער נישט גע־קענט קיין אַנדער געווער, ווי ליבשאַפט.

שוין אין זיין פריער יוגנט האָט ער איבערגעלעבט אַ זאַך, וואָס האָט פאַרפעסטיקט זיין גלויבן אין דער ריכטיקייט און מאַכט פון דער אַהימסאַ. אַז דוש. דאָק האָט אים איינמאָל געפרעגט, ווי אַזוי איז אין זיין נשמה אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן אַהימסאַ, האָט אים גאַנדי פאַרנעלייענט אַ לידל, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט קינדוייז אין שול: „אויב עמעצער וועט דיר געבן וואַסער צו טרינקען, און דו וועסט אים אויך געבן אַ גע־טראַנק, קאָן דאָס נאָך נישט הייסן קיין גוטער אויפטו. גוטס באַשטייט אין דעם, וואָס פאַר אַ שלעכטער זאַך ענטפערט מען אָפּ מיט ליבשאַפט". דאָס־דאָזיקע לידעלע, דערציילט גאַנדי, האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדריק. אויפן זעלבן אופן האָבן אויף אים געווירקט די געבאָטן, וואָס ישו הנוצרי האָט פאַרגעזאָגט אויפן באַרג. „דאָס ברית־החדשה האָט אַ סך מיטגעווירקט דערצו, וואָס איך האָב דערקענט די ריכטיקייט און די ווערט פון ליבשאַפט און גוטסקייט לגבי דעם שונא, נישט באַנוצן קיין שום געוואַלט. מיט רי־זיקער פרייד האָב איך געלייענט די דאָזיקע ווערטער פון קריסטוס'ס דרשה: „פאַרוואָר זאָג איך אייך, אַז איר זאָלט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם שלעכטס, מחמת אַז איינער וועט דיך שלאָגן אין איין באַק, אַזוי זאָלסטו אים אונטערשטעלן די אַנדערע". אָדער דער אַנדערער פסוק: „ליבט אייע־רע שונאים, בענטשט די, וואָס לעסטערן אייך, אַז איר זאָלט אַלע ווערן ווערטיקע זין פון אייער פאָטער אין הימל". פון דער מאָדערנער עטיק האָבן אויף אים בעיקר געווירקט טאָלסטאָיס ווערק. זיי האָבן אים געשטאַרקט אין דער איבערצייגונג אין דעם פּאָזיטיוון כּוח פון איבערגעבן זיך אַלעמען צו ווידערשטאַנד און געוואַלט.

— מאַהאַטמאַ גאַנדי — שרייבט וו. וו. פּ י ר ס אָ ן — איז טאָלסטאָיס אַ פייערדיקער אָנהענגער. ס'איז זייער מעגלעך, אַז דעמדאָזיקן גרויסן נביא פון מערב און זיינע אָנשויונגען האָט ער מער צו פאַרדאַנקען, ווי די געבאָטן פון זיין אייגענער רעליגיע, הגם דידאָזיקע רעליגיע האָט אין גאַנדין פון קינדווייז אָן איינגעוואָרצלט די געבאָטן פון אַהימסאַ, פון אָפּזאָגן זיך אָנצוווענדן געוואַלט אין אירע פאַרשידענע געשטאַלטן.

אויך ראָמען ר אָ ל אַ ן ווייזט־אָן אויף דער שייכות צווישן גאַנדין און טאָלסטאָיען. אין זיין גלענצנדיקער מאָנאָגראַפיע איבער גאַנדין פאַרגלייכט ער דידאָזיקע צוויי מענטשן: „דערפון, וואָס איך האָב דאָ דערציילט — שרייבט ראָלאַן — דאַרף אַרויסשטראַלן אַ גרויסע קריסטלעכע נשמה אינם גילגול פון דער אינדישער אמונה. עפּעס אַ מילדערער, רויקערער טאָלסטאָי, אַ טאָלסטאָי, וואָס איז, אַזוי צו זאָגן — אַ נאַטירלעכער ישו הנוצרי אין אַלוועלטלעכן באַטייט פונם דאָזיקן וואָרט. מחמת טאָלסטאָי איז אַ יעזוס נישט פון זיין נאַטור, ווי פון זיין גרויסן ווילנסכוח".

אין דער ליטעראַרישער ירושה פונם דאָזיקן גרויסן רוסישן דיכטער געפינט זיך אויך זיין בריוו־אויסטויש מיט גאַנדין. דערפון איז מען געוווּיער געוואָרן וועגן די פּערזענלעכע באַציונגען צווישן דידאָזיקע ביידע מענער. ערשט דער באַקאַנטער רוסישער שרייבער פּאַוועל ב י ר י וּ ק אָ וו האָט דער ערשטער אָנגעוויזן אויף דערדאָזיקער וויכטיקער קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט אויך דעם גרויסן פאַרדינסט, וואָס ער האָט זי פאַרעפנטלעכט.

גאַנדי האָט געשריבן צו טאָלסטאָיען דאָס ערשטע מאָל פון לאָנדאָן, אין 1909. שוין פון טאָלסטאָיס ענטפער אויפן דאָזיקן בריוו שטראַלט־אַרויס זיין גרויסע פאַרינטערעסירונג מיט זיין אינדישן תלמיד:

„נאָר־וואָס דערהאַלטן — שרייבט ער — אייער העכסט־אינטערעסאַנטן בריוו, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט גרויס נחת־רוח. זאָל גאָט העלפן אונזערע טייערע ברידער און מיטשטימער אין טראַנסוואַל! דערדאָזיקער קאַמף פון לייטזעליקייט מיט שטרענגקייט, פון געהאָרכזאַמקייט און ליבשאַפט מיט שטאָלצקייט און געוואַלט — דערדאָזיקער קאַמף פילט זיך אויך ביי אונז וואָס אַמאָל מער, בפרט אין די שאַרפע רעליגיעזע קאָנפליקטן צווישן דעם רעליגיעזן אחריות־געפיל מיט די מלוכישע דינים — מחמת דעם, וואָס מיר ווילן נישט גיין דינען אין מיליטער. אַזעלכע פאַלן טרעפן זיך וואָס אַמאָל מערער... כ'שיק אייך מיין ברידערלעכן גרוס און פריי זיך, וואָס מיר האָבן זיך פאַרבונדן..."

אַפּריל 1910 האָט זיך גאַנדי באַנייס געווענדט צו טאָלסטאָיען. ער האָט אים איבערגעשיקט זיין בראָשור „אינדיען האָמרול". אינם בריוו, וואָס ער האָט אים באַגלייך געשיקט, רופט זיך אָן גאַנדי, ווי טאָלסטאָיס „איבערגעגעבנסטער אָנהענגער" און ער בעט אים, אַז ער זאָל אָנשרייבן זיין מיינונג וועגן דערדאָזיקער בראָשור.

טאָלסטאָי האָט דערויף צוויי מאָל געענטפערט. איין מאָל קורץ, דאָס אַנדערע מאָל — זייער אויספירלעך. „וואָס לענגער איך לעב — האָט ער



גאַנדי פאַרלאָזט באַגינען זיין אשראַם



אינדישע פויערן ביים שפּינרעדל



גאַנדי קערט זיך אום פון אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג



גאַנדי אַלס פאָרזיצער אויף אַ מיטינג
אין מעדרעס:
סאַטיאַמירטי, סרינ יאַשאַ
איאַנגאַר, גאַנדי

געשריבן, — און בפרט איצט, ווען איך פיל שוין בולט דעם טויט, וואָס דערנענטערט זיך — אַלץ שטאַרקער פיל איך דעם פאַרלאַנג אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס איך פיל צומשטאַרקסטן, און וואָס, האַלט איך, ס׳איז זייער וויכ־טיק: ס׳האַנדלט זיך וועגן דער אידעע, וואָס מען באַצייכנט זי, ווי דאָס אָפּזאָגן זיך פון יעדער גוואַלט און ווידערשטאַנד — די לערע פון ריינער ליבשאַפט, וואָס די נעץ פון אילוזאָרישע לייכט־טורעמס האָט זי נאָך נישט פאַרענדערט און פאַרקרימט. ליבשאַפט, אַנדערש גערעדט — די שטרעבונג פון מענטשלעכע נשמות זיך צו פאַרייניקן און די קעגנזייטיקע באַציונג, וואָס אַנטשטייט דערפון — דאָס איז דאָס איינציקע און העכסטע געבאָט פון לעבן. יעדער ווייסט דאָס און פילט דאָס אין דער טיפעניש פון האַרצן — צומבעסטן קאָנען מיר עס זעען ביי קינדער. יעדער ווייסט וועגן דעם, כּל־זמן ער׳ט זיך נישט פאַרפלאָנטערן אין די פאַלשע נעצן פון היינטצייטיקן דענקען. דאָסדאָזיקע געזעץ האָבן פאַרגעזאָגט אַלע חכמים פון דער וועלט, אַזוי די אינדישע, ווי די כינעזישע, יידישע, גריכישע און רוימישע. מיר דוכט זיך, אַז צומקלאָרסטן האָט עס אַרויסגעברענגט כּריסטוס, וואָס האָט אָפן דערקלערט, אַז אין דעם באַשטייט יעדעס געזעץ — און די נביאים. כּריסטוס האָט געזעען, אַז דעמדאָזיקן אמת דראָט די סכנה פון פאַרקרימען אים און האָט אויף איר אָנגעוויזן. דאָס איז גיכער מעגלעך ביי מענטשן, וואָס לעבן אַ וועלטלעך לעבן. ער האָט געוווּסט, אַזוי גוט ווי ס׳מוז עס וויסן יעדער פאַרנינפטיקער מענטש, אַז אַנווענדן געוואַלט קאָן קיינמאָל נישט פאַרייניקט ווערן מיט ליבשאַפט, דעמדאָזיקן וויכטיקסטן יסוד פון לעבן. ער האָט געוווּסט, אַז ווען מען וואָלט דערלויבט צו באַגיין געוואַלט אפילו אין איין פאַל, אַזוי פאַרוואַרפט מען דאָס גאַנצע געבאָט פון ליב־שאַפט. די גאַנצע כּריסטלעכע ציוויליזאַציע, וואָס איז אויבנאויפיק אַזוי פּראַכטפול, שטאַמט פון דעמדאָזיקן טעות, וואָס איז אַזוי בולט און אייגנ־אַרטיק, טיילווייז בכּיוון, אָבער אין דאָס רוב פאַלן פולשטענדיק אומבאַ־ווּוסטזיניק. און ווירקלעך האָט דאָס געבאָט פון ליבשאַפט אויפגעהערט צו מחייב זיין און האָט געמוזט פאַרלירן יעדן באַטייט מיטן מאָמענט, וואָס מען האָט דערלאָזט די געוואַלט ווי אַ פאַרטיידיקמיטל. און וויבאַלד דאָס געבאָט פון ליבשאַפט האָט אָנגעווווירן זיין באַטייט, דאַן איז שוין בכּלל נישטאָ קיין שום געזעץ, אַחוץ דעם געזעץ פונם שטאַרקערן... צוגלייך מיט דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פונם כּריסטנטום האָט זיך דערדאָזיקער קעגנ־זאַץ פאַרשאַרפט וואָסאַמאָל מערער, און די לעצטע צייטן איז עס דערגאַנ־גען צו דער העכסטער מדרגה. היינט מוזן מיר אויסקלייבן איינס פון די ביידע: אָדער זיך מודה זיין, אַז מיר אָנערקענען נישט קיין שום רע־ליגיעזישע מאָראַל, און אַז מיר ריכטן זיך בלויז מיטן רעכט פונם שטאַרקערן, אָדער פאָדערן אָפּצושאַפן יעדעס באַצווינגען, די געריכטן, די פּאָליציי, דאָס מיליטער...״

און גאַנדי האָט עס געזאָלט זיין דער, וואָס זאָל פּראַקטיש פּאַרוויר־קלעכן די לערע פונם דאָזיקן גרויסן נביא פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. צי ער

האָט געערדט אין אַהמעדאבאַד, צי אין באָמביי און קאַלקוטאַ, צי פּאָר די פּאָלקסמאַסן, צי פּאָר די סטודענטן, אַרבעטער צי פּרויענאָרגאַניזאַציעס, אין שווערסטן פּאָליטישן געווירבל, שטורמיש באַגריסט דורך די המונים דעמאָנסטראַנטן, צי עס האָט אים געדראָט גלייך אַרעסטירט צו ווערן — תּמיד זענען פון זיין מויל געפאַלן די ווערטער, וואָס מען האָט זינט יאָרהונדערטער נישט געהערט פון קיין שום פּאָליטיקער.

אַן אונטערגעדריקט פּאָלק שטייט־אויף קעגן זיין באַצווינגער, גרייט זיך צו אַ רעוואָלוציע, צום אַראָפּוואַרפן דעם דורות־לאַנגן יאָך. און דערווייל איז דער פירער פון דעם דאָזיקן פאָלק, דער וואָס אָרגאַניזירט די גאַנצע פרייהייטבאַוועגונג און רופט צו מרידה — ער זאָגט־פּאָר עפּעטלעך ליבשאַפט, פאַרשטענדעניש און אכטונג פאַרן שונא.

— מיט ליבשאַפט — זאָגט דער דאָזיגער פירער, מאַהאַטמאַ גאַנדי —מוזן מיר באַזיגן דעם צאָרן פון דער ענגלישער מאַכט און פון אירע באַאַמטע. מיר דאַרפן זיי ליב־האָבן און בעטן גאָט, אַז ער זאָל זיי קלאָרמאַכן און געבן צו דערקענען זייערע אייגענע טעותן. אונזער חוב איז זיך צו לאָזן דערהרגענען, און נישט—אליין דערהרגענען. אַז מען שליידערט אונז אריין אין די תּפיסות, מוזן מיר זיך צופרידנשטעלן מיט אונזער גורל, נישט טראַכטן וועגן צאָרן אָדער נקמה.

ער באַטאָנט—אַז אינדיע קאָן אויפשטיין צו נייער פרייהייט נאָר אין דעם פאַל, אויב זי וועט אירע באַדריקער ענטפערן מיט ליבע, וועט שוינען זייערע לעבנס, און אפילו מקריב זיין זיך אליין, איידער טון עפּעס אַן עוולה דעם שונא: „דער טאָג פון ניצחון וועט קומען דאַן, ווען דער אימהדיקער צאָרן פון אונזערע היינטיקע מושלים וועט נישט אין אונז דערוועקן קיין שום אָפּקלאַנג, נאָר וועט באַגעגענען אַ געגנחיליק, ווירדיק און רויק אונטערגעבן זיך. דער סוד פון אונזער זיג באַשטייט אין דעם, אַז מיר זאָלן דאָס לעבן פון יעדן ענגלענדער, פון יעדן מלוכה־באַאמטן האַלטן גלייך הייליק, ווי דאָס לעבן פון אונזערע נאָענטסטע. מיין גאַנצע ביזאַהעריקע דערפאַרונג אין לעבן האָט מיך איבערצייגט, אַז דאָס שענסטע גאָב איז דאָס לעבן. און היות די ענגלענדער זענען אין אינדיע אַ נישטיקע מינדערהייט, דאַרפן זיי זיין פולשטענדיק באַוואָרנט פון וועלכע־ס׳איז אנפאַלן — נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן געווער, נאָר דערפאַר, וואָס אינדיע וויל נישט דערהרגענען קיין שום מענטש, אפילו דעם ערגסטן שונא. מיט אונזער ערלעכער און רעכטפאַרטיקער אויפפירונג מוזן מיר באַווייזן די ענגלענדער, אַז מיר זענען זייערע פריינד, אַז אפילו אינם פאַרוואָרפנסטן ווינקעלע פון אונזער לאַנד זענען זיי אַזוי זיכער און באַוואָרנט, ווי פון הינטער זייערע קוילנוואַרפער. און ווען דאָס געשען, אַזוי וועט ענגלאַנד גאָר אַנדערש קוקן אויף אונז — דאַן וועט קומען די שעה, ווען מען וועט דעם גאַנצן הויפן געווער ארויסוואַרפן אין מיסט, ווי אַלט אייזנוואַרג, ווייל מען וועט עס שוין נישט דאַרפן צו האָבן... מיטן מאָמענט, וואָס דאָס פאָלק

וועט אויפהערן מורא צו האָבן פאר געוואַלט — דאַן וועט אויך די רעגי-
רונג פאַרוואַרפן דאָס געווער, ווי אַן איבעריקע זאַך...״

אַזאַ מין רעוואָלוציע האָט נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע. דאָס איז אַ רעוואָלוציע פון גוטסקייט, פון נעגירן יעדן מין געוואַלט. זי ווערט אָנגעפירט פון אַ מענטשן, וואָס פּרעדיקט פאַרשטענדעניש פאַרן אַנדערן און מסירת-נפש, אונטער דער לאָזונג: „האָט ליב אייערע שונאים!״ אמת, אויך פריער האָבן הייליקע רעפאָרמאַטאָרן און גרינדער פון נייע אמונות געפּרעדיקט ליבשאַפט און נישט אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס. אָבער גאַנדיס אַרבעט שיידט זיך אונטער פון די אַנדערע, ענלעכע אַקציעס מיט דעם, וואָס דער מאַהאַטמאַ האַלט דאָסדאָזיקע אָפּזאָגן זיך פון יעדער געוואַלט נישט נאָר פאַר אַ רעליגיעזן און עטישן אָנווייז פאַרן יעדן מענטשן אָדער פאַר עפּעס אַ קליינער עדה — ניין, דעמדאָזיקן פּרינציפּ האָט ער אָנגענומען פאַרן יסוד פון זיין פּאָליטישער אַקציע. אויף אַזאַ אופן האָט, דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע, דערדאָזיקער ריין מאָראַלישער פּרינציפּ זיך פאַרוואַנדלט אין אַ רעאַל-פּאָליטיש סיסטעם.

גאַנדי שטרייכט אונטער, אַז זיין לערע איז באַשטימט נישט בלויז פאַר אַ קליין הייפל אויסדערוויילטע, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק. „מיין שיטה פון אָפּזאָגן זיך פון יעדער געוואַלט איז נישט בלויז פאַר חכמים און הייליקע, נאָר פאַר יעדן מענטשן. מחמת דערדאָזיקער פּרינציפּ איז אַזוי גוט דער קענצייכן פון מענטשלעכקייט, ווי געוואַלט איז דער סימן פון חיהש-קייט. אין דער חיה שלאָפט דער גייסט — דערום קען זי נישט קיין אַנדער רעכט, ווי דאָס רעכט פון פיזישן כוח. אָבער די מענטשלעכע ווירדע פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיך אונטערוואַרפן דעם העכערן רעכט, די געהאָרכזאַמקייט פאַרן כוח פון גייסט״. ער פאַררופט זיך אויף זיינע דערפאַרונגען אין דרום-אַפריקע און גיט-צו, אַז אַפילו זיינע פּשוטסטע לאַנדברידער האָבן געקאָנט פירן אַ קאַמף קעגן דער געוואַלט מיט דער הילף פון פולשטענדיק-פרידלעכע מיטלען. דאָס אָפּזאָגן זיך פון יעדער געוואַלט קומט אָן יעדן מענטשן אַזוי לייכט אָדער אַזוי שווער, ווי יעדע מצווה. דערצו דאַרף מען נישט צו האָבן דעם גאַנצן פילאָזאָפישן אונטערשלאַק פון דערדאָזיקער לערע.

גאַנדי פאָדערט, אַז שוין פון דער פריסטער קינדהייט זאָל מען אין די קינדער איינוואָרצלען די כּללים פון אַהימשאַ. מחמת דאָס קינד, איידער עס לערנט זיך נאָך אויס שרייבן און לייענען, דאַרף שוין קענען דאָסדאָזיקע קאַרדינאַלע געבאָט פון העכערן גייסטיקן לעבן און פאַרשטיין, וואָסער כוח ס'דרעמלט אין זיין נשמה. דערום איז די וויכטיקסטע זאַך אין דער דערציונג — זאָגט גאַנדי — אויסלערנען די יוגנט, אַז זי זאָל די שנאה באַקעמפן מיט ליבשאַפט, די געוואַלט מיט אייגענעם ליידן.

גאַנדיס שטרעבונג איז צו בראַהמאַניזירן דאָס גאַנצע פאָלק, ובכן אויסלערנען אים צו קעמפן נאָר מיט גייסטיקן געווער. דער אינדי-שער געלערנטער ווידהוסעקאַראַ, פּראָפעסאָר פון אינדישן אוניווערזי-

טעט אין סאַנטיניקעטען (ווי ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע איז פאַרוואַלטער), באַמערקט, אַז ביזאַהער האָבן די מלחמות אין קאַמף פאַר פּאָליטישער מאַכט געפירט די נידעריקערע פאָלקשיכטן, היינו: די זעלנער, סוחרים און פאַריער. גאַנדי, אַנטקעגן, וויל פירן דעם קאַמף מיט די מיטלען פון דער בראַמאַנישער קאַסטע. „דער לייטגעדאַנק פונם דאָזיקן קאַמף — שרייבט ער — איז נישט דער כּלל: אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן", נאָר בלויז דאָס געבאָט פון פאַר צוויי טויזנט יאָר: „דער מענטש דאַרף באַהערשן דעם כּעס מיט ליבשאַפט, שלעכטס מיט גוטסקייט, גיריקייט מיט אָפּנהאַרציקייט, ליגן מיט אמת".

און היות דער מאַהאַטמאַ רופט דאָס גאַנצע פאָלק צו פירן דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר פרייהייט מיט דעם גייסטיקן געווער פון די בראַמאַנער — דערמיט אַליין דערהייבט ער דאָס פאָלק צו דער מדרגה פון דער העכסטער קאַסטע. דערמיט אָנערקענט ער, אַז יעדער אינדער קאָן דענקען, פילן און טון, ווי אַ בראַמאַנער. דער גרויסער חשבון-צדק צווישן אינדיע מיט ענגלאַנד דאַרף געפירט ווערן מיטן געווער פון ליבשאַפט און אַליינאָפּפערונג. דער טיפער פּאָליטישער סיכסוך צווישן די דאָזיקע ביידע פעלקער דאַרף אַנטשיידן ווערן אין בלויזן קאַמף, אָן געוואַלט.

אין אַלע דעקרעטן פון אָט דעם וווּנדערלעכן מלוכהמאַן חזרט זיך כּסדר איבער דער דאָזיקער רוף צו ליבשאַפט: „מיר קאָנען נישט פּרוּוון צו באַקערן אונזערע קעגנער מיט געוואַלט. דערום קאָנען מיר זיי אַוודאי נישט נייטן, אַז זיי זאָלן מסכּים זיין מיט אונז... נאָר דעמאָלט וועלן מיר קאָנען געווינען אונזער פרייהייט, ווען מיר וועלן זיך שטעלן פאַר אַ ציל נישט צו אויסאיבן אַן אומבאַרעכטיקטן דרוק אויף קיינעם. מיר מעגן איבערצייגן אונזערע שונאים נאָר מיט איין אופן: מיט גוטסקייט און העפלעכקייט... פאַראַן אַ סך צווישן אונז — און איך אויך בתוכם — וואָס גלייבן אין דעם, אַז מיר האָבן צו דערפילן אַ נייע שליחות פאַר דער וועלט. איך וועל גערן באַנוצן די בריטישע ראַסע דערצו, אַז זי זאָל אונזערע אידעען פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט. און געשעען קאָן דאָס נאָר דאַן, ווען מיר וועלן אונזערע אַזויגערופענע באַדריקער געווינען מיט ליבשאַפט".

אַ דרייסטן פּרוּוו האָט ער זיך אונטערגענומען: דער גאַנצער וועלט, וואָס גלייבט בלינד אין פיזישן כּוח, האָט ער געוואָלט ווייזן די העכערקייט פון דעם גייסטיק-מאָראַלישן געווער. מחמת ער האַלט, אַז אַהימשאַ, דער גלויבן פון ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, איז נישט דאָס געווער פון די שוואַכע. דאָס איז אַ קאָנדענסירטע פאָרם פון גייסטיקער און מאָראַלישער מאַכט, פון דער געהיימנישפולער קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פון יעדער געוואַלט און פון דער ברוטאַלסטער אונטערדריקונג.

— איך בין איבערצייגט — זאָגט ער — אַז אַהימשאַ איז אָן אָן ערך העכער פון דער געוואַלט. ס'איז אַ סך העלדישער מוחל צו זיין, ווי צו באַשטראָפן: דאָס פאַרגעבן ברענגט כּבוד דעם קריגער, אָבער גוט איז אַ

פאַר דעמאָלט, ווען דער, וואָס פאַרגיט, האָט געגנוג כּוח, אַז ער זאָל באַשטראָפן. דערום קאָן פאַרגעבן נאָר דער שטאַרקערער — דעם שוואַכערן... כּוח איז נישט דער רעזולטאַט פון די פיזישע אייגנשאַפטן, נאָר פון שטאַרקן ווילן. געוויס איז דער זולוס אין אַפריקע שטאַרקער פונם ענגלענדער, אָבער דאָך אַנטלויפט ער פאַר אַן ענגלישן יינגלינג — אויס מורא פאַרן רעוואָלווער, וואָס דער לעצטער קאָן זיך מיט אים באַנוצן. ער האָט מרא פאַרן טויט, נישט געקוקט אויף זיין אַטלעטישן בוי. מיר, אינדער, וועלן אַרויסווייזן אונזער כּוח דערמיט, וואָס מיר וועלן מוחל זיין די ענגלענדער אַלע עוולות, וואָס זיי זענען קעגן אונז באַגאַנגען. דאַן וועט פון אונז אַרויסשטראַלן אַזאַ כּוח, אַז די ענגלישע מושלים וועלן שוין נישט וואַגן אָנצוטון מיט שאַנד און שמאַך אינדיעס געבויגענעם קאָפּ. אמת, היינט זענען מיר נאָך צופיל באַעוולעט און דערנידעריקט, אַז מיר זאָלן קאָנען זיך גלייך אָפּטרייסלען פון כּעס און פון נקמה־דורשט. אָבער פונדעסטוועגן גזיר איך נאָכאַמאָל איבער, אַז אינדיע קאָן רעכענען אויף ניצחון נאָר דאַן, ווען זי וועט זיך אָפּזאָגן פונם רעכט צו באַשטראָפן... מעגלעך, אַז אין אַנדערע לענדער מוז מען אַראָפּוואַרפן די פרעמדע מאַכטן מיט ברוטאַלער געוואַלט. אָבער אינדיע וועט קיינמאָל זיך נישט אויסקעמפן די פרייהייט מיט דער פויסט. מחמת די שליחות און דער גורל פונם דאָזיקן לאַנד איז גאָר אַן אַנדערער, ווי פון אַלע אַנדערע גרויסע לענדער. דערום איז אינדיע אָנגעברייט אָנצונעמען די רעליגיעזע השגחה איבער דער גאַנצער וועלט: זי דאַרף נישט קיין שום געווער פון שטאָל צי פון אייזן, ווייל זי האָט ביזאַהער אַלעמאָל געקעמפט מיטן געטלעכן געווער. אַזוי וועט זי טון אויך ווייטער, איינעמען אַלץ און בלויז מיטן כּוח פון איר נשמה...

דעריבער זאָגט ער פאַר אינדיע די אַהימשאַ נישט דערפאַר, וואָס זי איז שוואַך. פאַרקערט — ער הייסט זיין פאָלק צו האַנדלען אין ליבשאַפט און באַוווסטזיין פון זיין אינערלעכן כּוח. „אינדיע מוז דערקענען, אַז זי האָט אַן אומשטערבלעכע נשמה, וואָס דערהייבט זיך פריידיק איבער אַלע קערפּערלעכע פעלערס און אַז זי וועט זיך קאָנען אַנטקעגנשטעלן אַלע פאַראייניקטע פיזישע־כּוחות פון דער גאַנצער וועלט...”

ער גייט אַפילו אַזוי ווייט, אַז ער דערקלערט, אַז אויב אינדיע וואָלט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַניועגדן געוואַלט, וואָלט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אינדיע:

— אויב אינדיע וואָלט געגאַנגען אויפן וועג פון דער שווערד, וואָלט זי אפשר דערווייל עפּעס דערגרייכט. אָבער זי וואָלט אויפגעהערט צו זיין דער שטאָלץ פון מיין נשמה. מיט אומצערייסבאַרע פעדעם בין איך פאַרבונדן מיט אינדיע, מחמת אַלץ האָב איך איר צו פאַרדאַנקען. איך גלייב שטאַרק, אַז מיין פאָטערלאַנד האָט אַ שליחות פאַר דער גאַנצער וועלט. אָבער אויב מיין פאָטערלאַנד וואָלט געגאַנגען נאָך דער לערע פון שווערד, דאַן וועט אויף מיר קומען אַ שעה פון שווערער פּיין. מיין אמונה אָנערקענט נישט קיין גרענעצן צווישן לאַנד און לאַנד, און אויב זי וועט נאָך אין מיר ווייטער לעבן — דאַן וועט זי אויך באַזיגן מיין ליבשאַפט צו מיין

פאָטערלאַנד. מיין לעבן איז געווידמעט אינדיע אין גייסט פון אַהימשאַ, וואָס איז, לויט מיין איבערצייגונג, דער גרונטשטיין פון דער אינדישער אמונה..."

## 15

איינער פון די וועזנטלעכע סימנים פון גאַנדיס לערע איז, ווי מיר זעען, דער פּאָזיטיווער כאַראַקטער פון דער אַהימשאַ. גאַנדי באַטאָנט עס אַלעמאָל, אַז זיין פּרינציפּ פון אָפּזאָגן זיך פון געוואַלט באַטייט נישט דאָס זעלבע, וואָס פּאַסיוויקייט. פאַרקערט, עס באַווייזט, אַז דאָ געברויכט מען אַ כוח, וואָס איז מאָראַליש העכער פון דער אונטערדריקונג. אויף צו באַצייכענען דעמדאָזיקן מאָראַלישן כוח, האָט גאַנדי גענומען אין געברויך דאָס סאַנסקריטישע וואָרט „סאַטיאַגראַהאַ". עס באַטייט דאָסזעלבע, וואָס „דער כוח פון אמת" און דאַרף דינען צו באַצייכענען דעם אַקטיוון כוח פון ליבשאַפט, אַלס קעגנזאַץ צום פּאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָס באַטייט פּאַסיוון אונטערגעבן זיך דעם גורל.

דעריבער איז גאַנדין שטאַרק געלעגן אין דעם, בולט אונטערצושטרייכן דעם אונטערשיד צווישן „סאַטיאַגראַהאַ" און „פּאַסיוון ווידערשטאַנד" אין פּשוטן זינען פון וואָרט. ווייל דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד באַקעמפט, כידוע, די געוואַלט, ווילאַנג דער שוואַכערער צד קאָן זיך מיט איר נישט באַנוצן, אָבער פּרינציפּיעל שליסט ער זי נישט אויס. אַזויאַרום איז דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד דאָס כלי־זיין פון די שוואַכערע. זיי באַנוצן זיך מיט אים אַזוי לאַנג, ווילאַנג זיי קאָנען נישט ענטפערן מיט געוואַלט אויף געוואַלט. אַנטקעגן גאַנדיס סאַטיאַגראַהאַ דאַרף זיין דאָס געווער פון שטאַרקערן. דאָס שליסט אויס פּרינציפּיעל אָנצווענדן געוואַלט אין וועלכן ס'איז פאַל. גאַנדי אָנערקענט נישט קיין שום אידעע, אַפילו די דערהויבנסטע, וואָס כדי זי אַדורכצופירן, דאַרף מען זיך באַנוצן מיט געוואַלט־מיטלען.

ער אַליין איז דער פאָרשטייער פון די אָרעמעלייט און האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דעם קאַמף פאַר דער באַפרייינג פון די באַליידיקטע און געפייניקטע. אָבער אינם דאָזיקן קאַמף פאַר דידאָזיקע דערהויבענע צילן האָט ער קיינמאָל נישט געוואָלט זיך באַנוצן מיט געוואַלט. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש גאַנדיס דערקלערונג, בעת זיין שמועס מיטן דייטשן שרייבער אַרטור האָליטשער, וואָס ברענגט זי אין זיין זייער אינטערעסאַנטן ווערק „דאָס אומרויקע אַזיע". האָליטשער האָט אָנגעוויזן אויף די שאָדנס פונם קאַפּיטאַליזם און באַמערקט, אַז דאָסדאָזיקע שלעכטס קאָן מען באַקעמפן נאָר מיט געוואַלט. דערויף האָט גאַנדי געענטפערט, און דערביי זיך באַנוצט מיט זיינע באַקאַנטע פאַרגלייכן, אַז זיין אמונה פאַרווערט אים צו דערהרגענען אַפילו אַ שלאַנג. „דאָס ווייזט אָבער נישט — גיט ער צו — אַז איך זאָל נישט טאָרן פאַר איר מורא האָבן. איך וועל זיך נישט

שפּילן מיט איר, נישט צעדטלען זי, אָבער כ׳וועל זיך באַמיען ביי איר דערוועקן איר צוטרוי און גיבן איר צו פֿאַרשטיין, אַז איך בין נישט אויסן צו טון איר קיין שלעכטס. דאַן וועט די שלאַנג מיך אויך שוינען. ווען איך האָלט פֿאַרטיליקט דעם קאַפּיטאַליזם מיט געוואַלט, וואָלט איך נאָר געענדערט זיין צייטווייליקע פֿאָרם — דעם עצם פֿון קאַפּיטאַליזם קאָן איך פֿאַרטיליקן נאָר מיט דעם, וואָס איך וועל אים נישט שטעלן קיין שום ווידערשטאַנד״.

דערום איז פֿולשטענדיק קלאָר, אַז גאַנדי פֿאַרוואַרפֿט קאַטעגאָריש די באָלשעוויסטישע מעטאָדעס. זיינע מיינונגען אין דער פֿראַגע האָט ער קיינמאָל נישט געענדערט, נישט געקוקט אויף די פֿאַרשידענע אָנווייזונגען פֿון אַלע זייטן, אַז נאָר דורך אַ גוואַלטזאַמער איבערקערעניש קאָן מען אויסקעמפֿן די ראַדיקאַלע באַפֿרייונג פֿון אַלע דערנידעריקטע און באַעוולעטע. — „איך גלויב אין דער מענטשהייטס באַקערונג, און נישט אין איר פֿאַרטיליקן — האָט ער אַמאָל געזאָגט דעם אינדישן קאָמוניסט מ.נ. ראָי. — איך האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן, אַז געוואַלט זאָל ברענגען צו אַ גוטן רעזולטאַט. אמת, איך בין מסכּים מיט אייערע אַרגומענטן און באַוווּנדער זיי. אָבער פֿונדעסטוועגן וועל איך אייביק בלייבן אַ פֿאַרביסענער שונא פֿון יעטווערן מין געוואַלט, אַפֿילו ווען זי ווערט אָנגעווענדט פֿאַר אַ גוטע זאַך. די טעאָריע פֿון געוואַלט וועט זיך קיינמאָל נישט לאָזן פֿאַרבינדן מיט אונזערע מיינונגען. דער באָלשעוויסטישער גלויבן איז פֿולשטענדיקע צופֿרידנקייט, בעת סאַטיאַגראַהאַ באַטייט די איינגעהאַלטנקייט און דאָס באַהערשן דעם אייגענעם איך״.

מען קאָן נישט אויסקעמפֿן דעם אמת דורכדעם, וואָס מען טוט אָן יסורים דעם קעגנער — פֿאַרקערט, מען דאַרף אַליין גערן איבערטראָגן אַלערליי לייד. די מאָס פֿון פּראָגרעס איז די גרויס ליידן, וואָס יעדער באַזונדערער מענטש נעמט אויף זיך — אַזוי האָט קריסטוס׳ס קרבן געבערענגט אויסלייזונג פֿאַר דער גאַנצער וועלט. גאַנדי איז זיכער, אַז מען וועט נישט קאָנען באַפֿרייען אינדיע דורך בלוטיקער נקמה איבער אירע באַצווינגער, נישט מיט פֿיזישער געוואַלט און רואינירונג, נייערט דורך דעם, וואָס מען וועט אויף זיך גערן אָננעמען צו ליידן. אין דעם טאַקע ליגט די אַקטיווע זייט פֿון גאַנדיס פּרינציפּ סאַטיאַגראהא. פֿאַרן אמת מוז יעדער מיט זיין גאַנצן ווילן באַשטיין אויף ווייטיק, אויף נויט, אַפֿילו אויף טויט — מחמת די גערנוויליקע ליידן פֿאַרהאַרטן די נשמה, זיי ברענגען צו דער אויסלייזונג פֿון די אונטערגעדריקטע און צום אָפּשאַפֿן אַל׳דאָס בייז און אומגלייכס.

גאַנדי באַמערקט, אַז קיין שום פֿאָלק האָט נישט פֿריער דערגרייכט זיין העכערע אַנטוויקלונג, ביזוואַנען עס איז נישט אַדורך דעם „לייטערנדיקן פֿלאַם פֿון ליידן״. — „צי קאָן דען אינדיע פּטור ווערן פֿון איר פֿאַרשקלאַפֿונג, איידער זי פֿילט־אויס איר אייביקן געבאָט וועגן לייטערן זיך אין ליידן?״ און ער דערקלערט שטאָלץ, אַז ער האָט זיך דאָס אונטערגענומען צו באַלעבן אין אינדיע דאָס אייביקע געבאָט וועגן קרבן. ווייל סאַטיאַגראַהאַ

איז אַ פרישע באַצייכענונג פון ליידן", וואָס אָן איר קאָן מען נישט דערגרייכן די פרייהייט.

אַזוי גוט, ווי ער האָט זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז סאַטיאַגראַהאַ איז דאָס כּלי-זין פון מענטשן, וואָס זענען באמת שטאַרק — אַזוי פּרווט ער אויך דערווייזן, אַז דאָס באַנוצן געוואַלט ווייזט כּלל נישט, אַז מען איז אַ העלד, נאָר פאַרקערט, — אַז מ'איז אַ פּחדן: מחמת קליינלעכער מורא באַנוצט זיך דער מענטש מיט ברוטאַלן פיזישן כּוח. דערפאַר טאַקע, אויב מען פילט-אויס דאָס געבאָט פון סאַטיאַגראַהאַ און מען טראָגט גערנווויליק איבער די ליידן — באַווייזט עס, אַז מ'האָט באַהערשט די מורא. לויט גאַנדין, קאָן קיינער נישט גלייכצייטיק אויספילן דאָס געבאָט פון סאַטיאַ-גראַהאַ און זיין אַ פּחדן. סאַטיאַגראַהאַ איז די העכסטע מדרגה פון מוט, די שענסטע און בעסטע פון אַלע מיליטערישע מעלות. מחמת זי באַטייט גערנוויליקן אָפּזאָגן זיך פון יעדער געוואַלט, אָבער נישט קיין ווילנלאָז אונטערגעבן זיך דעם באַדריקער. גאַנדיס מיטשטימער דאַרפן זיך נישט אונטערגעבן דעם שלעכטס, נאָר זיי דאַרפן אָנשטרענגען זייער גאַנצן מאָ-ראַלישן כּוח אויף צו אַנטקעגנשטעלן זיך זייער באַדריקער און באַזיגן אים מיט גייסטיקע מיטלען. יעדער מענטש קאָן אַדאַנק דער שטאַרקייט פון זיין נשמה נישט מורא האָבן פאַר דעם ברוטאַלער געוואַלט און געהעריק באַשיצן זיינע רעכט. אַנטקעגן פיזישער ווידערשטאַנד איז אַלעמאָל גורם צו פרישע אומגערעכטיקייטן און קאָן דעם שונא נישט איבערצייגן.

אָט אין דער הינזיכט האָט גאַנדי אליין אפטמאָל געדינט פאַר אַ ביישפּיל, גערן אויף זיך גענומען אַלע עוולות צוליב זיין גערעכטיקער זאַך. אַז מ'האָט אים געדראָט מיט אַרעסט, האָט ער די דאָזיקע ידיעה אויפגענומען מיט פרייד: ער האָט אָנגעזאָגט אַלע זיינע פריינד, אַז אויב מען וועט אים אַרעסטירן, זאָלן זיי נישט שטעלן קיין שום ווידערשטאַנד: „זאָל קיינער נישט מורא האָבן צו שטיין פאַרן געריכט. אויב מען וועט אים פאַרלייגן אַ פאַרטיידיקער, זאָל ער זיך אָפּזאָגן. אויב מען וועט עמעצן געבן אויסצוקלייבן תּפיסה-שטראָף אָדער געלט-שטראָף, זאָל ער דאַן גלייכער אויסקלייבן תּפיסה. אויב מען פאַרמשפּט אויף בלויזע געלט-שטראָף, זאָל ער זיך אָפּזאָגן דאָס צו סילוקן. קיין שום סאַטיאַגראַהער טאָר נישט טרויערן און אימערן, אויב מען אַרעסטירט זיינעם אַ פריינד. פאַרקערט, ער דאַרף זיך באַמיען, מען זאָל אים אויך איינזעצן. און אויב מיר'ן זיין אין תּפיסה, מוזן מיר זיך דאָרטן אונטערוואַרפן אַלע כּללים. אַפילו אין דער שטיל, ווען מיר זענען אַליין, טאָרן מיר זיך נישט פאַרומערן. מחמת אַלץ, וואָס עס טוט דער סאַטיאַגראַהער, מוז געטון ווערן אויפריכטיק, פריידיק און מיט פולן באַוווסטזיין. נישט טראַכטן פון קיין שום שטראָף, גערן אָננע-מען אַלערליי לייד, ווי אַ מעגלעכקייט ווייטער צו לויטערן די נשמה — דאָס איז מדער חוב פון יעדן מיטשטימער מיינעם".

אַז ״האָט אים אַריינגעוואָרפן אין תּפיסה, האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ נסיון פון זיין גייסטיקן כּוח. — איך האָב רויק איבערגעטראָגן —

שרייבט ער — אַלע פיזישע ווייטיקן, וואָס מ׳האָט מיר אָנגעטון, דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מיינע וועכטער האָבן מיר אַראָפּגענומען די קייטן. וואָלט איך זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אַזוי וואָלט מיין גייסטיקער כוח אָפּגעשוואַכט געוואָרן און איך וואָלט נישט געקאָנט אויספּילן מיינע אויפגאָבן כּדבעי. מיט מיין הכנעה און אונטערגעבן זיך האָב איך באַזיגט אין תּפיסה אַלע גרעסטע שוועריקייטן. און דער עיקר — אין תּפיסה זענען שטאַרק געוואָקסן מיינע גייסטיקע כּוחות. איך האָב געפילט, אַז גאָט העלפט אַלעמאָל די מענטשן, וואָס קעמפן פאַר אַ גערעכטיקער זאַך. ישו הנוצרי, דניאל און סאָקראַטעס זענען די פאַרשייטער פון דעם גייסטיקן כּוח אין זיין ריינסטער פאָרם. זיי האָבן לחלוטין נישט געטראַכט וועגן זייער גוף און נאָר פאַרטיידיקט זייער נשמה. דאָס איז אַן אידעע, וואָס איז אין אינדיע שוין געווען אָנגענומען אַ סך פריער, איידער זי איז אָנגעקומען קיין אייראָפּע.

פאַר אַ ביישפּיל, ווי אַזוי ס׳דאַרף זיך האַלטן אַן אמתדיקער סאַטיאַגראַער, גיט גאַנדי דעם אַמעריקאַנער טאָראָ. דערדאָזיקער מענטש האָט, שרייבנדיק אין תּפיסה וועגן זיין לעבן טאָראָ באַמערקט, אַז די גראָבע ווענט וואָלטן אים קיינמאָל נישט געקאָנט איינהאַלטן: „דידאָזיקע ווענט, האַלט איך, איז נאָר אַ פאַרשווענדונג פון שטיינער און קאַלך. ס׳האָט זיך מיר פּשוט געגלוסט צו לאַכן, ווען איך האָב געזען, ווי זאָרגפעלטיק מען פאַרמאַכט די טיר פאַר מיין גוף, בעת מיינע געדאַנקען האָבן געקאָנט פריי שוועבן אין דער לופט. מיינע וועכטער האָבן געוואָלט באַשטראָפן מיין גוף, גלייך ווי אַ מענטש, וואָס קאָן זיך נישט אָפּרעכענען מיט זיינעם אַ שונא און דערום פּייניקט ער זיין הונט״.

אָבער נישט בלויז אין דעם, וואָס ער האָט געלאָזט זיך איינשליסן אין תּפיסה, — נישט בלויז אין דעם באַגרענעצט זיך גאַנדיס פאַר־ליבנעמען די ליידן: ער האָט געוואָלט באַזיגן די מורא פאַרן טויט. דערום באַצייכנט ער אויך אָפּטמאָל דעם ענדגילטיקן, גרויסן ציל פון זיין „סוואַראַדזש״ (די באַפרייונג פון אינדיע), ווי „דאָס אַרויסטרייבן די מורא פאַרן טויט״. ער האַלט, אַז די אמתדיקע פרייהייט באַגרענעצט זיך נישט בלויז מיט דער פּאָליטישער פרייהייט. זי באַשטייט אין דעם, וואָס יעדער, אָן אויסנאַם, באַקעמפט יעדע שרעק: „ווילאַנג מיר וועלן מורא האָבן פאַרן טויט, אַזוילאַנג וועלן מיר קיינמאָל נישט דערגרייכן די פרייהייט... דווקא דערפאַר, וואָס מיר קאָנען נאָכנישט רויק קוקן דעם טויט אין די אויגן אַריין, זענען מיר נאָכנישט פולשטענדיק פריי״.

דידאָזיקע לערעס גאַנדיס האָבן פאַר אינדיע אַ זייער חשובֿע באַדייטונג דערפאַר, וואָס דאָס אינדישע פאָלק — מיט קליינע אויסנאַמען — קאָן לייכט און אָן ווידערשטאַנד זיך איבערגעבן אַלערליי ענויים, אָבער עס האָט גלייכצייטיק שטאַרק מורא פאַרן טויט. דערום האָט גאַנדי געמוזט ספּעציעל דאָס אונטערשטרייכן, אַז נאָר דעמאָלט ווען מען זיך קאָנען אויס־

קעמפן די פרייהייט, ווען דאָס פאָלק וועט קאָנען באַזיגן זיין מורא און זיין אַפּאַטיע.

די אָנהענגער פון סאַטיאַגראַהאַ האַלטן, אַז דער גוף איז נאָר אַ מיטל צו דערגרייכן אַ העכערן ציל. דערום דאַרף מען פאַרלאָזן דעם גוף מ'ט יענעם מאָמענט, ווען ער'ט ווערן אַ שטערונג פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון דער נשמה. דער סאַטיאַגראַער שטאַרבט דערום גערן, ווען ער האַלט, אַז מיט זיין טויט וועט ער קאָנען באַקערן דעם שונא אויפן וועג פון אמת. אין דער פעסטער איבערצייגונג, אַז די נשמה לעבט-איבער דעם גוף, האַלט ער דאָס אָפּפערן זיין קערפּערלעכן צוועק פאַרן ניצחון פון אמת. אַזוי האָב אויך געהאַלטן די ערשטע כריסטן.

## 16

אַזוי גוט, ווי יעדער מענטש דאַרף לעבן לויט די כּללים פון סאַטיאַגראַהאַ, ד. ה. דעם כּוח פון אמת און גלויבן — אַזוי דאַרפן אויך די באַציונגען צווישן דער מלוכה און אירע בירגער און אַפילו צווישן די באַזונדערע פעלקער זיך ריכטן מיטן זעלבן פּרינציפּ. — אויב אַ מלוכה — זאָגט גאַנדי — וועט באַגיין אַ פעלער (למשל, זי וועט אַרויסגעבן אומגערעכטע געזעצן), דאַרף מען דעמדאָזיקן פעלער פאַריכטן מיט דעם, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק וועט אויף זיך נעמען גערנוויליק איבערצוטראָגן די שווערסטע ליידן און אַזוי-אַרום אויסצווינגען, אַז דידאָזיקע געזעצן זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן. ס'האַנדלט זיך דערום נישט בלויז אין דעם, אַז מען זאָל ברעכן דידאָזיקע אומגערעכטיקע געזעצן, נאָר אויך נעמען אויף זיך די שטראָפן, וואָס קומען פאַר ברעכן זיי.

פון דאַן אָן האָט דאָס איינציקע קאַמפּמיטל קעגן דער פּאָליטישער אונטערדריקונג געזאָלט זיין — לויט גאַנדיס פאָרשלאָג — דער ווידערשטאַנד קעגן די אומגערעכטיקע געזעצן פון דער רעגירונג, די „ציווילע דיזאָבעדיענץ" — די בירגערישע אומגעהאָרכזאַמקייט. דעמדאָזיקן אויסדריק האָט צום ערשטן מאָל באַנוצט דער שוין-דערמאנטער טאָראָ. אָבער דערדאָזיקער אַמעריקאַנער האָט געזאָלט באַגרענעצן דאָס אָנווענדן דעמדאָזיקן כּלי-זין אין קאַמף בלויז קעגן עטלעכע, פון פרייער-אָנגעמערקטע געזעצן, בעיקר קעגן די אומגערעכטיקע שטייערן. גאַנדי, אַנטקעגן, ווענדט דאָס אָן קעגן אַלע געזעצן בכּלל, וואָס זענען סותר די פּרינציפּן פון מאָראַלישקייט. גלייכצייטיק פאַרוועדט ער זיינע מיטשטימער אָנצווענדן וועלכן-ס'איז געוואַלט. דידאָזיקע אָפענע אומגעהאָרכזאַמקייט דאַרף אויסדריקן דעם פּראָטעסט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג קעגן די געזעצן, וואָס האָבן נישט קיין שום מאָראַלישן אָדער עטישן יסוד. אויב די מלוכה גייט-אַרויס אומגערעכטיקע פאַראָרדנונגען, גייט זי מיט דעם אַליין אַריבער די גרענעצן פון אירע פּריווילעגן און פאַרלירט דערמיט איר אייגענעם אויטאָריטעט. דער בירגער, וואָס וויל נישט אויספילן דידאָזיקע פאַראָרדנונגען, איז אויך

זיי עובר פולשטענדיק אָפן און נעמט אויף זיך גוטוויליק די פּאָריסגע־געזעענע שטראָף. אָבער אַזאַ פּראָטעסט קעגן די אומגערעכטיקע געזעצן קאָן נאָר דעמאָלט האָבן אַ פּעולה, ווען יעדער געגעבענער בירגער דערפילט גלייכצייטיק אַלע אַנדערע געזעצן און פאַראָרדנונגען, וואָס ער האַלט פאַר ריכטיקע. נאָר דער, וואָס קאָן אויספילן די געזעצן, קאָן אויך, ווען מען דאַרף, זיך אָפּזאָגן זיי אויסצופילן. — „ווייל דאָס אונטערוואַרפן זיך די מלוכישע געזעצן — זאָגט גאַנדי — דאָס איז דער פּרייז, וואָס דער בירגער צאָלט פאַר זיין פּערזענלעכער פרייהייט. אַנטקעגן אונטערוואַרפן זיך אַ מלוכה, וואָס איז פולשטענדיק אָדער אפילו טיילווייז אוממאָראַליש, באַטייט „אַן אוממאָראַלישער אויסטוישהאַנדל מיט דער פרייהייט".

דערום איז די בירגערישע אומגעהאָרכזאַמקייט, וואָס גאַנדי לייגט פאָר, אַ „רעוואָלוציע. אָבער אָן שום געוואַלט". דאָס איז אַ שווייגנדיקער וואָפנלאָזער פּראָטעסט פונם גאַנצן פאָלק קעגן דער מלוכישער מאַכט.

דאָסדאָזיקע געווער האָט שוין גאַנדי געהאַט באַנוצט אין דרום־אַפריקע, אין קאַמף מיט דער אומגערעכטיקער אונטערדריקונג. די רעוואָל־טאַטן האָבן איבערגעשטיגן יעדע דערוואַרטונג. ווען אַלע פּרוּוון פון די אינדער צו פועלן מיט גוטן ביי דער מאַכט, אַז זי זאָל צוריקציען די אויסנאַמגעזעצן, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, האָט גאַנדי באַשלאָסן אויסצוקעמפן פאַר זיינע ברידער רעכט און גערעכטיקייט טאַקע מיט דער סאַטיאַגראַהאַ און בירגערישער אומגעהאָרכזאַמקייט.

דאָס יאָר 1906 האָט די דרום־אַפריקאַנישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, וואָס דער תּמצית זיינער לאָזט זיך קורץ פאָרמולירן: די אינדישע איינוואַנדערער ווערן געהאַלטן ווי פאַרברעכער. זיי מוזן זיך מעלדן ביי דער פּאָליציי, כדי צו רעגיסטרירן זייערע פינגער־אָפּדרוקן. דידאָזיקע פאַראָר־דנונג האָבן די אינדער געהאַלטן, ווי אַ פּראָוואָקאַציע און אַ באַליידיקונג. מען האָט צונויפגערופן גרויסע פאַרזאַמלונגען, זיך באַראַטן, וואָס צו טון. לסוף האָט מען אָנגענומען ג א נ ד י ס פאָרשלאַג, אַז מען זאָל לגבי דער דאָזיקער פאַראָרדנונג אָנווענדן פּאַסיוון ווידערשטאַנד. און דאַן איז צום ערשטן מאָל פּראַקטיש באַוויזן געוואָרן, אַז גאַנדיס אידעע פון סאַטיאַ־גראַהאַ האָט דערגרייכט איר ציל.

די רעגירונג האָט באַשטימט שווערע שטראָפן פאַר די, וואָס וועלן זיך נישט קומען רעגיסטרירן. אָבער פונדעסטוועגן האָבן כ מ ע ט אַ ל ע אינדער אין ד ר ו ם - אַ פ ר י ק ע באַשלאָסן נישט צו גיין זיך רעגיסטרירן אין פּאָליציי און נישט לאָזן זיך אָראָפּנעמען קיין פינגער־אָפּדרוקן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן רייזיקע, מאַסאָווע אַרעסטן. משך אַ קורצער צייט זענען די תפיסות אין טראַנסוואַל פול געוואָרן מיט פאַרעקשנטע אינדער. גאַנדין האָט מען אויך פאַרמשפּט אויף צוויי חדשים אַרעסט.

די רעגירונג האָט געזען, אַז זי איז פולשטענדיק אַדורכגעפאַלן. מיט דער הילף פון אַ דריטן צד האָט זי אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען מיט גאַנדין. אָבער גיך האָט זי איר אָפּמאַך געבראָכן. ווידער האָט זיך אָנ־

געהויבן אַ סעריע רעפּרעסיעס. דאַן האָבן די אינדער צום צווייטן מאָל זיך גענומען צום פּאַסיוון ווידערשטאַנד. און ווידער האָבן טויזנטער מענטשן פרייוויליק זיך געלאָזט פאַרמאַכן אין די תּפיסות, און גאַנדי אויך בתוכם.

דערדאָזיקער סיכסוך האָט זיך געצויגן זייער לאַנג – און זיין העכסטן פּונקט האָט ער דערגרייכט דאָס יאָר 1912. דעמאָלט האָט דאָס דרום-אַפריקאַנישע געריכט מבטל געמאַכט אַלע חתונות, וואָס זענען אַדורכגעפירט לויטן אינדישן דין. כמעט אין דער זעלבער צייט האָט מען אַרויסגעגעבן אַ פרישע פאַראָרדנונג, אַז אַלע אינדער, וואָס וווינען אין דרום-אַפריקע, מוזן באַצאָלן אַ ספּעציעלן קאָפּשטייער – דריי פונט שטערלינג אַ יאָר. דאַן האָט גאַנדי פּראָקלאַמירט פּאַסיוון ווידערשטאַנד אין אַ נייער פאָרם – פולשטענדיק אָפּהאַלטן זיך פון יעדן מין אַרבעט: די אינדישע פרויען האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען אַנערקענט נישט זייערע חתונות; זיי האָבן זיך געלאָזט איבער די קוילנגרעבער-צענטערס און אויפגעפאָדערט די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן שטרייקן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די רעגירונג וועט צוריקציען אירע אומגערעכטיקע פאַראָרדענונגען. אונטערן איינדריק פון דערדאָזיקער ריזיקער שטרייקבאַוועגונג האָט מען צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער גאַנדי האָט אויך אָנטיילגענומען. סוף כּל סוף האָט די רעגירונג דערקלערט, אַז זי איז גרייט אָפּצושאַפן דעם קאָפּשטייער.

כּדי צו צווינגען די רעגירונג, אַז זי זאָל זיטן איר צוזאָג, האָט גאַנדי אָרגאַניזירט אַ גראַנדיעזן דעמאָנסטראַציעצוג פון די אינדישע איינוואַנדערער איבער גאַנץ טראַנסוואַל. דער לאָנדאָנער „טיימס“ האָט דעמאָלט געשריבן, אַז דידאָזיקע דעמאָנסטראַציע איז איינע פון די שענסטע היסטאָרישע מאַניפעסטאַציעס אין דעם מאָדערנעם גוואַלטלאָזן קאַמף.

דער באַפעל האָט געלויטעט: גיין אַזוי לאַנג, ביזוואַנען אַלע אָנטיילנעמער פון דער דעמאָנסטראַציע וועלן אַרעסטירט ווערן, אָדער מען וועט דערגרייכן יאָהאַנעסבורג. ‚די רעגירונג האָט צונויפגעקליבן אַן שיער פּאָליציי. קודם כּל האָט מען אַרעסטירט גאַנדין. מ'האָט געמיינט, אַז אַזוי־אַרום וועט מען צעקלאַפּן די גאַנצע אַקציע, אָבער גאָר גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אַרעסטירן גאַנדין האָט אין דער מינדסטער מאָס נישט פאַרהאַלטן אָדער פאַרקלענערט דעם מאַרש פון דערדאָזיקער „פרידלעכער אַרמיי“. מ'האָט אים אַרויסגעלאָזט. גאַנדי האָט זיך גלייך אומגעקערט צו זיינע מענטשן און ווייטער געפירט די גאַנצע דעמאָנסטראַציע. ביז די פּאָליציי האָט דערקלערט די דעמאָנסטרירנדיקע, אַז זיי זענען אַלע אַרעסטירט. אין ספּעציעלע צוגן האָט מען זיי אַלע אַוועקגעפירט אַהיים, קיין אינדיע.

אָבער די אייגנאַרטיקע פאָרם פונם דאָזיקן פּראָטעסט, דער אומגעבראָכענער ווידערשטאַנד פון גאַנדיס מיטשטימער האָבן געמאַכט דעם גרעסטן רושם אויף דער עפנטלעכער מיינונג. און הגם מ'האָט גאַנדין אַליין ווי'זער פאַרמישפּט אויף פופצן חדשים תּפיסה, האָט אָבער די דרום-אַפריקאַנישע מאַכט געמוזט נאָכגעבן: דאָס יאָר 1913 האָט מען אָפּגעשאַפט דעם קאָפּשטייער און מ'האָט אָנערקענט די אינדישע חתונות. אַ ספּעציעל

געזעץ האָט גאַראַנטירט די איינוואַנדערער פולשטענדיקע פרייהייט און גלייכבאַרעכטונג. אָבער גאַנדי האָט דערגרייכט מער, ווי דאָס פּאָרמעלע אַדורכפירן זיין ציל. אַדאַנק דעמדאָזיקן ווירדיקן סיסטעם פון קאַמף, אָן שום געוואַלט, האָט ער לסוף באַקערט זיין פאַרביסנסטן שונא, דעם באַער-גענעראַל און פרעמיערמיניסטער, סמיוטס. דער זעלביקער הער, וואָס האָט אין 1906 אָנגעזאָגט, אַז ער וועט קיין מאָל און בשום אופן נישט אָפּשאַפן די צוואַנגסגעזעצן קעגן די אינדער, האָט אין 1913 זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער קאָן צוריקציען זיין אייגענע פאַראָרדנונג.

17

אַ צווייטן ענלעכן פּרווו, צו באַשיצן די רעכט פון די אונטערגע-דריקטע פון דער רעגירונגס אומגערעכטיקע פאַראָרדנונגען מיט דער הילף פון דער סאַטיאַגראַהאַ, האָט גאַנדי אונטערגענומען אין זיין היימלאַנד, אין דער פּראָווינץ גוטשעראַט. נאָכדעם ווי ער האָט זיגרייך פאַרענדיקט דעם קאַמף פאַר באַפרייען זיינע דרום-אַפריקאַנישע ברידער, איז גאַנדי צוריק-געקומען קיין אינדיע, ווי אַ זיגער. אַז דאָס יאָר 1913 זענען אין קאַירא אויסגעבראָכן פויערנאומרוען צוליב דער בייזוויליקער שטייערפּאָליטיק פון דער רעגירונג, איז גאַנדי, וואָס איז ביז דעמאָלט בעת דעם גאַנצן קאַמף לאָיאַל געשטאַנען אויף דער ענגלישער זייט, צוגעטרעטן אויך צום דאָזיקן ענין.

קודם כל האָט ער אַ לאַנגע צייט געפּרווט צו דערקלערן דערמאַכט, אַז זי האַנדלט אומגערעכטיק. דאָס האָט נישט געהאָלפן. דאַן האָט ער געראָטן די פויערן, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן צו צאָלן שטייערן און פרייוויליק נעמען אויף זיך אַלע פאַרויסגעזעענע שטראָפן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פויערן פון קאַירא זענען אַזוי פאַרעקשנט און אויסגעהאַלטן, ווי זייערע ברידער אין דרום-אַפריקע: איבער דריטהאַלבן טויזנט פּשוטע פויערן האָבן, נישט געקוקט אויף אַלע דראָונגען, זיך אָפּגעזאָגט צו סילוקן די אומגערעכטיקע שטייערן און געדולדיק איבערגעטראָגן אַלע שטראָפן. סוף כל סוף האָבן זיי אויסגעפירט זייערס. די רעגירונג האָט געמוזט גיין אויף קאָמפּראָמיסן און צוריקציען די שטייערן. קורץ דערנאָך האָט זיך אויך גאַנדי געשטעלט בראש פון די אומצופרידענע אַרבעטער אין ווירא נ-גאַן און אַהעמדאַבאַד. דאָרט האָט ער אויך דערגרייכט פּראַכטפולע רעזולטאַטן מיט זיין מעטאָדע פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, אָן שום געוואַלט.

אָבער ערשט אינם פייער פון די גרויסע פּאָליטישע קאַמפן פאַר אינדיעס באַפרייונג פון אונטער דעם ענגלישן יאָך, האָט דערדאָזיקער סיסטעם פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד און גייסטיקער האַרטקייט באַקומען זיין אמתדיקן פּאָליטישן אויסדריק. מיט דער הילף פון דער „נאָן-קאָאָפּעריישען“ פון דער אומ-מיטאַרבעט, פון פולשטענדיקן אָפּהאַלטן זיך פון דער

מינדסטער מיטאַרבעט מיט דער ענגלישער מאַכט — האָט גאַנדי געוואָלט צענויפזאַמלען אין איין צענטער אַלע פּרוון פונם אינדישן פאָלק זיך צו באַפרייען פון דער ענגלישער ממשלה. דער מיליטערישער איבערגעוויכט פונם פרעמדן אָקופּאַנט, האָט ער געוואָלט אַנטקעגנשטעלן דעם ריין-מאָראַלישן כוח פון זיין פאָלק.

אויך פריער האָט אינדיע אין איר פּאָליטישן קאַמף זיך באַנוצט מיט דער אום-מיטאַרבעט. אָבער אַדאַנק גאַנדין האָט זי באַקומען איר אמתדיקן עטישן און רעוואָלוציאָנערן באַטייט, איז זי געוואָרן אַן אמתדיקער, גרויסער פּאָליטישער און פילאָזאָפישער סיסטעם. דווקא אין אינדיע האָט זיך שוין אַמאָל דאָס גאַנצע פאָלק אָפּגעהאַלטן פון אָנטיילצונעמען אין וועלכע-ס׳איז מלוכישע ענינים, און אויף אַזאַ אופן פּראָטעסטירט קעגן די אומגערעכטיקע פאַראָרדנונגען. די דאָזיקע אידעע איז געווען טיף איינגעוואָרצלט אין יעדן אינדערס געדאַנקען און געפילן. פון זינט בודאַן אָן פילן אַלע רעכטפאַרטיקע, פרומע אינדער אַן עקל צו יעדן מין באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין וועלכער ס׳איז פאָרם. בלויז די מאַכמעדאַנער, וואָס וווינען אין אינדיע, האָבן טיילמאָל, אין קאַמף מיט דער אונטערדריקונג, זיך באַנוצט מיט געווער.

דערדאָזיקער מין פּאַסיווער ווידערשטאַנד קעגן דער ענגלישער מאַכט איז פּראַקטיצירט געוואָרן אין בענאַרעס, נאָך דאָס יאָר 1812. דאָס פאָלק האָט דאַן געהאַלטן, אַז די פאַראָרדנונגען פון דער ענגלישער מאַכט זענען אומגערעכטיקע—זענען טאָקע אַ לאַנגע צייט געווען פאַרמאַכט די קלייטן, די באַפעלקערונג האָט נישט געטון קיין שום אַרבעט, און דערביי זיך געהאַלטן שטרענג דיסציפּלינירט און בלינד געפאָלגט אירע פירער. דאָס האָט אויך געגעבן דעם געוווּנטשטן רעזולטאַט: די רעגירונג האָט געמוזט אָפּטרעטן און אָפּשאַפן די שטייערן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם.

אַן ענלעכן פּרווו האָט מען אויך אונטערגענומען שפּעטער, דאָס יאָר 1830, אין פירשטנטום מ ײ ז אָ ר. דער דאָרטיקער פירשט האָט אומגעהייער געפּייניקט זיינע אונטערטעניקע. דער פאָרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג באַשרייבט אינם געהעריקן באַריכט די געשעענישן בזה הלשון: „די באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזט די דערפער, נישט געטון קיין שום אַרבעט אויפן פעלד, פאַרטריבן די באַאַמטע און זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן די שטייערן אין וועלכער-ס׳איז פאָרם. אָבער ס׳איז אין ערגעץ נישט געקומען צו קיין שום צוזאַמענשטויס, קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט צום געווער. די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרזאַמלט אין די דזשאַנגלס (אורואַלטע וועלדער) און דאָרט זיך דערנערט מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע מינים שפּייז, וואָס מען פלעגט ברענגען בשתיקה ביינאַכט פון דאָרף. משמעות, אַז די באַפעלקערונג איז באַוואוסט אין דעם מין קאַמף, וואָס דאַרף באַשיצן פאַר דער רעגירונגס אומגערעכטיקייטן. דאָס רוב באַזייטיקן זיי זיך פון יעטוועדן אָנטייל אין דער רעגירונגס אַדמיניסטראַטיווע ענינים. דאָס האָט אויך די גרעסטע פעולה“.

אָנהייב צוואָנציקסטער יאָרהונדערט איז אין בענגאַל אַנטשטאַנען, אונטער דער אָנפירונג פונם גרויסן אינדישן פילאָזאָף און פּאָליטיקער אַ ו ר אָ ב י נ ד אָ ג אָ ז ע, אַ באַוועגונג, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי די אורפאָרם פון גאַנדיס אום-מיטאַרבעט. ס'איז געווען אַזוי: די ענגלישע ביוראָקראַטיע האָט באַשלאָסן אַדורכצופירן אַ פרישע אַדמיניסטראַטיווע צעטיילונג אויף ראַיאָנען. עס איז אויסגעקומען, אַז די אינטערעסן פון דער בענגאַלישער באַפעלקערונג זענען באַדראָט. אַלס ענטפער דערויף האָבן די בענגאַלישע איינוווינער, לויט גאָזעס עצה, דערקלערט אַ באָיקאָט פון אַלע ענגלישע סחורות און באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן זיך פון יעדער מיטאַרבעט מיט דער ענגלישער מאַכט. צו יענער צייט האָבן זיך אויך באַוויזן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרעס ערשטע פרייהייטלידער. ער האָט גערופן זיינע לאַנדברידער, אַז זיי זאָלןווידמען אַלע זייערע כוחות, האָב און גוטס און דאָס לעבן פאַר דער באַפרייונג פון זייער פאָטערלאַנד. די בענגאַלישע איינוווינער האָבן מיט התלהבות אויפגענומען די ראָטן און רופן פון זייער פּאָליטישן פירער און דיכטער: אומעטום, אין אַלע טיילן פון לאַנד, האָבן די מענער און פרויען אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין ענגלאַנד און זיי פאַרברענט אויף ריזיקע שייטערהויפנס. גלייכצייטיק האָבן כמעט אַלע אינדער אָוועקגעלייגט זייערע אַדמיניסטראַטיווע מאַנדאַטן און אַמטן. מ'האָט אָנגעהויבן באָיקאָטירן די ענגלישע אַדמיניסטראַטיווע מאַכט.

אַוראָבינדאָ גאָזע האָט געהאַלטן – ווי שפּעטער גאַנדי –, אַז אינדיע מוז דערציען איר יוגנט אין גייסט פון איר א י י ג ע נ ע ר קולטור. זי מוז דערום איבעררייסן מיטן ביזאַהעריקן סיסטעם פון בילדן האַלב-אינטעליגענטן. אָבער כל-זמן דאָס גאַנצע לאַנד האָט נישט געהאַט קיין עסן און קיין מלבושים, האָט מען נישט געקאָנט פון אים פאַרלאַנגען, אַז עס זאָל זיך געהעריק פאַרנעמען מיט דער גייסטיקער דערציונג. דערום האָט אַוראָבינדאָ גאָזע אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אינדיעס פינאַנסיעלער זעלבשטענדיקייט, כדי אַזוי-אַרום זאָל דאָס אינדישע פאָלק קאָנען קעמפן קעגן דער אַלגעמיינער נויט. און אַז ענגלאַנד האָט נישט געוואָלט געבן איר הסכמה אויף אַזאַ פינאַנסיעלע זעלבשטענדיקייט, איז גאָזע אַרויסגעטראָטן קעגן דער ענגלישער מאכט בכלל. דערביי האָט ער זיך אָבער באַמיט נישט אָנצווענדן קיין געוואַלט. ער האָט דערום קודם-כל גערופן דאָס פאָלק, אַז עס זאָל אין זיך אַליין אַנטוויקלען די מאָראַלישע פעיקייט צו אומאָפּהענגיקייט – טאַקע דורך דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד לגבי די ענגלענדער און דורך געמיינזאַמען שטיצן און העלפן זיך קעגנזייטיק. אינדיע דאַרף מיט די אייגענע כוחות אַנטוויקלען אַן אייגענע אינדוסטרי און אַן אַגריקולטור, אַנשטאָט אויסצוקוקן הילף פון פרעמדע. און אויב ענגלאַנד וויל איר נישט געבן קיין עקאָנאָמישע שוץ (צאָל) – מוז זיך דאָס פאָלק אַליין שאַפן אַזאַ שוץ דערמיט, וואָס עס וועט באָיקאָטירן די אויסלענדישע סחורות. דאָס גאַנצע פאָלק מוז טון אַלץ, וואָס מעגלעך, כדי דורך טריקענען די וועלדער, דורך פאַר-

לייגן נייע וועגן און פאַרבעסערן די סאַניטאַרע באַדינגונגען אין שטאָט און דאָרף — אַ סוף מאַכן צו די עפּידעמיעס, וואָס מאַכן אַ תּל פון דער באַפעלקערונג. גלייכצייטיק דאַרף מען גרינדן נייע אינדישע שולן, אויסבילדן אין דער יוגנט די גייסטיקע און מאָראַלישע כּוחות. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געזאָלט סיסטעמאַטיש צוגרייטן דאָס פאָלק צו זיין פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט.

אָבער די גאַנצע פרידלעכע אַרבעט האָט גאָר גיך אָנגעוווירן איר אורשפּרינגלעכן כאַראַקטער. אַוראָבינדאָ גאָזע האָט אָנגעוווירן זיין איינפלוס איבער די אויפגערעגטע, אונטערגעהעצטע פאָלקסמאַסן. די אָנפירערשאַפט האָבן באַקומען אַנדערע פּאָליטיקער, וואָס האָבן געפּרעדיקט באַוואָפנטן אויפשטאַנד. איז טאַקע קורץ דערנאָך אויסגעבראָכן אַ בלוטיקע מרידה, וואָס די ענגלענדער האָבן משך אַ קורצער צייט גרויזאַם דערשטיקט

## 18

ביז גאַנדין איז דער פּאָליטישער פירער פון דער גאַנצער אינדישער אומאָפּהענגיקייטבאַוועגונג געווען — באַל גאַנדאַגאַר טילאַק, וואָס האָט געהאַט די זכיה געקרוינט צו ווערן מיטן נאָמען „לאָקאָמאַיאַ״ — דער פאָלקספריינד. ער האָט דאָס אין יאָר 1905 צום ערשטן מאָל אויפן אַלאינדישן קאָנגרעס געוואָרפן די לאָזונג פון סוואַראַדזש — אינדיעס רעכט צו זעלבסטבאַשטימונג. ער האָט עס אויך אין אַ גאַנצער ריי שווערע קאַמפן אויסגעריסן פאַרשידענע רעפאָרמען ביי דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע. פון זינט טילאַקס אַרויסטרעטונג האָט די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי באַקומען אויפן קאָנגרעס אַן אַנטשיידענע השפּעה. ער האָט אויך סוף־כּל־סוף געצוווּנגען די רעגירונג צו אַ גאַנצער ריי הנחות, דהיינו: צו דער רעפאָרם פון „מאָרלי־מינטאָ״, דערנאָך, נאָך דער מלחמה, צו „מאָנטעגיו־טשעלמספאָלד״, וואָס האָט אייגנטלעך איינגעפירט אַ מין אינדישע אויטאָנאָמישע אַליינפאַרוואַלטונג.

אויך טילאַק געהערט צו יענע פּאָליטישע פירער, וואָס גאַנדי רעדט וועגן זיי מיטן גרעסטן יראת־הכּבוד. דער מאַהאַטמאַ דערציילט, אַז טילאַק האָט אים אָנגעטון דעם כּבוד און אים געטרויט. אַפילו אויפן טויטנבעט האָט ער גוטגעהייסן גאַנדיס מעטאָדעס. פאַר זיינע פּאָליטישע לערער האַלט גאַנדי קודם־כּל דעם פאַרשער דאַדאַבהאַי, „באָמבייס אומגעקרוינטער קעניג״. ער האָט אים צום ערשטן מאָל באַוויזן, ווי אַזוי מען קאָן אַדורכפירן די אַהימשאַ אין עפנטלעכן לעבן. פאַר זיין צווייטן מורה־דרך האַלט גאַנדי דעם גרויסן אינדישן פּאָליטיקער און פאָלקרעדנער — גאָקהעל. — „גאָקהעל — שרייבט גאַנדי — איז דער מוסטער דערפון, וואָס עס דאַרף באמת זיין אַ פּאָליטישער פירער. ער איז געווען ריין ווי קרישטאָל, מילד, ווי אַ שעפעלע, דרייסט ווי אַ לייב, העלדיש ביז גאָר״.

אונטערן איינפלוס פון דידאַקטיקע פירער, ווי אויך אין הסכּם מיט

זיינע אייגענע פּרינציפּן, האָט גאַנדי געפּרוּווט אויך אין אינדיע, אַזוי ווי פריער אין דרום-אַפריקע — צו פּועלן אַלץ מיט גוטן. אַלע רייסעניש און רייבונגען צווישן דער ענגלישער מאַכט מיט דער אינדישער באַפעלקערונג האָט ער געוואָלט אָפּשאַפן אויף אַ פרידלעכן, פריינדלעכן אופן. אפילו בעת די העפטיקסטע קאַמפן האָט גאַנדי אָנגעשריבן אַן אָפענעם בריוו צו אַלע ענגלענדער, וואָס וווינען אין אינדיע. ער ווייזט דאָרט אויף, ווי משך ניין און צוואַנציק יאָר, אין די שווערסטע באַדינגונגען, איז ער געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער ענגלישער מאַכט. „גלייבט מיר, אַז איך האָב געאַרבעט צוזאַמען מיט אייך נישט צוליב מורא פאַר אייערע געזעצן. איך האָב עס געטון מחמת פרייען אומגעצוווּנגענעם ווילן, אין דער איבערצייגונג, אַז די ענגלישע מאַכט האַנדלט אין אינדיע פאַר איר וויל".

ערשט אונטערן איינדריק פון די געשעענישן בעת דער וועלטמלחמה און נאָך איר האָט גאַנדי געענדערט זיין מיינונג וועגן ענגלאַנדס לאָיאַלקייט. באַלד נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה האָט ענגלאַנד זיך געוואָלט פאַרזיכערן אינדיעס הילף און דערום איר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג. צווישן אַנדערע, האָט מען צוגעזאָגט אינדיע פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע און גלייכבאַרעכטונג מיט אַלע אַנדערע דאָמיניעס. דאָס אינדישע פאָלק האָט געגלייבט דידאָזיקע הבטחות און געגעבן ענגלאַנד נישט נאָר אַ גרויסע געלט-הילף, נאָר אויך איר צושטייער-געגעבן אַ מעכטיקע אַרמיי. גאַנדי אַליין האָט גערופן דאָס פאָלק זיך צו פאַרשרייבן פאַר פרייוויליקע.

אָבער נאָך דער מלחמה, ווען דייטשלאַנד איז שוין געווען באַזיגט און ענגלאַנד האָט שוין נישט געדאַרפט אָנקומען נאָך אינדיעס הילף — האָט זי שטאַרק פאַרצויגן דאָס אויספילן די הבטחות, נישט געקוקט אויף דער גרויסער אויפרעגונג אין אינדיע. גאַנדי האָט נאָך אַלץ געגלייבט, אַז לאָנדאָן וויל נאָר פאַרציען דעם ענין, אָבער אַז פריער צי שפּעטער וועט זי מקיים זיין אירע צוזאָגן. אָבער שוין אין 1919 האָט זיך זיין מיינונג געבראָכן. דאַן האָט מען אַריינגעטראָגן דעם אַזוי-גערופענעם ראַולאַט-געזעץ — דאָס האָט געהייסן, אַז מען האָט פאַרלענגערט אויף אַן אומבאַגרענעצטער צייט דעם אויסנאַמצושטאַנד, וואָס מ'האָט איינגעפירט בעת דער מלחמה. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געזעץ איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן אויף דער קעניגלעכער געזעצפאַרזאַמלונג אין דעלהי. דאַן האָט גאַנדי ענדגילטיק געענדערט זיין לאָיאַלע באַציונג צו ענגלאַנד. ער האָט זיך אַנטשלאָסן אָנצוהויבן אַן אָפענעם קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון זיין פאָלק. — „דאָס ראַולאַט-געזעץ — שרייבט ער דאַן — איז אַזאַ אומדערהערטע באַגרענעצונג פון דעם מענטשנס פערזענלעכער פרייהייט, אַז מיר מוזן זיך ווי צומענערגישסטן אַנטקעגנשטעלן. איך האָב געהאַלטן, אַז אַפילו די דעספּאָטישסטע מלוכה טאָר נישט אַרויסגעבן קיין געזעצן, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק איז קעגן זיי. א פשיטא טאָר עס נישט טון אַזאַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאַכט, ווי די ענגלישע".

אונטער גאַנדיס ווירקונג האָט גאַנץ אינדיע זיך מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט צו אַ ריזיקער פּאָליטישער אַקציע, וואָס האָט געפונען איר אויסדריק אין דער פּראַכטפולער אימפּאָזאַנטער פּראָטעסטדעמאָנסטראַציע דעם 6 אַפּריל 1919. — „כ'האָב זיך אָבגעגעבן אַ רעכענונג — האָט גאַנדי דערנאָך געשריבן — אַז מען מוז געבן דערדאָזיקער אַנגעהויבענער אַקציע אַ באַשטימטע ריכטונג, אַז זי זאָל זיך נישט צעברעכן, אַז זי זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין געוואַלט-מעשים. דאַן האָב איך זיך אַנטשלאָסן פאַרצולייגן דעם פאָלק די סאַטיאַגראַהאַ...” אין גאַנצן לאַנד האָט מען באַשטימט אַ „האַרטאַל”, אַ מין רעליגיעזן שטרייק. אָבער אויך דער דאָזיקער האַרטאַל איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס איז געווען געווענדט בלויז קעגן איין געזעץ. און די דעמאָנסטראַציע איז אויך געווען פולשטענדיק לעגאַל און אין די ראַמען פון דער דערלאַזבאַרער אָרדנונג. די דעמאָנסטראַציע איז אין גאַנץ אינדיע אַריבער רויק — בלויז אין דעלהי זענען אויסגעבראָכן קליינע אומרוען.

גאַנדי איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין דעלהי, כדי צו באַרויקן דאָס פאָלק. דערווייל האָט די ענגלישע מאַכט זיך געפעדערט און אים אַרעסטירט אויפן וועג און צוריקגעבראַנגט מיטן עטאַפּ קיין באָמביי. דערדאָזיקער אַרעסט האָט געבראַנגט מוראדיקע רעזולטאַטן: אין פּענדשאַב איז דערגאַנגען צו צוזאַמענשטויסן, מ'האָט דערקלערט קריגצושטאַנד און גיך דערנאָך איז פאָרגעקומען יענע באַרימטע שחיטה אין אַמריטסאַר, ווו דער ענגלישער גענעראַל דאַיער האָט געהייסן שיסן פון קוילנוואַרפער אין אומבאַוואָפנטן המון און דערהרגעט הונדערטער מענטשן. אמת, אונטערן דרוק פון די אינדישע נאַציאָנאַליסטן האָט די ענגלישע מאַכט גלייך נאָך דערדאָזיקער שוידערלעכער געשעעניש באַשטימט אַ ספּעציעלע אויספאָרשקאָמיסיע, און זי האָט באַשטעטיקט דעם גאַנצן פאַקט — אָבער די רעגירונג האָט פונדעסטוועגן נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַשטראָפן אירע באַאַמטע.

גראַד אין דער זעלבער צייט, וואָס די גאַנצע אינדישע באַפעלקערונג איז געווען אויפגערעגט נאָך די געשעענישן אין פּענדזשאַב — איז צווישן די אינדישע מאַכמעדאַנער אַנטשטאַנען אַ שטאַרקע „באַוועגונג פאַרן קאַליפאַט”. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נאָך מער פאַרגרעסערט דעם כאַאָס. בעת דער מלחמה זענען די מאַכמעדאַנער, וואָס וווינען אין אינדיע. אייגנגענגען אונטערצושטיצן ענגלאַנד נאָר מיט דעם באַדינג, אַז אויב מען וועט באַזיגן טערקיי וועט מען זי נישט באַהאַנדלען זייער שטרענג. אָבער ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די שלום-אונטערהאַנדלונגען אין סעוור, איז מען געוווער געוואָרן, וואָסערע שווערע באַדינגונגען מען שטעלט טערקיי. די מאַכמעדאַנישע באַפעלקערונג איז געוואָרן שטאַרק דערצערנט. מען האָט זיך פאַררופן אויף דעם לאָרד טשעלמספאָרדס און לאָיד דזשאָרדזשס הבטחות און געפאָדערט, אַז מען זאָל צוריק אָנערקענען דעם סולטאַן זיין סוווערענע מאַכט. דער סולטאַן איז גלייכצייטיק געווען קאַליף און אַזויאַרום דער פאַרשטייער פון דער גייסטיקער מאַכט פון גאַנצן איסלאַם. אָבער די

ענגלישע רעגירונג האָט זיך דידאָזיקע פאָדערונג קנאַפ-וואָס גענומען צום האַרצן. דאַן האָבן ביידע ברידער אַ ל י אָרגאַניזירט אַלע מאַכמעדאַנער אין אינדיע צו אַן ענערגישער פּראָטעסטקאַמפּאַניע.

גאַנדי האָט מיט זיין שאַרפן בליק דערזען, אַז דאָס איז אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט צו מילדערן דעם האַס צווישן די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער, וואָס האָט זינט דורות געטיילט דידאָזיקע ביידע אומות אויף צוויי פיינדלעכע לאַגערס. איצט קאָן מען פאַרייניקן די אָנהענגער פון דידאָזיקע ביידע אמונות צום געמיינזאַמען קאַמף מיט ענגלאַנד. אויף דעם גרויסן מאַכמעדאַנישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 24 נאָוועמבער 1919, האָט גאַנדי אַליין איבערגענומען דעם פאָרזיץ. ער האָט אונטערגעשטיצט מיט דער גאַנצער ענערגיע די פאָדערונגען פון די מאַכמעדאַנער און דערקלערט, אַז אַלע אינדער וועלן עס האַלטן פאַר זייער אייגענער זאַך.

## 19

גאַנדיס אַקציע פאַר „אום-מיטאַרבעט” האָט אורשפּרינגלעך געהאַט אַ ריין נעגאַטיוון כאַראַקטער. זי האָט לכתחילה געשטרעבט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אָפּהאַלטן פון יעטוועדן אָנטייל אין דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע און צו האָבן אַ מגע-ומשא מיט די רעגירונג-אַנשטאַלטן. אָבער גיך האָט זיך די דאָזיקע אידעע פאַרוואַנדלט אין אַן אַ ק ט י װ ן כוח. דאָס איז געשען מיטן מאָמענט, ווען גאַנדי האָט דערקלערט דעם פאָלק, אַז דער פּרינציפּ פון אום-מיטאַרבעט מיט ענגלאַנד באַטייט גלייכצייטיק ־־י סאָלידאַרישע מ י ט אַ ר ב ע ט פון אַלע אינדער. און אפשר דאַרפן מיר אין דעם זען גאַנדיס וויכטיקסטן פּאָליטישן אויפטו — ס'איז אים פאָרט געלונגען, הגם נאָר צייטווייליק און נישט פולשטענדיק, צו פאַראייניקן גאַנץ אינדיע און אָפּטעמפּן, פאַרמילדערן די דורות-לאַנגע רייסענישן, בעיקר צווישן די אינדער און מאַכמעדאַנער. ערשט א י ם האָט זיך איינגעגעבן צו באַשאַפן אַזוינס, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן אינדיש פאָלק. אים האָט זיך איינגעגעבן צעגויפצושמעלצן אין איין נאַציאָנאַל געפיל די גאַנצע באַפעלקערונג פונם דאָזיקן לאַנד — הגם ס'האָבן עקזיסטירט טיפע רעליגיעזע און עטישע אונטערשידן.

אַזוי גוט, ווי לענין האָט פאַרן ערשטן באַדינג פאַר דעם דערפאָלג פון דער רעוואָלוציע און פאַר דעם קיום פון זיין נייעם מלוכהשטייגער, געהאַלטן דאָס פאַראייניקן דעם אַרבעטער מיטן פויער, דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט מיט דער ריזיקער מאַסע דאָרפישער אָרעמקייט — אַזוי האָט גאַנדי געהאַלטן, אַז די פאַראייניקונג פון די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער איז דער פאָרבאַדינג פאַר אַ ניי'ער, פרייער אינדיע.

נאָך פון פריער האָט מען אונטערגענומען פאַרשידענע פּרוּוון, ־די אַ סוף צו מאַכן צו דער טיפער שפּאַלטונג און דער שינאה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צווישן די מאַכמעדאַנישע באַצווינגער פון אינדיע און די אונטערגעדריקטע

אינדער. נאָך דאָס זעכצנטע יאָרהונדערט האָט דער קיסר אַקבאַר דער גרויסער אונטערגענומען צו פאַרייניקן דידאָזיקעביידע לאַגערן. צו דעם צוועק האָט ער איינגעפירט ברייטסטע טאָלעראַנץ פאַר אַלע אמונות. דערנאָך האָט דער גרינדער פֿון דער סעקטע סיקה, נאַנאַק, געפּרוווט אויסגלייכן אַלע קעגנזאַצן. ער האָט דידאָזיקע פראַגע באַהאַנדלט פון דער רעליגיעזער זייט. נאַנאַקס תורה, וואָס איז אַרויס מיטן דעוויז: נישטאָ קיין אינדער, נישטאָ קיין מאַכמעדאַנער! האָט וואָס אַן אמת, שפּעטער גע־זיגט, אָבער גראָד אין דער פאַרקערטער ריכטונג. די סעקטע סיקה האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אין אַ קריגערישע אומטאָלעראַנטע אמונה.

אויך איצט זענען געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פּרוּוון צו אויסגלייכן און פאַרייניקן די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער. דער עיקר האָבן עס אונטערגענומען די אינטעליגענטע קרייזן. זיי האָבן געהאַט בדעה עס אַדורכפירן מיט דער הילף פון דער מערב־אייראָפּעישער טאָלעראַנץ. גענוג צו דערמאָנען ראַנאַהון ראָיען, דעבינדראַנאַט טאַגאָרע און קעסוּב און צונדער סען. מיטן לעצטן האָט אויך סיספּאַטיזירט ראַבינדראַנאַט טאַ־גאָרע.

די מאַכמעדאַנער, וואָס וווינען אין אינדיע, האָבן קיינמאָל נישט באַ־טראָפן מער ווי אַ פינפטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דערום, כדי צו דערהאַלטן זייער אויבערשטע שטעלונג, האָבן זיי זיך שוין פון לאַנג פאַרייניקט מיט די ענגלענדער, און האָבן שטענדיק געהאַט צו זיי אַ לאָיאַלע באַציונג. ס'איז וויל באַוווּסט, אַז טאַקע אַדאַנק דער הילף פון די מאַכמעדאַנער – איז ענגלאַנד געלונגען צו דערשטיקן דעם געפערלעכן אויפשטאַנד פון די סיפּאַיען דאָס יאָר 1859. פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע פריינדלעכע באַציונגען צווישן די ענגלענדער מיט די מאַכמעדאַנער האָבן אַ סך גורם געווען דערצו, אַז דער סיכסוך מיט די אינדער איז פאַרשאַרפט געוואָרן. די אינדער זענען אַזויאַרום געווען אונטערגעדריקט פון צוויי זייטן; כל־זמן די מאַכמעדאַנער זענען געגאַנגען האַנט־ביי־האַנט מיט די ענגלענדער, האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ שלום צווישן די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער.

דידאָזיקע לאַגע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן שוין פון הונדערט יאָר, האָט זיך דאָס יאָר 1919 פולשטענדיק געענדערט. אונטערן איינפלוס פון דער קאַליפאַטבאַוועגונג, איז די מאַכמעדאַנישע באַפעלקערונג פון אינדיע אַוועק פון די ענגלענדער און זיך גלייכצייטיק דערנעענטערט צו דער באַוועגונג פאַר סוואַראַדזש, וואָס גאַנדי האָט אָנגעהויבן. גאַנדי האָט געהעריק אויס־גענוצט דידאָזיקע ענדערונג אין דער לאַגע. ער האָט געפּועלט ביי זיינע מיטשטימער זיך צו סאָלידאַריזירן מיט די מאַכמעדאַנישע פאָדערונגען און אַזויאַרום האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געשאַפן אַן איינהייטלעכער פראָנט פון די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער קעגן די ענגלענדער.

אמת, אַז די אייביק־לאַנגע מלחמות האָבן נישט מיטאַמאָל אויפגע־הערט. דאָ און דאָרט זענען נאָך פאָרגעקומען פאַרשידענע שווערע צוזאַ־

מענשטויסן, ווי, צבש. בעת דער בלוטיקער מרידה אין מאָפּלאַה. פונ־דעסטוועגן, איז לויט גאַנדיס איניציאַטיוו פאָרגעקומען אַ פּרינציפּיעלע פאַר־שטענדיקונג און אַ שלום אין אַזאַ מאָס, וואָס איז נאָך ביזאַהער נישט געווען. די מאַכמעדאַנישע פירער האָבן געאַרבעט האַנט־ביי־האַנט מיט גאַנדין. אויף דער אַלאינדישער מלוכישער קאָנפערענץ האָבן ביידע פּאַרטייען אונ־טערגעהאַלטן דעמזעלביקן פּראָגראַם, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער מיט דער פולער לאָיאַלקייט זיך קעגנ־זייטיק אונטערגעשטיצט אין זייער קאַמף קעגן ענגלאַנד.

גאַנדי האָט אין אַלע זיינע רעדעס און שריפטן וועגן דער פאַרייני־קונג פון די אינדער מיט די מ׳אַכמעדאַנער כסדר געקעמפּט פאַר דער פו־לער, באַדינגלאָזער גלייכבאַרעכטיקונג פון דידאָזיקע ביידע אמונות. ער האַלט, אַז דידאָזיקע פאַרייניקונג האָט נישט קיין שום שייכות מי׳ט די רעליגיעזע און קולטורעלע אונטערשיידן: „איך וועל קיינמאָל נישט אָנער־קענען, אַז צווישן די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער זענען פאַראַן עפּעס וועזנטלעכע אונטערשידן. סיי די, סיי יענע זענען ביי מיר זין פון איין מאַמע, פון אינדיע. איך ווייס, אַז אינדער איז פאַראַן אַ סך מער, אַז מען האַלט זיי פאַר מער ציוויליזירט און געבילדעט. דערום דאַרפן זיי זיך שטעלן פאַר אַ כבוד אויפגאַבע צו טיילן זיך מיט אַ טייל פון זייער קענטעניש מיט זייערע מאַכמעדאַנישע ברידער. נאָר דעמאָלט, ווען די אינדער און מאַכמעדאַנער וועלן זיך קעגנזייטיק באַהאַנדלען ווי ליבלעכע ברידער, נאָר דאַן קאָן הערשן אמתדיקע אחדות, נאָר דאַן קאָן פאַר אינדיע קומען דער טאָג פון פרייהייט”.

דער ענדגילטיקער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער אחדות, האַלט גאַנדי, איז נישט נאָר אינדיעס פּאָליטישע באַפרייונג, נאָר אויך דער אויפקום פון אַ נייער, פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער קולטור. כדי דאָס גיכער צו דער־גרייכן, האָט ער געגרינדעט אין אַהמעדאַבאַד אַן אינדישן אוניווערזיטעט, ווו די תלמידים האָבן זיך געזאָלט באַקענען מיט אַלע אזיאַטישע שפּראַכן און קולטורן, אַזוי מיט דער פּערסישער און אַראַבישער שפּראַך, ווי מיטן סאַנסקריט. — מיין אוניווערזיטעט — האָט גאַנדי געשריבן אין זיין זשורנאַל Ioung India (יונגע אינדיע) — וויל נישט נאָר דערהאַלטן ביים לעבן די אַלטע קולטורן, נייערט ער האָפט אויך צו שאַפן אַ נייע קולטור, גע־שטיצט אויף דער טראַדיציע, אָבער באַרייכערט מיט די דערפאַרונגען פון די שפּעטערדיקע צייטן. ער באַמיט זיך צו דערגיין צו דער סינטעז פון דידאָזיקע אַלע גייסטיקע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך אָנגענומען אין אינדיע, איבן־אויס אַ ווירקונג אויפן לעבן פון לאַנד, און וואָס בלייבן אַליין אונטערן איינדרוק פונם פאָלקס גייסט. דערביי דאַרף יעדער פון דידאָזיקע קולטורן אָפּגעגעבן ווערן איר געהעריק אָרט. נישט ווי אין אַמעריקע — ווו נאָר איין הערשנדיקע שפּראַך און איין גייסטיקע ריכטונג דערשטיקט פולשטענדיק אַלע אַנדערע אייגפלוסן. אַזוי־אַרום האָט זיך באַשאַפן אַ קינ־סטלעכע, געצוווּנגענע אייניקייט... פון איין זאַך היט זיך אויס מיין אוני־

ווערזיטעט: פון דעם גייסט פון אויסשליסלעכקייט, וואָס וויל פאַר זיך איינכאַפּן וועלכן-ס'איז געביט פון מענטשלעכער אַרבעט...

זעלבספאַרשטענדלעך, אַז גאַנדיס דאָזיקער דרייסטער געדאַנק, אי-בערצוּרייסן מיט די טיף-איינגעוואָרצלטע אַבערגלויבנס פון דער פאַרגאַנגנהייט און צו פאַרייניקן די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער אין איין געמיינזאַמער טאַט — אַז דערדאָזיקער געדאַנק איז נישט אין גאַנץ אינדיע אויפגענומען גע-וואָרן מיט דער פולסטער אָנערקענונג. פאַרקערט, אין געוויסע קרייזן האָט מען זיך אים גאַנץ שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט. איינער פון גאַנדיס שאַרפסטע קעגנער, דער פאָליטיקער און שרייבער סאַנקאַראַ נאיר, האָט געהאַלטן, אַז די מאַכמעדאַנער פאַרשטייען אונטער דערדאָזיקער פאַרייניקונג — זייער אייגענע ממשלה און העגעמאָניע איבער די אינדער, און גאַנדי אַרבעט לטובת זייער פאַרכאַפּערישע פּלענער: „גאַנדי האָט געמוזט די מאַכמעדאַנער מאַכן גרויסע הנחות: ער האָט פשוט איבערגעגעבן די אינדישע אינטע-רעסן אין די הענט פונם איסלאַם".

ער וואַרפט-פאָר גאַנדין, אַז די מאַכמעדאַנער זענען, אין זינען פון זייער אמונה, אַנטשיידענע אָנהענגער פון מלחמה און אַז דערום וועט מען זיי נישט קאָנען איינשליסן אין דעם סיסטעם פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד. גאַנדי ענטפערט דערויף: „פון מיינע באַציונגען מיט די איידלסטע מאַכ-מעדאַנער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער איסלאַם האָט זיך אַנטוויקלט נישט אַ דאַנק דעם קולט פון דער שווערד, נאָר אַ דאַנק דער גאָטספאָרכ-טיקער ליבשאַפט — פון אַנצאָליקע הייליקע און פּאַקירן. אמת, אַז דער קאָראַן דערלויבט צו באַנוצן זיך מיט דער שווערד, אָבער נאָר ביי שטרענג-אָנגעוויזענע באַדינגונגען, וואָס קאָנען געשעען נאָר אין אויסנאַמפאַלן. ווען-זשע וועט קומען יענער גרויסער, אַלוויסנדיקער פירער, וואָס וועט זיך דער-וועגן צו פּראָקלאַמירן די הייליקע מלחמה? ווען וועלן די מאַכמעדאַנער זיך געפינען אין אַזעלכע צרות און אַזאַ אונטערדריקונג, ווען דער קאָראַן איז מתיר צו באַנוצן געווער?".

אַנדערע אינדישע טוער, פּאַטערדזשי און כאַנדאַרוואַרקאַר, האָבן געהאַלטן, אַז מ'טאָר זיך נישט מאַכן די אילוזיע, אַז צוליב דעם, וואָס די אינדער וועלן אונטערשטיצן די מאַכמעדאַנישע פאָדערונגען וועגן קאַליפאַט, וועט קאָנען קומען אַ רעליגיעזער שלום. ווייל אויב די מאַכמעדאַנער וואָלטן אויסגעפירט זייערס, וואָלט דאָס געבערענגט דערצו, אַז דער איסלאַם אין אינדיע וועט נאָך מער ווי ביזאַהער ציען צו זיין צענטער, וואָס ליגט מחוץ אינדיע.

אמת, אַ טייל פון דידאָזיקע פאָרווורפן זענען אויס ריכטיק און באַ-רעכטיקט. אָבער פונדעסטוועגן מוזן מיר מודה זיין, אַז גאַנדיס אויפטו איז אַ קאָלאָסאַלער: ער האָט געבערענגט צו אַ פאָלקשלום, אפילו נישט קיין פול-קומענעם און אפשר נישט קיין אייביקן — אין דעם פייער פון אייביקן קאַמף און שנאה צווישן דידאָזיקעביידע פעלקער. דאָס איז אַ היסטאָרי-

שער פאַקט, וועלכן מיר מוזן פאַררעכענען צו די דערהויבנסטע אין דער אינדישער געשיכטע.

## 20

די ענגלישע מאַכט האָט זיך געמוזט ברעכן פאַרן דאָזיקן איינהייטלעכן, געשלאָסענעם פראָנט פון אַלע פּאַרטייען אונטער גאַנדיס אָנפירונג. ד. 24 דעצעמבער 1919 האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַן אַמנעסטיע פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע און אַן אויסבעסערונג צו אַ געזעץ, וואָס אָנערקענט דעם אינדישן פאָלק אַ ריי וויכטיקע הנחות, אַזוי אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג, ווי אויך אין די פּראָווינציעלע אַליינפאַרוואַלטונגען. גאַנדי האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָננעמען דידאָזיקע ענגלישע פּאָרלייגן. ער האָט אויך געפּועלט אויפן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס, אַז מען זאָל זיי אָננעמען. ער האָט געמיינט, אַז ענגלאַנד וויל ענדערן דעם ביזאַהעריקן פּאָליטישן קורס. און ער האָט אויפריכטיק געוואָלט דערהאַלטן מיט איר פריינדלעכע און פרידלעכע באַציונגען.

אָבער שוין אין אַ יאָר אַרום האָט גאַנדי זיך געזען גע וווּנגען ענדגילטיק איבערצורייסן מיט ענגלאַנד, גראָד צו יענער צייט, וואָס טילאַק איז געשטאָרבן און דאָס פאָלק האָט געזאָלבט גאַנדין פאַרן פירער פון די אינדישע נאַציאָנאַליסטן — דאַן זענען באַוווּסט געוואָרן די שווערע, ממש שרעקלעכע באַדינגונגען פונם שלום-טראַקטאַט מיט טערקיי. גלייכצייטיק דערמיט האָט מען אויך אַרויסגעגעבן די צינישע, פאַלשע באַריכטן פון דער קאָמיסיע אויסצופאָרשן די שחיטה אין פּענדזשאַב. די רעליגיעזע געפילן פון די מאַכמעדאַנער זענען טיף באַליידיקט געוואָרן מיט דער עוולה, וואָס מ׳האָט אָפּגעטון טערקיי. די אינדער, ווידער, האָט שטאַרק וויי-געטון, וואָס אַלע מערדער פון אַמריטזאַר זענען פולשטענדיק ריינגעוואַשן געוואָרן. דאַן האָבן דידאָזיקע ביידע גרעסטע פּאַרטייען באַשלאָסן, לויט גאַנדיס ראָט, אַדורכצופירן אַ בשותפותדיקע אַקציע פאַר אום-מיטאַרבעט. גאַנדי האָט וועגן דעמדאָזיקן באַשלוס בריוולעך מודיע געווען דעם וויצעקעניג פון אינדיע. דערביי האָט ער אים אויסגערעכנט די סיבות, צוליב וועלכע ער האָט זיך ענטשלאָסן צום פּאַסיוון ווידערשטאַנד לגבי דער ענגלישער מאַכט. אָבער אויך דעמאָלט האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז גרייט צו מאַכן שלום און זיך צו פאַרשטענדיקן.

אפשר קיין שום דאָקומענט דערלויבט אונדז נישט אַזוי גענוי אַריינקוקן אין די מאָטיוון, וואָס האָבן גאַנדין באַוויגן אָנצוהייבן זיין אַקציע פון אום-מיטאַרבעט, ווי יענער „אָפענער בריוו צו אַלע ענגלענדער, וואָס וווינען אין אינדיע״. דערדאָזיקער בריוו איז דערשינען קורץ נאָך גאַנדיס אויבנדערמאָנטן בריוו צום וויצעקעניג. אין דעם „אָפענעם בריוו״ קומט בולט צום אויסדריק דער תמצית און דאָס וועזן פון גאַנדיס גאַנצן פּראָגראַם: „איך האָב ביזאַהער — שרייבט ער — הייליק געגלויבט, אַז לאַיד דזשאָרדזש וועט אָפּהיטן זיין צוזאָג די מאַכ-

מעדאַנער, און אַז די אויספאָרשונג אין דער פראַגע פון די פענדזשאַבער אכזריותן וועט געבן אַ פולע סאַטיספאַקציע דעם געליטענעם פאָלק. אָבער דעם פרעמיערמיניסטערס פאַראַט און דאָס איינזייטיקע אויספאָרשן די שחיטה אין אַמריטזאַר האָט פולשטענדיק דערשיטערט מיין גלויבן אין די גוטע כוונות פון דער ענגלישער רעגירונג און פונם ענגלישן פאָלק... איר האָט גוטגעהייסן די געשעענישן אין פענדזשאַב און געשפאָט פון די מאַכמע-דאַנערס געפילן. דערמיט האָט איר געוויזן אייער גאַנצע גרינגשעצונג צום אינדישן פאָלק.

„איך ווייס וויל, אַז ווען מיר וואָלטן זיך געשטעלט צום קאַמף און אַרויסגעריסן ביי אייך די מאַכט אויפן שלאַכטפעלד — דאַן וואָלט איר צו אונז זיך באַצויגן מיט כבוד. אָבער איר אַליין ווייסט, אַז מיר זענען מאַכטלאָז. ווייל איר אַליין האָט דאָך אָפּגענומען אונז די פעיקייט צום קאַמף. דערום קאָנען מיר נישט מיט דער שווערד אין האַנט אַרויסווייזן אייך אונזער העלדישקייט. אָבער איין זאַך האָט איר אונז נישט געקאָנט צורויבן — די העלדישקייט פון אונזער נשמה. איך פאַרהאָף, אַז אויך צו דער פאָרם מוט וועט איר זיך באַציען מיט דרך-ארץ. מיט מיין גאַנצן כוח באַמי איך זיך איצט צו דערוועקן אינם אינדישן פאָלק דידאַזיקע העלדישקייט און נשמה-שטאַרקייט. ווייל די אום-מיטאַרבעט, וועלכע איך פּראָפּאַגיר, איז טאַקע אַ שול פאַר זעלבסטאָפּפערונג און מסירת-נפש...״

פון דעמאָלט אָן האָט גאַנדי פאַרעפנטלעכט אָן אַ שיער אויפרופן צום פאָלק, געהאַלטן רעדעס, באַמיט זיך אויפן דאַזיקן אופן צו באַקענען די פאָלקמאַסן מיט זיין אידעע און זיין פּראָגראַם. ער האָט דערקלערט, אַז פון אייביקע צייטן אָן האָט יעדעס פאָלק געהאַט דאָס רעכט אָפּצוזאָגן זיין מיטאַרבעט מיט דער מאַכט, וואָס איז אים אויסגעקומען אומווערטיק. אָבער דידאָזיקע אַקציע מוז געפירט ווערן, אויב מען וויל זי דערפירן צו אַ גליקלעכן אויסגאַנג — אין פולשטענדיקער רו און אָרדענונג. אַזאַ אָרדנונג איז מעגלעך אויסצופירן נאָר דאַן, ווען מען וועט זיך נישט באַנוצן מיט קיין געוואַלטמיטלען. דערום איז דער ערשטער באַדינג פאַר דערפאָלג — אָפּ-צוזאָגן זיך פון באַוואָפנטן קאַמף אין וועלכער ס'איז נישט פאָרם. „צי מיר באַגייען געוואַלט קעגן די רעגירונגפאָרשטייער, צי קעגן די מענטשן, וואָס ווילן זיך נישט אָנשליסן אין אונזער אַקציע — אַלעמאָל וועט עס באַטייטן אַ טריט צוריק אויף אונזער וועג און אַ נוצלאָז פאַרשווענדן מענטשלעך לעבן. ווער עס וויל דערגייען אויפריכטיק, אַז די אום-מיטאַרבעט זאָל געבן אין דער קירצסטער צייט, וואָס מעגלעך, גוטע רעזולטאַטן — יע-נער מוז נעמען אויף זיך דעם חוב צו זאָרגן פאַר אָרדנונג און רו״.

אין אַ פּאָפּולערער פאָרם דערקלערט ער, ווי אַזוי יעדער בירגער העלפט אומבאַוווסטזיניק, שווייגנדיק, דער רעגירונג און דערמיט ווערט ער מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע אירע מעשים. כל זמן די רעגירונג האַנדלט ריכטיק, קאָן מען גאָרנישט אויסזעצן קעגן דעם. אָבער יעדער האָט דעם חוב זיך אָפּצוזאָגן מיטצואַרבעטן מיט אַן אומגערעכטיקער רעגירונג: „אויב דער

פאָטער באַגייט אַן אומווערטיקע זאַך, דאַן מוזן די קינדער פאַרלאָזן דאָס הויז: אויב דער אָנפירער פון אַ שול פירט זי אויף אוממאָראַלישע יסודות, דאַן מוזן די שילער אַרויסטרעטן פון איר. אַזוי מוז אויך יעדער בירגער טיילווייז אָדער אינגאַנצן אָפּזאָגן זיין מיטאַרבעט דער רעגירונג, וואָס האַנדלט אומגערעכטיק — אַזוילאַנג, ביז די מענטשן, וואָס האַלטן די מאַכט, וועלן זיך אויסהיילן פון זייער בייזוויליקייט. דידאָזיקע אַלע ביישפּילן אַנטהאַלטן אין זיך דעם קערן פון ליידן-פיזישן, צי גייסטיקן. מחמת אָן ליידן קאָן מען זיך נישט אויסקעמפן קיין אמתדיקע פרייהייט".

דאָס אינדיש פאָלק וויל נישט טראָגן די מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער האַנדלונג פון דער ענגלישער מאַכט. דערום מוז עס זיך אָפּזאָגן זי אונטערצושטיצן סיי אַקטיוו, סיי פּאַסיוו, אַ מין „געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך", און אַרויסטרעטן פון די רעגירונג-קערפּערשאַפטן. ווילאַנג די רעגירונג וועט נישט פאַריכטן די באַגאַנגענע נבלות, — אַזוילאַנג דאַרפן גאַנדיס מיטשטימער פשוט פאַרגעסן, אַז ס'עקזיסטירן וועלכע-ס'איז מלוכישע אינסטיטוציעס — און אַ פשיטא שוין געניסן פון זיי. אָבער גלייכצייטיק שטרייכט ער אונטער, אַז די אום-מיטאַרבעט האָט נישט קיין שום שייכות מיט באָיקאָט, וואָס דאַרף זיין דער אויסדריק פון נקמה. דאָס לעצטע איז אַ בולטע סתירה צו אהימשאַ. — „איבערגיין פון אום-מיטאַרבעט צו באָיקאָט — וואָלט געהייסן אַראָפּגעפאַלן פון דער העכסטער הויך אין דעם טיפסטן תהום פון לעכערלעכקייט. די אום-מיטאַרבעט, ווי איך פאַרשטיי זי, שליסט לחלוטין אויס דאָס באַנוצן געווער. דערום איז איר פרעמד יעדעס געפיל פון בייזן ווילן, פון כעס, פון נקמה אָדער אָפּרעכענונג... דאָס געבאָט פון ליבע, דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס פאַרוואַנדלט אונזער אַקציע אין אַ מאָראַלישן, געוואַלטלאָזן קאַמף. דאָס, וואָס מיר זאָגן זיך אָפּ פון געוואַלט באַטייט מערער, ווי אַ פשוט אָפּזאָגן זיך פון צו שלאָגן דעם שונא. דען אַזויאַרום וואָלט יעדע באַלאַגערונג אָדער בלאָקאַדע געקאָנט אָנגיין פאַר אַ פאָרם פון קאַמף אָן געוואַלט. אינדעראמתן איז אויך די בלאָקאַדע ברוטאַלער געוואַלט, אַזוי ווי אַ רעגולערע שלאַכט".

גאַנדי איז דערום געווען איבערצייגט, אַז אויב די ענגלישע רעגירונג קאָן מיליטעריש דערשטיקן יעדן פּרווו פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד— קאָן זי אָבער זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דער אום-מיטאַרבעט. אמת, גאַנדי האָט געהאַלטן, אַז דער גוטער אויסגאַנג פונם קאַמף איז אויך געווען אַ סך אָפּהענגיק אָן דעם, אַז מען זאָל אים נישט פירן מיט דער כוונה צו פאַרשאַפן פאַר יעדן פרייז דער רעגירונג זאָרג און דאגות. פאַרקערט, ער האָט פאַרלאַנגט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך טאַקע אין לויף פון דער אַקציע באַציען צו זיינע באַדריקער מיט פריינדשאַפט און גוטסקייט. נאָר ביי אַזאַ שטימונג קאָן זיך אַנטוויקלען די סאַטיאַגראַהאַ, יענער כוח, וואָס ברענגט אַלץ. „די מאָס פון אונזער ניצחון — האָט גאַנדי אָפּטמאָל באַטאָנט — הענגט נישט אָפּ דערפון, וויפל צרות די מאַכט וועט האָבן צו-

ליב דער אום-מיטאַרבעט, נאָר אין דעם, אין וואָסער מאָס דאָס פאָלק וועט זיין אַדורכגעדרונגען מיט גוטן ווילן".

— די אום-מיטאַרבעט — האָט גאַנדי געשריבן — שטעלט זיך פאַר אַ ציל, צו צווינגען די ענגלענדער, אַז אָדער זיי זאָלן מיט אונז ערלעך מיטאַרבעטן, אָדער זיי זאָלן אַוועק פון אונזער לאַנד. דער ציל פון מיין אַקציע איז צו איינשטעלן אונזערע באַציונגען מיט ענגלאַנד אויף אַזאַ אופן, אויף וועלכן ס'דערלויבט אונז דאָס געפיל פון אייגענער חשיבות און דער כבוד צו זיך אַליין.

ווייל גאַנדי קעמפט אַנטשידן מיט דער מיינונג, אַז זיין קאַמף פאַר אינדיעס פרייהייט האָט עפּעס אַ שייכות מיט נאַציאָנאַליזם אין פּאָפּולערן זינען פון וואָרט: „אמת, אַז איך אַרבעט פאַר אינדיעס פרייהייט, ווייל איך בין געבוירן געוואָרן אין אינדיע, האָב געירשנט די קולטור פונם דאָזיקן לאַנד און בין דערויף באַשאַפן געוואָרן, כדי צו דינען מיין פאָטערלאַנד. אָבער מיין ליבע צום פאָטערלאַנד באַוועלט נישט קיין שום אַנדער פאָלק. פאַרקערט זי דאַרף צומשטאַרקסטן דינען אַלע אַנדערע פעלקער — אין פולן זינען פון וואָרט. אינדיעס פרייהייט, ווי איך פאַרשטיי זי, קאָן קיינמאָל נישט זיין עפּעס אַ געפאַר פאַר דער וועלט".

אין גאַנדיס נאַציאָנאַליזם איז נישטאָ קיינס פון יענע עלעמענטן, אַ דאַנק וועלכע די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג אין מערב איז אַ סכנה פאַרן אַלגעמיינעם שלום. גאַנדיס נאַציאָנאַליסטישער אידעאַל איז נישט דער פּרינציפּ פון גייסטיקן פאַרמאַכן זיך צווישן אייגענעם פאָלק און שנאה צו אַלע אַנדערע. ניין, דאָס איז גיכער דאָס באַוווסטזיין פון דער אייגנאַרטיקער אויפגאַבע, וואָס אינדיע האָט צו דערפילן. מיטן מאָמענט, וואָס דער נאַציאָנאַליזם הערט אויף זיך צו באַנוצן מיט געוואַלט און וואַרפט קאַטעגאָריש און צילבאַוווסט אָפּ דאָס אָנווענדן כוח און פיזישע מיטלען — דאַן שיידט זיך דער דאָזיקער נאַציאָנאַליזם פּרינציפּיעל אָפּ פון דעם נאַציאָנאַליסטישן אימפּעריאַליזם אין אייראָפּע. אַ דאַנק גאַנדין האָט זיך דאָס אינדישע פאָלק אויפגעכאַפּט צו אַזאַ נאַציאָנאַלער עטיק, וואָס וועט קיינמאָל נישט זיין געפערלעך פאַר די אַנדערע לענדער.

צומבולטסטן קומט עס צום אויסדריק אין גאַנדיס ווערטער, אין וועלכע ער פאָרמולירט זיין פּאַטריאָטישקייט: — פאַר מיר — שרייבט דער מאַהאַטמאַ — באַטייט פּאַטריאָטיזם דאָס זעלבע, וואָס מענטשלעכקייט. איך בין אויף אַזוי פיל אַ פּאַטריאָט, אויף וויפל איך בין אַ מענטש און פיל ווי אַ מענטש. מיין פּאַטריאָטיזם איז נישט פולשטענדיק אויסשליסנדיק. איך וואָלט קיינמאָל נישט באַליידיקט קיין אַנדער פאָלק, צבש., די דייטשן צי די ענגלענדער, כדי אויף אַזאַ אויפן טון אינדיע עפּעס אַ טובה — אין מיין באַציונג צום לעבן איז נישטאָ קיין אָרט פאַרן אימפּעריאַליזם.

גאַנדי האָט באַאַרבעט פאַר זיין בלוטלאָזן קאַמף אַ פולשטענדיקן, גוט-אַדורכגעטראַכטן פּלאַן פון אַרבעט. ער האָט פאָרמולירט פיר מדרגות אום-מיטאַרבעט, וואָס קאָנען ווערן אין פאַל פון נויטווענדיקייט נאָכאַנאַנד

אָנגעווענדט. די ערשטע מדרגה איז — אַז אַלע אינדער זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אַלע טיטלען און ערנאַמטן. די צווייטע — אָפּרופן אַלע אינדישע באַאַמטע פון זייערע שטעלעס, די דריטע — אַלע אינדער טרעטן אַרויס פון דער ענגלישער פּאָליציי און פון מיליטער. די פערטע זעט פאָר, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל סאָלידאַריש זיך אָפּזאָגן צו צאָלן שטייערן.

צוערשט האָט גאַנדי פּראָקלאַמירט די ערשטע העלפט פון זיין פּראָגראַם. ער האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צום פאָלק, אַז עס זאָל לייגן אַלע ערנאַמען און די טיטלען, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט זיי מיט זיי באַשאָנקען; אַז ביז צום אָפּרופן זאָלן זיי נישט אָנטיילנעמען אין קיין שום מלוכה-הלוואות, אַז מען זאָל זיך לחלוטין נישט באַנוצן מיט די געריכטן, אויסשרייבן די קינדער פון די מלוכישע שולן און נישט ווילן קיין דעלעגאַטן צו די געזעצגעבערישע ראַטן, ווי דאָס איז פאָרויסגעזעצן אין דער קאָנסטיטוציע. גאַנדי האָט גלייך אָנגעשריבן אַ בריוו צום וויצעקעניג און אים געמאָלדן, אַז ער גיט אים צוריק אַלע זיינע טיטלען און אויסצייכענונגען.

גאַנדיס ביישפיל האָט געפונען אין אינדיע מאַסן מיטשטימער. אַ סך באַאַמטע זענען אַרויס פון די אַמטן, די שולן זענען לער געוואָרן, די געריכטן האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעט. דער נאַציאָנאַלער אַלאינדישער קאָנגרעס האָט נישט נאָר גוטגעהייסן גאַנדיס פאָרשלאָגן — נאָכמער, ער האָט דערקלערט, אַז אויב מען וועט דאַרפן, וועט דערגיין צו דער פערטער מדרגה פון קאַמף, ד. ה. מ׳וועט נישט צאָלן קיין שטייערן. אין אַן ערך אַ יאָר אַרום, ווען די ענגלישע רעגירונג האָט שוין געהויבן אָנווענדן רעפּרעסיעס, האָט דער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס איבערגעגעבן גאַנדין אַלע פּריווילעגן, ד. ה. מ׳האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו דיקטאַטור. דער קאָנגרעס האָט אויך גאַנדין באַפולמעכטיקט, אַז ער אַליין זאָל באַשטימען זיין פאַרטרעטער אין פאַל פון זיין אַרעסט. דעמדאָזיקן פאַרטרעטער זאָל ער אויך איבערגעבן אַלע זיינע פולמאַכטן.

דער ענדגילטיקער ציל פון דערדאָזיקער אַקציע איז געווען סוואַראַדזש, — ד. ה. אינדיעס אומבאַגרענעצטע רעכט אויף אַליינבאַשטימונג. דאָס פאָלק האָט זינט דאַן געזאָלט האָבן די אויסשליסלעכע דעה אין זיינע ענינים, אומאָפּהענגיק פון פאַרשידענע פרעמדע איינפלוסן. דערביי איז אָבער גאַנדי אַרויס פון דער הנחה, אַז אַזאַ פרייהייט קאָן אינדיע נישט באַקומען בתּור מתּנה, ווייל סוואַראַדזש איז אַ זעלטענער אוצר, וואָס כּדי אים צו האָבן, דאַרף מען מקריב זיין דאָס בעסטע בלוט פון פאָלק. — דאָס איז אַן אוצר, וואָס מען קאָן אים פאַרמאָגן בלויז אַדאַנק אומאויפהערלעכער אַרבעט און ליידן, וואָס גייט-איבער יעדע מאָס.

21

כּל זמן די ענגלישע מאַכט האָט נישט געהאַט קיין שום פאָרמעל רעכט זיך אַריינצומישן אין דער אומ-מיטאַרבעט, האָט זי זיך דערצו שווייגנדיק צוגעקוקט.

גאַנדי האָט טאַקע דערויף גערעכנט, אַלנפאַל אין די ערשטע עטאַפּן פון זיין פּראָגראַם. ער האָט געהאַלטן, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט לגבי דערדאָזיקער געוואַלטלאָזער אַקציע זיין איינגאַנצן הילפלאָז.

אָבער די ענגלענדער האָבן פון איין זייט נישט געטון קיין שום זאַך, כּדי צווינגען די אינדישע באַפעלקערונג צו מיטאַרבעט — פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי קאַטעגאָריש נישט געוואָלט אָננעמען גאַנדיס פּאָסטולאַטן און צו געבן אינדיע אויטאָנאָמיע. אין דערזעלבער צייט, וואָס דער מאַהאַטמאַ האָט, אין זין פון זיין פּראָגראַם, געוואָלט אַריבערגיין צו דעם ווייטערדיקן פּונקט פון דער אום-מיטאַרבעט און צו פּראָקלאַמירן די בירגערישע אומגע-האָרכזאַמקייט — אין דערזעלבער צייט האָט דער אונטערגעהעצטער המון אין שאָרי שאָראַ זיך בלוטיק אָפּגערעכנט מיט דער מאַכט און דערהרגעט קנאַפּע צוואַנציק פּאָליציילייט. אונטערן דערשיטערנדיקן איינדריק פון דער דאָזיקער שווערער עבירה קעגן דעם פּרינציפּ פון געוואַלטלאָזיקייט איז גאַנדי געקומען צום אויספיר, אַז דאָס פאָלק איז נאָכנישט ראוי צו אַ ווירדיקן און רויקן אַדורכפירן די בירגערישע אומגעהאָרכזאַמקייט. ער האָט דעריבער זי צוריקגעצויגן. ער אַליין האָט זיך באַשטימט אַ פינפטאָגיקן תענית — אַ תשובה פאַר די זינד, וואָס דאָס בלוטדורשטיקע פעבל האָט אָפּגעטון.

סוף-כל-סוף האָט פרי-יאָר די ענגלישע רעגירונג, נאָך לאַנגע וואַקלע-נישן, זיך אַנטשלאָסן צו פאַרפירן קעגן גאַנדין אַ פּראָצעס, וואָס האָט גע-וואָלט אָפּשרעקן גאַנץ אינדיע. פאַר אַ תירוץ האָט מען גענומען גאַנדיס פיר אַרטיקלען אין זיין זשורנאַל „דאָס יונגע אינדיע". דער פּראָקוראָר האָט אין זיי איינגעזען „אַ רוף צו גרינגשאַצן די געזעצלעכע מאַכט אין אינדיע". דעם 10 מערץ 1922 האָט מען גאַנדין אַרעסטירט און יבערגעפירט אין אויספאָרשתפיסה אין סאַבאַרמאַטי. שוין בעתן ערשטן פאַרהער ביים אויספאָרשריכטער האָט גאַנדי דערקלערט, אַז ער איז זיך מודה אין דער שולד. אויך זיין פריינד, שאַנקאַרלאַל בענקער, דעם אַרויסגעבער פונם „יונגן אינדיע", האָט מען אַרעסטירט און באַשולדיקט אינם זעלבן פאַר-ברעך. אויך ער האָט פון דער ערשטער מינוט אָן גענומען אויף זיך די פולשטענדיקע אחריות.

אין 8 טאָג אַרום איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס אין אַהמעדאַבאַד. פאָרזיצער פון געריכט איז געווען ה' ס. נ. ברומפילד.ביידע באַשול-דיקטע האָבן זיך גלייך פון אָנהייב פּראָצעס אָפּגעזאָגט פון פאַרטיידיקער. אַ גרויסן טייל פון די פאַרהאַנדלונגען האָט פאַרנומען דער וויכוח צווישן דעם פּראָקוראָר און דעם ריכטער. דער לעצטער האָט געוואָלט אַרויסגעבן דעם פּסק-דין גלייך, אַזוי ווי גאַנדי האָט זיך מודה געווען אין דער שולד. אָבער דער פּראָ-קוראָר איז דווקא באַשטאַנען, אַז דער פּראָצעס זאָל פאָרקומען מיט דער וועלט-מעגלעכסטער דעטאַלישקייט. ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן גאַנדין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן בלוטיקן צוזאַמענשטויס אין שאָרי שאָראַ, מעדרעס

און באַמביי. ער האָט דעריבער געבעטן, אַז ביים אַרויסגעבן דעם אור־טייל, זאָל מען נעמען אין אַכט דידאַזיקע אַלע באַשווערנדיקע טעמים.

קורץ דערנאָך האָט זיך גאַנדי אויפגעשטעלט און געהאַלטן זיין גרויסע רעדע. קודם כל האָט ער זיך באַקענט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַלע פאָלק־אומרוען, וואָס דער פּראָקוראָר וואַרפט אים פאָר: „איך האָב געוואָלט אויס־מיידן די געוואַלט, אָבער איך בין געשטאַנען פאַר דעם אויסוואַל — ענט־ווערער—אָדער. אָדער זיך אונטערגעבן, מסכים זיין מיט דעם רעגירסיסטעם, וואָס פאַרשאַפט מיין לאַנד אַזעלכע שווערע שאָדנס—אָדער נעמען אויף זיך די סכנה פאַר די אויסברוכן פון פאָלקצאָרן. איך ווייס, אַז מיין פאָלק פאַרלירט צייטנווייז די מאַכט איבער זיך — דאָס טוט מיר שטאַרק ווי. איך שטיי דאָ נישט כדי צו באַקומען אַ לייכטע, נייערט די שווערסטע שטראָף. איך בעט נישט קיין נגאָד. איך וויל נישט ברענגען קיין שום מיל־דערנדיקע אומשטענדן פאַר מיר. איך וועל זיך גערן אונטערגעבן אַלע שטראָפן, וואָס איר וועט אויף מיר אַרויסגעבן פאַר מיין האַנדלונג. דאָס, וואָס איך האָב געטון, איז אַ פאַרברעך לגבי דעם געזעץ. אָבר איך האַלט, אַז דאָס איז דער העכסטער חוב פון יעדן בירגער".

ווייטער דערציילט ער, ווי ער איז אַלעמאָל, משך צענדליקער יאָרן, געשטאַנען געטריי אויף ענגלאַנדס זייט. ביזוואַנען אַלע זיינע האָפענונגען זענען צערונען געוואָרן און ער האָט געמוזט אויפנעמען דעם קאַמף מיט דער ענגלישער מאַכט.

— איך פּערזענלעך — האָט ער דערציילט — פיל נישט קיין שום האַס אָדער ווידערווילן צו דעם מינדסטן באַאַמטן — בפרט צום קעניג. אָבער איך האַלט פאַר מיין חוב אָפּצוזאָגן מיין געהאָרכזאַמקייט דער מאַכט, וואָס האָט, אין כלל גענומען, אָנגעטון אינדיע מער שאָדן, ווי וועלכע ס'איז אַנדערע מאַכט. אונטער ענגלאַנדס אַפּוטרופּסות שטייט אינדיע אַ סך ערגער, ווי ווען־עס־איז פריער. דאָס איז מיין הייליקע איבערצייגונג. איך וואָלט עס זיך גערעכנט פאַר אַ שווערע זינד, ווען איך זאָל זיך באַציען גוט צו דער ענגלישער מאַכט — דערום האַלט איך פאַר אַ גליקלעכן צופאַל, וואָס ס'איז מיר געגעבן געוואָרן ווי מעגלעכקייט אָנצושרייבן טאַקע יענע אַר־טיקלען, וואָס צוליב זיי שטיי איך דאָ אַלס באַשולדיקטער. איך האָב זיך אונטערגענומען אויפצווייזן מיינע פאָלקברידער, אַז מיר זענען מחויב אָפּ־צוזאָגן אונטערשטיצונג אַ שלעכטער זאַך און גערנווילליק אָננעמען אויף זיך די שטראָפן, וואָס זענען פאַרגעזעצן פאַר אום־מיטאַרבעט מיט אַ שלעכטער זאַך. דערום שטיי איך דאָ היינט און פאָדער מיך צומשטרענגסטן באַ־שטראָפן. איר, הער ריכטער, האָט אויסצוקלויבן: אָדער צו לייגן אייער אַמט, וויבאַלד איר געפינט, אַז דאָס געזעץ איז שלעכט — אָדער מיר צו געבן די שווערסטע שטראָף, וויבאַלד איר האַלט דאָס געזעץ פאַר גע־רעכטיק.

אַז גאַנדי האָט געענדיקט, האָט דער ריכטער גענומען דאָס וואָרט. ער באַמערקט גלייך, אַז ער האָט זיך ער אַ שווערע אויפגאַבע אויסצופילן.

ער פֿערזענלעך איז טיף איבערצייגט אין גאַנדיס ריינע כּוונות און איי־דעלן געדאַנקענגאַנג. — פֿאַראַן אין אינדיע ווייניק מענטשן — זאָגט ער — וואָס באַדויערן נישט אויפֿריכטיק, וואָס די רעגירונג קאָן אייך נישט לאָזן אויף דער פֿריי... איך בין מחויב אייך צו פֿאַרמשפּטן אויף זעקס יאָר תּפֿיסה. אָבער איך וויל צוגעבן, אַז ס'וואָלט נישט געווען קיין גלייך גליקלעכער צו מיר, ווען צוליב דעם לויף פֿון די געשעענישן וואָלט די רעגירונג געקאָנט אייך פֿריער באַפֿרייען פֿון תּפֿיסה.

קורץ נאָך גאַנדיס אַרעסט האָט זיך אין דער אינדישער אומאָפּהענ־גיקייט־פּאַרטיי געשאַפֿן אַ וויכטיקער קער: אונטער דער פֿירונג פֿון טש. ר. דאַס, האָט זיך געשאַפֿן אַ גרופּע סוואַראַדזשיסטן, וואָס האָט להיפּוך צו גאַנדיס אָנהענגער, באַשלאָסן נישט צו באָיקאָטירן די געזעצראַטן, וואָס די ענגלישע מאַכט האָט איינגעפֿירט, נאָר זיי צו באַקעמפֿן דורך אינעווייניקסטער אָב־סטרוקציע. די מאָנטעגיו־טשעלמספאָרד־רעפֿאָרמען, וואָס ענגלאַנד האָט געגעבן אינדיע, האָבן פֿאָרגעזען, אַז אינדיע זאָל זיך ביסלעכווייז פֿאַרוואַנדלען אין אַ בריטישער דאָמיניע. דערווייל איז באַשטימט געוואָרן אַ צעניאָריקע איבערגאַנגצייט. משך דערדאָ'יקער צייט דאַרף דאָס אינדישע פֿאָלק אָנטייל־נעמען אין די געזעצראַטן און אַזויאַרום פּאָליטיש זיך אויסבילדן און זיך געהעריק צוגרייטן צו דער אַליינפֿאַרוואַלטונג. גאַנדי האָט בשעתו פֿאַרגע־זאָגט שטרענגע אום־מיטאַרבעט לגבי די דאָזיקע געזעצראַטן. ער האָט פֿאַר־ווערט זיינע אָנהענגער אַריינצוגיין אין די דאָזיקע ראַטן און אפֿילו אָנ־טיילצונעמען אין די וואַלן. אָבער דאָס האָט געהאַלטן, אַז די אינדישע נאַציאָנאַליסטן זאָלן פֿאַרכאַפּן וואָס מערער ערטער אין דעמדאָזיקן כּמו־פּאַרלאַמענט און איט „באָיקאָטירן פֿון אינעווייניק". כּדאַי צו באַמערקן, אַז אַ חוץ דערדאָזיקער איינציקער ענדערונג לגבי די געזעצראַטן, האָט דאָס אָן שום אויסנאַם דערהאַלטן גאַנדיס גאַנצן פּאָליטישן פּראָגראַם, בפֿרט — דאָס אַבסאָלוטע אָבהאַלטן זיך פֿון יעדן מין געוואַלט. אויך לגבי דער מערב־ציוויליזאַציע האָט דאָס פֿאַרנומען די זעלביקע אויסגעשפּראָכן־פֿיינטלעכע שטעלונג, ווי גאַנדי:

— די רעדער פֿון די מאַשינען — האָט ער זיך אַמאָל אויסגעדריקט — וועלן אונז אַריינציען אין זייערע קרייזן, ביז זיי וועלן אונז פֿאַרוואַנדלען אין טויטע, גייסטלאָזע מאַשינטיילן. די מאַשינען זענען אַ מעשה־שטן און זייען צווישן פֿאָלק די זאָמען פֿון אומקום.

בינו לבינו איז גאַנדי, נאָך אַ לענגערן אויפֿהאַלט אין דער יעראָ־דער תּפֿיסה, שווער קראַנק געוואָרן. מ'האָט אים אָפּערירט און צוליב זיין שוואַכן געזונטצושטאַנד באַפֿרייט פֿון תּפֿיסה. אַז ער איז צוריקגעקומען צום פּאָליטישן לעבן, האָט ער געטראָפֿן די לאַגע גאָר אַ פֿאַרענדערטע — טאַקע צוליב דער פּאָליטיק פֿון די סוואַראַדזשיסטן. אָבער צו דער פֿאַר־וווּנדערונג פֿון זיינע מיטשטימער, האָט ער זיך גלייך צוגעפּאַסט צו דער לאַגע. ער האָט געשלאָסן מיט די סוואַראַדזשיסטן אַ פּשרה: ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיין שטאַנדפּונקט צו באָיקאָטירן די געזעצגעבערישע ראַטן,

פון דערפאַר האָט ער ביי זיי באַקומען די אָנערקענונג פון זיינע אַנדערע פּאָסטולאַטן: פאַרייניקן די אינדער מיט די מאַכמעדאַנער, אָנערקענען די פּאַריער אַלע רעכט, פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער וועבשטול. אַזוי ווי לענין, אַזוי האָט אויך גאַנדי צוליב דעמדאָזיקן צופּאַסן זיך צו די געגעבענע באַדינגונגען באַגעגנט אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד ביי אַ סך זיינע אָנהענגער. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַ גאַנצע גרופּע, די אַזויגערופענע „נאָן-טשענדזשערס”, (אומפאַרענדערטע) האָט זיך אָפּגעריסן פון גאַנדין. זי איז געבליבן האַרט ביי דעם פּרינציפּ צו באָיקאָטירן די געזעצראַטן.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך גאַנדי אַרויסגעצויגן אויף אַ לענגערער צייט כמעט אינגאַנצן פון פּאָליטישן לעבן און זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע געווידמעט דער פּראָפּאַגאַנדע פונם שפּינראָד. האַרבסט 1925 האָט ער געגרינדעט אַן אַלאינדישן פאַריין פון שפּינער. מיט דער הילף פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָט ער זיך נאָך מער, ווי פריער, באַמיט אויסצוקעמפן די עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט פון זיין פאָטערלאַנד. די פּראַקטישע טאָג-טעגלעכע פּאָליטישע אַרבעט האָט ער איבערגעגעבן די סוואַראַדזשיסטן. בראש פון זיי, נאָך ד אַ ש ס ט ו י ט, שטייט פּאַנדיט מאָטי יאַל נ ע ה ר ו.

דערווייל האָט זיך געשאַפן אַ נייע פּאַרטיי, „ד ז ש ע ס ט י ס - פּ אַ ר - ט י”. (רעכט-פּאַרטיי). צו דערדאָזיקער פּאַרטיי געהערן בעיקר פּאָליטיקער, אַדוואָקאַטן און זשורנאַליסטן. די דזשעסטיס-פּאַרטי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו אייראָפּעיזירן אינדיע און צו קעמפן מיטן קאַסטעסיסטעם. דע-רום איז נישט קיין חידוש, וואָס די דאָזיקע פּאַרטיי, וואָס אין איר באַ-שטאַנד זענען פאַראַן דווקא יענע שיכטן און באַרופן, וואָס גאַנדי האָט אַזוי ענערגיש באַקעמפט — אַז די דאָזיקע פּאַרטיי איז מיט דער גרעסטער ענער-גיע אַרויסגעטראָטן קעגן דעם מאַהאַטמאַ. פון דערדאָזיקער גרופּע זענען אויך צומאָפּטסטן געפאַלן פאָרווורפן און אָנגריפן קעגן דער אידעע פון דער אומ-מיטאַרבעט און אירע פּאָליטישע מעטאָדעס.

האַרבסט 1926 זענען פאָרגעקומען פרישע וואַלן צו די פּראָווינ-ציעלע אַליינפאַרוואַלטונגען. די דשוזעסטיס-פּאַרטי, בעיקר און דער געגנט מעד-רעס — האָט געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה און די סוואַראַדזשיסטן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פּראַכטפולן נצחון. כמעט גאַנץ אינדיע האָט אויפגענומען דעם אויסגאַנג פון די וואַלן מיט גרויס פרייד. מ'האָט געבילדעט דעמאָנסטראַ-ציעס, ווו מ'האָט געטראָגן גאַנדיס און דאַשס בילדער.

אויף דעם באַקאַנטן ק אָ נ ג ר ע ס פ ו ן ד י א ו נ ט ע ר ג ע ד ר י ק - ט ע ק אָ ל אָ נ י אַ ל ע פ ע ל ק ע ר אין בריסעל (פעברואַר 1927) האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גאַנדיס אידעען האָבן דערגרייכט ווייט אויסער אינדיע. דער פאָרשטייער פון די דרום-אַפריקאַנישע נעגערס, דער זולוס ג ו מ ע ד האָט זיך דאָרט געקלאָגט אויף דער מוראדיקער עקספּלואַטאַציע פון די שוואַרצע אַרבעטער און פויערן און דערקלערט, אַז די נעגערס ווילן גיין נאָך אינ-דיעס ביישפּיל און ווילן אָנהייבן אַ קאַמף קעגן זייערע באַדריקער אויפן בלוטלאָזן וועג. מעגלעך, אַז דערדאָזיקער פּראָגראַם פון די דרום-אַפריקאַ-

נישע נעגערס שטייט אין ענגער שייכות מיט דעם, וואָס גאַנדי האָט בשעתו פּראַקטיש אָנגעווענדט זיינע מעטאָדעס פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד דווקא אין דרום-אַפריקע.

## ז'

ווי מען קאָן שוין דרינגען פון אינדיעס פּאָליטישער אַנטוויקלונג פאַר די לעצטע יאָרן — האָט גאַנדיס פּראָגראַם אָנגעטראָפן אויף אַ סך ווידערשטאַנדן. כדאי אויך צו דערמאַנען, אַז אין אינדיע גופא האָט מען שוין אָפט אַרויסגערוקט פאַרשידענע פאָרווורפן קעגן גאַנדיס אידעען, בפרט קעגן דער אומ-מיטאַרבעט — פאָרווורפן, וואָס מען קאָן זיי נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. דער וויכטיקסטער אַרגומענט פון די קעגנער פון סוואַראַדזש איז דער ספק, ווי-אַזוי וועט אינדיע אין דער צוקונפט, ווי אַ זעלבשטענדיקע מלוכה אָן ענגלאַנדס מיליטערישער שטיץ, קאָנען זיך אַנטקעגנשטעלן אַ פרעמדער מאַכט, וואָס וועט וועלן פאַרנעמען דאָס לאַנד.

טש. ב. טשעטערדזשי, אַן אָנגעזעענער פּובליציסט און אַרויסגעבער פון „מאָדערן רעוויו" (מאָדערנע איבערזיכט), האָט אַ סך מאָל באַטאָנט, אַז אינדיע, ווי אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, וועט קיינמאָל נישט קאָנען דערהאַלטן די ממשלה איבערן אינדישן אָקעאַן, אַזוי ווי ס'דערהאַלט זי די רעגירונג אין דעלהי. נאָכמער, אָן ענגלאַנדס מיליטערישער הילף וואָלט אוממעגלעך געווען צו דערהאַלטן די פּאָליטישע אייניקייט אפילו אויפן בלויזן האַלב-אינזל דעקאַן. מיטן מאָמענט, וואָס די ענגלישע חיילות וואָלטן פאַרלאָזט אינדיע, וואָלט זיך דאָס גאַנצע לאַנד באַנייס צעפאַלן אויף קליינע מלוכהלעך. עס וואָלט זיך אויך צעפלאַקערט דער רעליגיעזער קאַמף — גראָד אַזוי, ווי ס'איז געווען פריער, איידער ענגלאַנד האָט איבערגענומען די מאַכט. טשעטעדרזשי האַלט, אַז שוין היינט מוז מען באַשיצן די צפון-מערבדיקע דורכגענג אויף דער גרענעץ צווישן אינדיע און אַפגאַניסטאַן — דורך כסדרדיקע פּאַרטיזאַנישע קאַמפן מיט די מאַכמעדאַנישע שכנים, וואָס ווילן פאַרכאַפּן דאָס לאַנד. וואָלט ענגלאַנד אַוועקגעגאַנגען, אַזוי וואָלט אינדיע, אומבאַוואָפנט און מיליטעריש לחלוטין נישט אויסגעשולט, געבליבן אויף גאָטס באַראָט אָדער אויפן חסד פון דידאָזיקע שכנים. אַחוץ דעם דראָט דער אינדישער אומאָפּהענגיקייט נאָך אַ סכנה: דאָס קריגערישע, אימפּעריאַליסטישע יאַפּאַן וואָלט אויסגענוצט די געלעגנהייט און פאַרוואַנדלט דאָס אומבאַוואָפנטע אינדיע אין זיינס אַ קאָלאָניע. ער זאָגט דעריבער, אַז יענער סוואַראַדזש וואָלט נאָר אָנגעהאַלטן אַ קורצע איבערגאַנגצייט. סוף-כל-סוף וואָלט אינדיע אָנשטאָט דעם איצטיקן הערשער באַקומען אַן אַנדערן.

אַנדערע קעגנער גאַנדיס האָבן אָנגעוויזן, אַז אויב גרויסבריטאַניע וואָלט אויפגעהערט צו שיצן אינדיעס גרענעצן, דראָט איר אויך אַ באָלשעוויסטישע אינוואַזיע. און ווירקלעך האָט דער ראַטנפאַרבאַנד זיך פעסט באַזעצט אין אַפגאַניסטאַן, און דערנ‎יט זיך נאָענט צוגערוקט צו דעם וויכ-



גאַנדי אין דרום-אַפריקע



גאַנדי אַלס אַרעסטאַנט



ק. ר. דאַש (געשטאָ ... 19



סאַראָיני נאַידו

# אינדישע נאַציאָנאַ



דאָס שפּינראָד פאַראייניקט גאַנץ אינדיע



אינדיעס פירער: גאַנדי, דאַש, ברידער אלי



די אינדיש-מאַכמעדאַנישע פאַראייניקונג

## לע אַגיטאַציע־פּלאַקאַטן



„גערעכטיקייט און שלום וועט הערשן, ווען אינדיע וועט ווערן זעלבשטענדיק"

(לינקס, לעבן דעם טראָן, מיט דער פֿאָן אין האַנט, מאַהאַטמאַ גאַנדי)



אַ [illegible]נג פֿון נאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין אַהמעראַבאַד

([illegible] מיט׳ מיטן נאַקעטן אייבערקערפּער — מאַהאַטמאַ גאַנדי)

# אַגיטאַציע-פּלאַקאַט



**די פירער פון ב... אין אינדיע**

דאַבאַ באַ... ...ראָ     ...ק, גאָקהעל

ראַבינד... ...אַט     ...רע, פּאַ...

...אַט אַ... ...אַטמ     ...די, מאַכמעד אַלי

...ר...עדי, ... ...וט     דאַש, נ... הרו

...אַרעוי, ק... ...ירב     ...די, סאַראָ... נאַידו

טיקסטן טויער קיין אינדיע, צו דער בערגקייט קעיבער. אויך דאָס אַנטשטיין פון די פרישע רעפּובליקן: טורקמעניסטאַן, אוזבעקיסטאַן, טאַיקיסטאַן און קאַראַ-קירגיז איז אין אַ געוויסער מאָס אַ סכנה פאַר אינדיע. ס'איז באַקאַנט, אַז נאָך דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געשטרעבט זיך צו פאַרשפּרייטן אויפן דרום. אויך ראַטנרוסלאַנד פירט דיזעלביקע אויסלענדישע פּאָליטיק אין דער הינזיכט.

גאַנדי האָט אויף די אַלע פּאַרוורפן געענטפערט, אַז אינדיע דאַרף נישט מורא האָבן פאַרן באָלשעוויזם. די באַפעלקערונג פונם לאַנד גאַרט נאָך שלום און וועט זיך דעריבער נישט איבערגעבן דעם באָלשעוויזם. דער מאַהאַטמאַ האָט אויך געהאַלטן, אַז אין אינדיע זענען נישטאָ די פּסיכאָלאָגישע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג און ניצחון פון באָלשעוויזם. די רוסישע אַגיטאַטאָרן וועט זיך קיינמאָל נישט איינגעבן צוצוגרייטן אַ באָדן פאַר דער מעגלעכער אינוואַזיע. „דאָס איינציקע, וואָס קאָן פאַרהיטן אונזער לאַנד פאַר דערדאָזיקער צרה, איז די סאַטיאַגראַהאַ. דער באָלשעוויזם איז אַ נויטווענדיקער רעזולטאַט פון דער מאַטעריאַליסטישער ציוויליזאַציע. זיינע אָנהענגער האָבן, מחמת דעם וואָס זיי פאַרגעטערן די מאַטעריע, אָנגעווירן יעטוועדע פאַרבינדונג מיטן פּראַקטישן לעבן. אויב עס וועט מיר געלינגען צוצוגרייטן דאָס גאַנצע פאָלק צו סאַטיאַגראַהאַ — דאַן האָבן מיר נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע".

אויך אויפן בריסעלער קאָנגרעס האָט דזוואַאר נעהרו, דער גענעראַל-סעקרעטאַר פונם אינדישן נאַציאָנאַלן קאָנגרעס, דערקלערט, אַז אינדיע באַציט זיך, וואָס אַן אמת, מיט גרויס סימפּאַטיע צום ראַטנפאַרבאַנד — ווייל ער באַקעמפט אויך דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם — אָבער דאָס באָלשעוויסטיש פּראָגראַם איז אין אינדיע כמעט פרעמד און אַז עס קאָן נישט האָפן אויף קיין דערפאָלג צווישן דער אינדישער באַפעלקערונג.

גאָר פון אַן אַנדער זייט באַקעמפט גאַנדין דער שוין-דערמאָנטער האַנדאַוואַרקאַר. ער פירט-אויס, אַז ערשט ענגלאַנד און די ענגלישע דערציונג האָט דערוועקט אין אינדיע דעם פּאַטריאָטישן גייסט. „די ענגלישע לערער האָבן באַקענט אונזער יוגנט מיט די אוצרות פון דער סאַנסקריטישער ליטעראַטור. אונזערע באַאַמטע האָבן אין די ענגלישע אַמטן געקריגן אַ דיסציפּלינאַרע אויסשולונג און האָבן זיך אויסגעלערנט געזעלשאַפטלעך צו דענקען. דערום איז גאַנדיס אידעע, זיך אָפּצוזונדערן פון די ענגלישע איינפלוסן, אַ שווערער שאָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם נאַציאָנאַלן און מלוכיש-בירגערלעכן געפיל אין אונזער פאָלק".

נאָך אַ פּרינציפּיעלן אַרגומענט האָט מען אַרויסגערוקט קעגן גאַנדיס אום-מיטאַרבעט: דידאָזיקע גאַנצע אַקציע האָט אַ טיף נעגאַטיוון כאַראַקטער. זי שטייט דערום אין פולער סתירה צו דער אוראַלטער אינדישער שיטה, אַז אַל'דאָס לעבעדיקע מוז האָבן עפּעס חשיבות. טשעטערדזשי פאַרגלייכט גאַנדין מיטן גרויסן בענגאַלישן פאָלקפירער, אוראָבינדאָ גאָזע. גאַנדי, האַלט

ער, איז דער כהן פון אָפּזאָגן זיך, פון באַגרענעצן זיך — אוראָבינדאָ אַנט-קעגן, איז דער נביא פון לעבן. טשעטערדזשי האַלט, אַז טאַקע אַדאַנק דער טענדענץ זיך אָפּצוזאָגן און צו פאַרלייקענען, איז גאַנדי דער פּאַסיקסטער היטער פון די רעליגיעזע געפילן. אָבער ער האָט נישט קיין קוואַליפיקאַציעס פאַר אַ פּאָליטישן פירער:

— גאַנדי געהערט צום מין סאַניאַסי, וואָס טייטן דאָס לייב, קערן זיך אָפּ בכיוון פון וואַרעמקייט און פון די פאַרבן פון לעבן. זיי זאָגן זיך אָפּ פון דעם אַלעם, וואָס דינט נישט צו באַפרידיקן זייערע פּשוטסטע לעבנ-באַדערפענישן. זיי ווילן, אַז דאָס לייב זאָל זיי וואָס גיכער צעפאַלן, כּדי די נשמה, וואָס איז אין איר געפאַנגען, זאָל וואָס פריער זיך אומקערן צו דער גאָטהייט. אינדיעס אייביקע שליחות איז געווען צו שאַפן מענטשן פון דעם מין און אַלעמאָל האַלטן דאָס פּנים געווענדט צו גאָט!

ער באַמיט זיך אָבער צו דערווייזן, אַז דווקא דערדאָזיקער אַסקע-טישקייט און אומווילן צום לעבן האָט דאָס אינדישע פאָלק צו פאַרדאַנ-קען זיין שקלאַפערײַ און געפאַלנקייט.

— אַז מיר קוקן אַריין אין אונזער פאַרגאַנגענהייט, זעען מיר, אַז יענע פרעמדע מאַכטן אין אינדיע זענען דער אויסדריק פון שרעקלע-כער נקמה, וואָס האָט געוואָלט דאָס דאָזיקע לעבן פאַרלייקענען. אַ דאַנק דעם, וואָס אינדיע האָט אָנגענומען די תּורה פון אַבסאָלוטער פּאַסיווקייט אָן שום געוואַלט, האָט זי פאַרלוירן איר אייגענעם א י ך. אינדיע האָט אַנט-בלויזט איר נשמה פאַר גאָט, פאַר דער העכסטער גוטסקייט. אָבער זי האָט געטון דעם פעלער, וואָס זי האָט אים אויך אַנטבלויזט פאַר דער מענטשהייט, וואָס איז דאָך נאָר אַ געמיש פון גוטס מיט שלעכטס.

— אוראָבינדאָ גאָזע, אַנטקעגן — זאָגט טשעטערדזשי—איז אַרויסגעטרעטן פאַרן פאָלק, ווי דער פאַרזאָגער פון לעבן. ער האָט געפּרעדיקט, אַז דאָס הײַנטיקע אינדיע מוז אַרויף אויפן וועג, וואָס דער בראַמיניזם האָט איר פון לאַנג אָנגעצייכנט—צו פאַרנעמען די פרייהייט דורך לעבן: „די גרויסע פילאָזאָפיע פון געטלעכן וויסן קאָן זיך ווייטער נישט פאַרהוילן, פאַרמאַכט אין די ברוסטן פון די בראַמאַנער. דאָס גאַנצע פאָלק מוז גיין אויפן וועג פון בראַמיניזם און אויסקעמפן זיך די פרייהייט דורך פרייהייט פון לעבן.

אויך ראַבינדראַנאַט ט אַ גאָ ר ע האַלט, אַז גאַנדי באַגוגנט זיך מיט דעם, „וואָס ער באַמבלט מיט די פינגער איבער דער שנור פון נעגירן און וואָס ער ווייזט-אויף חטאים — אַנדערע מענטשן”. ער האַלט, אַז די אום-מיטאַרבעט מיט איר נעגאַטיוון אידעאַל אַנטשפּרעכט די פּרינציפּן פון בודיזם, וואָס פאַרלאַנגט זיך פולשטענדיק אָפּצוזאָגן פון אַלע פריידן פון לעבן. דער בודיזם לייגט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט זיך אויסהיטן פון אַל'דאָס שלעכטס, בעת דער בראַמיניזם שטרייכט אונטער די נויטווענ-דיקייט פון פּאָזיטיווער פרייד אין לעבן.

אויך איף דעמדאָזיקן פאָרוווּרף האָט גאַנדי געענטפערט. ער דערקלערט: דאָס אָפּזאָגן איז נישט קיין קלענערע דערגרייכונג, ווי דאָס אָננעמען. ס'איז נישט גענוג בלויז דאָס, וואָס מען הערט זיך צו צום אמת. מען דאַרף אויך מיט דער זעלבער אַנטשלאָסנקייט אָפּשטויסן פון זיך יעדן ליגן: „אַלע אמונות פון דער וועלט לערנען אונז, אַז מיר אונטערליגן צוויי קעגנזעצלעכע כּוחות און אַז דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן באַשטייט אין אומאויפהערלעכן אָננעמען און אָפּוואַרפן. די אום-מיטאַרבעט מיטן שלעכטס איז אַזוי גוט אונזער חוב, ווי די מיטאַרבעט מיט גוטס... אונזער אָפּזאָג ווייטער מיטצואַרבעטן מיט דער מאַכט איז געגליכן צו דעם, וואָס איידער דער פויער פאַרזייט, מוז ער גוט פריער אַדורכאַקערן די ערד. די אום-מיטאַרבעט — דאָס איז די דערקלערונג פונם גאַנצן פאָלק, אַז עס וויל נישט ווייטער בלייבן אונטער פרעמדער אַפּוטרופּסות. דאָס פאָלק האָט ליבערשט זיך גענומען צו דעם נאַטירלעכן און רעליגיעזן מעטאָד פון אום-מיטאַרבעט, איידער עס זאָל זיך קערן צום אומנאַטירלעכן און קעגנרעליגיעזן מעטאָד פון געוואַלט. אויב אינדיע קאָן זיך ווען-עס-איז אויסקעמפן פרייהייט, איז עס נאָר מיט דער הילף פון אום-מיטאַרבעט, אָן דער מינדסטער אָנווענדונג פון געוואַלט".

אָבער דידאָזיקע מעטאָדעס זיינע פון פּאָליטישן קאַמף האָט גאַנדי געהאַלטן נישט נאָר ווי אַ געווער צו אויסקעמפן אינדיעס אומאָפּהענגיקייט. די תּורה פון אַהימסאַ האַלט ער פאַר אַ מין שליחות פונם אינדישן פאָלק צו דער גאַנצער וועלט: „דער פּראָגראַם, וואָס איך האָב אויסגעטראַכט און דורכגעפירט אין אינדיע, וועט האָבן אַ גוטן איינפלוס נישט נאָר אויף דער לאַגע פון אינדיע און ענגלאַנד, נאָר אויך אויף דער פּאָליטישער לאַגע פון דער גאַנצער וועלט".

אַזוי־אַרום האָט גאַנדי געפּרעדיקט דעם פּרינציפּ פון אויסשליסן די געוואַלט, דעם „כּוח פון אמת". ער האָט געוואָלט דערווייזן דער וועלט אַז מען קאָן דאָך דעם לעבן אָפּשיידן די נשמה פון קערפּער און אָפּגעבן דעם קערפּער דעם שונא, און דערביי זאָל נישט שאַטן אויף אַ האָר דער פרייהייט פון דער נשמה. אינדיע האָט געזאָלט געבן די אַנדערע פעלקער אַ ביישפּיל, מיט וואָסערע נייע מיטלען מען קאָן באַשיצן די גייסטיקע פרייהייט פונם יחיד און פון גאַנצע פעלקער פאַר יעדער געוואַלט: „דער פּרינציפּ פון אָפּזאָגן זיך פון געוואַלט איז שוין באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט און ער וועט אייביק בלייבן צווישן די מענטשן. דאָס איז דער אָנזאָג פון אַלגעמיינעם שלום!".

מ'האָט גאַנדין פאָרגעוואָרפן, אַז הגם ער פּרעדיקט פאַר דער גאַנצער וועלט זיין תּורה פון דערלייזונג, פאַרנעמט ער זיך אָבער אַליין מיט נישטיקע ענג-נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. דערויף האָט ער געענטפערט, אַז די גרויסע אַרבעט פון אַלגעמיינער אויסלייזונג פאַרלאַנגט „אַ קליינעם, לאָקאַלן אָנהויב". ער האָט זיך דערביי פאַררופן אויף טאָלסטאָיען. ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אויב מיר ווילן איינפירן שלום אויף דער ערד, מוזן מיר

קודם-כל מוחל זיין אונזערע נאָנטסטע שכנים. אַזויאַרום וועט דער שלום אַרומנעמען וואָס ברייטערע קרייזן, און סוף כּל סוף וועט ער אַרומנעמען די גאַנצע וועלט. גאַנדי פאַררופט זיך אויך אויף אַן אינדישן פּאַרצייטיקן חכם, אַז „וואָס עס קומט-פאָר אויף אַ קליין שטיקעלע ערד, קומט אויך פאָר אויף דער גאַנצער ערד".

דערום האָט גאַנדי געהאַלטן, אַז די אום-מיטאַרבעט איז דער וויכטיקסטער אויפטו פאַרן וואויל פון דער מענטשהייט: „הגם אַלע אינסטרומענטן, מיט וועלכע אַנדערע פעלקער קאָנען באַרייכערן די סימפאָניע פון דער מענטשהייט, קאָנען זיין פיינערע, שענערע, זענען זיי אָבער מינדערווערטיק, ווען די כּוחות פון מזרח זאָלן נישט זיין קיין גייס וועגווייזער, וואָס פירן די מידע אייראָפּע צו דער גאולה".

דערום איז נישט קיין וווּנדער, וואָס גאַנדיס בלוטלאָזער קאַמף פאַר אינדיעס באַפרייונג האָט געפונען אויך אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין אייראָפּע: דאָ רופט גאַנדיס לעבן און ווערק אַרויס פאַרשידענע מיינונגען און אָפּשאַצונגען. אַ סך חשובע מענטשן האַלטן, אַז גאַנדיס שיטות און מעטאָדעס זענען אַן אָנזאָג פון אַ נייער מאָראַל. דאָס איז נוגע אין דער ערשטער ריי ראָמען ראָלאַנען. צום מחבר פונם דאָזיקן בוך האָט ער געשריבן, אַז ער האַלט גאַנדין פאַר אַ „קריסטוס, וואָס עס פעלט אים נאָר דער צלם". אַנדערע, אנטקעגן, האָבן אויסגעדריקט זייער טיפסטע ספיקות, צי מען קאָן דערגרייכן וועלכע-ס'איז פּאָליטישע רעזולטאַטן אויפן וועג פון פּאַסיווקייט, אויסשליסנדיק יעדן מין געוואַלט.

אָט האָט, למשל, עפּטאָן סינקלער געשריבן צום מחבר, אַז ער פאָלגט-נאָך מיטן גרעסטן אינטערעס גאַנדיס לעבנסווערק, אַז פערזענלעך האָט ער זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט קיין געוואַלט און אַז ער וואָלט זיין גליקלעך, ווען עס וואָלט מעגלעך געווען צו לייזן אַלע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט מיט דער הילף פון גאַנדיס מעטאָדעס. אָבער נאָך דער ביטערער דערפאַרונג פון דער לעצטער וועלט-מלחמה קאָן ער נישט גלייבן, אַז אויך דער מערב זאָל גיין אויפן דאָזיקן וועג: — „מיינע אייגענע אָבות — שרייבט סינקלער — האָבן זיך מיט כּוח אויסגעקעמפט זייער פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די ענגלישע מאַכט, געשאַפן אַ פרייע רעפּובליק. אַפילו די שוואַרצע ראַסע האָט מען דאָך באַפרייט פון שקלאַפעריי מיט פיזישן כּוח... ווען עס וואָלט געווען מעגלעך, אַז די אונטערגעדריקטע פעלקער זאָלן זיך אויסקעמפן זייער כּוח מיט דער הילף פון געוואַלט — דאַן וואָלט איך דידאָזיקע געוואַלט באַרעכטיקט... אָבער איך בין גלייכצייטיק מודה, אַז אַזאַ מענטש, ווי גאַנדי, אַלס באַפרייער פון די אונטערגעדריקטע פעלקער, וואָלט מיך אפשר געקאָנט פאַרשעמען".

אויך בערנאַרד שאָו שרייבט צום מחבר זיין מיינונג איבער גאַנדין: „וואָס שייך מיר — שרייבט דער באַרימטער ענגלישער דיכטער — קאָן איך זאָגן איינס: איך גלויב נישט אינעם כּוח פון ריין-נעגאַטיווע מיטלען, אפילו

ווען זיי דינען נאַרישע, קאָנסערוואַטיווע צילן. ס׳איז נישט קיין שום שטאַרקער אַרגומענט צו רעדן, אַז דער ברוטאַלער כוח ברענגט נישט קיין שום נוצן. אָבער די רעזולטאַט פון דערדאָזיקער געוואַלט זענען מוראדיקע. זיי קאָנען ברענגען צו אַ גראַד-פאַרקערטן אויסגאַנג, ווי מ׳האָט לכתחלה געוועסט געוואָלט. ס׳איז שוין כמעט אַ כלל, אַז די געוואַלט-מעטאָדעס גייען ווייטער אַריבער די גרענעץ, וואָס ס׳האָבן זיך לכתחילה געשטעלט די, וואָס האָבן זיי אָנגעווענדט. דאָס יאָר 1914 האָט דער רוסישער צאַר אָנגעהויבן אַ מלחמה, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז עסטרייך זאָל באַצווינגען סערביע. דאָס בריטישע קעניגרייך איז צוגעטרעטן צו דער מלחמה, כדי צו פאַרטיידיקן בעלגיע, וואָס האָט ביי די ברעגן פון צפון-ים פאַרנומען מיליטעריש אַ צווייטראַנגיקע ראָל — און אויף אַזאַ אופן נישט דערלאָזן צו דייטשלאַנדס מיליטערישער העגעמאָניע. אמת, דער צאַר האָט פולשטענדיק דערגרייכט זיין ציל — סערביע איז באַפרייט געוואָרן. אָבער דיזעלביקע כוחות, וואָס ער האָט געבערענגט אין באַוועגונג, האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף זיין באַפעל. זיי האָבן געאַרבעט ווייטער, און געברענגט לסוף צום פאַלן פונם הערשער גופא און צום איינפירן אַ קאָמוניסטישע רעפובליק. ענגלאַנד, ווידער, האָט אַפילו נישט דערגרייכט איר אָנגעצייכנטן ציל: די מלחמה האָט געברענגט צו פראַנקרייכס מיליטערישער העגאָמאָניע און צו אַן ענגן בונד צווישן פראַנקרייך מיט בעלגיע. — און וויבאַלד דאָס האָבן דערלעבט די זיגער, טו וואָס האָבן שוין געקאָנט דערוואַרטן די באַזיגטע?

„אינדיע איז באַצוווּנגען געוואָרן מיט געוואַלט, מיט געוואַלט ווערט זי רעגירט און נאָר מיט געוואַלט קאָן זי זיך באַפרייען. ס׳וואָלט געווען אַן אומזין עס צו פאַרלייקענען פאַר דער געשיכטע. אַזוי וואָלט מען אויך געקאָנט זאָגן, אַז דער טיגער וואָלט גאָרנישט געקאָנט דערגרייכן מיט געוואַלטמיטלען, אָדער אַז דער טיגער וועט זיך אָפּזאָגן פון געוואַלט, ער וועט זיך באַקערן און זיך שפּייזן בלויז מיט רייז. אָבער אין דער ווירקלעכקייט וועט, ווילאַנג ס׳וועט לעבן אפילו איין אינדער אויף דער וועלט, ענגלאַנד נישט זיין זיכער, און ווילאַנג ס׳וועט לעבן איין ענגלענדער אויף דער וועלט, אַזוילאַנג וועט אינדיע נישט זיין זיכער. מיטן מאָמענט, וואָס די געוואַלט קומט צום וואָרט — דאַן מוז זיין שוין פאַר יעדן פּרייז. אָבער היות מען וועט זי קיינמאָל נישט קאָנען דערגרייכן, און איר ענדלאָזער וועג פירט דורך בלוט, דערום הייסט געוואַלט — די אויסראָטונג פון מענטשלעכן שטאַם. דערום האַלט דאָס מענטשלעכן געוויסע געוואַלט פאַר אַ שלעכטס און אַלץ, וואָס שטרעבט אונטערצוהאַלטן די געוואַלט, פאַר אַ שטענדיקן און רואיקירנדיקן עלעמענט.

„קריסטוס און בודאַ, שעלי, טאָלסטאָי און גאַנדי — זיי זענען עס די פאַרזאָגער פונם דאָזיקן געוויסן. הגם זיי האָבן נישט געגומען קיין נקמה אָנם שלעכטס, קאָן מען אָבער נישט זאָגן, אַז זיי האָבן זיך דעם שלעכטס אַנטקעגנגעשטעלט. מען מוז פריער אויפקלערן דעם כאָאָס צווישן נקמה און פאַרטיידיקונג, צווישן דעם פּרווו צו באַצאָלן מיט שלעכטס אויף

שלעכטס — און מיטן באַשלוס צו באַקעמפן דאָס שלעכטס און אַרויסשטויס דאָס געמער פון זיינע אויספירער. ערשט דעמאָלט וואָלטן די מענטשן זיך געקאָנט אַנטשליסן צו גיין אויפן דאָזיקן וועג, אויף וועלכן מען הייסט זיי איינס גיין אָן געווער און אָן פּאַראַגנטוואַ רטלעכקייט".

## 22

אַזוי ווי לענין, אַזוי האָט אויך גאַנדי, מיטן מאָמענט, וואָס ער האָט איין אידעע אָנערקענט פאַר ריכטיק, אומגעבראָכן זיך באַמיט זי אַדורכצופירן, זיך לחלוטין נישט געקימערט, וואָס וועלן זיינע פריינד און שונאים זאָגן דערצו. גאַנדי האָט אויך געהאַט דעם מוט צו זיין אַליין — דאָס איז די אייגנשאַפט פון גאָר גרויסע מענטשן. ער דערוואַרט נישט קיין לויב פון די מאַסן, וואָס ער שטרעבט מיט אַלע כוחות צו זייער וווּל. ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז יעדער פּאָלקפירער מוז זיין אַנטשלאָסן אין די אינטערעסן פון זיינע אידעען, „זיך אַנטקעגנשטעלן אין באַליביקן פאַל דעם ווילן פון די מענטשן". ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט ער געשריבן אָפן: „איך פיל זיך פולשטענדיק קראַנק לגבי דער גרויסקייט, וואָס וויל מיך זינלאָז פאַרגעטערן. איך וואָלט זיך געפילט זיכערער אין מיין איך, ווען מען וואָלט מיך באַשפּיגן". מיט דער גאַנצער ענערגיע זאָגט ער זיך אָפּ „צו פון עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט קיצלען דעם פאָלקס אינסטינקטן".

דערום איז אויך קלאָר, אַז גאַנדין, אַזוי גוט ווי לענינען, וואַרפט מען אָפטמאָל פאַר אויטאָקראַטיע און אַליינליבע. מ'האָט אים אָפטמאָל פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ טיראַן און אַז ער וויל פאַרנעמען די דיקטאַטאָרישע מאַכט. און ער אַליין האָט אויך פון זיך אָפּגעשטויסן אַ שפּאָר ביסל אָנהענגער מיט זיין אומגעבראָכענער עקשנות. ער דערציילט אַליין, אַז אין דרום-אַפריקע האָט ער געהאַט לעבן זיך נישט מער, ווי אַ מאָן צענדליק מיטשטימער. אויך אין אינדיע איז ער אָפטמאָל געווען איינער אַליין. אָבער אַדורכגעדרונגען מיטן גלויבן אין זיין אידעע, האָט גאַנדי געהאַלטן, אַז דאָס אַליין-זיין איז אַ שטאַרקער שטויס צו נייער אַרבעט: „צומבעסטן און צוזאַמווירקזאַמסטן קאָן מען אַרבעטן אין דער וויסטעניש פון מינדערהייט" — האָט ער אַמאָל געזאָגט.

קיינמאָל האָט ער נישט געוואָלט פאַרבייגן דעם אמת און מאַכן הפלכע-ס'איז הנחות דער מערהייט. ער איז אויך אַלעמאָל גרייט געווען זיך עפנטלעך מודה צו זיין אין אַ פעלער און זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג פון זיין אייגענער אומפאָלקאָמענקייט. אָן פאַלשער חרפה האָט ער זיך אַנטשלאָסן גלייך אָפּצורופן זיינע אייגענע פאַראָרדענונגען, אויב זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק. ווי אַזוי קאָן איך דען — האָט ער אַמאָל געפרעגט — האַלטן ווייטער פאַר גערעכטיק דאָס, וואָס איך האָב שוין איין מאָל געהאַלטן פאַר פאַלש ?".

דערפאַר, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אינדיע איז נאָך נישט ראוי צו דער לאָזונג, וואָס ער האָט געוואָרפן — צו בירגערישער אומגעהאָרכזאַמקייט, האָט ער גלייך באַפוילן איבערצורייסן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן אַרום דעמדאָזיקן לאָזונג. דריימאָל האָט ער איבערגעריסן די אַקציע, וואָס ער האָט אַליין אָנגעהויבן. אָבער דאָס צוריקציען האָט פאַר אים נישט באַטייט, אַז ער פאַרלירט דעם גלויבן אינם נצחון פון זיין אידעע. אַזוי גוט ווי לענינס אומגעריכטע טאַקטישע האַנדלונגען זענען געווען אַלץ, נאָר נישט צווייפל אין דער קאָמוניסטישער אידעע. גאַנדי איז אַלעמאָל אַרויס פון דער הנחה, אַז דער אמת, וואָס ער פרעדיקט, איז „נישט אָפּהענגיק פון די פאַריבערגייענדיקע דערפאָלגן צי דורכפאַלן".

אַז דער מאַהאַטמאַ האָט, אונטערן רושם פון די בלוטיקע אומרוען, אין אַמריטזאַר, באָמביי און שאָרישאָראַ געהייסן ביי יעדעס מאָל, אַז מען זאָל פאַרהאַלטן די אַקציע, וואָס ער האָט זי אָנגעהויבן און וואָס איז געווען אין פולן ברען — האָט ער זיך באַמיט אויפן דאָזיקן וועג צו דערקענען דעם אמת: „איך גלויב, וואָס אַן אמת, אַז איך גיי אויפן ריכטיקן וועג, אָבער איך בין מודה, אַז ביז היינט איז מיר נאָך נישט געלונגען צו געפינען דעם אמת. וייל געפינען דעם אמת איז טייטש — געפינען די רעאַליזירונג פון זיך אַליין, דערפילן דעם אייגענעם גורל, אַנדערש גערעדט — דערגרייכן די שלימות. און איך גיב זיך מיט וויטיק אָפּ אַ רעכענונג פון מיין אומפולקומענקייט און איך מיין, אַז דווקא אינם באַוווסטזיין דערפון באַשטייט מיין כוח..."

אָבער דאָס, וואָס גאַנדי איז זיך מודה אין אַ באַגאַנגענעם פעלער, דינט קיינמאָל נישט פאַר קיין תירוץ זיך אָפּצוזאָגן פון דער אחריות פאַר דעם, וואָס ער האָט געטון. פאַרקערט — ער פילט זיך פערזענלעך העכסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע פאָלגן פון זיין פּאָליטיק. אַז דער צערייצטער המון אין שאָרי שאָראַ האָט צעמיטעט איין און צוואַנציק ענגלישע פּאָליציי-באַאַמטע — האָט גאַנדי געהאַלטן, אַז דערדאָזיקער צופאַל איז אַ התראה פון הימל: מ'האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס געבאָט פון אָפּזאָגן זיך פון געוואַלט איז נאָך נישט געהעריק אַדורכגעדרונגען אין אינדיע. אָבער גלייכצייטיק האָט ער גענומען אויף זיך די אחריות אין יעדער פאָרם פאַר דעמדאָזיקן פאָלקאויסבראָך, וואָס ער האָט אַליין שטרענג פאַרורטיילט. וייל דאָס איז געשען אין זיין נאָמען. דערום האָט אים באַפאַלעקט דאָס פאַרגאָסענע בלוט.

און ס'איז פיינלעך, וואָס גראָד קורץ פאַר דערדאָזיקער געשעעניש, האָט ער געשטעלט דער ענגלישער מאַכט אַן אולטימאַטום. איצט, צוליב דעם פולשטענדיקן צוריקמאַרש, האָבן זיינע שונאים אָפּן פון אים געחוזקט — אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך גאַנדי נישט צוריקגעצויגן פאַר דערדאָזיקער „פיינלעכסטער דערנידערונג" און באַפוילן גלייך איבערצורייסן די-

אקציע פון בירגערישער אומגעהאָרכזאַמקייט, וואָס איז געווען אין פולן ברען.

— זאָלן מיינע שונאים — האָט ער דאַן געשריבן — זיך פרייען מיט מיין מפּלה און דערנידערונג. גלייכער! זאָלן זיי מיך חושד זיין אין שוואַכקייט און פּחדנות, איידער איך זאָל האָבן געזינדיקט קעגן גאָט. גלייכער צו הערן אַרום זיך מענטשלעכן שפּאָט, איידער צו האַנדלען פאַלש קעגן זיך אַליין. מעגלעך, אַז פונעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט איז מיין באַשלוס — צו פאַרוואַרפן כמעט מיין גאַנצן פּראָגראַם — אַ סימן פון שוואַכקייט און נאַרישקייט. אָבער פונעם שטאַנדפּונקט פון דער אמונה איז עס דאָס איינציקע קלוגע און וועזנטלעכע. איך האַלט, אַז איך מעג פאַרזיכערן אַלע אומגלייבער און סקעפּטיקער, אַז פון מיין הכנעה און מיין מודה-זיין זיך צו דער זינד האָט דאָס לאַנד נאָר געוואונען... איך שרייב זיך נישט צו קיין אויסערגעוויינלעכן בוח. איך בין באַשאַפן פונעם זעלביקן שטויביקן פלייש, וואָס יעדער מינדסטער מענטש און דערום בין איך, ווי יעדער איינציקער, נישט פריי פון פעלערס...

אויך אין געריכט, ווען דער פּראָקוראָר האָט אים געמאַכט פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די פאָלקאומרוען, האָט ער זיך נישט געווערט: „איך נעם אויף גערן אַלע פאַרוואורפן, וואָס דער פּראָקוראָר מאַכט מיר, צוליב די געשעענישן אין באָמביי, מעדרעס און שאַרי שאַראַ. גאַנצע נעכט האָב איך וועגן דעם נאָכגעטראַכט און בין לסוף געקומען צום אויספיר, אַז איך קאָן בשום-אופן נישט אָראָפּנעמען פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דידאָזיקע שוידערלעכע פאַרברעכנס".

אָבער דער איינציקער מהות פון גאַנדיס גאַנצער פּאָליטיק ווייזט זיך צומבעסטן אַרויס אין יענער אייגנאַרטיקער און לחלוטין אָריגינעלער פאָרם, ווי אַזוי ער וויל אויסדריקן פאַרן פאָלק זיין חרטה. היות ער האָט זיך צו ווייניק איינגעלעבט און פאַרשטאַנען די שטימונגען אין פאָלק און דערום נישט געקאָנט ריכטיק דעם פאָלקס פּסיכיק — האָט ער באַשלאָסן זיך צו רייניקן מיט תפילות און לאַנגדויערנדיקן, פולשטענדיקן תענית. ער האָט אַליין געשריבן, אַז דערמיט איז ער אויסן-געווען צו אויספיינערן זיין חוש צו פילן „אפילו די מינדסטע ענדערונגען פון דער מאָראַלישער אַטמאָספער" אין זיין פאָלק.

דעמדאָזיקן משל האָט ער זיך אַראָפּגענומען פונעם נביא מחמד וואָס האָט פאַר יעדער וויכטיקער אַנטשיידונג געטון תפילה און געפאַסט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער רוח-הקודש האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. דער מאַהאַטמאַ איז איבערצייגט, אַז אין דערזעלבער מאָס, וואָס מען טייט-אָפּ דעם קערפּער דורך תעניתים און סיגופים, וואַקסט די פעיקייט און דער כוח פון דערקענטעניש. אויך פאַרן פּראָקלאַמירן די אום-מיטאַרבעט האָט גאַנדי פאַרברענגט עטלעכע טעג אין תעניתים און תפילות. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געוואַקלט, צי ער קאָן איבערגעבן דאָסדאָזיקע „געפערלעכע געווער" דעם פאָלק אין די הענט.

און אַז שפּעטער זענען צווישן די אינדער און מאַכמעדאַנער אויסגעבראָכן פרישע קאַמפן, און אַז דעם מאַהאַטמאַס רייד און אָפּמאַכן, כּדי צו לינדערן דעם פריש-דערוועקטן האַס האָבן גאָרנישט אויפגעטון — האָט ער דאַן נאָכאַמאָל אָנגעווענדט לגבי זיך יענץ אייגנאַרטיק מיטל — שטרענגן תּענית. „איך וויל קיינעם נישט מוסרן, אַ חוץ זיך אַליין — האָט ער דעמאָלט געשריבן — איך האָב שוין פאַרלוירן מיינע פעיקייטן און כּוחות, אַז דאָס פאָלק זאָל מיך הערן. אַ הילפלאָזער, אַ באַזיגטער, ווענד איך מיך צו גאָט — נאָר ער אַליין קאָן מיך אויסהערן".

גאַנדי איז אַוועק קיין דעלהי, אין דער וווינונג פון אלי, דעם פירער פון די מאַכמעדאַנער, און דאָרט אָנגעהויבן זיין „גרויסן תּענית". אַדאַנק אים האָט ער געהאָפט צו באַקומען זיין אַמאָליקע השפּעה און באַדייטונג. האָט דאָך שוין צוריק מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר דער גרויסער גאָטאָמאָ סידהאַרטאַ (בודא) געהאַלטן, אַז דאָס פאַסטן איז אַ מיטל צו דערגרייכן גייסטיקע קאָנצענטרירונג. און ווירקלעך האָט גאַנדיס אומגעוויינלעכער עקספּערימענט — דערפירן צו וויכטיקע פּאָליטישע באַשלוסן דורך פאַסטן און זיך אָפּטייטן — דערגרייכט דעם געווינטשטן רעזולטאַט: אויפן איין און צוואָנציקסטן טאָג פון זיין תּענית זענען זיך צו אים צונויפגעקומען די פירער פון אַלע קאַסטעס און פּאָליטישע פּאַרטייען, דערשראָקענע און באַזאָרגטע, און צווישן זיך געשלאָסן שלום, אַבי גאַנדיס טייער לעבן זאָל נישט זיין אין סכּנה.

און בשעת אונטן, צווישן חורבות און בערגלעך, האָבן יונגע און שלאַנקע ענגלענדער געשפּילט אין גאָלף — האָט מען אויבן, אויף דער טעראַסע פונם הויז, ביים שיפּוע פון אַן אַלטן ציטאַדעל, געשריבן אַ פּראָטאָקאָל, וואָס מען קאָן מיט רעכט אָנרופן פאַר איינעם פון די אָריגינעלסטע דאָקומענטן, וואָס עקזיסטירן בכלל. „די פירער, וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט — שטייט דאָרט געשריבן — געפינען זיך אַלע אונטערן רושם פון דעם באַשלוס, וואָס דער מאַהאַטמאַ גאַנדי האָט אָנגענומען — צו פאַסטן איין און צוואָנציק טאָג — און זענען דערמיט טיף אַדורכגענומען. אַלע שווערן דעם מאַהאַטמאַ, אַז זיי וועלן טון אַלץ, וואָס ליגט אין זייער כּוח, אַז מען זאָל קאָנען אַדורכפירן זיין באַשלוס און שטרענג באַשטראָפן די, וואָס וועלן עובר זיין. מיר באַפולמעכטיקן דערמיט דעם פאָרזיצער, אַז ער זאָל מודיע זיין דעם מאַהאַטמאַ, אַז אַלע אָנטיילנעמער זענען טיף אַנטשלאָסן צו שליסן שלום. זאָל ער אויך מיטטיילן דעם מאַהאַטמאַ אונזער ווונטש, אַז ער זאָל גלייך איבעררייסן זיין תּענית, אָנטיילנעמען אין דער פאַרזאַמלונג און אונז שטיצן מיט זיין מיטאַרבעט און ראָט. זאָל ער אַליין אָנווייזן די ריכטיקסטע מיטלען, וואָס קאָנען צומגיכסטן און צומזיכערסטן פאַרהיטן פאַר דעם, וואָס דאָס שלעכטס אַנטוויקלט זיך".

אָבער סוף כּל סוף קאָן מען זיך נישט וווּנדערן, וואָס פון פאַרשידענע זייטן האָט מען געמאַכט פאָרוואָרפן גאַנדיס טעטיקייט בכלל. מ'האָט אויך אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, וואָס פּאָליטיק וועט זיך קיינמאָל נישט

לאָזן צונויפּפּאָרן מיט רעליגיע. מ'איז מסכּים געווען, אַז גאַנדי פאַרדינט אויפן נאָמען „הייליקער", אָבער מ'האָט אָפּגעפּרעגט זיין באַרוף אַלס פּאָליטיקער. מ'האָט דערמאָנט טילאָקס וואָרט, דעם אָנגעזעענעם אינדישן פירערס, אַז פּאָליטיק איז נישט קיין ריכטיק אַרבעטספעלד פאַר די הייליקע. באַזונדער וואָרעם האָט גאַנדין געבעטן ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, אַז ער זאָל נישט אָנפּאַרטרויען דעם גייסטיקן אוצר, וואָס ער פאַרמאָגט, דער וואָקל־דיקער שיף פון דער פּאָליטיק, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן שטופּן אינם כאַאָס פון די פּאַרטייקאַמפּן און אויסנוצן די געשיקטע צונגען אויף דער פּאָליטישער שאַכברעט.

אָבער קיינער האָט נאָך נישט אַזוי ענערגיש געקעמפט קעגן דעם אָפּטיילן די רעליגיע פון פּאָליטיק, ווי גאַנדי אַליין. ער האָט זיך גענוי אָפּגעגעבן אַ רעכנונג, ווי ווייט דאָס גאַנצע היינטיקע לעבן איז אַדורכגעזאַפט מיט פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און רעליגיעזע פּראָבלעמען, אַזוי אַז ס'איז פּשוט אוממעגלעך זיי גענוי אָפּטיילן פון צווישן זיך: „איך גלייב נישט, אַז רעליגיע און פּאָליטיק זאָלן זיין צוויי באַזונדערע געביטן. פּאָליטיק אָן רעליגיע איז געגליכן צו אַ בר־מינן, וואָס מען דאַרף וואָס גיכער פאַרברענען..."

דווקא אין דעם, וואָס די פּאָליטיק איז אַזוי אָפּגעטיילט פון מאָראַל, זעט גאַנדי איינע פון די סיבות, פאַרוואָס די פעלקער זענען פּאָליטיש דעגענערירט. ער ווייזט־אויף, אַז פאַרצייטנס זענען אַלע גרינדער פון אמונות גלייכצייטיק געווען גרויסע מלוכהמענער. פאַר די בעסטע ביישפילן ברענגט ער קריסטוסן און מחמדן.

— לויט מיין באַשיידענער מיינונג — זאָגט דער מאַהאַטמאַ — איז יעזוס כּריסטוס געווען דער נשיא פון אַלע פּאָליטיקער. זיין צייט האָט אים געשטעלט פאַר דער אויפגאַבע צו באַפרייען דאָס פאָלק פון דער כּוהנישער אַפּוטרופּסות, וואָס אין זייערע הענט האָט זיך געפונען די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט. די פּאָליטיק איז דערווייל געוואָרן אומענדלעך מערער קאָמפּליצירט און זי דרינגט אַריין אין אַלע געביטן פון לעבן אַזוי, אַז זי באַדראָט אונזער עקזיסטענץ. דערום, אויב מיר ווילן באמת דערהאַלטן דאָס אַלגעמיינע וווּל, מוזן מיר מיט דער גאַנצער ערנסטקייט אָנטיילנעמען אין דער רעגירונגס אַרבעט און אין דער פּאָליטיק, כּדי אַריינצופירן וואָס־מערער רעליגיעזע און מאָראַלישע עלעמענטן אין דער מלוכה־פירונג".

אַזוי־אַרום איז דער מאַהאַטמאַ טיף איבערצייגט, אַז מען קאָן פאַראייעדלען די פּאָליטיק דערמיט, וואָס מען וועט אין איר אַריינאַימפּן רעליגיעזע עלעמענטן. ער גלייבט שטאַרק, אַז „אינם פּאָליטישן לעבן מוז מען און קאָן מען אַריינפירן די יסודות פון אמת און ערלעכקייט".

גאַנדי האָט, ווייסט עס, דאָס ערשטע מאָל זינט לאַנגע דורות געשטיצט די פּאָליטיק און די דיפּלאָמאַטיע אויף די יסודות פון אויפריכטיקייט, אמת און מאָראַל. משך זיין גאַנץ לעבן האָט ער קיינמאָל נישט אָנגעווענדט קיין געהיימע אָפּמאַכן, פאַלשע תּירוצים, טאַקטישע מאַנעווערס

אָדער אומגעריכטע אָנפאַלן. פאַרקערט, דידאָזיקע אַלע כּלי-זין פון דער דיפּלאָמאַטיע, וואָס מען האָט ביזאַהער געהאַלטן פאַר נויטווענדיק — האָט ער אינגאַנצן אויסגעטיילט פונם פּאָליטישן לעבן און עס דערקלערט פאַר שעדלעך.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז נאָר אומריינע פּלענער האָבן מורא פאַר דער ליכטיקער שיין — האָט ער דעם אינהאַלט פון יעדן בריוו זיינעם פון-פאָרויס מודיע געווען זיין קעגנער. ער האָט געהייסן פאַרעפנטלעכן פולשטענדיקע און ריכטיקע באַריכטן פון אַלע באַראַטונגען. קיינמאָל האָט ער זיך נישט באַמיט צו פאַרהוילן אָדער צו פאַרמילדערן זיינע מפּלות. און טאַקע אַדאַנק דערדאָזיקער אומבאַגרענעצטער אויפריכטיקייט און אמת האָט ער לסוף אַנטוואָפנט אַלע זיינע שונאים. אַזוי, אַז די ספּעציעלע אַגענטן פון דער דעלהיער רעגירונג האָבן געמוזט לסוף אויפהערן אים נאָכצושפּיאָנירן איף טריט און שריט — עס איז געווען פולשטענדיק איבעריק.

## 23

גאַנדי, וועלכער איז, גלייך ווי לענין, אויסן-געווען קודם-כּל צו פאַרווירקלעכן זיינע אידעען, האָט זיך אָנגערופן — פּראַקטישער אידעאַליסט. מיט פולער אַנטשלאָסנקייט האָט ער אָפּגעוואָרפן די מיינונג, אַז זיין לערע איז נאָר אַן אוטאָפּיע, אַ פאַנטאַזיע, וואָס וועט קיינמאָל נישט ווערן פאַרווירקלעכט.

אמת, די אינדישע רעוואָלוציע, אַזוי גוט ווי די רוסישע, האָט נאָך פולשטענדיק איר ס נישט דערגרייכט. די ענגלענדער באַלעבאַטעווען ווייטער אין אינדיע, ווי פריער. עס קאָן זיך אָפּילו אויסווייזן, אַז גאַנדיס גאַנצע אַקציע איז אַראָפּ אין הינטערגרונט. אָבער גאַנדי האָט אונטערגענומען אַ קאָלאָסאַלן פּאָליטישן עקספּערימענט, וואָס מען קאָן נישט אונטערשאַצן זיין פּראַקטישע און פּאָזיטיווע זייט. ער האָט דער ערשטער באַוויזן איינצופלאַנצן אין דער נשמה פון אַ טעלעכע-הונדערט-מיליאָניק פאָלק די אידעע פון אָפּזאָגן זיך פון געוואַלט — איינעם פון דער מענטשהייטס העכסטע אידעאַלן—ווי דעם פּרינציפּ פון פּאָליטישן לעבן. און דווקא אין דעם, וואָס דער מאַהאַטמאַ האָט קיינמאָל נישט איבערגעשאַצט די רעאַלע מעגלעכקייטן, וואָס ער האָט אַלעמאָל געקאָנט צופּאַסן זיינע פאָדערונגען צו דער קאָנקרעטער לאַגע און צו די גרענעצן פון זייערע מעגלעכקייטן — דווקא אין דעם ווייזט זיך אַרויס גאַנדי אַלס קלוגער, ניכטערער און רעאַלער פּאָליטיקער. אמת, ער פּרעדיקט דאָס געבאָט פון פולשטענדיקער ליבשאַפט, אָבער גלייכצייטיק גיט ער צו, אַז ס'וואָלט געווען נאַריש צו האָפן, אַז די מאַסן וועלן זיך אונטערוואַרפן דעמדאָזיקן געבאָט. ער ווייסט וואויל, אַז די מאָראַלישע געבאָטן, וואָס ער פּרעדיקט, וועט מען נישט קאָנען פאַרווירקלעכן פון איין טאָג אויפן צווייטן. ער זאָגט, אַז זיין אידעע איז געגליכן צו „עווקלידעס'ס גלייכער ליניע, וואָס עקזיסטירט נאָר אין דער פאַנטאַזיע, אָבער פונדעסט-

וועגן האָט זי אַ ריזיקע באַדייטונג אין דער געאָמעטרע און ברענגט צו די שענסטע רעזולטאַטן".

די אום־מיטאַרבעט — דאָס איז ערשט דער ערשטער טריט אויפֿן וועג צו דער צוקונפֿטיקער, אויסגעטרוימטער וועלט. די אָנהענגער פֿון אַנדערע פּאָליטישע מעטאָדעס, די וואָס האַלטן, אַז זיינע פּלענער זענען פֿאַנטאַסטישע געדאַנקען, וואָס וועלן זיך קיינמאָל נישט לאָזן פֿאַרווירקלעכן — זיי ענטפֿערט ער: „די פֿאָסטטרעגער האָבן געשפּאָט פֿון דעם דערפֿינדער פֿון דעם לאָקאָמאָטיוו. ביז וואַנען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַן קאָן פֿירן אַפֿילו גאַנצע פֿאָסטוואָגנס. די מעכאַניקער פֿון די דאַמפּמאַשינען האָבן זיך אויסגעלאַכט פֿון די עלעקטראָמעכאַניקער — ביז די עלעקטרע האָט ווירקלעך אָנגעהויבן צו באַווייזן וווּנדער. ס'וועט נאָך אַ סך וואַסערן אָפּפֿליסן, ביז וואַנען די ליבשאַפֿט וועט אָננעמען אַזויפֿיל כּוח, אַז זי זאָל קאָנען ווערן דער רעגולאַטאָר פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע באַציונגען. אָבער ווער עס קוקט זיך צו מיט אָפֿענע אויגן צו די לעצטע געשעענישן אין אייראָפּע און אין אַזיע — יענער וועט איינזען, אַז די וועלט גיט זיך ביסלעכוויז אָפּ אַ רעכענונג דערפֿון, אַז דאָס באַנוצן געוואַלט פֿירט נישט צום ציל; ער וועט באַמערקן, אַז די וועלט הייבט אָן זיך אָפּצוקערן פֿון דעמדאָזיקן מיטל, וואָס מען קאָן אים שוין מער נישט באַנוצן ביים לעזן פּאָליטישע קאָנפֿליקטן..."

אָבער אויך אין דערדאָזיקער שטרעבונג צו אַדורכזאַפּן די פּאָליטיק מיט רעליגיעזע עלעמענטן, אין דעמדאָזיקן ווונדערלעכן געמיש פֿון תּפֿילות, תּעניתים און רעגירקונסט — אויך דאָ ווייזט זיך אונז גאַנדי אַרויס ווי אַ רעאַלער פּאָליטיקער. אַן אמתדיקער פֿאָלקפֿירער אין אינדיע קאָן נאָר זיין אַ „הייליקער". זענען דאָך אין דער גאַנצער געשיכטע פֿונם דאָזיקן פֿאָלק במעט אַלע וויכטיקסטע מלוכהמענער גלייכצייטיק געווען גרויסע רעליגיעזע פֿירער.

די אַלטע, טויזנטעריעריקע אינדישע מלוכה לעבט איצט איבער אַ מעכטיקן היסטאָרישן פּראָצעס: די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע באַהערשט אינדיע מיט אירע מאָדערנע רעגירמעטאָדעס, מיט אירע שולן, פֿאַבריקן, באַנען און אויטאָמאָבילן. גיגאַנטישע פֿאַבריקגעביידעס, האָטעלן און לאַגערס האַקן זיך אַריין אין די פֿאַנטאַסטישע פּאַלאַצן און הייליקטימער; אויטאָמאָבילן און מאָטאָציקלען מישן זיך צענויף מיט הייליקע קי און העלפֿאַנטן, וואָס שפּאַנען מאַיעסטעטיש איבער דער גאַס צווישן סטאַדעס אייזלען און סקריפּענדיקע וועגענער, איינגעשפּאַנטע אין אָקסן.

וועקט זיך דעריבער אינדיע צו מעכטיקער טאַט, אייניקט י זיך אַנטקעגן דער אייראָפּעישער סכּנה. זי זאָגט זיך אָפּ אַפֿילו פֿון טיף־איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס — אויב מען קאָן נאָר דערמיט פֿאַרהאַלטן דעם נצחון פֿון דער „טייוולאָנישער ציוויליזאַציע". אויף אַזאַ אופֿן שאַפֿט זיך איינע פֿון די גרעסטע פֿרייהייט־באַוועגונגען אין דער וועלט געשיכטע: מען באַפֿרייט די פּאַריער, מען מאַכט זיי פֿאַר פֿרייע מענטשן, כּדי זיי זאָלן אויך

קאָנען אָנטיילנעמען אינם קאַמף קעגן די פרעמדע באַדריקער. די געפאַר פון מערב קומט אויס אינדיע אַזוי שרעקלעך, אַז דאָס גאַנצע פאָלק אייניקט זיך אין זאָרג פאַר ראַטעווען די באַדראָטע אַזיאַטישע קולטור. פאַרשווינדן אַלע טיפע קאַסטעאונטערשיידן און אמונהפאַרשידנקייטן. אַלע קאַסטעס, גלויבנס, ראַסעס: אינדער און מאַכמעדאַנער, פאַרשער און סיקהן, בראַמאַנער און פּאַריער, אָרעם און רייך — אַלע שטייען זיי אין איין ריי, ווי אַן איינהייטלעך פאָלק — קעגן אייראָפּע. מיט רעליגיעזער עקשנות זאַמלט מען דאָס גאַנצע פאָלק אונטער דעם סימבאָל פון האַנטווערק און אַלטפרענקישער טעכניק, אונטער דער פאָן פון שפּינראָד.

דריי הונדערט מיליאָן מענטשן האָרכן די רייד פון דעם איינציקן מענטשן, וואָס ער אַליין האָט פון די אַלע אָנצאָליקע סעקטעס און שבטים באַוויזן צו שאַפן איין אינדיש פאָלק. ער געהערט פולשטענדיק צו זיי, ער רעדט אויף זייער שפּראַך, ער ריכט אָפּ זייערע תפילות. ער שטעלט זיך פאַרן וויצעקעניג, אָנגעטון אין אַ גאַרטל אויף די זייטן, ווי דער געמיינסטער פון צווישן זיינע פאָלקסברידער. און ער האַנדלט-אונטער מיטן אַלמעכטיקן פאָרשטייער פון בריטישן קעניגרייך, ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן — וועגן אינדיעס צוקונפט.

און ס׳איז אמת, וואָס עס זאָגן גאַנדיס מיטשטימער: אינדיע וויל נישט האָבן קיין אַנדער פירער, ווי דעם מאַהאַטמאַ; אינדיע וויל נישט קיין אַנדער פּאָליטיק, ווי דאָס פּרעדיקן די אייביקע אידעע פון אַהימסאַ. אינדיע האָט גוט געטון, וואָס זי איז נעגאַנגען נאָך גאַנדין, וואָס האָט פאַרגעזאָגט רחמנות און אמת.

דער טיפ מאָדערנער פּראָפעסיאָנעלער פּאָליטיקער, וואָס מיר קענען אין אייראָפּע — איז פולשטענדיק פרעמד דעם וועזן פונם אינדישן פאָלק. אַזאַ פּאָליטיקער וואָלט זיך קיינמאָל נ״שט געקאָנט צענויפלעבן מיטן פאָלק. אינדיע האָט טאַקע געדאַרפט האָבן יענעם געמיש פון פּאָליטישע און רעליגיעזע שטריכן, וואָס זיין פאַרקערפּערונג איז דער מאַהאַטמאַ, דער טיפּ פונם „פּאָליטישן גורו״, דער מדריך פון זיין פאָלק. —

# בריוו פון תפיסה

## צו טש פ. ענדריו

תפיסה סאַבאַרמאַטי, 17 מערץ 1922

מיין טייערער טשאַרלי!

נאָר-וואָס דערהאַלטן דיין בריוו... אוודאי וואָלט איך זייער גערן וועלן, זאָלסט אַוועקפאָרן אין אשראם — אויב די צייט וועט דיר נאָר דערלויבן — און דאָרטן בלייבן אַ געוויסע צייט. אָבער איך וואָלט נישט וועלן, זאָלסט צו מיר קומען אין תפיסה אַריין. איך בין גליקלעך, ווי אַ פייגעלע. מיין פלאַן, וואָס איך האָב זיך געמאַכט פאַר דער צייט פון מיין אויפהאַלט אין תפיסה, פאַרלאַנגט פולשטענדיק איבערצוררייסן מיט דער אויסערלעכער וועלט. די דערלויבעניש אויף אַ זעונג איז שוין אַ שטיקל פריווילעג — און אַזאַ מענטש, וואָס איז אומגעהאָרכזאַם דער מאַכט, טאָר נישט פאַרלאַנגען קיין פריווילעגן, נישט ער מעג זיי אָננעמען. די רעליגיעזע ווערט פון דעם אַרעסטירן מיך איז גרעסער נאָך דערמיט,, וואָס איך זאָג זיך אָפּ פון אַלע באַקוועמלעכקייטן. די תפיסה, וואָס שטייט מיר פאָר, האָט פאַר מיר גיכער אַ רעליגיעזן, איידער אַ פאָליטישן באַטייט. דאָס איז אַ קרבן. וואָלט איך דעריבער וועלן פולשטענדיק רוען.

דיינער, אין ליבשאַפט
מאָהאַן.

## צו האַקימי

תפיסה יעראָדאַ, 14 אַפּריל 1922

טייערער האַקימי!

די אַרעסטאַנטן האָבן דאָס רעכט יעדעס פערטל יאָר צו געניסן פון אַ זעונג און אָנצושרייבן און צו דערהאַלטן איין בריוו. וואָס שייך דער זעונג, זענען ביי מיר געווען דעוועלאַס און ראַדזשאַגאָ פּאַלאַטשאַרי. וואָס שייך דעם בריוו, וואָלט איך אים וועלן אָנצושרייבן צו דיר.

ווי דו דערמאַנסט זיך מסתמא, האָט מען מיך מיט בענקערן געגומען אין תפיסה אַריין שבת, ד. 18 מערץ. אויפצומאָרגנס 10 אָוונט האָט מען אונז דערקלערט, אַז מען פירט אונז איבער אין אַן אומבאַוווסט אָרט. אַזייגער 11.30 האָט מען אונז אוועקגעפירט, אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָליציי-אָפּיציר, אויפן וואָקזאַל אין סאַבאַרמאַטי. דאָרט האָט שוין אויף אונז געוואַרט אַ ספּעציעלער צוג. מיר האָבן באַקומען אַ קאָרב פרוכטן. אויפן וועג האָט מען אונז גוט באַהאַנדלט. צוליב רעליגיעזע און געזונטהייט-טעמים האָט מיר דער תפיסהדאָקטאָר אין סאַבאַרמאַטי דערלויבט די זעלבע דיעטע, צו וועלכער איך בין געוווינט. בענקערן, ווידער, האָט ער געהייסן געבן ברויט, מילך און פרוכטן. ער האָט אויך אָנגעזאָגט דעם פאַרטרעטער פונם

פּאַליציי־אַפּיציר, וואָס האָט אונז באַגלייט, אַז מיר זאָל מען באַזאָרגן גענוג ציגנמילך, און בענקערן — קומילך.

מיר זענען אויסגעשטיגן אין הירקי. דאָרט איז שוין געשטאַנען אַן אַרעסטאַנטנוואָגן. מיר זענען אַריבערגעפּאָרן אין תּפיסה. פּונדאַנען טאַקע שיק איך דיר דעם בריוו.

פאַרשידענע מענטשן, וואָס האָבן דאָ שוין אָפּגעריכט זייערע שטראָפן, האָבן מיר געהאָט דערציילט, אַז אין דערדאָזיקער תּפיסה איז נישט גאָר פּויגלדיק. איך בין דערום געווען צוגעגרייט אויף אַלערליי צרות. כ'האָב אויך געהאָט געזאָגט בענקערן, אַז באַם מען וועט מיר נישט דערלויבן צו שפּינען, וועל איך מוזן זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען עסן. ווייל אינדישן ניי־יאָר האָב איך געטון אַ נדר, אַז איך וועל יעדן טאָג אַרבעטן אַ האַלבע שעה ביים שפּינראָד, סיידן איך וועל זיין קראַנק אָדער אונטערוועגנס. זאָל ער זיך דעריבער נישט נעמען צום האַרצן, אויב איך וואָלט געמוזט אָנהויבן אַ הונגערשטרייק און זאָל ער צוליב שלעכט־פאַרשטאַנענער סאָלידאַריטעט מיר נישט נאָכטון. בענקער האָט בכן געוווסט, ווי אַזוי איך באַצי זיך צו דער זאַך.

האָבן מיר זיך טאַקע נישט שטאַרק געוווּנדערט, ווען דער פאַרוואַל־טער פון תּפיסה האָט אונז גלייך לכתחילה דערקלערט, אַז מיר מוזן אָפּ־געבן דאָס שפּינראָד און דעם קאָרב פּרוכטן. איך האָב דערויף באַמערקט, אַז אין תּפיסה אין סאַבאַרמאַטי האָט מען אונז דערלויבט טאָגטעגלעך צו אַרבעטן ביים שפּינראָד און אַז אין הסכם מיט מיין נדר מוז איך דווקא באַשטיין, אַז מען זאָל מיר דערלויבן צו שפּינען. מען האָט מיר קורץ געענטפערט, אַז יעראָדאַ איז נישט סאַבאַרמאַטי.

כ'האָב אויך געזאָגט דעם תּפיסה־פאַרוואַלטער, אַז אין סאַבאַרמאַטי האָט מען מיר, צוליב מיין געזונט־צושטאַנד, דערלויבט צו שלאָפן אויף דער פרייער לופט. אָבער אויך פון דעם פּריווילעג האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט.

דאָד ערשטער איינדריק איז, הייסט עס, נישט געווען גאָר קיין איבע־ריק־גוטער. וואָס אַן אמת — האָב איך דאָס זיך ווינציק גענומען צום האַרצן. און הגם די לעצטע צוויי טעג האָב איך גראָד געפאַסט, האָט עס מיך אויך נישט געאַרט. בענקער האָט דאָס אַלץ אויפגענומען אַ סך טראַ־גישער. ביינאַכט האָט ער שווערע חלומות, דערום וויל ער נישט שלאָפן אַליין. אַחוץ דעם איז דאָס זיין ערשטע פּיינלעכע דערפאַרונג אין לעבן — און איך, להיפוך, בין שוין געוווינט צו דער שטייג.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי איז געקומען דער דירעקטאָר, געוויר וועדן, וואָס מיר מאַכן מיטן געזונט. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז מיין מיינונג וועגן אים, באַלד נאָך דעם ערשטן איינדריק, איז געווען אומגערעכטיק. נעכטן אינאָוונט איז ער געווען אַביסל אויפגערעגט. מען האָט אונז גע־ברענגט נאָך דער אָפּיציעלער צייט — און אַחוץ דעם זענען אונזערע פאָ־דערונגען געקומען פאַר אים פולשטענדיק אומגעריכט. ער האָט דערום גע־

ווערט עס געהאַלטן פאַר מאָדנע פּרעטענזיעס און פאַר אַ פּתחון-פּה צו אַ הונגערשטרייק. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געוואָלט פאַרהאַלטן ביי זיך דאָס שפּינראָד נישט מחמת נאַרישן ווידערשטאַנד אָדער צולהכעיס, נאָר מחמת רעליגיעזער באַדערפעניש — אָפּגעזען דערפון, צי איך בין גערעכט צי נישט. אַז ער האָט משך אונזער שמועס זיך דערוווּסט, אַז וועגן הונגערשטרייק קאָן אַפילו קיין רייד נישט זיין, האָט ער באַפוילן, מען זאָל אונדז אַרויסגעבן אונזערע שפּינרעדער. ער האָט זיך אויך געלאָזט איבערצייגן, אַז אַזאַ דיעטע, וואָס מיר האָבן פאַרלאַנגט, איז פאַר אונדז פשוט אַ נויטווענדיקייט. ווי איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען, זאָרגט מען דאָ אין תפיסה געהעריק פאַר די קערפּערלעכע געברויכן. אַזוי דער פאַרוואַלטער, ווי דער וועכטער, פאַרהאַלטן זיך מיט מיר טאַקטיש און העפלעך. די ערשטע עטלעכע טעג קאָנען נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט. מיינע באַציונגען מיט דידאָזיקע פונקציאָנאַרן זענען אַזוי האַרציק, אויף וויפל עס קאָן בכלל זיין צווישן אַן אַרעסטאַנט און זיינע וועכטער.

אָבער ס'איז מיר פולשטענדיק קלאָר געוואָרן, אַז אין אונזער גאַנצער באַציונג איז נישטאָ קיין שום אָרט פאַר מענטשלעכקייט. דער פאַרוואַלטער דערציילט, אַז ער באַהאַנדלט אַלע אַרעסטאַנטן, אַזוי ווי מיך. אויב עס איז אַזוי, פאַרענטפערט עס פולשטענדיק אַלע קערפּערלעכע נויטן, אָבער מען זאָרגט אינגאַנצן נישט פאַר דעם מענטשנס גייסטיקע באַדערפענישן. דער תפיסהרעגולאַמין זעט דאָס נישט פאַר.

דאָסזעלביקע האָב איך אויך געדרונגען פון דער האַנדלונג פון דער תפיסהקאָמיסיע. זי באַשטייט פון דער תפיסהפאַרוואַלטונג, אַ גייסטלעכן און נאָך עטלעכע מענטשן. צופעליק איז זיך דידאָזיקע קאָמיסיע צענויפגעקומען אויפצומאָרגנס נאָך אונזער קומען. זי איז אויך געקומען צו אונדז, אויסצוהערן אונזערע פאַרלאַנגען. איך האָב זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז בעקער איז נערוונקראַנק, און דערום מוז ער שלאָפן אין מיין קאַמער ביי אָפענע פענסטערס. שווער מיר צו באַשרייבן, ווי גרינגשעצנדיק און גלייכגילטיק זיי האָבן אויפגענומען מיין דאָזיקע בקשה. אַז דידאָזיקע הערן זענען אַוועק ווייטער, האָב איך געהערט, ווי איינער פון זיי האָט געוואָרפן אַ וואָרט: „נאַרישקייטן!". פונוואַנען האָבן זיי געקאָנט וויסן, ווער איז בעקער, וואָסער שטעלונג ער האָט פאַרנומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָסער בילדונג ער האָט! איבעריקנס, זענען זיי נישט געווען מחויב צו פאַרשן און דערגיין די סיבות, פאַרוואָס איך האָב זיי געבעטן דווקא וועגן דעם. מיר איז דאָס אויסגעקומען פולשטענדיק פאַרשטענדלעך און גערעכטיק. פאַר בענקערן האָט אַ רויקער געלאַסענער שלאָף זיכער באַטייט אַ סך מער, ווי אַ גוט מאָלצייט.

אַ שעה נאָך דעמדאָזיקן שמועס האָט מען בענקערן דערקלערט, אַז מען וועט אים איבערפירן אויף אַן אַנדער אָפּטייל. ס'איז מיר געוואָרן אַזוי שווער, ווי אַ מוטער, וואָס מען נעמט איר צו איר איינציק קינד. אָט דעם גאַנצן פאַקט, וואָס מ'האָט בענקערן אַרעסטירט און געמישפּט צוזאַמען מיט

מיר, האָב איך געהאַלטן ווי אַ גדיקלעכן צופאַל. שוין אין סאַבאַרמאַטי האָב איך געזאָגט דער תּפיסהמאַכט, אַז ווען מען וואָלט מיך לאָזן צוזאַמען מיט בענקערן, וואָלט איך עס געהאַלטן פאַר אַ גרויס געפעליקייט. איך האָב זיי אויפגעוויזן, ווי אַזוי מיר וואָלטן ביידע געקאָנט זיך העלפן. איך האָב אים געלייענט שטיקלעך פון דער גיטאַ, און ער האָט אויפגעפּאַסט מיין שוואַכן קערפּער. צרשט מיט עטלעכע חדשים צוריק איז בענקערן געשטאָרבן זיין מוטער. אַז עטלעכע טעג פאַרן טויט האָב איך מיט איר געשמועסט, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי שטאַרבט מיט אַ לייכט געמיט — מחמת זי ווייסט, אַז איר זון איז אונטער מיין גוטער אויפזיכט. דידאָזיקע איידעלע פרוי האָט דאָך זיך נישט געקאָנט משער זיין, ווי מאַכטלאָז איך וועל זיין, ווען איך וועל זיך מוזן פאַרנעמען מיט איר זון. אַז בענקער איז פון מיר אַוועק, האָב איך אים איבערגעגעבן אין גאָטס השגחה. איך האָב אים געטרייסט, אַז גאָט וועט זיך אָננעמען פאַר אים.

פון זינט דעמאָלט האָט מען אים דערלויבט צו קומען צו מיר אַ האַלבע שעה אַ טאָג. ער האָט מיך געזאָלט לערנען קעמען וואָל. ער האָט עס זייער גוט געקענט. ביים לערנען איז אָנוועזנד אַ וועכטער. ער דאַרף דאָס אויפפּאַסן, אַז מיר זאָלן נישט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, ווי וועגן זאַכן, וואָס האָבן אַן ענגע שייכות מיט אונזער אַרבעט. דערווייל וועל איך זיך באַמיען אויסצופועלן ביים גענעראַלאינספּעקטאָר און ביים תּפיסהפאַר-וואַלטער אַ דערלויבעניש, אַז איך זאָל משך די עטלעכע מינוט, וואָס מיר קאָנען פאַרברענגען צוזאַמען, מעגן לייענען די גיטאַ. דידאָזיקע בקשה מיי-נע ווערט איצט באַטראַכט.

איך האָב געמוזט אָנשטרענגען מיין גאַנצע קלוגשאַפט און אָריענ-טאַציע, אַז מען זאָל מיר דערלויבן צו פאַרהאַלטן ביי זיך זיבן ביכלעך: פינף ריין-רעליגיעזע ביכער, אַן אַלט ווערטערבוך, וואָס קומט מיר שטאַרק צונוץ, און אַ האַנטבוך פון אורדו, וואָס מאַולאַנאַ אַבדול קאַלאַם אַזאַד האָט מיר געשענקט. ווייל דו ווייסט דאָך, אַז ס׳איז פאַראַן אַ שטרענגע פאַראָרד-נונג, אַז די אַרעסטאַנטן מעגן לייענען ביכער נאָר פון דער תּפיסהביבל-יאָטעק, מען האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך זאָל יענע זיבן ביכ-לעך אַוועקשענקען דער תּפיסהביבליאָטעק און זיי דערנאָך פון דאָרט אַרויס-באָרגן. דערויף האָב איך דעם פאַרוואַלטער העפלעך געענטפערט, אַז איך וואָלט עס גערן געטון מיט אַלע מיינע אַנדערע ביכלעך. אָבער וואָס שייך דידאָזיקע זיבן ביכלעך, זאָל ער ביי מיר גלייכער פאַרלאַנגען מיין רעכטע האַנט. איך ווייס נישט, פאַרוואָס זיי זענען מיר אַזוי טייער, צי מחמת זייער אינהאַלט, צי מחמת זייער אָנדענקווערט. איך ווייס נישט, וואָסערע תּחבולות דער פאַרוואַלטער האָט אָנגעווענדט. אָבער סוף כּל סוף האָט אים זיין אויבערשטע מאַכט געגעבן די הסכּמה, איך זאָל די ביכלעך פאַרהאַלטן פאַר זיך.

דער צווייטער וויכטיקער פּראָבלעם — דאָס איז געווען די פראַגע פון אַ מעסערל. אויב איך וויל זיך מאַכן אַ זופּ פון ברויט (ווייל פּריש ברויט האָב איך נישט ליב), מוז איך עס צעשניידן. אַזוי אויך, אויב איך

וויל אויסקוועטשן אַ ציטרין, מוז איך זי צעשניידן. און, דאָ, ווידער, איז אַ מעסערל אַ „שטערבלעך געווער", וואָס ווערט זייער געפֿערלעך אין דעם אַרעסטאַנטס הענט. האָב איך געזאָגט דעם פֿאַרוואַלטער, אַז איינס פֿון די ביידע: אָדער ער זאָל מיר צונעמען די ציטרין מיטן ברויט, אָדער ער זאָל מיר דערלויבן זיך צו באַנוצן מיט אַ מעסערל. נאָך אַ לאַנגער שקלאַ־וטריא האָט מען מיר צוריקגעגעבן אין רשות מיין מעסערל. אָבער איך האָב עס נאָר דעמאָלט, ווען איך דאַרף עס — די איבעריקע צייט האַלט עס דער וועכטער. יעדן אָוונט מוז איך עס אָוועקגעבן דעם אויבער־וועכטער, און יענער גיט עס אַוועק אַלע אינדערפֿרי דעם אַרעסטאַנט־וועכטער. מסתמא האָסטו נישט געהערט פֿון דעם לעצטן מין וועכטער. דאָס זענען אַזעלכע אַרעסטאַנטן, וואָס זענען פֿאַרמשפּט אויף לאַנגיעריקע תּפֿיסה, זיי פֿירן זיך אויף גוט און פֿאַר אַ באַלוינונג גיט מען זיי אַ וועכטערישן מונדיר און מען טרויט זיי אָן קליינע פֿונקציעס, וואָס מען דאַרף נישט צו זיי קיין גרויסע אחריות. זיי מעגן אויך טראָגן וועכטערשע מונדירן, אָבער אויך זיי היט מען אויף טריט און שריט. איז אָט אַזאַ איינער, וואָס איז פֿאַרמשפּט געוואָרן פֿאַר אַ מאָרד, האָט אָן אויפֿטראָג מיך צו היטן אַ גאַנצן טאָג. אויף נאַכט גיט מען מיר אָן אַנדערן אויפֿזעער — וואָס איז פֿולשטענדיק ענלעך צו שאוקאַט אַליין. אייגנטלעך געשעט עס זינט דעמאָלט, ווען דער הויפּטאינספּעקטאָר האָט באַפֿוילן, אַז מיין קאַמער זאָל זיין כּסדר אָפֿן. ביידע אויפֿזעער זענען גאַנץ ווילדע און רויקע מענטשן. זיי שטערן מיר לחלוטין נישט, און איך מצדי לאָז מיך נישט מיט זיי אַריין אין קיין שום שמועסן. נאָר פֿון צייט צו צייט מוז איך זאָגן אַ פּאָר ווערטער מיין טאָגוועכטער — איך זאָג אים, וואָס איך וויל. אחוץ דעם רעד איך מיט אים אינגאַנצן נישט.

מיין קאַמער געפֿינט זיך אין אַ גרויסן געביידע־בלאָק מיט דריי עקן. דער לענגסטער עק, וואָס שטייט צו מערב־צו, אַנטהאַלט עלף קאַמערן. דער אַנדערער אַרעסטאַנט, וואָס זיצט צוזאַמען מיט מיר אין איין אָפּטייל איז, ווי איך שטויס מיך אָן, אַן אַראַבישער פּאָליטישער אַרעסטאַנט. היות ער רעדט נישט אינדיש, און איך קען ליידער נישט קיין אַראַביש, זענען אונזערע באַציונגען זייער באַגרענעצט. מיר ביטן זיך גוט־מאָרגן און דאָס גאָר. דער יסוד פֿונם דאָזיקן דרייעק איז אַ פּעסטע מויער. דער קירצסטער עק — דאָס איז אַ פּלויט פֿון שטעכעדיקע דראָטן מיט איין טויער, וואָס פֿירט אין אַ גרויסן פּלאַץ. דערדאָזיקער דרייעקיקער פּלאַץ, וואָס געפֿינט זיך אין גאַנצן קאָמפּלעקס געביידע, איז געהאַט געוועזן צעטיילט אויף דער העלפֿט — דורך אַ ליניע, אויסגעגאָסן מיט קאַלך. דידאָזיקע ליניע האָב איך נישט געטאָרט אַריבערגיין. איך האָב דערום געהאַט צו מיין רשות אַ שטח פֿון זיבעציק פֿוס די לענג, וואָס איך האָב געקאָנט זיך איבער אים פֿריי באַוועגן. אַז דער פּאָליציי־באַאַמטער, הער קהאַמבאַטאַ, איז נישט־לאַנג געקומען אויף אַ קאָנטראָל, האָב איך אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דער ווייסער ליניע — פֿאַר אַ סימן, אַז די תּפֿיסה־פֿאַרוואַלטונג רעכנט זיך לחלוטין נישט מיט מענטשלעכע געפֿילן. עד האָט אויך געהאַלטן, אַז דאָס איז אַן

איבעריקע באַגרענעצונג. אין דאָזיקן גייסט האָט ער אויך אָפּגעגעבן אַ באַריכט, און דער סוף איז געווען, אַז מ'האָט מיר דערלויבט צו געניסן פונם גאַנצן שטח — הונדערט און פערציק פוס די לענג. אָבער מיינע פאַרלאַנגען גייען שוין היינט נאָך ווייטער, נאָך דעם טויער. אָבער אפשר וואָלט עס געווען צופיל מענטשלעכקייט, ווען מען זאָל מיר דערויף דערלויבן. צוריקגעשמועסט, וויבאַלד ס'איז פאַרשוווּנדן די ווייסע ליניע, מעג איך אפשר האָפן, אַז ס'וועט פאַרשווינדן דער פּלויט פון שטעכעדיק דראָט, אַז איך זאָל האָבן מער אָרט אויף צו באַוועגן זיך. מסתמא איז עס פאַרן פאַרוואַלטער אַ צו קיצלדיקער ענין, וועט ער דערום מוזן האָבן מער צייט, כדי עס געהעריג צו באַטראַכטן.

זיץ איך טאַקע אין דעם קאַמעראַרעסט און טאָר מיט קיינעם נישט רעדן. אין דערזעלבער תּפיסה זיצן נאָך עטלעכע אַרעסטאַנטן פון דהאַרוואַר: דער גרויסער גאַנדאַקהאַר ראַאָ פון בעלגאַום, ווערומאַל בעגרעדזש, אַ רעפאָרמאַטאָר פון סעקקען, לאַליט, אַן אַרויסגעבער אין באָמביי. איך טאָר נישט זעען קיינעם פון זיי, כאָטש איך פאַרשטיי אָסור נישט, וואָס וואָלט איך זיי געקאָנט שאַטן, ווי אַפילו זיי — מיר. מיר וואָלטן נישט געמאַכט קיין שום פּלענער צו אַנטלויפן, מיר וואָלטן נישט געמאַכט באמת קיין שום פאַרשווערונג. אגב, וואָלטן מיר דערמיט געטון דער מאַכט זייער אַ גרויסע טובה. אויב, ווידער, ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, מען זאָל זיי אויסהיטן פון מיינע געפערלעכע אידעען — איז דאָס אָפּזונדערן געשען שוין צו־שפּעט: אַלע זענען שוין מיט זיי שטאַרק אָנגעשטעקט. יאָ, איין זאַך וואָלט איך דאָ נאָך געקאָנט אויפטון: דערוועקן אין זיי נאָך אַ גרעסערע ליבשאַפט צום שפּינראַד.

אָבער נעב עס נישט אָן, כ'בעט דיך, פאַר אַ אָנקלאַג, וואָס איך שרייב דיר וועגן מיין איינזאַמקייט. איך בין גליקלעך. מיט מיין גאַנץ וועזן ציי אויך צו התבודדות. כ'ליב די שטילקייט. און ערשט איצט האָב איך אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצוגעבן מיינע שטודיעס. אויף דער פריי האָב איך זיי געמוזט פאַרנאַכלעסיקן.

אָבער נישט אַלע אַרעסטאַנטן האָבן מיין שטימונג און געניסן פון דער אָפּגעזונדערטקייט, וואָס איז סיי אוממענטשלעך, סיי פּולשטענדיק איבעריק. ביי אַ געהעריקער צעטיילונג פון די אַרעסטאַנטן וואָלט עס זיך געלאָזט אויסמיידן. איצט וואַרפט מען אַריין אַלע אַרעסטאַנטן אָן אונטערשיד. קיין שום פאַרוואַלטער, אַפילו דער מענטשלעכסטער, וואָלט דאָך נישט געקאָנט צופרידנשטעלן אָט די מאַסע פאַרשידנאַרטיקסטע מענער און פרויען, וואָס זענען אים איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין רשות, אויב מען וועט אים נישט געבן קיין פרייע הענט. איז באַמיט ער זיך צו פאַרענטפערן זייערע קערפּערלעכע געברויכן און זאָרגט נישט לחלוטין פאַר זייערע נשמות.

דערצו נוצט מען אויס די תּפיסות פאַר פּאָליטישע צוועקן. אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט איז אַפילו הינטער די תּפיסהמויערן נישט פריי פון רעפּרעסיעס.

לאָמיך דיר באַשרייבן דעם פאַרלויף פון מיין גאַנצן טאָג, וועסטו האָבן אַ פאָרשטעלונג, ווי אַזוי איך פאַרברענג אין תפיסה. די קאַמער איז אַ גאַנץ פיינע, אַ ריינע און אַ לופטיקע. די דערלויבעניש צו שלאָפן אויף דער פרייער לופט איז פאַר מיר אַן אמתדיקע ברכה — דערצו בין איך געוווינט שוין זייט גאַנץ לאַנג. איך שטיי-אויף פיר אינדערפרי און טו תפילה. די איינוווינער פונם סאַטיאַגראַהאַ-אַשראַם וועלן עס מסתמא אויפנעמען מיט פרייד. און ווירקלעך איז נישטאָ קיין שום זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל מיך ווען-עס-איז אָפּהאַלטן צו טון פרימאָרגנתפלה און אָפּזינגען אַ פּאָר פזמונים, וואָס איך קען פון אויסנווייניק. האַלב זיבן אינדערפרי הייב איך אָן צו לערנען. אָנצינדן ליכט טאָר איך נישט. אָבער וויבאַלד ס'ווערט נאָר אויף אַזוי פיל ליכטיק, אַז מען קאָן שוין לערנען, נעם איך זיך צו דער אַרבעט. איך ענדיק מיין טעגלעכע אַרבעט אַרום זיבן אינאָוונט, ווען ס'איז שוין צו-פינצטער צו לייענען. אַ זייגער אַכט, נאָך דער געוויינלעכער אָוונטתפילה, לייג איך זיך שלאָפן. איך שטודיר דעם קאָראַן, די ראַמאַיאַנאַ, ווערק וועגן כריסטנטום, וואָס סטעדינג האָט מיר געגעבן, שפּראַכאיבונגען פון דעם דיאַלעקט אורדו און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן. אָט אויף דער קנעלונג פאַרברענג איך זעקס שעה אַ טאָג, — פיר שעה פאַרנעם איך זיך מיט קעמען וואָל און מיט וועבן. תחילת, ווען איך האָב געהאַט צו מיין רשות אַביסל וואָל, האָב איך נאָר געקאָנט שפינען נישט לענגער, ווי אַ האַלבע שעה אַ טאָג. אָבער איצט האָב איך געקריגן פון דער פאַרוואַלטונג אַ גרעסערע צאָל וואָל — צווישן אונז געשמועסט, זייער ברודיקס. אפשר איז עס אויך אַ גוטער אָנהייב פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס לערנט זיך קעמען. אויף קעמען ווידמע איך יעדן טאָג אַ שעה, אויף שפינען — דריי שעה. אַנאַסגיאַבאַי און מעגאַנלאַל גאַנדי האָבן מיר געשיקט שפולן — דעריבער שיק עס מיר נישט לעת-עתה. אַנטקעגן וואָלט מיר שטאַרק צונוץ-געקומען אַ שיינער, אויסגערייניקטער וואָל, נאָר ס'טאָר נישט זיין מיטאַמאָל מערער, ווי צוויי פונט. איך באַמי זיך און ס'איז מיר שטאַרק געלעגן אין דעם, אַז איך זאָל זיך אַליין מאַכן שפולן. איך האַלט, אַז יעדער, וואָס שפינט, דאַרף זיך אויסלערנען קעמען. איך האָב עס זיך אויסגעלערנט במשך איין שעה. ס'איז אפשר קאָמפּליצירטער ווי וועבן, אָבער לייכטער זיך אויסצולערנען.

וואָסאַמאָל מערער פיל איך, אַז דאָס וועבן איז מיין שטאַרקסטע אינערלעכע באַדערפעניש. מיט יעדן טאָג דערנענטער איך זיך וואָסאַמאָל מערער צו די אָרעמעלייט, און דורך זיי צו גאָט. די פיר שעה, וואָס איך ווידמע דערדאָזיקער אַרבעט, זענען פאַר מיר מער חשוב, ווי אַלע אַנדערע. די פרוכטן פון מיין אַרבעט ליגן פאַר מיר דאָ, פאַר די אויגן. במשך דידאָזיקע פירער-שעהן איז מיר קיינמאָל נישט געקומען קיין שלעכטער רעיון. ווען איך לייען די ספרים פון גיטאַ, פון קאָראַן אָדער די ראַמאַיאַנאַ שוועבט דער גייסט מיר אַרויף ערגעץ ווייט. אָבער ווען איך אַרבעט ביים שפּינרעדל, דאַן מוז איך מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט לענקען אויף איין זאַך.

איך ווייס, אַז נישט ביי יעדן וואָט דאָס שפּינען אַזאַ דערהויבענע באַדיי־טונג. אָבער פאַר מיר איז דאָס שפּינראָד און דאָס עקאָנאָמישע ראַטעווען דאָס פאַראָרעמטע אינדיע אַזוי איין זאַך, אַז דאָס שפּינען האָט אין מיינע אויגן אַ באַזונדערן חן. מיין גאַנצע נשמה שוועבט צווישן ביכער און דעם שפּינראָד. און ס׳איז זייער מעגלעך, אַז שוין אין קומענדיקן בריוו וועל איך דיר שרייבן, אַז איך גיב אַוועק נאָך מערער צייט אויף שפּינען און קעמען.

מאַולאַנאַ אַבדול באַרי סאַהיב האָט מיר נישט לאַנג געשריבן, אַז ער האָט זיך גענומען צו שפּינען. זאָג אים, כ׳בעט דיך, אַז איך האָף, אַז ער׳ט מיך אָניאָגן אין דער אַרבעט. נישט איינער וועט נאָכטון זיין גוטן ביישפּיל און האַלטן עס פאַר זיין אייגענעם חוב. קאָנסט מעלדן די מענטשן אין אשראַם, אַז איך האָב שוין אָנגעשריבן די צוגעזאָגטע מסורה און אויב מען וועט מיר דערלויבן, וועל איך זי שיקן זיי. וואַרשיינלעך וועל איך אויך קאָנען אָנשרייבן די פּראָיעקטירטע רעליגיעזע מסורה, ווי אויך די געשיכטע פון אונזער קאַמף אין דרום־אַפריקע.

כדי בעסער צו פאַרטיילן די צייט, עס איך צוויי, נישט דריי מאָל אַ טאָג. איך פיל זיך פולשטענדיק געזונט. וואָס שייך עסן מאַכט מיר דער תּפיסהפאַרוואַלטער גרויסע הנחות. משך די לעצטע דריי טעג האָט ער גע־הייסן געבן מיר ציגנמילך און פּוטער. איך פאַרהאָף, אַז גאָר בקרוב וועל איך זיך קאָנען אַליין באַקן מיין טשופּאַטיס.

אַחוץ דעם האָט מען מיר געגעבן אין מיין רשות צוויי בייע, וואַרעמע קאָלדרעס, אַ ליינענעם אונטערבעט און צוויי ליינענע האַנטעכער. מען האָט מיר אויך געשאַפן אַ קישן, הגם כ׳וואָלט זיך אָן אים אויך געקאָנט באַגיין. ביזאַהער האָב איך פאַר אַ קישן באַנוצט ביכער אָדער אַ טייל פון מיינע מלבושים. אָבער ראַיאָגאָפּאַלאַטשער האָט זיך דווקא איינגעשטעלט, אַז מען זאָל מיר געבן אַ קישן. פאַראַן דאָ אויך אַ קליין שטיבל פאַר באָדן, וואָס איך קאָן זיך מיט אים באַנוצן יעדן טאָג. צו דער אַרבעט האָט מען מיר באַשטימט אַ ספּעציעלע קאַמער. כ׳קאָן פון איר געניסן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מען דאַרף זי נישט צו האָבן אויף אַנדערע צוועקן. די סאַניטאַרע איינריכ־טונגען זענען דאָ גאַנץ גוטע.

מיינע פריינד האָבן, בכן, נישט קיין גרונט זיך צו באַאומרויקן וועגן מיר. איך בין גליקלעך ווי אַ פייגעלע. און איך האַלט, אַז איך טו דאָ אויף נישט ווייניקער, ווי אויף דער פריי. מיין זיין דאָ איז פאַר מיר אַן אויסגעצייכנטע שולע. מיין צעשיידונג מיט מיינע מיטאַרבעטער וועט זיין דער בעסטער סימן, צי אונזער אַקציע איז אַ זעלבשטענדיקער אָרגאַניזם, צי בלויז אַ שעפונג פון איין מענטשן — ד. ה. אַ מינדערווערטיקע זאַך. איך פאַרזענלעך בין אין דעם פּרט פולשטענדיק רויק... אָבער איך בין גאָרנישט אַזוי להוט צו וויסן, וואָס הערט זיך אין דרויסן. אויב מיינע תּפילות זענען אויפריכטיק און גייען פון דער טיפעניש פון אַן אונטערטעניק האַרץ,

אַלן זיי אַ סך מער אויפטון — בין איך זיכער — ווי אַפילו די ענער־גישסטע מעשים.

אַנטקעגן בין איך שטאַרק אומרויק איבערן געזונט פון אונזער פריינד, דאַש. איך האָב דאָס פולע רעכט צו זיין בייז אויף זיין ווייב, פאַרוואָס זי האָט מיר נישט צוזויסן-געטון, וואָס ער מאַכט. איך האָף, אַז מאַטילאָלאַ־פּילט זיך שוין בעסער, אַז די אַסטמע איז אַפּגעטרעטן.

טו מיר אַ טובה, כ׳בעט דיך, און גיב צו פאַרשטיין מיין פרוי, אַז זי זאָל מיך גלייכער נישט מבקר זיין. ווען דעוואַנדאַס איז דאָ געקומען צו מיר, איז פאָרגעקומען זייער אַ פיינלעכער אינצידענט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, וואָס איך בין געשטאַנען פאַרן פאַרוואַלטער. אַ שטאָל־צער און אַ געפילפולער יונג איז ער דאָך — האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. קוים וואָס ס׳איז מיר געלונגען אים צו באַרויקן. ער האָט זיך לכתחילה געדאַרפט דערקלערן, אַז סוף כל-סוף בין איך נישט מער, ווי אַן אַרעסטאַנט, און ווי אַזעלכער טאָר איך נישט זיצן אין דעם פאַרוואַלטערס אַנוועזנדיקייט. אמת, מען האָט געדאַרפט דערלאַנגען בענקלעך אים און ראַיאַגאָ־פּאַלאַכאַרן. אָבער אויב מ׳האָט עס נישט געטון, הייסט עס נאָכנישט, אַז מען איז נישט העפלעך.

דאַכט זיך, אַז אין כלל האָט נישט דער פאַרוואַלטער די רגילות בייצוזיין ביי אַזעלכע זעונגען. אָבער וואָס שייך צו מיר האָט ער נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אחריות. ובכן, איך וויל נישט, אַז אַזאַ גע־שיכטע זאָל זיך איבערחזרן בעת מיין פרויס זעונג — אָדער אַז מען זאָל פאַר מיר מאַכן עפּעס ספּעציעלע אויסנאַמען און ברענגען שטולן. אַפילו ווען איך שטיי, קאָן איך דאָך אויך דערהאַלטן מיין פּערזענלעכע ווירדי־קייט. און מיר מוזן זיך אַ געוויסע צייט געדולדיק איינהאַלטן — ביזוואַנען דאָס ענגלישע פאָלק וועט דערגיין דערצו, אַז עס זאָל אונז, אינדער, אויך באַהאַנדלען מיט זיין פּשוטער, אויפריכטיקער העפלעכקייט. אגב, בעבק איך בכלל נישט נאָך קיין זעונגען און בעט דערום אַלע מיינע חברים און קרובים, זיי זאָלן זיך אַ ביסל איינהאַלטן אין דער הינזיכט. אין געזעלשאַפטלעכע ענינים קאָן מען אַלעמאָל צו מיר קומען. דעמאָלט לייגט מען נישט קיין אַכט אויף די אויסערלעכע באַדינגונגען.

איך מיין, אַז כאַנאַגי ניאַן האָט די שפּינרעדער, וואָס ער האָט מנדב געווען, צעטיילט צווישן די אָרעמע מחמעדאַנישע ווייבער אין פּאַנ־באַמאַלס, אסטקענדעש און אגרא. ליידער האָב איך פאַרגעסן, ווי עס הייסט יענע מיסיאָנערין, וואָס האָט צו מיר געשריבן פון אַגראַ. אפשר געדענקט עס קריסטאָדאַס?

מיט דעם האַנטבוך פון דעם אורדו-דיאַלעקט וועל איך זיך בקרוב שוין אַן עצה געבן. איך וואָלט זייער דאַנקבאַר געווען, ווען מען וואָלט מיר פאַרשאַפט אַ גוט ווערטערבוך פון אורדו אָדער אַן אַנדער ביכל, וואָס דו אָדער ד״ר אַנשאַרי וועסט מיר אויסקלייבן.

איך האָף, אַז ס׳גייט דיר גוט. איך פאַרלאַנג נישט פון דיר, זאָלסט

זיך נישט איבעראַרבעטן, ווייל עס וואָלט געווען אוממעגלעך אויסצופירן. דערום בלייבט מיר נאָר איין זאַך: בעטן גאָט, אַז ער זאָל דיר געבן כוח און געזונט אין דיין קאָלאָסאַלער אַרבעט.

האַרציקע גרוסן פאַר אַלע מיטאַרבעטער

דיין מ. ק. גאַנדי

תפיסה יעראַדאַ, 1 מאַי 1923

## צום לייטער פון דער צענטראַלתפיסה אין יעראַדאַ

איר זענט געווען אַזוי ליבלעך און מיר געוויזן די פאַראָרדנונג, אַז געוויסע אַרעסטאַנטן, וואָס זענען פאַרמשפּט אויף פּשוטער תּפיסה, זאָל מען אויסטיילן אין אַ באַזונדערע גרופּע. דערביי האָט איר צוגעגעבן, אַז איך געהער אויך צו זיי. איך האַלט, אַז אַ טייל אַרעסטאַנטן, וואָס זענען פאַרמשפּט אויף צוואַנגאַרבעט, זענען גאָר נישט בעסער פון מיר, ווי למשל די הערן קאַנדושעלדושי, יערעמדאַס, בהאַנסאַלי. זיי האָבן, וואָרשיינלעך, פאַרנומען אין דער געזעלשאַפט אַ גרעסערע שטעלונג פון מיר. אַלנפאַל זענען זיי אויף דער פריי געווינט געווען צו אַ באַקוועמער לעבן, ווי דאָס, וואָס איך פיר שוין זייט יאָרן. כּל זמן אַזעלכע אַרעסטאַנטן וועלן אויך נישט צוגעטיילט ווערן צו יענער באַזונדערער גרופּע, קאָן איך נישט, ביי מיין אויפריכטיקסטן ווילן, געניסן פון געוויסע באַקוועמלעכקייטן און פּריווילעגן. דערום וואָלט איך געווען זייער דאַנקבאַר, ווען מען זאָל מיר אויסמעקן מיין נאָמען פון דער רשימה פון יענער באַזונדערער גרופּע.

אייער איבערגעגעבנסטער

מ. ק. גאַנדי

תפיסה יעראַדאַ, 12 נאָוועמבער 1923

## צום לייטער פון דער צענטראַלתפיסה אין יעראַדאַ

דעמאָלט, ווען איר האָט דערקלערט מיין חבר, הער אַבדול גאַני, אַז אין זינען פון די תּפיסה־תּקנות קאָנט איר אים נישט דערלויבן אויף קיין דיעטע, וואָס וואָלט באַטראָפן מערער ווי די אָפיציעלע, קאַזיאָנע פאַרציע — האָב איך אייך אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אייער פאַרגייער האָט סיי מיר, סיי אַלע מיינע חברים, דערלויבט אַליין אויסצוקלויבן זייער שפּייז. איך האָב דערביי צוגעגעבן, אַז ס'וואָלט מיר געווען שטאַרק דערווידער צו געניסן פון אַ פּריווילעג, וואָס הער אַבדול גאַני קאָן פון אים נישט געניסן. איך האָב דערום פאַרלאַנגט, אַז מיין שפּייז זאָל ווערן באַגרענעצט ביז יענער מאָס, וואָס ווערט דערלויבט דעם הער אַבדול גאַנין. איר זענט געווען אַזוי פריינדלעך און מיר געבעטן, אַז איך זאָל לעת־עתּה אָננעמען די דיעטע, וואָס ווערט מיר אָנערקענט, ווייל אַלעם איבעריקן זאָל איך זיך אָדורכרעדן מיטן גענעראַלאינספּעקטאָר, וואָס האָט געזאָלט בקרוב באַזוכן אונזער תּפיסה. האָב איך דערום געוואָרט צען טעג. אויב איך וויל האָבן אַ ריין געוויסן, טאָר איך שוין לענגער נישט וואַרטן, בפרט אַז איך האָב

אייגנטלעך נישט וואָס צו רעדן מיט גענעראַלאינספּעקטאָר. איך האָב דאָך נישט קיין שום סמך זיך צו באַקלאָגן אויף אייער אַנטשיידונג אין ענין אַבדול גאָני. איך בין גערן מודה, אַז ווען אַפילו איר אַליין זאָלט זעלן העלפן מיין חבר, זשנט איר אויך מאַכטלאָז. איך וויל נישט דערום אויפהייבן אַ קאַמף פאַר ענדערן די תקנות וועגן שפּייז פאַר די אַרעסטאַנטן. איינס נאָר פאַרלאַנג איך: איך וויל זיך באַוואָרענען קעגן וועלכע ס'איז הנחות לטובתי...

דערום פאַרלאַנג איך, אַז פון גאַנסטן מיטוואָך אָן זאָל מען מיר שוין מער נישט געבן נישט קיין ווייַנטרויבן, נישט קיין מאַראַנצן. אַפילו נאָך דעם וועט מיין שפּייז קאָסטן טייערער, ווי די אָפּיציעלע. איך ווייס נישט, צי דאַרף איך טאַקע האָבן גאַנצע פיר פונט ציגנמילך. אָבער פלזמן איר'ט נישט דערלויבן, אַז איך זאָל פאַרקלענערן די קאָסטן פון מיין שפּייז ביז צו דער אָפּיציעלער דערלויבטער נאָרמע, מוז איך, הגם קעגן מיין ווילן, צונעמען פיר פונט מילך...

איך דאַרף דאָך אייך נישט פאַרזיכערן, אַז איך בין דערמיט נישט אויסן צו אַרויסרופן עפּעס אַ סיכסוך... בלויז מחמת מיין אייגענער איבערלעבער רו לייג איך פאָר צו באַגרענעצן מיין שפּייז. און איך בעט טאַקע אייער הסכמה און באַשטעטיקונג.

אייער

מ. ק. גאַנדי נר. 827